STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05380

YUNGE YORN UN -- VEYNIKER YUNGE

I. Kara

Permanent preservation of this book was made possible
by Lynne Ellick
in memory of
Eugene Ellick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קארא

יונגע יאָרן און... ווייניקער יונגע

איציק שווארץ קארא

צייכענונג פון אי. שערף

י. קארא

יונגע יאָרן און...
ווייניקער יונגע

אלבום־בלעטער

פארלאג קריטעריאָן
בוקארעשט, 1980

הילע: א. פּאָך

עטלעכע „קלוגע ווערטער“ צו די לייענער

„יונגע יאָרן און ...ווייניקער יונגע“ איז אין תוך א המשך פון מיין „מאָלדעווישע ייִנגל“, וואָס דערזעלבער פארלאג האָט ארויסגעלאָזט סוף 1976. די גוטע אָפּרופן פון לייענער און אפילו פון קריטיקער און רעצענזענטן האָבן מיך צוגערעדט, אז איך זאָל מיר ווידער „פּרווון דאָס מזל“ איך האָף, מע וועט מיר נישט דארפן זאָגן „איך זאָל מער נישט געפּרווט ווערן“.

כאָטש דער טאָן, די אטמאָספערע, די שטימונג, דער צוגאנג זענען דיזעלבע ווי אין ערשטן ביכל, זענען פאראן א ריי אנדערשטקייטן. פונעם קינד איז געוואָרן א בחור, א יונגער מאן, א רייפער מאן, א מאן אין די יאָרן, אן עלטערער מאן („די שונאים זאָלן נישט דערלעבן אלט צו ווערן , פלעגט אונדזערע אן אלטע שכינה זאָגן, ווען מען האָט זי געפרעגט ווי אלט זי איז); נייע צייטן, נייע פּראָבלעמען, נייע באציונגען, נייע דערפארונגען זענען נישט קיין קלייניקייט און מע מוז זיך רעכענען מיט זיי, דער עיקר ביים שרייבן.

א רויטער פאָדעם איז אָבער געבליבן. דאָס אויטאָביאָגראפישע איז פארפלאָכטן מיטן כּללדיקן; דער רוב פארשוינען פון מיינע בילדער און אלבום-בלעטער זענען פארבונדן מיטן מחברם לעבן און שטרעבן. אפילו די „היימישע געשטאלטן“ און „היסטאָרישע דערציילונגען „ זענען אויך קאָנדיציאָנירט סובייעקטיוו. אזויארום באקומט זיך א שטענדיקער איבערדרוף צווישן סובייעקטיווע און אָביעקטיווע עלעמענטן פונעם לעבן.

„ארום די קארפּאטן“ פּרווט אויסצוברייטערן דעם שטח, פון די מיזרח-מאָלדעווישע ברעגעם ביז און אריבער די קארפּאטן און ווייטער. אמת, מיין געבוירן-שטעטל האָט טאקע געפונען עטלעכע „באזינגערם אויף יידיש און רומעניש (שמחה שווארץ, ב. סאָלאָמאָן, ס. פּאָדאָלעאנו, מיכאל לאנדאו א. א.), אָבער גאנץ רומעניע איז פּאָרט בילבער.

„יונגע יאָרן“ נעמט ארום דעם מחברם לערערישע, געזעלשאפטלעכע און וויסנשאפטלעכע ארבעט אין אייניקע קולטור-אָרגאניזאציעס, לטובת חשובע קולטור-אינסטיטוציעס; און אויב מע האָט נאָך צוויי ברידער שרייבערס און קינסטלערס, ביידע שוין איצט אויפן עולם האמת, איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען. האָ?

היימישע געשטאַלטן זענען נישט סתם פּאַרש-אָביעקטן; יעדע פון זיי איז אינטים פארבונדן מיט אן אינערלעכן ציטער: יאַנקו פּעטשעטארו צוליב זיין פאָלקס-קונסט, שטעפאַן סטינקא צוליב זיין קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, זיין ליבע צום פּויער, צום רומענישן ארבעטער, ראַנעטי-ראָמאַן צוליב זיין אייגע-נער דראַמע מיט דעם אסימילאציע-אידעאַל, הלל כהנא צוליב זיין לערעריש-קייט, לעבל צוליב זיין אקטיוויזם, נאָטע מאַנגער, א ליבער חבר, א מערקווירדיקער קולטור-מענטש. נו, און מיט דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע איז מען דאָך א שמעלקע נישט פון היינט.

די „שיריים“ האָבן זייער טעם. דער היסטאָריקער מוז זיין פאַרליבט אין די גרויסע געשטאַלטן פון דער היימלענדישער געשיכטע, וואָס ער פאָרשט. דער פּירושט מיהיי דער מוטיקער און דער שרייבער און עסקן געאָרגע אסאַקי זענען אזעלכע געשטאַלטן און ווי לאָזט מען עס אוועק פּיטאָרעסקע געשטאַלטן צי וואָגיקע מאָמענטן פון דער „קליינער געשיכטע“ ווי די פראַנצויזן רופן עס: א גאַליציאַנער רב אין גאַלאַץ צוריק מיט 200 יאָר, יאַסער הגדה און מחלוקת, צונעווירצט מיט אביסל פּורימדיקס און מיט מאָמענטן פון נאָענטע שייכות צווישן יידן און דעם רומענישן ארום!

הקיצור, מע האָט זיך באַמיט אַרומצוכאַפּן דעם קאַליידאָסקאָפּ פון א לעבן, א מיקראָקאָסמאָס.

איך ווינטש מיר, אז מע זאָל דאָס ביכל אָפּשאַצן לויט דעם וואָס עס האָט יאָ און נישט לויט דעם, וואָס עס פעלט דערין.

מיין טאַטע פלעגט זאָגן: „ווען איך זאָל האָבן דעם שכל, וואָס פעלט דיר...“

י. קארא

יונגע יאָרן

ארום די קארפאטן (פאראלעלע לעבנס

1. א שוחטישער שטאם

— וואָס א שוחטקע קאָן זיך פארגינען! זיך לייגן אין קימפעט פונקט פורים צו דער סעודה און דערצו נאָך מיט א מיידעלע! וואונדערט זיך פעסיע די פיס-קאטע צו איר שכינה פרומע די גבאיטע מיט וועלכער זי כאפט א וואָלוולעם שמועס אויפן ניכטערן מאָגן. — וואָס-זשע וואָלסטו געוועז זאָגן אויף א פסח-דיקן ברית? וואָלסט זי געוועז מקנה זיין פאר אזא מציאה?

— ווען ס׳איז דאָ מקנה צו זיין!...

זי רייסט איבער דעם שמועס, ווייל עס קומט אריין פון דער שיל איר מאַן אברהם דער בלעכער, און זי מוז געוויר ווערן וויאזוי עס איז זיך פארלאָפן די בריתיצע, דאָס געבן א נאָמען דעם מיידערלע אסתר, נאָך אסתר המלכה.

— ווי קומט גאָר א מלכה צו אן אָרעמען שוחט? וויל פעסיע זיך צעלאָזן איר פיסקל, נאָר אברהם מאכט צו איר געלאָסן;

— אָרעם איז נישט קיין שאנד. וואָס האָסטו צו זיי? רעב יונה שוחט איז אן איידעלער ייד; ער גייט ריין ארום זיך, מיט ריינע קליידער. פון אים שמעקט נישט קיין פעדערן, נישט קיין היגער-בלוט, ער רייסט נישט קיין שטיקער פון די בעלי-בתים און ער פירט נישט קיין מחלוקת מיט די אנדערע שוחטים; און ביי זיי אין שטוב איז א מחיה... — ...און די שוחטקע באסיע איז א שיינע און א בריה און מיט אלע מעלות, נישט ווי דיין ווייב; אזוי איז שוין מיין פינצטער מזל; ביי דיר אין די אויגן בין איך דאָס לעצטע אין דער וועלט...

אברהם דערפילט, אז דער שמועס דערקאטשעט זיך אויף א געפערלעכן, כאָטש אן אויסגעטרעטענעם וועג, כאפט ער די נעץ פאר די פיש און בעט זיך ביים ווייב: — פעסיע, זיי אזוי גוט און דערלאנג צום טיש די קאווע מיט מילך; אזא געשמאקע קאווע מיט מילך ווי דיינע איז נישטאָ אויף דער וועלט.

דערמיט ענדיקט זיך דער געפער לעבער שמועס און מיר קענען זיך פאר-קאטשען די ארבל און זיך נעמען צו דער ארבעט, אייך נעענטער צו באקענען מיטן שוחט און מיט זיין מישפחה.

איז, ראשית, פרעגט מען זיך. ווי קומט ער אהער אין דער נישט גרויסער שטאָט און נאָך קלענערער קהילה, צופוסנס די מאָלדעווישע קארפאטן. אמת, דאָ זענען פאראן די בארימטע זאלצגרובנס און שיינע סאָסנע-בערג און א לויטערער בארג-טייך, דער טראָטוש, מיט פיינע אויבסט-גערטנער, דער עיקר בארימטע בארן; אָבער דער רוב שטאָטלייט זענען רומענער, ארמענער (זיי האָבן דאָ צוויי קלויס-טערס און יידן רופן זיי „טימכעס" ווייל זיי אידענטיפיצירן זיי מיט עמלקן, וועמען די תורה הייסט אויסמעקן „תמחה"), גרעקן און אביסל קאטאָליקער מכל המינים. די היגע יידן זענען בעלי-מלאכות, קליינטניקעס, סוחרים, אָדער באאמטע אין די ארומיקע ברעטער-זעגן, נאפט-גרובן, קוילן-גרובן, מע האלט מילן, מע האנדלט מיט געהילץ, מיט שאָף וכדומה.

איז די מעשה אזוי. יונה שוחטס זיידע איז געווען צווישן די גרינדערס פון דעם שטעטל ראדעוויץ, אויפן פרוט, נישט ווייט פון דאָראָהוי, אין צפון-מאָל-דעווע. ער איז געווען א פארבער, געהאט א קליינע פארבעריי און א גרויסע מיש-פחה; מער קינדער ווי פרנסה. אָפגעלעבט א לעבן פון א סך האָרעוואניע און ווי-ניק נחת-רוח האָט ער אָבער יעדן קינד געגעבן א פרנסה. דער יינגסטער זון האָט געהאלטן א מין באקאליי מיט קליינע גליקן און גרויסע האָפענונגען, זיין עלטס-טער זון יונה האָט געהאט א גוט קעפל און געוואָלט לערנען. האָט אים דער אָר-טיקער רב אליין אויך א קליינער נגיד, אביסל צוגעלערנט גמרא און דאָס גוטע קעפל איז דערנאָך אָנגעקומען אין א ישיבה, וו מע האָט אסך און גוט געלערנט, אָבער געגעסן האָט מען וויניק און שלעכט. דער שיינער בחור, מיט א גוטער שטימע, מיט א ברען צום לערנען און צו עבודת-הבורא, האָט אויסגענומען. אז ער איז געוואָרן 18, ראוי לחופה, האָבן קיין שידוכים נישט געפעלט.

האָט מען אים געגעבן א שיינע, בלאָנדע, בלוי-אויגיקע כלה, א יאָר קעסט און... אז דאָס ערשטע ייִנגל איז געבוירן געוואָרן האָט מען אָנגעהויבן קלערן פון א תכלית, צו קיין מיסחר האָט דער יונגערמאן נישט געטויגט; ער האָט עס בא-וויזן, ווען ער האָט דערלייגט דעם נדן אין די ערשטע געשעפטן. ווערן א מלמד איז געווען צו קליין פאר אים, איז געבליבן: שחיטה. ער איז געווען א צער-בעל-חיימניק און נישט געקענט ליידן קיין בלוט, אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פרנסה? האָט ער געבעך, געלערנט שחיטה און זיך געטרייסט מיטן געדאנק, אז ער וועט מאכן אזויפיל ברכות איבערן טאָג און וועט העלפן גיין אויפן גלייכן וועג. אין די ארומיקע שטעטלעך זענען געווען אסך שוחטים, האָט מען גענומען זוכן אין ווייטערע ערטער ביז מע האָט זיך דערוווסט, אז אין טירגו-אָקנא, ערגעץ אין די בערג, נאָענט צו דער דעמאָלטיקער גרענעץ מיט טראנסילוואניע, לעבט אן אלטע שוחטקע, אן אלמה, און זי האָט די חזקה אויף דער שחיטה אין די ארו-

מיקע דערפער, ווו עס לעבן יידן רענדארעס, קרעטשמערס, בעלי-מלאכות, באַ-אמטע, דאָרף-גייער. איז דער שווער אריינגעפאָרן זיך ארומקוקן, אָפּגעקויפט די חזקה ביי דער שוחטקע און דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך באזעצט אין טירגו-אָקנא.

איז צווייטנס, וויאזוי האָבן זיי זיך געפילט אין זייער נייעם אָרט? איינפאר-גלייך מיט די אָרעמע לײמענע און הילצערנע הייזקעס, מיט שטרוי געדעקטע, צומאָל אָן קוימענעס, מיט די טיפע בלאָטעס און פלאכע ברעגעס פונעם פרוט, האָט דאָס זויבערע בארג-שטעטל מיט די שטיינערנע הייזער, טרוקענע גאסן קלייטן און גוטער לופט אויסגעוויזן א גן-עדן. אוודאי האָט מען זיך ביים אָנ-הייב געפילט פרעמד, מיט נייע מענטשן, א נייע סביבה און... א נייע פּראָפּעסיע. נישט גרינג האָט זיך דער איידעלער לערנער צוגעוווינט צום שעכטן עופות און לעמלעך און קעלבער. ער איז ארומגעפאָרן איבער די ארומיקע דערפער דאָפּ-מאנע, קאָמאנעשט, אָנעשט, קאשין, געשאָכטן, אביסל צוגעלערנט מיט קינדער און... עלטערן, און שווער געצויגן דאָס ביסל פרנסה, צוליב זיין שיין קול האָט מען אים געדונגען פאר א חזן אין שניידערישן שילכל אים גערופן אויף בריתן, תנאים און שימחות אין די דערפער, דערוויל זענען אונטערגעקומען קינדער, פיר יינגלעך. די שוחטקע האָט זיך געבעטן אויף א מיידל. מע טאָר נישט זינדיקן מיט די רייד. א זון, א קדיש, איז בילכער, אָבער א מיידל איז נענ-טער צו דער מאמען, זי העלפט איר אין שטוב און אפילו אויף די עלטערע יאָרן...

והשלישית. איצט איז איר ווינטש מקוים געוואָרן. א גליק. וואָס זי האָט נאָך באוויזן אָפּצובאקן דאָס פורים-גרייט, צוצוגרייטן די פורימדיקע סעודה און עס צעשיקן צו די בעלי-בתים דורך אן אָרעמער יתומה, וואָס פלעגט זיין ביי איר איבערן טאָג (אן אָרעמאן איז א בעל-צדקה). כדי נישט צו שטערן די שימחה, האָט זי זיך צוגעאיילט מיט די געבורטסווייען און געבראכט אויף דער וועלט א מיידעלע, וואָס האָט געזאָלט זיין איר מעזינקע.

אויף שבת האָבן באלעבאָסטעס פון דער שטאָט געשיקט צום נאָמען-געבן אלערליי לייקעכן און קוגלען: א לאָקשענעם קוגל, א פעטן און געפעפּערטן, א געבלעטערטן, מיט נים און מיט צוקער, א גריסענעם מיט ווײנשל-„דולטשעץ“ און אפילו א פינגער-קוגל.

שפּעטער, ווען ווייבער האָבן ארומגעשמועסט די בריתיצע, האָט מען זיך געבראָכן דעם מוח וועגן „פינגער-קוגל“. פּעסיע האָט געטענהעט, אז זי האָט אזוינס נישט געהערט, נישט געזען, נישט פארזוכט. האָט א שכינה איר געענט-פערט, אז דאָס איז א מוינעשטער אויפטו. און זו האָט דערציילט דעם נס מיטן פינגער-קוגל.

„ביי אונדז איז געווען אן אויפגעקומענע נגידעסטע מיט א בן-יחיד. האָט זי מיט אים געטאָן א שידוך מיט א באַקויער מיידל: א שיינע, א קלוגע פון א שיינער פאמיליע.

— איינגעטונקען אין יחוס, מאַכט פּעסיע.

— שוין איינמאָל א יחוס. די שוויגער האָט זיך באַרימט אין שטעטל מיט דער שנורס מעלות. שבת צו די שבע-ברכות פאַרבעט זי א האַלבע שטאָט מענטשן; זי וויל באַווייזן, וואָס פאַר א בּאַרליאַנט איר שנור איז. דאַנקבאַרשטיק פאַרנאַכט רופט זי אַריין אין קיך דאָס יונגע ווייבל און זי טוט א מאַך צו איר: „מאַמעקו, דו האָסט אוודאי געלערנט ביי דיין מאַמען עפּעס א באַזונדערן מין קוגל, וואָס דאָ ווייסט מען נישט דערפון...

דאָס יונגע ווייבל, וואָס איז קיין גרויסע קינצלערן אין באַקן נישט געווען, קוקט אויף דער שוויגער אַביסל דערשראָקן. מאַכט צו איר די שוויגער: „אַהאַ, דו ווילסט נישט אויסזאָגן דעם סעקרעט? שאַדט נישט. איך ברענג דיר, וואָס מע באַדאַרף האָבן דערצו און איך לאָז דיך איבער איינע אַליין אין קיך; טו וואָס דו קענסט בעסער...“

— זי האָט געוואָלט, דער עולם זאָל זיך לעקן די פינגער, מאַכט די גבאיטע.

— כאַפּ נישט מיט די פינגער, מע גיט דיר באַזונדער, ווילצלט זיך פּעסיע, הערט א מעשה. די שוויגער האָט אָנגעטראָגן פון אַלדאָס בעסטע: מעל און זאַלץ, האָניק און שמאַלץ, ראָזשינקעס, פייגן, מאַנדלען און נים און „דולטשעץ“, איינגעמאַכטס פון רויזן, פון ביטערע קאַרשן, ראַהאַט און מאַראַנצן און זי איז אַוועק. געבליבן אַליין באַקוקט דאָס ווייבעלע די גאַנצע קראָם און זי ווייסט נישט, וואָס פריער אָנצוהייבן זי קוקט און קוקט ביז זי נעמט זיך מאַכן דאָס טייג. פאַרקנייטן און אַריינגעלייגט אין דער פאַן בלייבט זי שטיין פאַרטראַכט: וואָס טוט מען אַצינד? און זי נעמט שטילערהייט קייען א פייג. געפעלט עס איר. שטעקט זי אַריין דעם גראָבן פינגער אין טייג, מאַכט א לאָך און נאָך א לאָך און זי שטעקט אַהין אַריין שטיקלעך פייג. געפעלט איר די זאַך; נעמט זי און שטעקט אַריין אין טייג יעדעס מאָל אן אַנדערן פינגער און זי פאַרשטעקט די לעכער מיט די געבראַכטע מציאות: דאָ, א שטיקל ראַהאַט, דאָרט, א ראָזשינקע, ווייטער, א מאַנדל, רעכטס, אַביסל רויזן-דולטשעץ, ביטערע קאַרשן, אינמיטן, מאַנדלען מיט נים און ווידער א פייג. פון אירע צען פינגער איז צוביסלעך אויסגעוואַקסן אן אָנגעפּולטער קוגל. זי האָט די פאַן אַריינגעשטעלט אין אויוון און... — זכות — אַבות און מלאכים האָבן זיך באַמיט און עס איז אַרויסגעקומען א קוגל פון קוגללאַנד. וואָס האָבן אָבער געזאָגט די געסט אויפן נס?

— די געסט האָבן זיך געלעקט די פינגער און די שוויגער האָט געשיינט ווי די

מנורה אין קוימען. זי האָט זיך געוואָלט ארויסשטעלן האָט זי א פרעג געטאָן די שנור:

— זאָג נאָר, טאָכטער־לעב, ווי רופט מען ביי אייך אָט דעם קוגל, וואָס דו האָסט געמאכט?

דאָס יונגע ווייבל בלייבט פארטראכט; דערנאָך דערמאנט זי זיך אין איר קוניץ און זי ענטפערט מיט שטאָלץ; „א פינגער־קוגל".

— א שיינע מעשה ,נאָר מיט צופיל לעכער, מאכט די גבאיטע און זי לאָזט זיך גיין. געבליבן אָן א מיטשמועסערן נעמט זיך פעסיע צו אירע שטוב־ארבעטן. און מיר קענען ווייטער ציען דעם פאָדעם פון אונדזער דערציילונג.

אסתרקע האָט מיטגעבראכט אביסל מזל פאר טאטע־מאמע. די שטאָט־בע־לי־בתים האָבן איינגעזען, אז מע מוז אביסל אין זינען האבן דעם ווילן שוחט מיט זיין שטוב מיט קינדער, האָט מען אויפגענומען פאר א שטאָט־שוחט, פאר א רענדל א וואָך, צו ווייניק צום לעבן, צופיל צום שטארבן. אָבער דערווייל האָט ער נאָך געקענט פאָרן שעכטן אין איין דאָרף; אביסל האָט מען אים צונויפגע־שטעלט א כיתה יינגלעך צו לערנען גמרא. איז אָבער די מיצווה געווען גרעסער פון דער פרנסה. די בעסטע תלמידים זענען געווען טאקע די אייגענע זין. ווען דער עלטסטער איז אלט געוואָרן 18, האָט ער געלערנט שחיטה און איבערגע־נומען דעם טאטנס פאָרן אין דאָרף. אין דאָפטאנע איז ער זייער געפעלן גע־וואָרן א ישובניק מיט א בת־יחידה, א פשוטע דאָרפישע יידישע טאָכטער.

— ס'איז א זיווג מן השמים, רייבט זיך די הענט יונה, דער מוינעשטער שדכן; א פאָר אהין א פאָר אהער, א וואָרט דעם רענדאר, א וואָרט רב יונהן און, עס ווערט א שידוך.

די הארציקע עטל איז פארליבט געווען אין גרשונען, איר שיינער חתן, און אזוי איז זי פארבליבן במשך זייער איבער א האלב יאָרהונדערט צוזאמענ־לעבן. ער האָט געשמייכלט פון איר פשטות, האָט אָבער געשעצט איר געטריי־שאפט, איר בריהשאפט, איר דרך ארץ פאר זיין לערנען און גרויסע ליבשאפט צו די קינדער, איר ניכטערקייט אין וועלט־זאכן. אזוי האָט מען אָפגעלעבט א לעבן, דערצויגן קינדער: איינער א בלעכער א צווייטער, אן אינזשינער, דער דריטער, א בוכהאלטער און א טאָכטער, וואָס איז געבליבן אן עגונה אין דער ערשטער וועלט־מילחמה.

דאָס איז אָבער אן אנדערע סידרה.

חנה

עס איז מיר קיינמאָל נישט געלונגען צו דערגיין די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען אז דאָס יונגע פּאָרל פונעם גאַליצישן שטעטל סטרי זאָל זיך באַזעצן אין דער קלײנער שטאָט פון די מאָלדעווישע קאַרפּאַטן, ווו עס זענען געווען באַקאַנטע זאַלצגרובנס, באַרימטע זאַלץ-און שוועבל-בעדער און אַנדערע הײל-קוואַלן; דאָס זאַלץ האָט מען אויסגעהאַקט דורך אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן געוווינט אין אַ מאָדערנער תּפיסה, דאָס „קאַסטעל", און צו די בעדער און קוואַלן פלעגן זיך זומערצייט צונויפפאָרן הונדערטער געסט.

קיין „שטעטל" איז טירגו-אָקנאַ נישט געווען; ייִדן זענען דאָרט געווען אַ מיעוט און די נישט ייִדישע באַפעלקערונג: רומענער, גריכן, איז געווען פיל גרעסער אין דער צאָל. די גרויסע באַן-סטאַנציע, עק שטאָט, און די נייערע, נאָענט צום צענטער שטאָט, האָבן באַדינט נישט נאָר דעם זאַלץ-טראַנספּאָרט און די „געסט", אויך דאָס געהילץ פון די אַרומיקע וועלדער, די קוילן און דעם נאַפט פון נאָענטע ישובים. סוף פאַ־יקן יאָרהונדערט, ווען דאָס יונגע סטריער פּאָרל האָט זיך דאָ באַזעצט, איז די שטאָט געוואַקסן עקאָנאָמיש; דאָס פּאָרל האָט געעפנט אַ קלייט פון לעדער, שוסטערייגעצייג און אפילו פאַרטיקע שיך.

דאָס פּאָרל האָט געטראָגן אַ וווילקלינגענדיקן נאָמען „באַראָן" און זיי האָבן זיך געהאַלטן גרויס לגבי די היגע ייִדן, וועלכע האָבן זיי אָפּגעצאָלט. אין דער היים האָט דאָס יונגע ווייבל געזאָגט צום מאַן; אַ וואָלעכישער ייִד, אַז מע שפּייט אים אין פּנים, זאָגט ער אייניקע, מאָל, אַז עס רעגנט. און אייניקע אָרטיקע ייִדן פלעגן זיי אָנרופן, הינטער די אויגן „פּוילישע דריפּקעס". די פרוי האָט „געשטעלט אויף זיך דאָס לעמבעריקער ראָטהויז" (זי איז געווען „זעלבסבאַ-ווּסט)! נישט נאָר צוליב איר שׂכל! און קלוג אי זי געווען און זיך נישט געלאָזט "שפּייען אין דער קאַשע" און אָפּנאַרן אוודאי נישט, נאָר אפילו דער קליגסטער מענטש האָט אויך זיין שוואַך פּינטל און עס האָט געקענט פאַ־

סירז, אז עמענצער זאָל איר זאָגן: „ווי איז מיר, מאדאם שרה, אזא קלוגע פרוי ווי איר. זאָל גלייבן אזא נארישקייט!“ אז א שלעכטער צאָלער זאָל פון איר באַקומען סחורה אויף באָרג; דעם חוב האָט מען דערנאָך אָפּגעגומען קוים מיט צרות, צוביסלעך, אָן הצלחה. דער כוח פון חניפה איז אָבער גרוים און דער גרעסטער חכם איז צומאָל נישט קיין מבין אויף זיך אליין...

אויף וויפל די פרוי איז געווען ענערגיש, באפעלעריש „(איך היים נישט!“ פלעגט זי זאָגן צו אירע קינדער אפילו שפּעטער, ווען זיי זענען אויסגעוואקסן), ניכטער, סקעפּטיש צו מענטשן און צום גורל, אויף אזוי פיל איז דער מאן געווען א ווייכער כאראקטער, א נאָבנגיביקער, א פארחלומטער, א גרויסער בעל-ביטחון און ער האָט געגלייבט יעדן איינעם, א שטריך, וואָס איז נישט קיין גרויסע מעלה אין מיסחר. פון אָט די סתירותדיקע אייגנשאפטן איז דאָך אויסגעפורעמט געוואָרן דורכן לעבן א האַרמאָניש פּאָרל, וואָס האָט אויסגעכאָוועט א שטוב מיט קינדער און איז מוטיק בייגעשטאנען אלע לעבנס ניסיונות.

דאָס פּאָרל האָט זיך באזעצט אין דער קארפּעטן-שטאָט ארום 1890; זיי האָבן שווער געקעמפט קעגן דער אָרטיקער קאָנקורענץ פון די אנדערע צוויי יידישע לעדער-הענדלער און זיך דאָרט דורכגעשלאָגן. איינער פון זייערע קאָנקורענטן, וואָס האָט געהייסן „ערלעך“ האָט אויף א חוזק א פרעג געטאָן די יונגע פרוי: „זאָגט נאָר ,מאדאם, איז אייער מאן טאקע אויף אן אמת א באראָן?“. „ער איז אזוי א באראָן, ווי איר זענט ערלעך“ איז זי אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער... דורך פארקויפן נאָר גוטע סחורה, דורך פּאסיקע פרייזן און שיין באהאנדלען דעם בעל-מלאָכה און יערן קונה איז דעם פּאָרל געלונגען צו ווערן תושבים אין אָרטיקן מיסחר.

אָבער איין מאָל, אין א זומער, ווען שרה איז מיטן ייִנגסטן קינד „אהיים-געפאָרן“ אויף עטלעכע וואָכן קיין סטרי, איז דער מאן, יוסף, געבליבן איינער אליין אין קלייט. חנהלע האָט איצט געקענט רואיק אָפּבינדן די בלויע סטענגעלעך פון די באלגנס לעדער און נישט באקומען קיין קלעפּ דערפאר. דער גוטמוטיקער טאטע האָט אפילו נישט תמיד דערזען דעם קינדס אָנשטרענגונגען אָפּצוקניפּן די סטענגעם. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט דער שפע ,וואָס ער האָט געהאט. די ארעסטאנטן פון דער תפיסה, וואָס האָבן געלערנט ארבעטן שוסטעריי פלעגן נעמען אויף באָרג לעדער, מיט דער גאראנטיע פון דער תפיסה-אָנפירונג, און געליפערט שיך. יוסף האָט אין דער קורצער צייט געגעבן אויף באָרג אסך לעדער אפילו אָן דער גאראנטיע פון „נאטשאלסטווע“. און דאָ איז פּלוצעם געקומען אן „אמנעסטיע“ און אסך „קרימינאלניקעס“ זענען באפרייט געוואָרן פאר דער צייט און זיי האָבן פארגעסן זיך צו געזעגענען.

ווען די פרוי איז אהיימגעקומען און דערזען דעם שאָדן, האָט זי פארבימן די ציין און א לאנגע צייט נאָכגעזוכט דורך זשנדארן די שלעכטע צאָלערס און... זיך אויסגעגליכט מיט זיי. מיט שווערער מי האָט זי האָט אויסגעמיטן א באנקראָט, וואָס איר שטאָלץ האָט נישט געקענט צולאָזן... אינצווישן זענען אונטערגעקומען קינדער: דער עלטסטער טאָכטער האָט מען יונג חתונה געמאכט פאר א נישט יונגן מיהיילענער משכיל; ער איז געווען א ווילקענעווודיקער, א ווערטלזאָגער, א קהלער, אָבער א קנאפער פרנסה-געבער. דעם נדן האָט ער אויף גיך „פארפוצט" אין א ריזיקאַליש פאבריקל (דער יצר-הרע פון זיין א פאַבריקאנט איז נישט קיין קלייניקייט!). שווער-און -שוויגער (40, ער און 36, זי) האָבן עטלעכע מאָל געמוזט „אונטערגיסן דאָס ביטל , דאָס הייסט איבערהזרן דעם נדן, כדי דאָס „פאבריקל", דער קליינער אטעליע ווו עטלעכע אָרעמע מיידלעך פון דעם שטעטל האָבן געפלאָכטן פראנדזן צו די טיכלעך וואָס א באָטאָשאנער לייפסקער פלעגט געבן דעם שטאָף און אָפּזעצן די סחורה. די מישפחה איז געוואקסן און אונטערגעוואקסן, ווייל חוץ דער עלטערע טאָכטער האָט די יונגע „באָבע" נאָך אויך צוגעקינדלט מיט א מיידל, צוויי. ביז עס איז אונטערגעקומען די ערשטע וועלט-מילחמה. זומער 1916 איז רומעניע אריין אין קריג קעגן עסטרייך אויבעט און דער קורצזיכטיקער „באראָן" יוסף איז פארשיקט געוואָרן אין א לאגער. די פאמיליע האָט מען געשיקט קיין וואסלוי, 60 קילאָמעטער פון יאס, ווייל דעם שונאס אונטערטאנען קענען חלילה שפּיאָנירן... צווישן די אינטערנירטע איז געווען מיין מומע עטל. האָט זי אין א שיינעם טאָג גענומען אויף די הענט די צוויי יעריקע מעזינקע און א וויז געטאָן צו די איבעריקע פרויען פונעם הויף: „קוקט זי נאָר אָן די דייטשע שפּיאָנקע!

נאָך דער מילחמה זענען אויף גיך געשטאָרבן סיי דער גוטמוטיקער מאן, סיי א זון חיים (חארצליידנדיקע) און די יונגע אלמנה האָט זיך מוטיק גענומען אויפשטעלן די חרובע באלעבאטעשאפט, זיך שטאָלץ און אומפאָרזיכטיק אָפּגעזאָגט פון די הלוואות און הילף-געלטער, וואָס דער „דזשאָינט" האָט געגעבן די יידישע מילחמה-געליטענע.

אלה תולדות באראָן. די עלטעסטע טאָכטער, די יונג-פארשלייערטע, איז אומגעקומען אין טראנסניסטריע. דעם צווייט געבוירענעם, אהרון, האָט דער זיידע גענומען צו זיך קיין סטרי און ער האָט אין דעם פראנץ יאזעפישן לעמבעריק פארענדיקט די האנדלשולע. ער האָט כל ימיו אריינגעוואָרפן דייטשע ווערטער אין זיין געשמאקן יידיש , געווען א בוכהאלטער און זיך אין די יונגע יאָרן געקליידט לויט דער ווינער מאָדע. דאָס דריטע קינד, א געראָטענע, קלוגע און שיינע טאָכטער, האָט אויף אן אומפארשטענדלעכן אופן, אפשר צוליב

געפילן פון יחוס און שטאָלץ, אפשר צוליב דער טעמפּער סביבה, „פאַרשפּילט“ איר לעבן ווי אין קאָרטן, ווי חנה האָט אמאָל מיט ביטערקייט און ווייטיק א זאָג געטאָן צו א נאָענטן מענטשן. ווען די גראַטענע טאָכטער איז געפעלן איז אים נישט געפעלן דער נדן, און ווער עס האָט זיך צו איר געשדכנט, איז דער מאמען נישט אָנגעשטאַנען דער יחוס. א גראַטענער, קלוגער און ניכטערער מענטש ווערט גיך סקעפּטיש לגבי מענטשן און זייערע שוואַכקייטן אין ער נעמט פּאַסיוו אָן דעם גורל... איך וויל דאָ נישט אויסרעכענען די די גאַנצע מישפּחה, נאָר מיך גיכער אָפּגעבן מיט דער אייגנטלעכער העלדין פון אונדזער דערציילונג, חנה. אויב מע פלעגט זי אמאָל רופן כאַנשטעלע איז דאָס נישט געווען כדי צו פאַרצערטלען, נאָר פאַרקערט. דאָס קליינע באַשעפעניש מיטן קורצן נעזל, קײלעכדיקן פּנימל און קורצן העלדזל, מיט די לעבעדיקע בלויע אייגלעך און רירעוודיקע הענט און פיס, מיטן שאַרפן מוחל איז געווען א „שאַדנווינקל“, אן „אומרו“. דאָס פּולבלעכע גופל האָט געזוכט און גענישטערט, נישט געהאַט „קיין זיצפלייש“ ווי די מוטער פלעגט זיך באַקלאָגן פאַר היימישע מענטשן. די קליינע חנה איז געקראָכן איבער פּלויטן ווי א יינגל, גענישטערט אויף בוידעמער און קעלערס. א ניי קליידעלע האָט אין א שעה ארום אויסגעזען „אָלטגעבאַקן“; די האָר האָט מען קורץ געשוירן ווייל זי האָט זיך גיך צעשויבערט און א סטענגע האָט זי פאַרלוירן אין איין „שמע ישראל“. זי האָט זיך געשלאָגן ווי א יינגל, און זיך געקענט שפּילן ווי יעדעס מיידעלע, אָבער מיט מער פאַנטאַזיע און דערפינדערישקייט. אָט עטלעכע פון אירע אויפטוען. זי איז אַלט געווען א פיר יאָר, ווען נישט ווייט פון זיי האָט זיך געעפנט א זומער גאָרטן, ווו ס'האָט געשפּילט א קינאָ. אין א טאָג, אינדרויסן איז שוין טונקל און דאָס קינד איז נאָכנישט צוריקגעקומען סוגעם שפּילן. מע האָט זיך גענומען זי ארומזוכן, אויסגעפרעגט די שכנים, אָנגעשפּאַרט מיטן זוכן אפילו אין דעם ציגיינערישן הינטערגעסל, נאָר אומזיסט; זי איז פאַרפאַלן. מע האָט זי געזוכט אין שטאָט-גאָרטן, אין קינאָ און מע האָט שוין איבערגעטראַכט: אפשר האָבן זי צוגעגנבעט וואַנדערנדיקע ציגיינער, אפשר איז זי אריינגעפאַלן אין טייך טראָטוש, אפשר... שפּעט ביינאַכט, ווען די פאַרצווייפלטע מישפּחה האָט שוין נישט געוווסט קיין אויסוועג, האָט מען געבראַכט צו פירן דאָס קינד פונעם נאָענטן קינאָ. זי האָט זיך אריינגעכאַפּט צווישן פיס פון צושויער מיד געוואָרן צו קוקן אויפן פילם, איז זי אנטשלאָפן געוואָרן ערגעץ אין א ווינקל, ערשט ווען אלע מענטשן זענען אהיימגעגאַנגען און מע האָט גענומען אויסקערן, האָט מען זי געפונען דאָרט האָט זי דער קורצזיכטיקער פאָטער וואָס האָט זי געזוכט צוריק מיט עטלעכע שעה, נישט געקענט דערזען. פאַר פרייד

האָט מען פאַרגעסן זי צו באַשטראָפן פאַר איר אויפטו, אַזוי אַז איר ליבע צו קינאָ איז געבליבן אומבאַרירט.

טאַקע מיטן קינאָ איז פאַרבונדן אידער אַן אויפטו שפּעטער מיט עטלעכע יאָר. זיך דראַפּענדיק אויפן דאַך האָט חנהלע באַמערקט, אַז פונעם בוידעם קען מען אַריינקוקן אין זומער-גאָרטן און זען דעם פילם אָן געלט. מע ווייסט נישט וויאַזוי זי האָט צוגערעדט די אַלטע שוחטקע (וואָס אַ שראַץ קען איינפאַלן!) אַז זי זי זאָל מיט איר אַרויפקריכן אויפן בוידעם און פון דאָרט באַטראַכטן דעם נס; מענטשן לויפן אויף דער לייוונט, פערד יאָגן, מע טאַנצט — הכלל, ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך. מילא, דאָס אַרויפקריכן אויף דער לייטער איז נאָך געווען צום דערליידן, אָבער דאָס אַראָפּקריכן פונעם בוידעם איז דער אַלטער שוחטקע נישט גרינג אָנגעקומען. מע האָט זי געמוזט אַראָפּנעמען... און די ערשטער-קלאַס שילערן, חנהלע, האָט זיך פאַרענטפערט: „איך האָב זי דען גערופן? זי האָט מיך געבעטן, האָב איך זי געפאָלגט..."

אָפט פלעגט זי אהיימקומען מיט אַ צעגראַבלט פּנים, צעריסן, אויסגעשמירט קליידעלע צעקלאָפּטע הענט און קיינער האָט נישט געקענט דערגיין וויהין איר דאַרשט צו וויסן און צו קענען דאָס לעבן האָט זי געפירט; איר איינציקער ענטפער איז געווען: „כ'האָב מיך געשפּילט . די עלטערן פלעגן פאַרצווייפלט זאָגן: „דאָס וואַקסט אויס אַ קאַליקע! זי איז אַרגער פון אַ ייִנגל!" חנהלען האָט, ווייזט אויס, אַזאַ פאַרגלייך נישט געשטערט. זי האָט דורכגעמאַכט די פיר יאָר ייִדישע פאָלקסשולע, דערנאָך די פירקלאַסיקע גימנאַזיע פון דער היימישטאָט. אַ קינד וואַקסט, דער „שאַלטיק" וואַקסט מיט, אָבער מיט נייע דרכים. זי קומט אין אַ טאָג מיט אַ צעקנייטשטן קרעגערל אין שולע. די לערערן מוסרט: „זאָג דעם אמת, אַז די האָסט עס נישט אויסגעפּרעסט" און די שילערן ענטפערט תיכף. „פרוי פּראָפעסאָר, איך בעט אייך, לערנט מיך נישט צו זאָגן ליגן."

די בוגרות-יאָרן זענען שווערע. זי גרייט פּריוואַט די קומענדיקע 4 קלאַסן ליציי, כמעט אָן לערערס. די לערנביכלעך פאַרענטפערן נישט די שווערסטע שאלות פון איר יונג לעבן. די גרעסטע צרות אויף די עקזאַמענעס האָט זי נישט מיט פיזיק. מאַטעמאַטיק, נאָר מיט געזאַנג (זי איז נישט מוזיקאַליש) און גימנאַסטיק. זי גרייט פאַר דער פּריפונג אָן איבונג, וואָס אַנטוויקלט דעם בוסט. די לערערן טוט אויף איר אַ קוק און זי מאַכט צו איר איראָניש: „דו מיינסט, אַז עס איז דיר נייטיק?". אין דער שטיל האָט שפּעטער אָט די קלוגע ניבטערע און מענטשנקענערישע נאַטור אָפט באַדויערט, וואָס זי קען נישט זינגען און טאַנצן. דערפאַר האָט זי געהאַט געבענטשטע הענט אויף שטיקעריי.

זי פֿלעגט אויסהעפֿטן אמתע וווּנדערגאָרטנס אויף טישטעכער און קישעלעך. און, אין דער סטודענטערײַ איידער ווען „שטונדן" געבן האָט געבראַכט ווײַניק פּרנסה האָט זי צופּאַרדינט מיט שטיקערײַ. זי האָט ליב געהאַט אָט די אַרבעט, ווײַל דאָס האָט באַפֿרידיקט איר באַדערפֿעניש נאָך קונסט שאַפֿן, און זי פֿאַרהאַסט. ווײַל זי האָט בײַ איר צוגערויבט אַזויפֿיל צײַט פֿון דעם לערנען און לייענען...

— שלימזל ווו גייסטו? — צום אָרעמאַן!

קוים מיט צרות פֿאַרענדיקט די מיטלשולע, איז זי געפֿאָרן קיין באַקוי אָפּלייגן עקזאַמען אויף „באַקאַלאַורעאַט", רײַפֿקייט; זי האָט געמאַכט די שווערע פּריפֿונג, נאָר די סיטרא אחרא האָט זיך אַרײַנגעמישט און אויפֿן צוריקוועגס האָט דער אויטאָבוס זיך אָנגעצונדן און חנה איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקע מיט אָפּגעבריטע הענט און פֿיס. „טאָמער בין איך געווען צו שיין" האָט זי איראָניש צוגעגעבן, ווען זי האָט דערציילט דאָס געשעעניש פֿאַר די פֿאַקולטעט-קאָלעגן. און דערמיט האָט זי זיי דערקלערט פֿאַרוואָס זי טראָגט שוואַרצע הענטשקעס און גראָבע זאָקן. ערשט שפּעטער. נאָך איר ערשט פֿאַרליבעניש האָט זי באַמערקט, אַז אָן די הענטשקעס זעט זי בעסער אויס. פֿאַרקערט, די שראַמען אויף די הענט און פֿיס האָבן איר צוגעגעבן אַ מין באַזונדערקייט אין פֿאַרגלײַך מיט דער פֿאַרעווער גלאַטקייט פֿון אירע חברטעס.

פֿאַלט אַרײַן אַזאַ פּראָווינץ-מיידל אין דעם אַמאָליקן „קליין-ווין". אין דער אוניווערסיטעט-שטאָט טשערנאָוויץ. איר נישט מאָדערנע הלבשה ווערט בלײַך לגבי איר שיין רעדן רומעניש און יידיש, צוליב איר שאַרפֿער, אָבער נישט בייז וויליקער צונג צוליב איר יוגנטלעכער לעבנס-פֿרייד... זי ראַטעוועט זיך פֿון אַ מינדערווערטיקייט-קאָמפּלעקס דורך איראָניע און זעלבסט-איראָניע, דורך כּלומרשטער עניוות. אָט זאָגט זי: „איך האָב טאַקע שיינע, בלויע אויגן אָבער כּדי מע זאָל זיי גוט זען, וואָלט איך זיי גענדאַרפֿט האַלטן אין דער זשמעניע" אָדער -איך ווייס ווי געראָטן איך בין, אָבער מע גלייבט מיר נישט.

ווי אַסך אָרעמע סטודענטן ווערט זי פֿאַרכאַפּט פֿון לינקע אידייען, זי אַרבעט מיט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דרוקט און פֿאַרשפּרייט אונטערערדישע בּרעסע, זאַמלט „רויטע הילף", הערט טעאָרעטישע לעקציעס. אָבער נאָכן ערשטן דורכפֿאַל, בלײַבט זי אין אַ זײַט און זי באַמערקט מיט זעלבסט-איראָניע; „ס'איז שווער צו זײַן אַ קעמפֿער, ווען מע פֿילט נישט גלייבצײַטיק דעם רוף און דעם כּוח צו זײַן אַ מאַרטירער.

אין א סביבה, ווו דער ערשטער טריט פון די יונגע מענטשן, וואָס זענען פטור געוואָרן פון די עלטערנס אויפזיכט, זענען פרייקייט, פרייע ליבע און ווילינגערישקייט, קומט זי זיך פאָר ווי אן עלטערע מומע און זי פרעגט איראָניש די יונגע קאָלעגינס: „זאָג נאָר, טאָבטער, צי האָסטו. שוין אריבער-געשפרונגען דעם רוביקאָן?" און אויב מע פרעגט זי דאָס אייגענע, ענטפערט זי: „ווען כ'וועל נאָר וועלן, וועל איך שוין געפינען עמעצן ער זאָל מיר טון די טובה".

דערביי איז זי לעבנס-דאָרשטיק; זי ווייסט, אז זי האָט א האַרץ-פעלער פונעם געבוירן אָן און אז איר לעבן קען אויפהערן יעדע רגע. זי בייט די אומ-מערוועש יעדן טאָג און ווען איר צימער-חברטע וווּנדערט זיך דערויף, ענט-פערט זי פעסט: „איך קען קראַפּירן יעדע מינוט אויף דער גאַס, ווייל איך נישט, אז מע זאָל מיך טרעפן אין קוויטיקער וועש... אין איר יידיש רעדן פילט זיך גלייכצייטיק אי א שטאָלץ פאר איר אויטענטישקייט, אי א פאסטיש ביז פּאַ-ראָדיע פון דער מוטערס אויטאָריטאַטיוו לשון. ווייל זי אָפּראָטן פון עפּעס, מאַ-כט זי: „איך הייס נישט!" "איז פאראן א דעליקאטער ענין מאכט זי צום מאַן: „לאָז מיך, איך ב ן קליגער פון דיר" מיט א קלאָרן בייטאָן פון איראָניע צו זיך און צו יענעם.

איך פארשטיי נישט ווי אזוי זי האָט געקענט האַלטן דאָס גלייכגעוויכט צווישן איר שטאַרקן לעבנס-ברען מיטן שטענדיקן „מעמענטאָ מאָרי!" הינטער אירע יונגע פּלייצעס, ווייל זי האָט געוווּסט, אז קיין רייפע יאָרן וועט זי נישט דערלעבן. ווי אזוי איז זי פארטיק געוואָרן מיט די קעגנגעזעצטע שטריכן פון איר כאראקטער: אומצוטרוי צו מענטשן און איבערגעגעבנקייט אָן א גרענעץ, אָבער אָן פאטעטישקייט צי סענטימענטאַליזם; א ניכטערער מוח, פּיקחות, אָבער פּשטות, א וואַרעם האַרץ אָן צעכראַסטעטקייט; א גרינטלעכער טרויער און א שטענדיקער הומאָר, צומאָל א „גאַלגן הומאָר". למשל, נאָך דער צווייטער וועלט-מילחמה, נאָך יאָרן פון געטאָ, וואַנדער, הונגער און זאָרג האָט זי באַקומען א וואַסער-בויך. יעדן חודש פלעגט דער דאָקטער פון איר אויספּאָמ-פּען א פולן עמער וואַסער; טוט זי א קוק אויפן פולן עמער און זי מאַכט: „ווען מע הייסט מיר טראָגן אַזאַ עמער, וואָלט איך דען געקאָנט?"

קראַנקע, דער עיקר יונגע, טויט-קראַנקע, זענען בטבע עגאָיסטיש, און זי האָט מיט זעקס וואָכן פאר איר פריען טויט געבעטן א חברטע, זי זאָל וואַכן אויף איר מאַן, און אים חתונה מאַכן פאר א ווערדיקן מענטשן: „ער איז א נאַי-ווער און קען נאָך אריינפאַלן עפּעס א שלעפּל אין די הענט". צו אן אַנדער חבר-טע האָט זי געזאָגט: „אויב איר וועט מיך אין א טאָג געפינען מיטן פּנים צו

דער וואנט און מיט געבייל‏טע פויסטן, זאָלט איר וויסן, אז איך האָב אייך אויס־געלאכט... און אזוי האָט מען זי געפונען אין א דעצעמבער אינדערפרי צן איר 38 סטן געבוירנטאָג.

רבותי, איך האָב נישט ליב קיין טרויעריקן סוף. מיר דאכט אָבער, אז אזא העלדישער כאראקטער ווי חנהס גיט אונדז כוח און מוט און איר קליגער שמייכל שוועבט איבער אונדז און דערמוטיקט. איז דאָך טאקע ווידער גוט.

ציפּע

„קימפּילינג“, אזוי האָבן די רומענישע יידן אָנגערופן די שיינע בוקאָווינער שטאָט אין די קאַרפּאַטן, א שטאָט וואָס איז אפילו היינט באַרימט מיט איר פייַנער לופט און אירע שאַרף שמעקנדיקע נאָדל-וועלדער. אויף רומעניש הייסט די שטאָט קאַמפּולונג, דאָס לאַנגע פעלד, ווייל די שטאָט ליגט אין א פאַרטיפונג פון די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, צווישן די שיינע בערג רונק, דעא און ראַראו.

פון אָט די וועלדער האָט געצויגן פּרנסה דער שבט גאָלדענבוים. יאָ, פון יעדן בוים, פון יעדער צווייג האָט פאַרן געניטן סוחרישן אויג אַראָפּגעשיינט גאָלד. און אַלע צווייגן פון אָט דער מישפּחה האָבן געדינגען און געהאַקט וועלדער, געשניטן ברעטער אין דער ברעטער-זעג, פאַרקויפט כּלאַרליי געהילץ אין דער פראַנץ יאָזעף אימפּעריע, צו וועלכער זיי האָבן דעמאָלט געקערט און בּיכלל געווען פאַרטאָן אין די וואַלד-געשעפטן. שוין דער זיידע האָט בשעתו אַראָפּגעבראַכט אהער די ערשטע דאַמף-זעג. די זין זענען געווען „אי צו גאָט, אי צו לייט“.

קיין סך תורה האָט מען נישט געלערנט: דאַווענען, חומש מיט רש׳י און שוין. מע טראָגט ווינער מאָדע, מע רעדט יידיש און דייטש, מע לייענט א ווינער בלאַט, אמאָל א דייטש ביכל, מע רעדט רומעניש אָדער רוטעניש מיטן וואַלד-אַרבעטער, מע גיט א פּדיון יעדן בוקאָווינער רבין אָדער זיין שליח, וואָס קומט אַראָפּ איינשטאָט פון סאַדעגערע, וויזשניץ, באָיאַן, מע צאָלט איין אין צדקה-פאַריינען און מע פירט א לעבן „אַזויווי גאָט האָט געבאָטן“.

אַרום 1880 הייבן זיך אָן צו רירן די געמיטער: מע שטודירט אויס די זין אויף דאָקטער, אַדוואָקאַט אָדער כאָטש אין דער האַנדלס-אַקאַדעמיע אין לעמבעריק צי ווין; אין ערגסטן פאַל איז כאָטש א האַנדלסשולע פון טשערנאָוויץ. מע הייבט אָן צו טראַכטן וועגן באַזעצן זיך אין א גרעסערער שטאָט און בּיכלל צו פילן, אַז מע לעבט אויף דער וועלט. באַלעבאַטישע יידן, מענטשן פונעם גאָל-

דענעם מיטן, זענען טרעגערס פון יידישקייט און פון דייטשישער קולטור אין דער שיינער בוקאָווינע. זינט עסטרייך האָט דעם קאַנט צוגענומען, אין יאָר 1774, פּרוּווט עס קאָלאָניזירן דאָרט אַלערליי באַפעלקערונג, כדי אָפּצושוואַכן דעם רומענישן כאַראַקטער פון דעם געליבטן „בוכנלאַנד".

אין אָט אַזאַ סביבה איז געבוירן און אויסגעוואַקסן משה. דער מעזיניק, וואָס האָט צווישן מענטשן זיך גערופן מאָזעס. אים איז פון קינדווייז אָן דער וואַלד, דאָס לעבן אין דער פרייער נאַטור מער געפעלן געווען איידער די שולעס, מיט די ביכער מיט די ספרים. א שיין ברייט געבויט, קרעפטיק יינגל, א איינגנווי־ליקער און האָנאָריסטער, אַן אַרבעטזאַמער און פעסטער כאַראַקטער איז ער פון די פריע יאָרן געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. שוין ביי זיין בר־מיצווה האָבן די עלטערן פאַרשטאַנען, אַז קיין האַנדלס־שולע וועט משה־מאָזעס נישט פאַר־ענדיקן און אפילו נישט אָנהייבן; קיין באַנק־קוועטשער איז ער נישט און קיין חשק צו ווערן א סוחר אין קלייט אָדער א באַאַמטער אין א ביראָ האָט ער נישט. דערווייל האָט מען ביי אים געפועלט, ער זאָל זיך באַקענען מיט דער מישפּחה־טראַדיציע: די האָלץ־בראַנזשע. דער ברודער שמואל האָט אים גענומען צו זיך. דאָס יינגל האָט נישט ליב געהאַט, אַז מע זאָל אים „וויזן", אַז מע זאָל אים באַפעלן, האָט ער זיך אין א שיינעם טאָג צעקריגט מיטן „שעף". אין דער שטיל האָט ער געשפּינען חלומות פון אַרומפאָרן, זען א וועלט. האָט ער בסוד זיך אָפּ־געשפּאָרט אַביסל געלד און אין א זומער פאַרטאָג האָט ער גענומען דעם רוק־זאַק מיט אַביסל וועש און איז אַוועק פון דער היים מיט א וואָגן, וואָס האָט גע־פירט סחורה קיין מאָלדעווע.

דאָרט האָט מען דאָס יינגל נישט געפרעגט אויף קיין „פּאַפּירן". דער פערצן־יעריקער האָט זיך א שטיק צייט אויסגעהאַלטן אין א שטעטל ביי דער גרע־נעץ, ביז דאָס ביסל געלד איז אים אויסגעגאַנגען. האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַרבעט און געפונען. ביי א שניידער, א מטופּל מיט קינדער. נאָך עטלעכע חד־שים האָט משה זיך אַרומגעזען, אַז פון אַרומטאַסקען זיך מיט די קינדער און גיין איינקויפן וועט ער קיין מלאכה נישט אויסלערנען. און סיווי, א שניידער ליגט א גאַנצן טאָג אין שטוב, ווי אין א שטייג. איז ער אַריבער צו א בלעכער; דאָ איז אים בעסער געפעלן, דער עיקר די אַרבעט אויפן דאַך, פון וואַנעט מע קען זען ביז וויַיט איבער גרינע פעלדער און וועלדער. מיט דער צייט האָט ער איינגעזען, אַז דערווייל מוז ער פאָלגן א באַלעבאָס. איז שוין בעסער, א היי־מישן. און סיווי האָט זיך אים צוגעגעסן דאָס וואַלגערן זיך אין דער פרעמד צווישן שניידערוקעס און בלעכערוקעס. איז ער אין דער שטיל אַהיימגעקומען, זיך נישט פאַרענטפערט, זייער קנאַפּ געענטפערט אויף דעם אויספרעג פון די

בני-בית און שווייגנדיק זיך צוריק גענומען צו דער אלטער ארבעט. זיך גוט אויסגעלערנט דאָס האָלץ-פאך.

יאָרן גייען, יאָרן קומען, א קינד וואקסט און אָט איז אונדזער העלד שוין א זעלנער אין פראנץ-יאָזעפס ארמיי. ער נעמט דעם ענין גאָר ערנסט און וועט אויס-דינען ווי א „צוגספירער". שפּעטער, בעת דער ערשטער וועלט-מילחמה, אז דער קייסער וועט רופן, וועט ער איבערלאָזן ווייב-און-קינד אין רומעניע און גיין „פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד". ער וועט אויפן פראָנט ווערן א פעלד-זועבל, ארייננפאלן אין איטאליענישער געפאנגענשאפט און אהיימקומען ערשט שפּעט נאָכן באנקראָט פון דער האבסבורגישער אימפעריע. אָטאָ, פראנץ יאָזעפס יורש און משה גאָלדענבוים האָבן פארשפּילט די מילחמה. נאָר לאָמיר זיך נישט איילן און צוריקקומען צו משהס יונגע יאָרן. נאָכן אָפּדינען האָט ער ווידער געארבעט א שטיק צייט אין דער מישפּחה ביז עס האָט זיך אים פארבענקט נאָך נייע ערטער; איז ער ווידער אריבער קיין רומעניע, אָנגעפירט מיט א גרופּע ארבעטער אין וואלד, געהאקט ביימער, אראָפּגעשיקט צו דער זעג די אָפּגעהאקטע ריזן אָדער סאָרטירט ברעטער, זיי געשיקט צו דער באן און פון דאָרט איבער דער וועלט.

דאָ, אין פאלאנקע, אויף דער גרענעץ מיט טראנסילוואניע, צי אין נאָענטן ישוב, גימעש, האָט דער שיינער בוקאָווינער יונגערמאן זייער אויסגענומען ביי פרויען און מיידלעך און שדכנים האָבן אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט זיי אָבער געענטפערט. אז ער האָט צייט. ביז עס האָט זיך אים צוגעגעסן דאָס בחורישע לעבן. האָט ער זיך געלאָזט רעדן א שידוך פון דערבייִיקן שטעטל מוינעשט, א מקום פון נאפט-גרובן, תורה, השכלה און חובבי-ציון.. די באשערטע האָט געהייסן סאָסיע (זאָפי בלע״ז).

סאָסיעס טאטע, ירוחם-פישל, א שטילער פאראינערלעכטער, לידישער גע-מיט-מענטש, איז געווען א בראצלאווער חסיד. ווער ווייסט צי ער האָט געהאט זיינסגלייכן אין מאָלדעווע, וווּ חסידות איז געווען אויבנאויפיק, פּראגמאטיש און פונעם רבינס טיש האָט מען גענאשט מער שיריים איידער תורה. דער בראצלאווער חסיד איז געווען א נאמן אין א סקלאד פון נאפט; זיין ווייב, מרים-ביילע, האָט געפירט א געוועלב פון מעל. זי איז געווען אן אשת חיל זי האָט פיינט געהאט עוולות און „זיך נישט געפוילט אויף א גאנג". זי איז געווען א שוועסטערקינד מיטן אָרטיקן רב, גדליה, א שטילער, נאָכגיביקער מענטש; דערפאר איז די רביצן רבקה געווען „א ברען", ענערגישע, אמביציאָנירטע פרוי. זי פלעג צומאָל באאיינפלוסן דעם רב אין זיין פסק-דין. קומט אמאָל א ייד צו מרים-ביילען און באקלאָגט זיך, אז די רביצן האָט נישט געלאָזט דעם רב מיש-

פטן גערעכט. לאָזט זיך מרים-ביילע לאַנג נישט בעטן, זי כאַפּט דעם מאַנטל אויף די אַקסל, לויפט אַריבער צום רב און טוט אים אַ פרעג: „זאָג מיר, נאַר גדליה, ווער איז רב דאָ אין שטאָט, רבקה צי דו? . וואָס דער רב האָט איר געענטפערט, ווייסט מען נישט, אָבער מע דערמאָנט זיך אין אַ רב, וואָס האָט אויסגעהערט די טענות פון איין צד און אים געזאָגט: דו ביסט גערעכט. דאָס-זעלבע האָט ער געזאָגט דעם צווייטן. פרעגט אים אַ זייטיקער: וויאַזוי קענען ביידע זיין גערעכט? „ענטפערט אים דער רב „דו ביסט טאַקע אויך גערעכט".

מיט דער גאַנצער שווערער פּרנסה האָט מען אויפגעכאָוועט און אויסגע-געבן עטלעכע טעכטער. נאָר ביי דער מעזינקע האָט זיך דאָס רעדל אָפּגעשטעלט. דער בראַצלעווער חסיד איז פּלוצעם נפטר געוואָרן, די אַלמנה האָט אָנגעהויבן קרענקען און סאָסיע איז, נעבעך, „אויסגעריסן געוואָרן" ווי די מוטער האָט צוגעגעבן. „זי איז דאָס כּפּרה הינדל" פלעגט זי די מוטער באַדויערן און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל אַ כּלה ווערן כּדי זי זאָל דערלעבן דער מיזינ-קעס חופּה, נאָר אַ שידוך פאַר אַ באַלעבאַטיש מיידל, מיט אַ שוואַכן נדן און אַ נאָך שוואַכערער מוטער, איז נישט קיין גרינגע זאַך.

ווען מע האָט איר גערעדט דעם שידוך מיטן 28 יעריקן משה גאָלדנבוים האָט זי זיך געקווענקלט. ער איז פאַר איר געווען צו וועלטיש, צו עלעגאַנט, צופיל לעביונג. דער מאַמעס בקשות האָבן זי באַווייגן צו זאָגן יאָ. דעם אַ:דערן טאָג נאָך די תנאים האָט דער חתן זי געפרעגט: „זאָגט מיר נאָר, זאָפי, פאַר-וואָס האָט איר מיך נישט געוואָלט פאַר אַ חתן"? האָט זי אַראָפּגעלאָזט די בליקן און תמימותדיק געענטפערט: „אַ מאַן מיט אַזעלכע פאַוואָריטן „איז נישט פאַר מיר". האָט משה אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „דאָס איז עס אינגאַנצן?" ער האָט זיך אויפגעהויבן און ערגעץ אוועק. אינגיכן איז ער צוריקגעקומען פונעם באַלבירער מיט אָפּגעראַזירטע באַקנבערד. ער האָט זי אַ פרעג געטאָן: „אַזוי געפעל איך אייך בעסער?" איר שווייגן איז געווען באַרעדעוודיקער ווי יעדער אַנדערער ענטפער.

פון אָט דעם פּאָרל איז געבוירן געוואָרן ציפּעלע. שוין פון דער ערשטער רגע אָן האָט זי אַרויסגעוויזן איר אָריגינעלקייט, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן מיט די פיסלעך פאָרויס און דערמיט גורם געווען דער מוטער גרויסע ווייטי-קן. דעם טאַטנס תהילים-זאָגן און די געניטשאַפט פון דער דאָרפישער הייבאַם האָבן געראַטעוועט צוויי לעבנס-דער מוטערס און דעם קינדס.

האָלענדישע יידן האָבן אַ גלייכוואָרטל: „אַ יידישע טאָכטער דאַרף פאַר-מאָגן דריי ח — ז: חן, חכמה, חוצפּה". וואָס חן באַטייט דאַרף איך אייך נישט

לערנען. עס וואָלט געווען א חנדל פון מיר אזוינס פאסט מיר נישט, „חכמה“ באטייט נישט אזוי קלוגשאפט, ווי א ריכטיק אויפנעמען דאָס לעבן און גוט אָפּענטפערן אויף אלע געשעעענישן; „חוצפה“ איז נישט אומפארשעמטקייט אָדער דרייסטקייט, נאָר א צוטרוי צו זיך, א גלויבן אין די אייגענע כוחות, דאָס „שטעלן אויף זיך“.

אָט די מעלות באווייזט דאָס קינד פון פיצלווייז. (אירע חסרונות וועל איך פארשווייגן, ווייל זיי פאסן נישט אריין אין מיינע כוונות): איך זע ציפּעלעס א בילדל אין עלטער פון... ניין חדשים. פון אונטער די שיין געצייכנטע ברעמען קוקט ארויס א פארוואונדערטער בליק אויף דער וועלט דער אומבאקאנטער און וואונדערלעכער. שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן פאָרט מען ארויס קיין זאווידאָוויש, אין באָסניע, וווּ דער טאטע ארבעט זינט א יאָר. דער טאטע האָט נישט „קיין זיצפלייש“; מער ווי צוויי־דריי יאָר בלייבט ער נישט אויף א פאָסטן. „ערגעץ אנדערשט“ איז פאר אים תמיד בעסער איידער „דאָ“. ער איז תמיד „אויף דער פיר“. דערווייליע פאָרט די קליינע ציפעלע צום טאטן. אויף א סטאנציע שטייט דער צוג אביסל מער; ווערט דאָס קינד אומגעדולדיק, שטופּט זי די וואנט פונעם וואגאָן און זי באפעלט: „נו, היידא!“, דאָס הייסט: „ריר דיך שוין אמאָל, דו קריכער!“ און דער צוג פאָלגט און ער לאָזט זיך לויפן מיט א לאנגן פייף.

א וואָך נאָך א וואָך, א חודש נאָך א חודש און עס ווערן יאָרן. מע איז שוין ווידער אין די מאָלדעווישע קארפאטן. דער טאטע ארבעט אין די וועלדער א גאנצע וואָך און קומט אהיים ערשט אויף זונטיק אָדער אויף יום טוב. די מאמע מיטן קינד וווינען אין שטעטל לעבן איר שוועסטער. עס איז היימישער און בעסער. דאָס קינד איז שוין א פיר יעריקס. אין א זומער אינדערפרי טוט מען זיך א כאפ: „ווו איז ציפּע?“ נישטאָ ציפּע. מע פרעגט זיך נאָך ביי שכנים, מע זוכט זי אין הינטערגעסלעך, מע איז חושד וואנדערנדיקע ציגיינער, אז זיי האָבן זי צוגענגבעט, מע זוכט אין ליידיקע קערנעצעס. א נעכטיקער טאָג! די מישפּחה איז פארצווייפלט... פארנאכט קומט אהיים די טשערעדע און ציפּקע מיט איר. זי ברענגט זיגעריש א בינטל זויערע בלעטער און זי וואַרט אויף לויברייד. צום סוף גיט מען איר עטלעכע קלעפּ און מע פרעגט זי אוים. שטעלט זיך ארוים אז אינדערפרי איז זי מיטגעגאן מיט דער טשערעדע אין פעלד אָן דעם פאסטעכס וויסן. ער האָט זי דערזען, איז שוין געווען צו שפּעט זי אהיימצושיקן; האָט זי געגעסן זיין ברינדזע מיט קאלטער מאמעליגע און מיט ציבעלע, געקליבן בלומען און זויערע בלעטער און זיך שיין געשפּילט איינע אליין... פארוואָס קומט איר א שטראָף? ווי אומגערעכט מענטשן זענען!.

אַן אַנדער איבערלעבעניש. ציפּעלע איז צוגאַסט ביי דער מומע ראָזע. מע שיקט זי אַריין אין שטוב עפּעס נעמען און דאָס קינד דערזעט אויפן קאָמאָד צירונג. דער גלאַנץ פון גאָלד און דימענטן געפעלט דעם קינד און עס נעמט עטלעכע שמוקזאַכן זיך צו שפּילן מיט זיי; קיינער באַמערקט עס נישט. ווען דאָס קינד גרייט זיך אַהיימגיין נעמט די מומע אַ פּעקעלע שאָקאָלאַד און לייגט עס אַריין דעם קינד אין קעשענע; דערפילט זי דאָרט אַ רינגעלע. זי קוקט זיך צו, טרעפט זי דאָרט נאָך צירונג. אַוודאי שרייט מען זיך אויס אויפן קינד. ציפּעלע ענטפערט אָבער זייער ערנסט: „איך האָב דער צאַצע ראָזע אויך איבער-געלאָזט פון די שפּילעכער".

ציפּעלע איז נישט קיין נאַשערטע. שאָקאָלאַד עסט זי נישט, נאָר זי מאָלט דערמיט „מענטשעלעך" „אויף דער וואַנט; פון געזאַלצענע פיש טשיפּעט זי נאָר אַ שטיקל פון דעם בויך, פון צוקערלעך האָט זי ליב די שיינע פּאַפּירלעך, אין וועלכע זיי זענען איינגעפּאַקט, פון ראַהאַט, די שיינע שאַכטלען.

...1918. די גרויסע, וועלט-מילחמה (שפּעטער וועט מען זי רופן די ער-שטע) האָט זיך פאַרענדיקט. פּראַנץ יאָזעפס יורש, אָטאָ, און זיין געטרייער אונטעראָפיציר משה גאָלדנבוים האָבן פאַרשפּילט. משה קומט אַהיים, דער-קענט קוים דאָס קינד, וואָס ער האָט נישט געזען עטלעכע יאָר און ער לייגט אַרויף אויפן בוידעם דעם אָפּגעטראָגענעם מונדיר מיט די מעדאַלן און מע נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט אין די וועלדער. די מישפּחה וועט זיך אַרויסציען אין דעם שיינעם דאָרף פּאַלאַנקאַ, כדי צו זיין נענטער צום ברויט-געבער און ציפּעלע וועט אויסוואַקסן אין דער דאָרפישער לופט און סביבה, לערנען אין דער דאָרפישער שולע (פיר קלאַסן אין איין צימער, מיט איין לערער), און אויס-וואַקסן אַ יידישע טאָכטער, ווייל...

...ווייל אין דאָרף וווינען טאַקע נאָר געציילטע יידישע מישפּחות, אָבער זיי ברענגען אַראָפּ אַ מאַראַמורעשער יונגנמאַן פאַר אַ מלמד; און די זיבן מיי-דעלעך לערנען צוגלייך מיט די דריי ייִנגעלעך דאַווענען און חומש; זיי הערן דעם מלמדס מעשיות, זיי זינגען זיינע לידער, שפּילן אין זיינע „שול-פייערונ-גען, היטן שבת און יום טוב און ביכלל איז דער יידישער שטייגער זייער לע-בעדיק ביי די יידן אין דאָרף.

דער מלמד זוכט מיטלען כדי צו פאַרבעסערן זיין הכנסה. אויף פּורים גרייט ער מיט די קינדער אַ שפּיל. ווי אַלע מאַראַמורעשער ישיבה-בחורים האָט ער אַלס ייִנגל מיטגעשפּילט אין די פּורים-שפּילן און ער קען די טעקסטן (אוי-ניקע שטאַמען פון דעם באַקאַנטן פאָלקס-דיכטער און בדחן הערש לייב סי-געטער, וועלכער האָט געלעבט כמעט הונדערט יאָר). איצט וווינט ער דאָ אין

דאָרף מיט זיין יונג ווייבל און א יונג פּאָרל באדאָרף אסך... צו וואָס זשע וואַרטן ביז פּורים? אין דאָרף זענען די יידן סייווי זשעדנע נאָך אביסל פּאַרווייליונג און די קינדער אוודאי. נעמט דער מלמד צונויף דאָס מנין יינגעלעך און מיידעלעך און גרייט מיט זיי א מכירת-יוסף שפּיל. די מעשה איז דעם עולם גוט באַקאַנט, אפילו פונעם טייטש-חומש. די פאָלקס-פאַנטאַזיע האָט דעם ענין צוגראַמט לויט זיינע השגות און געשמאַק (און דערמיט צוגעגרייט דעם וועג פאַר איציק, מאַנגערס מגילה-און-חומש-לידער).

„אז ס'איז נישטאָ קיין מיידלעך, טאַנצט מען מיט שיקסעס", לערנט אונדז א היג פאָלקס-ווערטל; און אז עס איז נישטאָ קיין געגנוג יינגלעך, וועלן מיידלעך שפּילן מענערישע ראָלן, יעקבס זין. ציפּע וועט שפּילן די איינציקע קאָמישע ראָלע פון דער פּיעסע- דן. דער ביבלישער פּערסאָנאַזש ווערט פּירגעשטעלט ווי א מין לעביונג. ער וועט אמוזירן דעם עולם לויט דער „קאָמעדיא דעל אַרטע" — טראַדיציע. יעקב אבינו זאָגט אים שטראָף-רייד צוליב זיינע „קאַסאַנאָווישע" פּירעכצער:

דן, זיסער, דאָס איז נישט שיין
נאָך אלע מיידלעך ארומצוגיין
אין דער תורה שטייט געשריבן „בן שמונה עשרה לחופּה"
האָב חתונה, לויף נישט נאָך ווי א קליפּה...
דן בלייבט דעם טאַטן נישט שולדיק קיין ענטפער:
— טאַטע, טאַטע, דו דאַרפסט נישט זאָרגן,
איך וויל חתונה האָבן גיכערש היינט איידער מאָרגן...

יעקב לאָזט זיך איבערצייגן און גייט אוועק. דן גייט שפּאַצירן אין וואַלד און ער באַגעגנט דאָרט א מיידל. אוודאי הייבט ער אָן זיך צו שדכנען צו איר (פלירטעווען בלע'ז), און סערענאַדעוועט אין מיטן העלן טאָג:

— עס גייט א יונגע שפּאַצירן אין דעם ווילדן וואַלד,
קומט אים אקעגן א מעדכען אין זיין געשטאַלט(!).
א, דו שענעס מעדכען, וואָ זינד דיינע זינע?

און זי ענטפערט אים אויך אויף דייטשמעריש:

צו מיינע פאַטער אונד מוטער, וואָס איך געבאָרן בינע(!)

דן „פֿאָרט ווייטער :

— אָ, דו שענעם מעדכעז, דו ענטפֿערסט מיר גאָר שאין,
א געשענק וועל איך דיר קויפֿן, פֿאר אן אנדענק זאָל עס דיר זיין.

ענטפֿערט דאָס מיידל:

— איך בראוכע קאינע רינגען, איך בראוכע קאינעז מאן
איך גלאובע נור אין דעם הערגאָט ,וואָס ער מאכן קאן

דן זעצט פֿאָר דעם דואָ:

— אָ, דו שענעם מעדכען, דו ענטפֿערסט מיר גאָר קאלט,
די עהרע וועסטו פֿערלירן מיט א יונגען אין וואלד.

דערויף ענטפֿערט זי אים פֿעסט:

בעסער צו קראַפּירן אין דיזער שטונדע אין וואלד...
— ווי איידער די עהרע צו פֿערלירען מיט א יונגען אין וואלד.

נאָך אָט דעם קאָמישן אינטערמעצאָ גייט די אקציע ווייטער. יוסף קומט צו די ברידער, זיי וואַרפֿן אים אריין אין א גרוב, זיי פֿארקויפֿן אים פֿאר א קנעכט... נאָר צוואָס אייך דערציילן די מעשה פֿון דעם חומש? אויב איר האָט אמאָל געלערנט אין חדר, צי אין א יידישער שולע, קענט איר זיך באגיין אָן מיר; און טאָמער נישט, איז פֿארפֿאלן, וועט איר די פּיקאַנטע מעשה מיט פּוטיפֿרס ווייב, געווירע ווערן נישט פֿון מיר.

דער עולם האָט זיך געלעקט די פֿינגער פֿון דער שפּיל (קיין סך טעאַטער האָבן זיי נישט געזען) די שענסטע באלעבאטים פֿונעם ישוב האָבן אָפּגעגעבן זייער שטוב פֿאר א „שפּילזאל“ און אפֿילו צוגעהאָלפֿן שאפֿן די קאָסטומאַציע, דעם רעקוויזיט און... דער בוזשער פֿונעם יונגן מלמד „האָט זיך אויסגעגלייכט די ביינער“. האָט ער טאקע דאָס אנדערע יאָר געשטעלט אן אנדער תנך-שפּיל מיט יעקבס בענטשן זיינע קינדער פֿאר זיין אָפּלעבן. רבקה העלפֿט יעקבן אויסכאַפּן די בכורה ביי עשון. ציפּעלע האָט געשפּילט די ראָלע פֿון רבקהן און געמאכט אן אמתע „קאָמפּאָזיציע“.

ביכלל האָט דאָס מיידעלע ארויסגעוויזן צוויי גוטע יידישע שטריכן: א נטיה צו העלפֿן נויטבאַדערפֿטיקע און דערביי צו ברענגען פֿרייד אין מענטשלעכע הערצער. נאָך איידער דער מלמד איז אראָפּגעקומען אין דאָרף האָט זי

געהאט אָרגאַניזירט אַ מין אָוונט מיט לידער און אַן איינאַקטער אויף רומע־ניש (אויסגעלערנטע טיילווייז אין שולע) און מיט דער הכנסה האָט מען געקויפט אויף פּסח קאַרטאָפל און אייער פאַר מוינעשטער אָרעמע ליט. שפּעטער האָט זי אָרגאַניזירט אַ הערצל־יאָרצייט. מוינעשטער יידישע לערער האָבן איר געגעבן פרוגס „דער כוס“, „זאמד און שטערן“, אַנדערע לידער פון א. רייזען און מאָרים ראָזנפעלד און ציפּעלע האָט פּאַטעטיש דעקלאַמירט. מיטן „קאַר־טאָפל“ — ספּעקטאַקל איז פאַרבונדן אַזאַ עפּיזאָד. ציפּעלע האָט געהאַט פאַר־טיילט בילעטן און יעדער באַלעבאָס האָט באַצאָלט נאָכן ספּעקטאַקל. אַ פרעמ־דער יונגערמאַן, אַ חתן פון אַ היג מיידל האָט נישט געוווסט דערפון און פאַר־געסן צו באַצאָלן. האָט אים ציפּע פאַרהאַלטן; „גייט נאָך נישט אַוועק, ווייל אָט דער הער האָט נאָך נישט באַצאָלט“. דער יונגערמאַן האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט, אָבער באַלד זיך צעלאַכט און אָפּגעווישט דעם שלעכטן איינדרוק. דער שידוך איז געבליבן אַ שידוך און די קאַרטאָפל, קאַרטאָפל.

להיפּוך אַנדערע דאָרפישע שילערנס האָט ציפּע ליב געהאַט צו לייע־נען ביכער; יידיש־אין דער מאַמעס טייטש־חומש, רומעניש־נישט נאָר אין לערנביכל, נאָר אפילו אמתע ביכער פונעם לערערס ביבליאָטעק. די מעשה איז אַזוי. דער לערער האָט געוווינט טאַקע אין שולע. אַזוי־ווי ער איז געווען אַ בחור פלעגט ער באַלוינען די בעסטע שילערנס דורך שיקן זיי, אים ריינצומאַכן דאָס צימער. איין מאָל האָט ער ציפּען מכבד געווען מיט אַזאַ כיבוד. עס פאַר־גייט אַהאַלבע שעה, אַ שעה און מע זעט זי נישט. דער לערער גייט אין צימער, טרעפט ער זי וויינען איבער זיינע באַליבטע שונד־ראָמאַנען „די פאַרטריבע־נע אין דער חופּה־נאַכט“, די שיינע רענאַטע נעבעך. פון דעמאָלט אָן האָט ער די ביכער געהאַלטן הינטער אַ שלאָס.

איבערלעבענישן. די דרייצניעריקע קומט אין צוג מיט אַ באַקאַנטן יונגן מאַן. צום געזעגענען האָט ער איר געקושט די האַנט־איר ערשטע גרויסע מיידלשע איבערלעבעניש...

און. עס עפענען זיך טויערן פון יוגנטלעכע טרוימען, איבערלעבענישן, שטימונגען און געדאַנקען .אַ נייע וועלט.

מיר בלייבן שטיין אויף דער שוועל פון אָט דער נייער וועלט, איידער עס צעוויקלט זיך אַ ספּיראַלישער גורל...

„פּאָדעלויער צימעס"

די ערשטע וועלט-מילחמה און די גרויסע ענדערונגען אין אייראָפּע נאָך דער מילחמה, די טעריטאָריאַלע דערגענצונג פון רומעניע מיט א פאַרגרעסערטער ייִדישער באַפעלקערונג, אין כמות און אין איכות, האָבן באַאיינפלוסט אויך דאָס קולטור-לעבן פון היגע ייִדן; איינע פון די אָנזעעוודיקסטע ווירקונגען איז געווען אויפן געביט פון אַמאַטאָרן-טעאַטער. די אַמאַטאָרישע גרופּעס פון שטעט און שטעטלעך האָבן זיך מער נישט צופרידן געשטעלט מיט שפּילן גאָרדינען, לאַטיינערן צי שמרן; זיי האָבן סטיכיש געפילט א באַדערפעניש צו זיין אַקטועל און זשורנאַליסטיש-לעבעדיק. האָט מען זיך גענומען פאַר א מוסטער די רומענישע רעוויו-ספּעקטאַקלען אָדער די יעקב שטערנבערג-יעקב באָטאָשאַנסקי-ספּעקטאַקלען זינט 1919, צוויי באַסאַראַבער, וואָס זענען אַהערגעקומען אין 1914 און פּאָזיטיוו געווירקט אין דער היגער קולטור-באַוועגונג. באָטאָשאַנסקי איז אינגיכן אַוועק פון רומעניע און געווירקט אין אַרגענטינע; שטערנבערג, דער דיכטער, דראַמאַטיקער און טעאַטראַל האָט אַסך צוגעשטייערט צום מאָדערנעם ייִדישן און רומענישן טעאַטער. ער איז געשטאָרבן א בן שמונים אין מאָסקווע.

די שטערנבערגישע רעוויום האָבן געגעבן א תיקון דעם אויפגעוואַקסטן געזעלשאַפטלעכן חוש פון שטעטלדיקער ייִדישער אינטעליגענץ: פּאָדעלוי און מאָינעשט, בוחוש און אַסך גרעסערע און קלענערע ישובים האָבן געשאַפן מיט אייגענע כוחות טעקסט, שפּיל, רעזשי, מוזיק פאַר „רעוויסטע"-ספּעקטאַקלען פון א לאָקאַלן כאַראַקטער. די אָרטיקע סיכסוכים האָבן באַקומען א סאָציאַל-פּאָליטישן הינטערגרונט און די כלומרשט אומשולדיקע שפּיל האָט צומאָל געהאַט אַן ערנסטן סאָציאַלן אונטער-טעקסט, די רעוויו-ספּעקטאַקלען זענען אָבער געווען שפּילעוודיק און פּאָלקסטימלעך און זיי זענען געפעלן דעם עולם.

פֿאָדעלוי, 20 קמ. פֿון יאַס, אַ צענטער פֿון תּבֿואה-האַנדל, מיט אַ ברעטער-זעג, אַ מיל און אַסך יידישע בעלי-מלאכות, איז נישט אָפּגעשטאַנען פֿונעם „קולטור-רענעסאַנס“, עטלעכע יונגעלייט פֿונעם שטעטל: די שפּעטערדיקע אי-נזשינערן געצל בוכמאַן (אַן עסקן, אומגעקומען אין יאַסער פּאָגראָם פֿון יוני 1941) יעקבֿ קערן (דערלעבט אַ הויכע עלטער) דער שפּעטערדיקער טעאַטראַל, דיכטער און סקולפּטאָר שמחה שוואַרץ (1974-1900) האָבן צונויפֿגעשטעלט דעם טעקסט, קאָמפּילירט די מוזיק, געשאַפֿן די סצענאָגראַפֿיע, די רעזשי און... מיטגעשפּילט, אײנײנעם מיט די סטודענטן אַביש מענדעלאָוויטש (הײַנט אַ דאָקטער אין יאַס), לוי לייבאָוויטש, מיטן צונאָמען „פּריץ“ צוליב זיין עלעגאַנץ, ישראל לייב פֿינקלשטיין, יונג געשטאָרבן, אהרון אַנטשלם. דער ספּעקטאַקל איז גע-פֿעלן און מע האָט אים געשפּילט דריי מאָל אין שטעטל און אַפֿילו געפֿירט אין שכינותדיקן טירגו-פֿרומאָס, וואָס האָט נישט זוכה געווען צו אַן אייגענער רעווי. געשען איז דאָס ווינטער 1919 — 1920. דער יאַסער גרימער האַמבורגער איז אַ-ראָפּגעקומען, בסוד זיך אָנגעקוקט די העלדן און, אַדאַנק זיין געראָטענעם אויג און זיין געשיקטער האַנט האָט ער זייער גוט פֿאַרגרימירט די „שוישפּילער“ וואָס זענען ענלעך געוואָרן צו זייערע פּראָטאָטיפּן. דוד לייב דאַווידאָוויטש, אַ פּרומאַקישער באַזיצער פֿון אַ „זאָדע-וואַסער-פֿאַבריקל“, וועלוול בוכמאַן, אַ זייער אַקטיווער עסקן און... קאַוואַליר; ער האָט גוטמוטיק מיטגעהאָלפֿן אויפֿ-שטעלן דעם ספּעקטאַקל, כאָטש ער איז געווען צווישן די סאַטיריזירטע; זשאַן מאירעוויטש, אַ טיפּאָגראַף און אַ קאַנדידאַט אויף אַ קהלסמאַן, ווײַגדער יוסי-פּאָוויטש, דער לערער אהרון ראָזנטאַל, אַ דיינס אַ זון, אַ משׂכּיל מיט אַ שטייפֿן קראַגן און אַ קראַוואַט; יאָסל דאָנזשיק, דער פֿאָרשטייער פֿונעם המון, אָנגעשמעקט מיט „לינקע אידעען“ און נאָך.

דער טעקסט פֿונעם „פֿאָדעלויער צימעס“ שפּיגלט אָפּ דאָס מאָלדעווישע יידיש פֿון יענער צייט. דער פּראָלאָג פֿון שמחה שוואַרץ איז מער קולטורעל ווי דער טעקסט פֿון די אַנדערע צוויי מחברים מיטן פּסעוודאָנים „לעצעג“ (פֿאַרקערט פֿון געצל) און באַקאַי (פֿון יאַקאָב) די פֿאָרגעמען פֿון די מחברים. דעם פּראָלאָג האָט „געזאָגט“ שימחה אַליין. קיינער פֿון די מחברים, מיטשפּילער און זייערע מישפּחות זענען נישט געשאַנעוועט געוואָרן. סיכסוכים צוליב אַ שאלה וועגן אַ פּופּיק פֿון אַ הון; שיינע יידן, וואָס דאַווענען אַסך און זענען וויניק מנדר, „קוליסן“-עסקנים, כּבֿוד-זוכער, דערוואַכונג פֿון המונישן באַוווסטזיין וכדומה.

נאָר לאָמיר לאָזן קומען צום וואָרט דעם... „צימעס“.

אקדמות מילין... איידער מיר הייבן אָן צו פּלוידערן אונדזערע פּוסטע זאכן,
בעטן מיר אייך, איר זאָלט אייך נישט באַ... באַ... לאכן;
צום ערשטן וועלן מיר שמועסן ווי ערנסטע מענטשן,
דערנאָכדעם וועלן מיר מיט מזומן בענטשן,
איר וועט דאָ פארזוכן פון אונדזערע שפּייזן,
איבערהויפּט אונדזער צימעס פאר גאָר ביליקע פּרייזן.
דער צימעס איז געפּרעגלט געוואָרן אין האָניק
און ס'האָט זיך נאָכגעשלעפּט אביסל פּעפער אין פּאָלאָניק;
אויך זאָלץ האָבן די קעכנעס נישט קשה געשיט,
זיי זענעןביידע קאַליקעס און קענען ביידע גאָרניט.
וואָס איינע דערזעט נישט, דערדעדט שוין די צווייטע,
אז ווער עס האָט נאָר אויערן מוז מאכן א פּליטה.
די ערשטע וויל זען רוח (רעוואָך) און בלייבט תמיד בייט קרן (קערן)
די אנדערע נאָר פּלוידערט און רעדט פון „אוים„ שטערן;
די ערשטע רעדט פון שלימזלות און פון מזיקים,
די אנדערע שיט מיט גמרות, תחינות און פּסוקים;
דער ערשטער ווען עס שווינדלט אים פאר די אויגן א „פּוסטע„,
פאלט ער תיכף כורעים און שרייט: „איך שטארב פאר דיר, בעל הביתטע!“
די אנדערע, אז זי דערטאפּט נאָר א בלעטל מיט שמות,
קייט זי שוין די ווערטער ווי שטרוי די בהימות.
אָט דאָס זענען די קעכנעס, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט דעם צימעס,
וואָס איז געקאָכט געוואָרן ווי אין פּסוק איז מרומז.
אביסל וואסער פון דער מיקווה האָט אונדזער ר'אליהו געגיבן
און מיט א גרעלעכערטן פּופּיק האָט עס ר'הערש שווארץ צעריבן.
זעליג משה האָט אונדז געגעבן כ... כ... כשר שמאָלץ
און הנדב ר'משה בוכמאן האָט אונדז פּ א ר ק ו י פ ט דאָס האָלץ.
א שוועבעלע האָבן מיר גענומען ביי ר'אהרון ראָזנטאל,
און, חלילה, ביי א סכנה, וועט ר'יאנקעלע לייבאָוויטש גיבן א סיגנאל.
יאנקולאָוויטש און ווינדער יאָסופּאָוויטש האָבן אין פייער געבלאָזן,
און ר'דוד לייב האָט צעפּלאקערט מיט אביסל ירגזון.
און פון אָט די אלע קרייטעכצער האָבן זיי געמאכט דעם „גיוועטש“
לויט כאנציעס קבלה, נאָך מיט א באקוועטש.
איר זאָלט דאָ נישט גענעצן און פארדרייען די נאָז,

וועט מען אייך אדאָ אויפגיבן דעם דאָס... דעם צימעס, הייסט עס.
יעמוד, יעמוד, יעמוד הצימעס בר׳לעציג און באָקאַי.

קופּלעט פון וועלוול בוכמאן

איך בין וועלוועלע קאַרטוראַר / ביי אַלע דאמען זייער פּאָפּולאַר / ווייסט איר פאַרוואָס, יאָ נאָר דערפאַר, יאָ, נאָר דערפאַר / ווייל איך קען דעם גאַנצן „אבע-צעדאר“,/ און בין דערצו אויך נישט קיין נאַר. / איך פאַרדריי זיי דעם קאָפּ / און זאָג, אז איך בין א פילאַנטראָפּ, / ווייל איך בין וועלוועלע קאַרטוראַר

שווער איז מיר צו מאכן ביי זיי א „פּראָטשעס-ווערבאַל“/ זייערע זיצונגען גיבן מיר קיין שום מאַטעריאַל / ווייסט איר פאַרוואָס, יאָ, נאָר דערפאַר, יאָ נאָר דערפאַר: ווייל מאַדאַם... בלאָזט זיך דאָרט / און פּרעזידירט מיט א שפּי-צעריע-וואָרט / מאדאם פּערעסטער מוז זיין אין קאָן / ווייל אָן רומעניש וואָס קען מען דען טאָן?! / דאָס פרייל׳ן סאַבינאַ זאָגט אזוי נו שטיו“/ „דע אַטשעיאַש פאַרערע“, זאָגט מאַדעם יאַנקו, נאַר איך בין וועלוול קאַרטוראַר...

קופּלעט מאַיראָוויטש

איך מאַנדל בין יעדן באַקאָנט / אומעטום איז מיין נאָמען דערמאָנט/ווען איך האָב אין שטעטל דעם גרעסטן כוח/, ווייל איך האָב א שפּיציקן מוח. /

ברידער זענען מיר אסך/ קיינער איז מיט אונדז נישט גלייך / און אויב דאָס שטעטל איז היינט פויל (פּול) / איז ווייל מיין זאַנוול מיט מיין מאַירן זענען ניט אין קהל....

קופּלעט אהרון ראָזנטאל:

אין שפּראַכן בין איך א פילאָלאָג / אין פּאָליטיק-א דעמאַגאָג / אין מילא דעלמא-א פּסיכאָלאָג / און אין היסטאָריע אן אַנטראָפּאָלאָג.

ביי מאָריצן טרעף איך מיין עידה / האַלט איך זיי א לאַנגע רעדע / און גיב זיי פּסיכאָלאָגיש צו פאַרשטיין, / אז א דעמאָקראַט בין איך אליין.

איך לעז אחד העמס א פעליטאָן א חכמה פון יאַנקל סאָלאָמאָן / פון גע-נעראַל פּיקאָנס שלום / און פון מיין עלטער באָבעס א חלום.

ווער סע מאכט מיר נאָר מיין שפּיל / הייב איך אים אין די עליונים / האָב איך נאָר דערפולט מיין ציל / וואַרף איך אים אין די תחתונים.

קופּלעט פון יאָסל דאַנדזשיק:

איך בין דער באַלשעוויסטן-פּרעזידענט/אונדזער כוח באשטייט אין די הענט/ איך האָב אין שטאָט א דעה באַקומען/ מע ציילט שוין פעסט אונדזערע שטימען./ ...ביי סראָל לייווים איז מיין טריבונע מע הערט מיך דאָרט מיט גרויס כוונה/ איך פּרעדיק: „יעדן גלאַך"/ די גבירים נישט לאָזן געמאַך... /
איך טענה תמיד מיט ביידע הענט/ ווי געלערטער אין פּאַרלאַמענט/ איך לייען טאַנאַסעס חיבורים / און מאַך מיר דעם שפּיל יעדן פּורים...

קופּלעט דוד לייב דאַווידאָוויטש:

„פּרום איז אונדזער כלי-קודש/זיי נעמען וויינק א חודש/ ר'ברוכל פּאַר-גלאָצט די אויגן/ און גייט אין צווייען איינגעבויגן.
נאָר איך בין גוט, און פרום און שטיל/ אויף אלע שימחות בין איך פול/ איך טו דאָך אַלעם אין דער וועלט/ אבי עס קאָסט נאָר נישט קיין געלט./ משה שוחט איז אַן אנדערער שניט/זיין ווייב טראָגט שוין פון לאנג א הוט/ער טראָגט א קראגן מיט טאַנזשעטן/ ביי זיי זענען שוין פונלאנג צונויפגערוקט די בעטן...
משה בוכמאַן איז אונדזער בעל-קורא/ער קארגט נישט קיין טרערן ביי דער הפטורה/ יאנקל לייבאָוויטש איז מלא יסורים/ער האָט נאָך קיינעם נישט פאַרשטערט דעם פּורים...
אייניקע פון די „באַשפּעטע" בעלי-בתים האָבן „געמאַכט א גוטע מינע צום בייזן שפּיל". אַנדערע האָבן זיך געברוגזט. געמטראַשעט מיט פּראָצעס און דאָס האָט אוודאי פאַרגרעסערט דעם דערפאָלג פונעם ספּעקטאַקל: מע האָט געטראָפן אין פּינטל!
דר א. מענדעלאָוויטש, וואָס האָט מיר דערגענצט די פערזן פון דעם „צימעס", זוו ער האָט טיטנעשפּילט, דערציילט מיר מיט וויפל פרייד די שפּילער האָבן אויסגעפירט זייער שליחות. קיין צווייטע רעווי האָט מען נישט געמאַכט; מע איז אונטערגעוואַקסן, זיך צעפאָרן איבער דער וועלט; פאַריינען האָבן געגנו-מען ווירקן דירעקטער און אויסגעהאַלטענער. דעם טעם פונעם צימעס קען מען אָבער ביז היינט, 55-56 יאָר שפּעטער נישט פאַרגעסן...

„גיולאר"

גיולאר, אזוי האָבן די אָרטיקע יידן אָנגערופן זייער שטעטל ביוואָלאר, וואָס ליגט נישט ווייט פון יאס, ערגעץ ביים פּרוט. חוץ די געוויינטלעכע פּרנ־סות זענען דאָרט געווען: יידן ערד־ארבעטער, וועלכע האָבן באקומען ערד אין 1864. געווען אויך עטלעכע פערד־מעקלערס, ווי אשטייגער, דער הפקר־יונג פישל. אמאָל אויף א יריד, כטוב לב המלך ביין, האָט ער זיך אזוי באריִמט פאר א חברה פערד־סוחרים און פערדגנבים: „אז איך בין אריינגעפאָרן קיין גיולאר אויף מיין גראַ „ארמאסארעקל" האָט גאנץ גיולאר געציטערט און קיינער האָט נישט געפרעגט: „העי, ברע פישל, פארוואָס פאָרסטו אום שבת!"

איך בין אראָפּגעקומען קיין ביוואָלאר, הארבסט 1926 ווי א רומעניש־לע־רער אין דער „איזראעליטיש־רומענישער פאָלקס־שולע". דאָס איז געווען מיין ערשטער ארויסטריט ווי א לערער נאָכן פארענדיקן דעם יאסער „נאציאָנאל־ליציי" און נאָך צוויי נישט־געלונגענע פרווון צו „מאכן" דעם באקאלאורעאט, די רייפקייט־פריפונג. (דעם דריטן, געלונגענעם פרווו האָב איך געמאכט ערשט זעקס יאָר שפּעטער). דאָס שטעטל איז געווען אָפּגעריסן פון דער „גרויסער" וועלט, ווייט פונעם הויפּט־שאָסיי, פון א באן, פּרנסה איז אָבער געווען צוליב דער נאָענטקייט פונעם פּרוט.

ווי א לינקער קולטור־טוער האָב איך געטראָגן א רוסישע רובאשקע (אזוי־ווי א ישיבה־בחור טראָגט א קאפּטן) און נישט אויסבאהאלטן מיינע אידעען. קיין סגולה צו פּרנסה איז עס נישט געווען און קיין מעלה פאר א שידוך אוי־כעט נישט. נאָר ווי באקאנט, שטייען כלל־אינטערעסן העכער פון די וואָכעדי־קע דאגות פון א יחיד. ווי נאָר דאָס נעבעכדיקע אויטאָבוסל, וואָס איז געקו־מען פון יאס האָט זיך אָפּגעשטעלט עק שטעטל האָט מיך דער זשאנדאר אי־בער גענומען, גוט בודק געווען מיין רענצל און מיר געגבן אן עצה, אז איך זאָל מיך אויפפירן „אזוי ווי גאָט און אלע גוטע און פרומע לייט הייסן". נו, קיין

שווערע אינדוסטריע איז אין שטעטל נישט געווען און אויפקלער־ארבעט צווישן יידישער יוגנט איז ניט געווען געפערלעך.

ביי מיינע 20 יאָר האָט איך מיך גענומען חברן מיט די אָרטיקע יונגע. זיי האָבן געהאָלפן דעם טאטן אין קלייט צי אין ווארשטאט, געקענט חומש מיט רשי, אביסל לשון קודש, געלייענט גוט רומעניש, אייניקע־אביסל יידיש; מע פלעגט פאָרן קיין יאס אין יידישן טעאטער, אביסל אקטי:וירן אין היגן ציוניס־טישן פאריין און שפינען יונגנטלעכע חלומות פון זען די וועלט און איינגעמען וועלטן. דערווייל איז מען זיך צונויפגעקומען יעדן שבת פארנאכט יעדעס מאָל אין אן אנדערנס היים, פארבראכט פריילעך, געשמועסט, געזונגען און געבענקט נאָך אביסל קולטור.

נאָר לאָמיך אייך בעסער דערציילן וויאזוי מיינע תלמידים האָבן מיך מקבל פנים געווען צו דער ערשטער לעקציע. ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר פונעם קלאס איז מען אויפגעשטאנען און אלע אינייגעם געזונגען: „טערענטע פורע פעטע (בים) לע דוטשע לא גאלאץ, לע ווינדע לא בארבאץ". דאָס איז דעמלט געווען א „שלאגער" וועגן א באנדיט טערענטע, וועלכער האָט „געארבעט" אין דער טונע־דעלטע, גערויבעוועט, אָבער נישט געהרגעט, פארכאפט יונגע מיידלעך און געמאָנט אויסקויף־געלד (אן אמתער פאָרגייער פון היינטיקע מעריב־דיקע „ספעציאליסטן"!). איך האָב נישט ווי געהעריק אָפּפעשאצט דעם כבוד, וואָס מע האָט מיר אָנגעטאָן און זיך אויסגעשריגן אויף די קינדער. אינגיכן האָבן די קינדער פארשטאנען, אז כ'וועל זיי נישט שלאָגן מיט אן אייזערנעם „קייטל„ פון א טיר, ווי א טאטע האָט מיך געבעטן טון זיין זונדל, אן אומרו־איק, דעפעקטיוו קינד.

מיט די קינדער האָב איך זיך איינגעלעבט, באצאָלט „רבי־געלד", נערוון, געשרייען, נישט געשלאָפענע נעכט ,און געווונען זעייר סימפאטיע און מיטאר־בעט. מיט די לערערס האָב איך מיך גיך אָנגעחברט. דער דירעקטאָר, א שוחטס א זון, אן אלטער, בחור, א קלוגער און קולטורעלער מענטש, האָט מיט מיר גע־פירט הייסע וויכחים וועגן יידיש און העברעיש, אויף יידיש אוודאי, און מיך געראָטן צו עסן יעדן טאָג פלוימען קאָמפּאָט, ווייל עס איז גוט צום מאָגן. ער האָט גערעדט עברית מיט זיינע תלמידים, און נישט געלאָזט רעדן קיין יידיש. עטלעכע יאָר שפעטער האָב איך באגעגנט זיינע העברעירנס (די בעסטע תלמידים זענען געווען מיידלעך): זיי האָבן געקוקט קרום אויף מאמע לשון און גערעדט און געלייענט „רק... רומעניש".

מיט די שטאָטישע יונגע מענטשן האָב איך געפירט לאנגע שמועסן אויף יידיש. אויף די „שפייסענאכטסן" האָט מען, אפשר צוליב מיר, געשמועסט וועגן

אלערליי ברענענדיקע פּראָבלעמען יידישע און נישט יידישע, אביסל געלייענט יידישע ליטעראַטור, געזונגען פאָלקס-לידער און גענומען גרייטן „צעזייט און צעשפּרייט„ פון שלום עליכם. ווען יהואש איז געשטאָרבן אָנהייב 1927, האָט מען אָרגאַניזירט א הזכרה. איך האָב געוואָלט זיין אָן אָריגינעלער בין איך ארויס אויף דער בינע מיט אן אויסרוף „יהואש איז געשטאָרבן!" פאָרגעזעצט מיט זיין ביאָגראַפיע; דער עולם איז אָבער געווען אומרואיק, נישט פארשטאַנען וועך פון די שטעטלדיקע עס איז אוועק אויף דער אמתער וועלט, ביז מע האָט אים אויפגעקלערט, אז דער ניפטר איז א יידישער פּאָעט פון אמעריקע. האָט מען שוין מיט געדולד אויסגעהערט מיין דרשה און אפילו אויסגעהערט דאָס קינסטלערישע פּראָגראַם: יהואשעס „סוכות-טעג", ראָזנפעלדס „מיין יינגעלע", פּרצס „מיין נישט", שלום עליכמס „טעפל", פרוגס „כוס" און גראָפּערס „רעקלאַמע" מע האָט געזונגען עטלעכע העברעישע לידער און דער עולם איז אהיימגעגאַנגען ווי פון א... חתונה.

מיינט נישט, אז די עלטערע בעלי-בתים זענען געזעסן מיט פארלייגטע הענט. זיי פלעגן זיך אויך צונויפקומען, יעדעס מאָל ביי אן אנדערן, אויף א מלווה-מלכה, און פארבראַכט, אָבער נישט צו שפּעט, ווייל מאָרגן איז דער מאַרק-טאָג, דער יסוד פון דער גאַנצער פּרנסה. אָט דערמאָן איך מיך אין א זאת-חנוכה וואָס מע האָט געפּראַוועט ביי א קהלסמאַן, א קליינער, קיילעכדיקער קורצפּיסיקער ייד מיט אסך קינדער און מיסחרים. דאָס ווייב און עטלעכע שכנות האָבן געקלעפּט און אָנגעקאָכט איבער 800 וואַרעניקעס. עטלעכע מינינים יידן האָבן געיום-טובט... א ייד טרינקט, אָבער ער שיכורט נישט. האָט זיך איינער פון די געסט, א שוואַכער טרינקער, אביסל איבערגע-טרונקען און זיך גענומען טאַנצן אינמיטן גאַס אין די הוילע אונטערוועש. עס איז אים הייס געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעטאָן און צוגעלייגט שלאָפן דערהערט די ציגיינערישע קאַפּעליע, האָבן זיך די געבליטן צעשפּילט אין אים און ער איז ארויס טאַנצן אינמיטן גאַס. דער מכבד אורח, רעב לייזערל מיט די קורצע פיסלעך, האָט זיך גוט אָנגעגעסן מיט וואַרעניקעס, האָט ער זיך צעשפּילעט, זיך צעלעגט אויף דער קאַנאַפּע און קוים געשעפּטשעט: „אוי, יידן, עס איז מיר גוט! עס איז מיר גוט ווי די וועלט!" ווי גוט עס האָט דעמאָלט געמוזט זיין אזא יידן, כדי ער זאָל דאָס אויסשרייען נישט האָבנדיק קיין מורא פאר א „גוט אויג".

א צווייט בילד, וואָס דערמאָנט אין ראַבלע צי אין באָקאַטשיאָ. איך לערן פראַנצייזיש מיט צוויי מיידלעך פון א הויכוויקסיקן, ברייטבייכיקן יידן, א ייד מיט באָרד און פּאות, מיט א גרויסן טלית-זאַק, וואָס האַלט א קרעטשמע און פירט שיינע מיסחרים; ער איז א שוואַכער קענער, אָבער א שטאַרקער דאַווענער

אפילו זונטיק, אין מארק-טאָג, ווען דאָס ווייב מיט די צוויי זין „ווערן צעריסן פאַר ארבעט," קומט ער שפּעט אהיים פון דער שיל. איך זע אים ווי ער וואשט זיך צו ברויט, מאכט המוציא און הייבט אָן קייען פונעם פּאַלומעסיק פול מיט לעבערלעך און פּופּיקעס פון די גענדז, וואָס מע האָט געקוילעט פּאַריקן דאָנערשטיק (היינט איז זונטיק) צוליב די זונטיקדיקע קונים. ער קייט א שטיק לעבערל, פאַרבייסט מיט א שטיק חלה, פאַרטרינקט מיט א ביסל פלוימענבראַנפן און פאַרזשמורעט די אויגן פאַר תענוג. פלוצים דערמאָנט ער זיך אין זיין קראַנקן מאָגן, שטעלט ער זיך אָפּ, שלינגט אראָפּ דעם ביסן און וויל אויפהערן. ער קוקט מיט רחמנות אויפן פּאַלומעסיק מיט יצר הרע און ער טוט א זיפץ: „אוי, דער זינדיקער מענטש!"... ער זינדיקט ווייטער ביז די מורא פאַר קרעמפּן איז גובר די תאווה און ער קוקט מיט פאַרדרוס אויף די געבליבענע מאכלים, דערגאָך גייט ער „זיך צולייגן אביסל ביז... נאָכן מארק" איך זע די סצענע דורכן שפּיגל און פאַרשטיי זיין קאַמף מיטן יצר הרע נעם מיר אראָפּ א מוסר.

ווינען ווין איך ביי שלום נוזשדע, אן עלטערער ייד, א דאָרפסגייער, מיט א גרויער באָרד און מאָגער פּנים. פאַר א פערטל פון מיין הכנסה באַקום איך עסט און שלאָף אין אן אלטמאָדיש צימער, וואָס דערמאָנט אין מיין באָבעס „סאַלאָן", וווּ מע פלעגט אויפנעמען געסט און זיי לייגן שלאָפן, אויב זיי זענען געווען פרעמדע. עסן דערלאַנגט מען ווי פאַר צוויי גוטע עסערס, אמתע יידישע מאכלים: פעטע, זיסע, געפעפערטע, גוט אויסגעקאָכט, גוט אויסגעבאַקן. מע דאַרף זיין פון אייזן נישט פעט צו ווערן. א גליק נאָר, וואָס די זאָרג פאַרן תכלית פון דער וועלט און דאָס בענקעניש נאָך א געליבט מיידל, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט אין יאס, פאַרשלאָגן דעם אפּעטיט.

שבת לערנט מען נישט אין דער יידישער שולע, אין שיל גיי איך נישט (עס פּאַסט נישט פאַר מיין סעקולאריזם, ווי מע רופט עס איצט), אָבער צו קידוש ווער איך פאַרבעטן. לעקעך און בראָנפן און א טעלער געקאָכטע נאַהוט מיט רייז אָדער „צימעס באָמבעס" גרויסע, ברוינע פאַסאָליעס געקאָכטע אין האָניק. אָפּגעפּטרט אָט די מיצווה גיי איך אהיים. דאָרטן וואַרט שוין אויף מיר א גרויס קיבל מיט בראָנגן, א פעטע יויך מיט „רענדלעך" ווי א גאָלדענע יויך, וואָס מע דערלאַנגט אויף א חתונה, א פערטל הון מיט פאַסאָליעס און זויערקרויט, צוויי-ארליי קוגלען: א לאָקשענער, א פעטער און א געבלעטערטער, א זיסער. ווען נישט דער לאַנגער שפּאַציר נאָכן עסן, וואָלט איך נישט געקאָנט בייקומען די מלווה-מלכה- מיט די יונגעלייט, ווו מיר דיסקוטירן, לייענען שלום עליכם, פּרץ, טונקעלער און אפילו פון דער ניו יאָרקער „מאָרגן-פרייהייט".

צוביסלעך פארענדיקט זיך דאָס שול-יאָר און איך וויל מער נישט זיין אין אזא העק, כאָטש עס איז מיר דאָרט געווען גוט איך האָב געקענט ווירקן קולטורעל. עס ווארט באלד אויף מיר די מילטער-דינסט, מע דארף זיך גרייטן צום „באקאלאורעאט" מע דארף ארבעטן אין דער יאסער „קולטור-ליגע"... שפעטער וועט מיך משה לייב האלפערן לערנען אז צוליב ברויט מיט רינדפלייש „טאָר מען נישט אָפּגעבן" די טעג פון לעבן...
עד כאן פרשה ביוואָלאר.

דער מבין

„דו ביסט דערויף א מבין ווי א קאץ אויף הייוון „אזוי פלעגט מיך אָפּפאָרן אונדזער אלטע קעכנע, וואָס אלע האָבן גערופן „באָבע חנה“, טאָמער האָב איך נישט גענוג ענטוזיאסטיש אָפּגעשאצט אירם א ניט-געראָטן מאכל. נישט אזא מין מבין וויל איך אייך דאָ פאָרשטעלן, נאָר אן אנדער מין מבין, וואָס נישטערט און זוכט אלטע ספרים, ביכער, בלעטער, כתב-ידן, אזוי ווי א קאץ נישטערט נאָך סמעטענע.

געוויינטלעך שטעלט מען זיך פאָר דעם פאָרשער פון אלטע דרוקזאכן ווי א זקן מיט א ווייסער באָרד, צעקנייטשט פנים, גרויסע אויגנברילן, מיט לאנגע, דארע פינגער, א וועלטפרעמדער, א לעבנסזאטער, א מאמין אז „סאקפריפטא מאנענט“, אז נאָר דאָס פארשריבענע קען לאנג געדייען, און גלייכצייטיק א סקעפטיקער, ווייל ער ווייסט וויפל געפארן — פייער, שימל, מייז, ווערעם, שוועמלעך, אָפּגעלאָזנקייט און רשעות-עם לויערן אויפן געדרוקטן וואָרט. און ער פרווט ראטעווען וואָס מער מענטשלעכע גייסטיקע שעפערישקייט, וואָס ליגט איינגעקריצט אין דעם פארגענגלעכן פאפיר.

מיר איז געלונגען צו קענען אזא קומענדיקן „ביכער-וואָרעם“, נאָך אין זיינע יינגלישע יאָרן. ער איז אלט געווען נאָר 16 יאָר און ער האָט גענישטערט אין דעם „אנטיקאריאט“ פון דעם אלטן גאבער אין „שול-הויף“. דאָס מיטלוויקסעקע יידל מיטן קמץ-בערדל, הארטן קאפעליטש און שארפן בליק, האָט געוויינטלעך געהאלטן אָפּגעניצטע לערנביכלעך, צעפליקטע שונד-ראָמאנען, פארלאָגערטע שלימזלדיקע ביכלעך, רומל, מעשה-ביכלעך ,לעבן נייע סידורים, מחזורים, תהילים, בענטשערלעך, מזוזות, בילדער פון רבנים און פון... אקטיאָרן.

דאָס בחורל האָט פלוצעם דערזען 4 בענדלעך ,געבונדענע אין רויטער לעדער, מיט א גאָלדשניט, וואָס ליגן פארשעמטע אין א ווינקל. ער טוט א קוק: עס איז א דרוק פון אדאם מיצקעוויטשעס פּאָעזיע, ארוים אין פאריז אין יאָר

1829. ער בלעטערט און גלעט די פיינע אויסגאַבע, נאָר וואָס האָט איר דערפון אז עס איז פּויליש. וויל ער אוועקליינגן די ביכלעך, באַמערקט ער אויפן שערבלאַט א ווידמונג אויף פראַנצייזיש טאַקע פון מיצקעוויטשעס האַנט, צו זיינער א פּאַריזער פריינדין. גליסט זיך אים שוין נישט ארויסצולאָזן פון האַנט די ביכלעך; זוכנדיק ווייטערע אויפשריפטן באַמערקט ער אז עס פעלט א באַנד פונעם קאָמפּלעט, ווייזט ער דאָס גאַבערן. ווערט יענער בייז און מאַכט צו אים: „דול נישט קיין ספּאָדעק! ווילסטו קויפן, גיב אהער 40 ליי און גיי דיר געזונטערהייט דיין וועגס“. דערהערט אזוינע שאַרפע דיבורים נעמט דאָס בחורל ארויס פון קעשענע דעם לעצטן גראָשן און באַצאָלט. דאָס האָט באַטייט נישט גיין אין קינאָ גאַנצע צען וואָכן, נישט זען „דעם ריטער אָן א קאָפּ“ און דאָסגלייכן...

שפּעטער מיט יאָרן, ווען ער איז געווען א סטודענט אויף ליטעראַטור און געשיכטע, האָט ער משער געווען, אז דאָס ווערק פון מיצקעוויטשן שטאַמט מסתם פון אן אָפּגעקומענער טאָכטער פון א פּוילישן עמיגראַנט פון 1963, ווען אייניקע פּוילישע אויפשטענדלער קענגן צאַר האָבן געפונען א מקום מקלט אין רומעניע. אונדזער מבין האָט אָנגעבאָטן די זעלטענע אויסגאַבע דעם וויצעקאָנסול פון טשערנאָוויץ, נאָר יענעם האָט עס נישט אינטערעסירט. דערפאַר האָט עס שפּעטער אינטערעסירט א יידישן סוחר, א קולטור-מענטש, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין אמעריקע; ער האָט דערפאַר באַצאָלט 25 מאָל דעם ערשטן פּרייז און האָט דערפאַר דערנאָך אָפּגענומען אין אמעריקע עטלעכע מאָל מער דאָלאַרן.

איצט לאַכט איר נאָך פון ביכער-זאַמלער? רופט איר זיי נאָך בטלנים און טפּשים? הערט א צווייטע מעשה. אין טשערנאָוויץ, פאַרן טעמפּל, איז געשטאַנען א הויכער ייד אין די מיטלערע יאָרן און אויף א טישל אָנגעבאָטן אַלטע ביכער. א מין פּאַריזער בוקיניסט. דאָ האָט אונדזער ביכער-פריינד איינגעקויפט פאַר א שיבוש 5 בענד פון א גרויס ווערק וועגן בבא-בוך און דער ווילנער „ייוואָ“ האָט זיך דערנאָך געשיינדלט דערמיט. נישט געגליקט איז עס אונדזער „העלד“ מיט אן אַלט רומעניש ביכל, אָן אן אָנהויב און אָן א סוף. אוועקגעגעבן דערפאַר 100 ליי (5 קילאָ ביליקע וואורשט!) האָט אים אויסגעוויזן אַסך. נאָך אים איז געקומען א רומענישער טעאָלאָגיע-סטודענט, וועלכער האָט עס אָפּגעקויפט און געראַטעוועט איינע פון די עלטסטע ביכער אויף רומעניש און דערביי פאַרדינט זיין עסן אויף א יאָר צייט. זאָל אים וויל באַקומען.

אזוי לערנט מען זיך יאָרנלאַנג שערן אויף יענעמס באָרד, מע לייענט און לערנט לייענען אַלטע יידישע כתב-ידן און אז מע געפינט אן אַלטן פּינקס פון א וויזשניצער חברה-קדישא פון תקכ׳ח, 1768, מוטשעט מען זיך מיט אים, פרעגט מען קענערס און ...מע דרוקט אָפּ אן ארבעט וועגן אים אין נר. 5 אויף

1939 פון די, „ייווא-בלעטער", דער לעצטער, וואָס איז אַרויס אין ווילנע, ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה.

מלחמה-צייט האָט אונדזער ביבליאָגראַף געהאַט אַנדערע זאָרגן; אין אַ ווייט אוזבעקיש שטעטל האָט מען נישט קיין סך מעגלעכקייטן צו שטודירן אַלטע ספרים, האָט ער זיך דאָרט באַקענט, אויף רוסיש, מיט דער סאָוועטישער ביכער-וויסנשאַפט, נאָכמער האָט ער געלערנט אויפן פראַנט, אין מיזרח-פּרייסן, צווישן נאָוועמבער 1944 און נאָוועמבער 1945. דער מלחמה-אָרגאַן האָט געווילדעוועט איבער עפנטלעכע און פּריוואַטע ביבליאָטעקן. עס שטייט אים נאָך פאַר די אויגן די ריזיקע ביבליאָטעק אין שלאָס פון די גראַפן דאָנאַ די דייטשן האַלטן אין איין באַמבאַרדירן דאָס שלאָס; עס איז נישט אויסצוהאַלטן און עס ברענען בילדער, זעלטענע ביכער, מאַנוסקריפּטן, למשל, דאָס טאָג-בוך פון אַ דייטשן גענעראַל פונעם 18 טן י'ה. ראַטעווען ביכער פונעם פייער איז גרינגער ווי טראָגן זיי דורך שווערע שלאַכטן אין דעם סאָלדאַטישן רוקזאַק. האָט מען טאַקע גיכער געראַטעוועט זיך אַליין די ווערטפולע ביכער. נישט ווייניק האָט מען געלערנט פון די אוצרות, וואָס האָבן געברענט אין קעניגסבער-גער שלאָס פונעם טעוטאָנישן ריטער-אָרדן צווישן 5—9טן אַפּריל 1945, ווען מיר האָבן געשטורעמט די פעסטונג און די שטאָט קעניגסבערג.

צוריקגעקומען אַהיים, קיין רומעניע ערשט אין מיי 1946 האָט דער אויס-געריסענער ביכער-פריינד גענומען לערנען הילכות יידישע ביבליאָגראַפיע, זיך דערמאָנט אין פון לאַנג געלערנטן, צוגעלערנט פרישס, נאָכגעפּרעגט ביי וויל-קענער וויקע, געזוכט אין ביכער און צוביסלעך געוואָרן „אַ שטיקל מענטש".

מע ווייסט, אַז מיט ביכער און צייטשריפטן זעלטענע דאַרף מען זיין געוואָרנט. אָבער ניט תמיד געלינגט עס...

הערט וואָס עס קען פּאַסירן עמעצן אין באַקוי, אין יאָר 1946. אונדזער העלד אַנטדעקט דאָרט אַ זאַמלונג פלוג-בלעטער און איינמאָליקע צייטונגען וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1900, בעת דער אַזוי גערופענער „צופו-סיקער עמיגראַציע". עטלעכע יאָר פון קריזיס, מאַסמיטלען קעגן יידן, האָבן דערפירט דערצו, אַז טויזנטער יידישע בעלי-מלאכות, קליינע סוחרים, אַר-בעטער האָבן פאַרצווייפלט באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. כדי צו שאַפן פאָנדן האָבן זיי געגעבן אַמאַטאָרן-ספּעקטאַקלען און אָפּגעדרוקט-אויף יידיש און רומעניש-פלוגבלעטער, וואָס מע האָט פאַרקויפט אויפן וועג צופוס, איבער שטעט און שטעטלעך ביז צו דער דעמאָלטיקער עסטרייכישער גרענעץ.

בעת איך בעט ביים באַזיצער פון אָט דער זאַמלונג בלעטער, ער זאָל זיי מיר אַהיים-באָרגן, כדי איך זאָל זיי קענען פאָרשן במנוחה, מאַכט ער צו מיר: „דאָס, נישט! איך בין אַלט געווען 14 יאָר ווען איך האָב זיי געזאַמלט, זיי זענען ביי מיר ווי

אן אויג אין קאָפּ. דאָ קענט איר זיי לייענען וויפל איר ווילט". איך בעט ביי אים כאָטש א געוויס בלאט, א באזונדערס אינטערעסאנטס, אָבער אומזיסט. פאר־פאלן. איך גיי אהיים און דערוואַרט מיך קוים אויפן אנדערן טאָג. געקומען צו דעם יידן מלא שימחה בעט איך ביי אים ערשטנס יענע צייטונג, שאָקלט ער מיטן קאָפּ טרויעריק אויף „ניין". וואָס איז געשען? שטעלט זיך ארויס, אז נאָך מיין אהיימגיין איז אריינגעקומען א שכינה מיט א קינד אויף די הענט. דאָס קינד האָט דערזען דאָס בלאט, מיט בילדער פונעם וועג, האָט עס גענומען וויינען: עס וויל דאָס בלאט. האָט מען איט צוליב געטאָן; נאָכמער ,עס האָט עס מיטגענומען צום שפּילן ביז עס האָט עס אויסגעשפּילט. און מיר האָבן פארשפּילט. און דאָך איז מיר געלונגען דורכצואַרבעטן דעם מאטעריאל, נאָכצוזוכן אין דער אלטער פּרעסע, אין צייטשריפן און ביכער און... אָפּצודרוקן אן ארבעט וועגן דעם אין די „ייוואָ־בלעטער" אין ניו־יאָרק (באנד 30 פון 1951)... אוי, ווי איך כאַפּ מיך, אז איך האָב אומבאמערקט דעקאָנספּירירט דעם העלד מיינעם; וועל איך מער נישט קענען קריטיקירן די ביבליאָגראפן, ביבליאָטעקארן און קולטור — היס־טאָריקער. פארפאלן.

איך מוז אָבער פּאָרט דערמאָנען א זאמלער, וועלכער האָט מיך, געלערנט, אז א זאמלער מוז זיין א מאניאק, א ליגנער, א שארלאטאן און א גנב. איך געפין אים א זכות. ער האָט אוודאי געמיינט, אז מע מוז זיין פארליבט אין פאך, מיט טאקט און חוש פאר מענטשן־פּסיכאָלאָגיע. א שטיקל דיפּלאָמאט און... סוחר (מע דארף זיך קענען דינגען) יענער האָט אפשר גענומען די מאָס אויף זיך; זי פּאסט נישט פאר קיין שום פאָרשער.

עטלעכע באזונדערע געשעענישן בעתן „געיעג" אויף יקר־המציאות. סי־גענט 1956. איך באקען מיך מיט א שמש, וועלכער איז א שוסטער אין דערבייקן דאָרף דראגאָמירעשט, וווּ עס איז אמאָל געווען א יידישער ישוב מיט לומדים און ווילקענערס. אלדינגס איז אומגעקומען אויף דעפּאָרטאציע. דער אלטער, קראנקער ייד איז א זכר לחורבן. איך פאָר צו אים אין דאָרף. א דאָרפיש שטיבל, אָפּגעלאָזן, אין א צימערל ליגט א געליימטע פרוי, אין א ווינקל, א מין שא־פקעלע מיט שוסטערישע כלים און א בינטל שמות". א דאָקטער און א ביכער־פאָרשער טאָר זיך נישט מיאוסן פאר גאָרנישט. איך נעם זוכן אין דער קופּע און צי פון דאָרט ארויס דעם „צמח דוד „פון 1592, שמוציק, צעריסן, צעפלי־קט. אין פרעג דעם יידן וויפל ער וויל פארן ביכל, מאָנט ער נישט מער ווי א טויזנטער (דער פרייז פון א מאנטל!). טראכט איך מיר: איך בין ווי דער מיטאָ־לאָגישע קעניג מידאס, אויף וואָס איך לייג די האנט, ווערט עס... גאָלד. ענט־פער איך אים רואיק. אז איך גיב 40 ליי. מע דינגט זיך, אָבער דער ייד האלט

פעסט ביי הויכע פרייזן. איך דערהער, אז עס פאַרט באַלד אָפּ דער אויטאָבוס קיין סיגעט, גיי איך איין אויף א ריזיקע. איך שלאָג פאר 100 ליי און גיי צום אויטאָ. א מינוט איידער מע פאָרט אָפּ, קומט דער ייד צו לויפן: גיט אהער דאָס געלד. דאָס מאָל האָב איך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג א ספר, אויף וועלכן דורות האָבן זיך געלערנט. א גרויסע ביבליאָפילישע מיצווה.

פאר צען יאָרן איז הארלוי, א שטעטל לעבן יאַס. אן עלטערן יידן געפעלט מיין אינטערעס פאר אלטווארג, זאָגט ער מיר אז אויפן בוידעם ליגן אלטע שמות, נאָך פון זיין זיידן. איך קריך ארויף א לייטער און קום אריין אין א גן-עדן פון מייז. פארפאלן. איר בין אריינגעפאלן. מוז מען זוכן, אפשר וועט עפּעס צו-פאלן. דאָס מזל שפּילט מיר צו און צווישן שמות און בבל געפין איך צוויי קליי-נע ביכעלעך, אָפּגעדרוקטע אין ווענעציע אין דעם 16 טן י'ה. קיין הארלוי זע-נען זיי מסתמא געקומען דורך א רב צי אן אנדער למדן, וואָס האָט זיי געירשנט פון א זיידן, יענער דאָסזעלבע, ביז מע דערגייט צום למדן, וואָס האָט זיי גע-קויפט ביי א וואַנדערדיקן מוכר ספרים ערגעץ אין איטאליע צי אין פּוילן. דער לאַטיינער זאָגט, אז ביכער האָבן זיך זייער גורל און ביי אונדז שרייבט ערגעץ: הכל תלוי במזל, אפילו ספר תורה שבהכל, אפילו א ספר-תורה מוז אויך וואַרטן אויפן מזל, מע זאָל עס ארויסנעמען צום לייענען...

...פאַראַן אויף דער וועלט רייכע ביכער-זאַמלער, וועלכע קויפן ביי אנטיקווארן, אויף אאוקציעס, ביי אנדערע זאַמלער. אנשי שלומנו קענען זיך אזוינס נישט פארגינען. מוז מען וואַרטן אויפן צופאל, אויף א מתנה, אויף מענטשן, וואָס ווילן נישט לאָזן פארלוירן גיין ביכער, וואָס האָבן א גייסטיקן ווערט. איז, וויל צו זיי און וויל צו אונדז.

א געשעעניש פון פאר 20 יאָר. זוגתי מרת ציפּרע באַגעגנט אן עלטערע פרוי און דערציילט איר, אז אן אלטע קוזינע אירע איז געשטאָרבן צוריק מיט עטלעכע וואָכן. אונטערן בעט ליגט א קעסטל מיט יידישע ספרים; וויל זי זיי אָפּ-פירן אין א שיל, האָט זי נישט די נייטיקע 20 ליי. מיין פרוי קומט אהיים און מיר גייען אין איינעם צו דעם אָנגעוויזענעם אדרעס. שלעפּ אפּיר דאָס קעסטל: א יאָרגאַנג פון א רומענישן זשורנאל, עטלעכע אלטמאָדישע פראַנצייזישע און דייטשע ראָמאַנען, מחזורים, א טייטש חומש, תחינות. און צווישן די תחינות צוויי טיילן פונעם „שולחן ערוך", א ווענעציאַנישע אויסגאַבע פון 1550. איך נישט שלעכט. איך האָב דער פרוי געגעבן עטלעכע מאָל מער ווי זי האָט געמאָנט.

עס איז גוט, אז מע טרעפט א גאַנץ ביכל. וואָס טוט מען אָבער אויב עס פעלט דאָס שער-בלאַט, צי דאָס לעצטע בלאַט מיטן קאָלאָפאָן, ווו מע קען זיך דערוויסן וועגן מחבר, טיטל, יאָר, אָרט און דרוקעריי? זוכט מען אין ביבליאָ-

גראַפיעס, ענציקלאָפּעדיעס, מאָנאָגראַפיעס. וועגן יידישער ביבליאָגראַפיע פעלן מיר אסך נייטיקע ביכער. קומט אלצדינג אָן אסך שווערער.

צומאָל באקומט מען אן אלט בוך דורך בייטן מיט א צווייטן ביכער-זאַמלער. איר קענט אפשר נישט די מעשה מיט די צוויי איידעמלעך. אָפּגעזעסן אויף קעסט צו דריי יאָר, גיט מען זיי דעם נדן און מע שיקט זיי אויף יארידן איינקויפן סחורה. יעדער איז פון אן אנדער שטאָט און ער פאָרט אויף אן אנדער יאריד. איינער האנדלט איין א שאָק שופרות פאר א פערטל פרייז פון דעם, וואָס מע צאָלט אין שטעטל (ער פארגעסט, אז א שופר לעבט מער ווי א מענטש, א שופר-בלאָזער). אהיימגעקומען ווערט אין שטוב יענע שימחה. דער אנדערער איידעם האָט איינגעקויפט א מציאה-ליולקעס-אויך אין גלייכן געלט. ער האָט אויך נישט גערעכנט ווי לאנג א ליולקע קען אויסהאלטן. מערער ווי א מענטש. זיין אהיימקומען האָט אָנגעמאכט א רושם נישט נאָר אין שטוב, נאָר אין שטעטל. הכלל אין א צייט ארום שיקט מען זיי אויף יארידן, זיי זאָלן אנדערע באַגליקן מיט זייערע מציאות. נאָר אויףביידע יארידן זענען קיין יונגע איידעמס נישט געווען... די צוויי באגעגענען זיך אויף אן אכסניא און מע הערט זיך אוים די פארביטערטע הערצער. בלייבט ביי זיי צו מאכן א געשעפט: זיי וועלן בייטן שופרות אויף ליולקעס. וועט מען זיי נישט קענען פירוואַרפן, אז זיי האָבן נישט געמיסחרט.

אזוי זעט צומאָל דער הדיוט די בייטעכצער צווישן קאָלעקציאָנארן. אין דער אמתן איז דער ענין בייטן א ראיעלע זאך: איינער האָט דובלעטן, אן אנדערער ווייסט ווו צוריקצובאקומען אן ענלעכן עקזעמפּלאר א דריטער „רייסט זיך אָפּ פונעם הארצן", אבי צו באקומען דאָס געווונשענע בוך, א פערטער...

לאָמיך אייך בעסער דערציילן וועגן א קבלישן כתב-יד, וואָס איינער האָט געפונען אין א קאסטן מיט אלטע פעדערן, ליידיקע קאָנסערוון-שאכטלען, אוים-געקראָכענע בערשטלעך און אָפּגעניצטע שולע-העפטן. איר זאָלט נאָר נישט פרעגן, ווער עס איז דער געפינער. נו, אלטע יידישע בלעטער מיט וועלכע, מע וויל אָפּסמאליען א געקוילעטע הון האָט איר שוין געראטעוועט? איך וויל אייך נישט דולן א ספּאָדיק מיט אן אָרון קודש שניצעריי, וואָס מע כאפּט אוועק איידער מע הייצט דערמיט דעם אויוון, צי פון א הדסל, וואָס א קינד שלעפּט ווי א וועגעלע ,צי...

איך האָב אָבער מורא, אז איר וועט אויף מיר זאָגן, אז איך האָב ניין מאָס רייד. איז בעסער, אז מיר זאָלן זיך דאָ אָפּשטעלן. ס'איז בעסער נישט צו דער-זאָגן, איידער איבערצוכאפּן די מאָס.

האָט זשע מיר א גוטן תמיד.

ברודער

עס איז געווען א הייסער זומערטאָג אין דעם פאבריק-הויף, אין דעם אוזבעקישן שטעטל, אויף די ברעגעס פון דער סיר-דאריא. מיר האָבן געשלעפט זעק צעמענט פונעם באהעלטער צו דער רערן-אָפּטיילונג, איך און מיין „קאָלעגע„ דער קרימטשאק, דער טאָטעריש רעדנדיקער ייד פון דער קרים. מיט זיינע בלאָנדע האָר און בלויע אויגן האָט ער אויסגעזען גאנץ אנדערש איידער אונדזער פאָרשטעלונג וועגן זיין שבט. ער האָט זיך גרינגער איינפארשטאנען מיט די אוזבעקן איידער מיט מיר; מיר האָבן ביידע קוים געקענט אביסל רוסיש און ביידע זענען מיר געווען אָפּגעקומענע לערערס, וואָס קענען נישט דאָס נייטיקע לשון. ער איז געווען א קריגס-אינוואליד, געטראָגן אָפּגעניצטע סאָלדאטישע בגדים, און ווייניק וואָס גערעדט. סוף ארבעטס-טאָג האָט ער צו פּלוצים א זאָג געטאָן „טוואָיא, מאָיא, אדין קראָווי״, וואָס איך האָב מיר פארטייטשט, אז אין אונדזערע אָדערן פליסט דאָס אייגענע יידישע בלוט.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך אָנגעחברט. און מיר זענען געקומען אויפן געדאנק יידן פון זיין שבט. וואָס האָבן אמאָל געוווינט אין אונדזערע מאָלדעווישע קאנטן, איך האָב דעמאָלט אויסגעשפּינט אזא מעשה וואָס איך דערצייל אייך איצט.

טשעטאטעא אלבא, די פעסטונג אויפן רעכטן ברעג נעסטער, האָט יתרום געמען. אירע גרינדער, די אלטע גרעקן, האָבן זי אָנגערופן טיראס. אסך הונדערטער יאָרן שפּעטער, ווען די הילצערנע פּלויטן, וואָס רינגלען ארום די פעסטונג, זענען געוואָרן טונקל, האָבן די ביזאנטינער איר א נאָמען געגעבן מאָווראָקאסטראָן, די שווארצע שטאָט, שפּעטער, ווען מע האָט געבויט א שטאָטמויער פון ווייסע שטיינער, האָט מען זי שוין גערופן די ווייסע שטאָט, אספּראָקאסטראָן. דייטשן און יידן האָבן די שטאָט אָנגערופן וויסנבורג, מיטן זעלבן נאָמען ווי די טראנסילוואנער שטאָט אלבא-יוליא און ווי דאָס סערבישע בעל-

גראד. די סלאוון האָבן אלע די שטעט אָנגערופן באָלגראד און די טאָטערן האָבן דעם ווייסן נאָמען איבערגעשטעלט אויף זייער לשון, אקערמאן. די איבעריקע נעמען שענק איך אייך, ווייל זיי קערן זיך נישט אָן מיט אונדזער ענין.

ארום 1400 איז די שטאָט געווען באַוווינט פון גענאָוועזישע איטאַליע-נער, פּיפּיקע סוחרים, מיט פארבינדונגען אין אסך לענדער זיי האָבן געהאנ-דלט מיט אלץ, אפילו מיט שקלאפן, וואָס די טאָטערן האָבן מיטגעשלעפּט פון זייערע רויב-עקספּעדיציעס; עס האָבן געוווינט אין שטאָט מאָלדאָוואנעס, ארמע-ניער, גרעקן און כלארליי יידן. דער יידישער ישוב פון אקערמאן האָט זיך אויס-געקאָכט צוביסלעך. פריער זענען אָנגעקומען די רעשטלעך פון כאזארן מיט זייער טאָטעריש-יידיש לשון און זייער ביסל תנכיש לשון-קודש. צו זיי זענען צוגעשטאנען (עס רעדט זיך נאר אזוי) ביזאנטינישע יידן, מיט זייער אייגע-נעם נוסח רומניה, יידן פון פערסיע, צווישן זיי תלמוד-קענערס, יידן פון קיעוו און פון דייטשלאנד. האָט זיך אויסגעשמידט אַן עדה פון וואָפן-שמידן, גער-טנער, סוחרים און קיזשנערס, דאָקטוירים און זאָטלמאכערס. דעם טאָטערישן יאָך האָט מען געפילט אין די הויכע שטייערן און אין... דער אויבערהאנט פון די איטאַליענישע סוחרים.

די טאָטערישע יידן האָבן זיך גרינג איינפארשטאנען מיט די טאָטערישע מו-שלים. זייער, לשון אייניקע מינהגים, זייער אָרנטלעכקייט און ארבעטזאמקייט און די ריינקייט פון זייער אָפּגעזונדערטן קווארטאל האָבן זיי פארשאפט כבוד. אין דעם פעלקער-געמיש פון טשעטאטעא-אלבא האָט יעדער דאָך געצויג [צו זיינע שטאמברידער, צו זיינע אמונה-ברידער. מיט דער צייט איז מען געוואָרן נענ-טער, יידן, פון אלע שבטים און עס איז דערגאנגען צו שידוכים צווישן די עדות.

דעם אָנהייב האָט געמאכט אבראהאם טשופּוט, וואָס האָט געהאט א שות-פות-געשעפט מיט שמואל ראָמאניאָטי. איז מען נישט געבליבן נאָר ביי געשעפט; מע האָט צוביסלעך אָנגעהויבן קומען צו גאסט איינער צום צווייטן. אזוי האָט זיך לוי דער זון, פון שמואל, באקענט מיט אבראהאמס טאָכטער זולעימא, יוון עס איז געוואָרן א שידוך .עס איז געבליבן, אז די תנאים וועט מען פראווען לויטן קאָנסטאנטינאָפּאָלער נוסח און די חתונה, לויטן קרימטשאקישן.

דריי טעג פאר דער חופה האָט מע דער כלהם אויסשטייער אָפּגעפירט א היים צום חתן. אין טאָג פון דער חופה איז מען געגאנגען נעמען דעם חתן פון זיין היים און אים געפירט, אין איינעם מיט זיינע קרובים צו, דער כלהם עלטערן. די קלעזמער האָבן געשפּילט אלערליי ניגונים: קרומטשאקישע ראָמאניאָטישע, וואָלעכישע, מזרח-יידישע. שפּעטערצו האָט מען געפירט די כלה מיט אירע קרובים צו די קומענדיקע שווער און-שוויגער. די חופה האָט מען געשטעלט

פארנאכט, אויפן שילהויף. אלע יידן פון אקערמען זענען פארבעטן געוואָרן צו דער חתונה און מע האָט פארבראכט א וואָך צייט. אָט די חתונה האָט געעפנט א וועג פאר אסך „געמישטע" שידוכים צווישן די יידישע שבטים. ווען שטעפאן דער גרויסער האָט שפעטער איינגענומען די פעסטונג האָבן יידן זיך פארבונדן מיט מאָלדעווע און זייערע אייניקלעך האָבן זיך געפלאָדיעט אין באסאראבישע און אנדערע מאָלדעווישע שטעט און שטעטלעך.

דערווייל האלטן מיר נאָך ביי דער ערשטער חופה. לויטן אלטן קרימטשאקישן מינהג איז די כלה נישט ארויסגעגאנגען פון דער שטוב ביז נאָך שבע ברכות, גאנצע זיבן טעג אפילו די געצײלטע קאראימער אין שטאָט זענען אויך צוגעשטאנען צו דער שימחה, איז זיי טאקע געווען גוט און אונדז זאָל זיין נאָך בעסער. אזוי ענדיקט זיך יעדע מעשה. אונדזערע אויך.

א גאָלדענע קייט

די וועלט זאָגט א ווערטל: „צוליב דיביימער דערזעט מען נישט דעם וואלד“ ווער עס קוקט פון דער נאָענט האָט נישט תמיד דעם ריכטיקן איבערבליק איבערן גאנצן. אקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אקעגן דעם, וואָס נישט יעדער רינג אין דער גאָלדענער קייט פון בארימטע ספרדישע דאָקטוירים, וואָס יעדער פון זיי איז א רופא מומחה, אין די רומענישר לענדער, האָט געפילט, אז ער איז א רינג אין א קייט, א גאָלדענע קייט, וואָס ציט זיך איבער דורות און יאָרהונדערטער. די שפּעטערדיקע דורות קוקן אויף צוריק דערזעען זיי דעם המשך און זיי האלטן זיך קליגער פון די ראשונים; זיי פארגעסן, אז עס איז גרינגער צו זיין קלוג אויף צוריק איידער אויף פאָרויס.

דאָס ערשטע רינגל אין דער גאָלדענער קייט יידישע דאָקטוירים ארום די רומענישע קארפּאטן: דער בכבודיקער דאָקטער ר׳ שמואל, וועלכער איז געקומען היילן דעם גרויסן מאָלדעווישן פירשט שטעפאן, ארום 1504. געשיקט האָט אים דער כאן-טאטאר פון קרים, דער האלבאינדזל ביים שווארצן ים. געווען איז ר׳שמואל נישט נאָר א קענער און היילער פון גוף, נאָר אויך א קענער און טרייסטער פאר דער נשמה. לאנג איז ער הי נישט געבליבן, אָבער זיין רושם האָט געקלונגען איבער יאָרהונדערטער.

עס קאָן זיין, אז עטלעכע רינגען זענען פארדעקט פונעם נעפּל פון געשיכטע. אָבער ארום 1580 קומט אויף א שיינענדיקער רינג אין אונדזער יחוס-קייט. רבי שלמה׳ן ארויא. ער איז נישט נאָר א געבענטשטער דאָקטער פארן גוף, נאָר א רב, א לערער און א וועגווייזער פאר דער יאסער קהלה. פאר זיינע טיפסטע איבערלעבענישן זוכט ער אין די באהאלטענע ווינקלעך פון קבלה; איבער 40 יאָר וועט ער פירן און היילן, טרייסטן און שטארקן די אם ועיר בישראל, יאס, די הויפּטשטאָט פון מאָלדעווע.

אין האלבטונקל פון צייט-אָפּלויף באווייזט זיך א שפּאלט, א שטראל: דער טראנסילוואנער רופא יהודא בר דוד ז״ל. ווי ער התמעט זיך אויף א ביכל

זועגן רפואות-פלאנצן, געשריבן לאטייניש פון פעטער מאסיאָלום און ער גיט צו „שנת שע׳ז לפק“ כ׳ח טבת“ ערגעץ דעצעמבער 1616. עס קען זיין אז אַט דער דאָקטער יהודא איז נישט קיין ספרדי, אָבער וואָס ארט אייך אויב עס כאַפּט זיך אריין אן אשכנזישער מעדיקער צווישן א מנין ספרדישע? סיי ווי טאַפּט מען אין דער פינצטער כמעט א יאָרהונדערט ביז מע דערוויסט זיך אין יאס א טייערן נאָמען „החכם הנבון, הרופא המומחה כבוד מורינו הרב רב יוסף קונייאן הספרדי.

ספרדים זענען דעמאָלט געווען בטבע מיוחסים. דער דאָקטער יוסף איז אָבער געווען פון גרויסן יחוס. דאָקטערייַ האָט זיך אין זיין מישפחה געצויגן זינט דורות זיין עלטער-זיידע שלמה קונייאן איז געווען פּראָפעסאָר פון מעדיצין אויף דער אוניווערסיטעט פון פאדוא. ביי אים האָט געלערנט ארומן 1675, דער שפּעטערדיקער מעדיקער פון דעם סולטאן און פון זיין וויזיר ראסי-פּאשא ר׳ טוביה הכהן מאנוסקריבא, וועלכער האָט געצויגן זיין יחוס פון עזרא הסופר. א טייל פון דער מישפחה קונייאן האָט זיך מיט דער צייט באזעצט אין טערקיי, אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, און געוואָרן חשוב ביי מלכות ווי דאָקטוירים און דיפּלאָמאטן. די אומות העולם האָבן די מישפחה אָנגערופן קאָנעליאנאָ און געקוקט אויף זיי מיט אָפּשיי צוליב זייער איינפלוס אין סילטאנס הויף.

ווען די טערקן האָבן זיינט 1711, אָנגעהויבן שיקן אלס לאנדפירשטן פון טאָלדעווע און וואָלעכיי זייערע אייגענע „מענטשן“, גריכישע דיפּלאָמאטן פון דער סטאמבולער פּאָרשטאָט פאנאר, אָבער זיי סיטגעשיקט אייגענע פּארטרויטע טוער: טעקרעטארן דאָלמעטשערס, דאָקטוירים. איז דער ערשטער גורל געפאלן אויף אונדזער קונייאן. געהייסן האָט עס, אז ער וועט זיין הויף-דאָקטער, אָבער דער 50 יעריקער האָט זיך אינטערעסירט אויך פאר זיינע יאסער יידישע מיטמענטשן.

אליין א זון פון א דאָקטער, און א באקאנטער דאָקטער אין די הויכע פענצטער, האָט אים די נאָמינאציע קיין יאס נישט צו שטארק געטראָפן. ער האָט געהאט אויסגעגעבענע קינדער אין סטאמבול און איזמיר און איז געווען א פרישער אלמן. דאס רעשיקע לעבן פון דער טעריקשער הויפּטשטאָט האָט אים איצט ווייניק וואָס אינטערעסירט. ער האָט געזוכט א טרייסט אין משנה-מקום זיין, איז ער געקומען קיין יאס אָן צו גרויס הארצווייטיק. די פירשטן זענען לאנג נישט געבליבן אויפן „בענקל“, אָבער דאקטער יוסף קונייאן האָט זיך איינגעלעבט אין דער וואקסנדיקער, רירעוודיקער אשכנזישער קהילה; ער האָט זיך געחברט מיטן בארימטן אָרטיקן רב ר׳ פתחיה לידא, געפירט מיט אים לומדישע און פילאָסאָפישע שמועסן, ביי אים געליגן ספרים און געהיט זיין געזונט. און דאָס געזונט פון יאסער מענטשן, יידן און נישט יידן, וועלכע האָבן געקענט

זײַן בקיאות און זײַן ערנטלעכקייט, זײַן אײדעלע צוגעלאָזטקייט, זײַן דער־מוטיקן קראַנקע און טרייסטן דערשלאָגענע. און דאָך האָט ער נישט געװינס אין ענגן, הײמישן יידישן קוואַרטאַל, נאָר אויפֿן אײבערמאַרק, אקעגן באַשאַטעם באַרג, אין אַ שטוב מיט אַ גאָרטן אַרום מיט אַ באַסיין און אַ קיאָסק לויטן מיז־רחדיקן נוסח. אינדערהיים האָט ער קיין קראַנקע נישט אויפֿגענומען, אָרעמע האָט ער באַהאַנדלט אין יידישן שפּיטאָל, צו רײַכערע איז ער אַהײמגעגאַנגען.

זײַן תלמיד און צוהעלפֿער איז געווען זלמן רופֿא, אַ יונגערמאַן, װאָס איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ בוקאָווינער דאָרף און געקענט די פֿלאַנצן און רפֿואות, וואָס די פּויערן, פּאַסטעכער, שטאָטישע ייִדן און נישט־יידן היילן זיך ווען זיי זענען קראַנק.

דער דאָקטער האָט נאָכגעקוקט אין זײַנע לאַטײנישע ספֿרים און אָפּט צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ, דאָס הייסט ער האָט דערקענט, אַז די פֿאָלקס־מעדיצין איז אַסך מאָל גערעכט, איבערהויפּט נאָכדעם װאָס ער האָט זיי אַליין אויס־געפּרוווט צום גוטן.

זלמן האָט אים אַ שטיק צײַט געדינט ווי אַ פֿאַרטײַטשער, ביז דר. יוסף האָט אויסגעלערנט אַביסל יידיש, כדי צו רעדן מיט פּאַציענטן. דורך אים האָט ער דעם עולם נעלערגט האַלטן ריין, היטן זיך פֿון קראַנקהייטן; ער האָט געזען מע זאָל האַלטן ריין די שחיטה־שטיבלעך, די יאַטקעס דאָס באָד און דעם הקדש...
דאָס האָט אים געמאַכט ער זאָל זיך פֿילן ווײניקער פֿרעמד; פֿון צײַט צו צײַט האָט ער געקענט כאַפּן אַ שמועס אויף זײַן שפּאַניאָליש מאַמע־לשון מיט דורכפֿאָר־נדיקע סוחרים, שליחים, וואַנדערער, עולה־רגלניקעס, זײַן גרויסע טרייסט איז געוועזן, וואָס ער האָט געפֿילט ווי נייטיק ער איז אין יאַס, ווי ליב מע האָט אים, ווי הויך מע שעצט אים.

די צײַט שטייט נישט אויף אַן אָרט און יוסף קונייאַן האָט אָנגעהויבן בען־קען נאָך רו, נאָך אַ שטיל ווינקל. האָט ער זיי ביידע געפֿונען דאָנער־שטיק דעם פֿערטן חשוון תצ״ג, ווען מע האָט אים מקבר געווען אויפֿן אַלטן בית־עולם פֿון יאַס.

„הדוקטור המוכחה לרבים" דער אויסשטודירטער דאָקטער ניסים בן בועז. פֿון דער מישפּחה מנשי, וואָס שטאַמט פֿון דעם גריכישן אינדזל ראָדאָס איז געקומען קיין יאַס ערגעץ סוף 18־טן יאָרהונדערט. אים איז ענג געווען אין ענגע געסלעך, זומער שטויביקע, האַרבסטצײַט בלאָטיקע, פֿון דער מאָלדעווי־שער הויפּטשטאָט יאַס; האָט ער ליב געהאַט צו שפּאַצירן איבער די שיינע אַ־רומיקע בערגלעך, באַדעקטע מיט ווייַנגערטנער, מיט וועלדלעך, מיט פּאַשעס.
אַזוי איז ער פֿלוצים אָנגעקומען אויפֿן אַלטן בית עלמין פֿון דער הינטערגאַס

סטיריק. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין „הייליק אַרט", ווייל עס דערמאָנט אין די גרענעצן פונעם דאָקטערס כוח, אין געוויסע פּאַציענטן, וואָס מע האָט אפשר געקענט ראַטעווען. און דאָך האָבן אים צוגעצויגן די שיין אויסגעהאַקטע מצבות, אַ באַוויין פאַר דער מייסטער שאַפט פון יידישע מצבה-שלעגערס... ער שטעלט זיך אָפּ לעבן דעם אוהל פון דעם חכם-באַשא בצלאל, מיטן שיין אויסגעקריצטן שבח און עס פּאַלט אים אויף אַ שכנישע מציבה... הרופא המומחה... יוסף קונייאן הספרדי..."

עס איז גוט צו באַגעגענען אַן אייגענעם מענטשן, אַ ספרדי, און אַ דאָק-טער דערצו, דאָ אין דער אשכנזישער קהילה, וואָס ווימלט מיט יידעלעך האַס-טיקע, רעשיקע, וואָס יאָגן נאָך פּרנסה, נאָך אַ קדושה מיט ברכו, נאָך שיריים פון אַ צדיק, נאָך אַ גוטער דרשה, אַ גוטן חזן, נאָך אַ שידוך פאַר אַ טאָכטער און נאָך וואָס איר ווילט צי איר ווילט נישט; אַבי געיאָגט זאָל זיין...

דאָקטער ניסים וואָלט וועלן וויסן פון זיין אַלטן קאָלעגע צי אין די פרי-ערדיקע צייטן איז אויך געווען אַזויפיל עלנט, נויט, קראַנקהייט און דערשלאָגנ-קייט צווישן די אָרעמע יידעלעך, צי האָט מען בשעתו אויך מער געהאַלטן פון אָפּשפּרעכענישן, קמיאות, בליי גיסן, מעסטן קברים וכדומה, איידער פון ריינ-קייט, רפואות און אָפּגעהיטקייט, מער בלינד געגלייבט אין גורל איידער אין דאָקטער... נאָר גיי פרעג אַ שטיין. אַ שטיין בלייבט אַ שטיין אפילו ווען ער דייט אויף אַ גרויסן דאָקטער, פילאָסאָף און למדן. נישט כדאי צו בלייבן שטיין לעבן אַ שטיין. נישטאָ וואָס פון אים צו פאַרשטיין. לאָזט זיך דער דאָקטער ווייטער גיין.

ער פאַרקוקט זיך אויפן בלויען הימל און עס דאַכט זיך אים, אַז עס איז דער בלויער ענגעישער ים, די קליינע וואָלקנדלעך זעען אויס ווי ווייטע אינדז-לען, אָדער ווי כוואַליעס, אָבער שיפן זעט מען נישט.

זיפצט ער אָפּ און לאָזט זיך גיין אויפן אייבערמאַרק; דער אָוונט פאַלט צו; די לעבעדיקע גאַסן פאַרטרייבן די מרה שחורה פונעם דאָקטערס נשמה; ער גייט אהיים און פאַרטיפט זיך אין סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט", דער אָפּטי-מיסטישער בעל-חלומות. ווערט אים גרינגער אויף דער נשמה.

קאָן איך טאַקע פאַרענדיקן אָט די מעשה אויף אַ פרייליכער נאָטע. ווייל טרויער איז אַ גרויסע עבירה, זאָגן די חסידים. לאָמיר-זשע נישט זינדיקן דער-מיט.

מע טאָר נישט הרגענען (לא תרצח)

זינט דער וואָלעכישער לאַנדפירשט, דער וואָיעוואָד מירטשא טשיאָבאַנול, האָט פאַרפעסטיקט די הויפּטשטאָט זיינע, בוקארעשט, מיט אַן ארומצווּמונג פון קלעצער האָבן זיך די שטאָטלייט, דער עיקר די סוחרים, געפילט זיכערער; סיי די וואָלעכישע, די אָרטיקע, סיי די גרעקישע, די ארמענישע, די יידישע האָבן זיך פעסטער באַזעצט אין שטאָט. די יידן פלעגן קומען צו פאָרן מיט סחורות פון ניקאָפּאָל, אדריאַנאָפּאָל, סאַלאָניק, אָפּ זיין א שטיקל צייט און צוריקפאָרן אהיים מיט די איינגעקויפטע פּראָדוקטן. איצט האָט מען זיך פעסט באַזעצט אין שטאָט, אַראָפּגעבראַכט די מישפחות און געווען פאַרבונדן מיט דער אַמאָליקער היימשטאָט דורך באַקאַנטע און שותפים. קעגן דער מיט פונעם זעכצעגטן יאָרהונדערט איז די ספרדישע קהילה אויסגעוואַקסן צו אַן אייגענעם מנין אין אַן אייגענער שיל. די אָנגעזעענסטע הענדלער האָבן זייערע קלייטן אויפן „באַזאַר”, דער מאַרקפּלאַץ נאָענט צום פירשטלעכן הויף.

דער פּרנס, דוד אבן אושא (אוסא), איז געווען א שטיקל למדן און א חשוב ביי מלכות, ווייל ער האָט געבאָרגט געלט דעם פירשט און די באָיאַרן. אין א שבת צו נאַכטס האָט ער צונויפגערופן די פּני פון זיין קהילה, כדי ארומצושמועסן וויכטיקע ענינים. זיצן ארום דעם טיש אמאַטאָ חביב און זיין זון אברהם, דער אַלטער יצחק רופוס און זיין זון יוסף (דער יינגערער, איז נאָך א בחור), דוד מר חיים, שלמה אסתרלגא (עסטערלעגא). אביסל וויטער זיצן די קלענערע בעלי-בתים אברהם בן אליעזר, משה אנגיל און אנדערע. דער ענין ווערט פירגעבראַכט פון די ניקאָפּאָלער יידן יצחק צבי, ברוך גליפּפּא (גאַליפּאַפּא) און ברוך בן אליעזר. זיי דערציילן, אַז אייניקע וואָלעכישע סוחרים ווי גראָזא און פירעא און אפילו גרעקישע, ווי איסאר פּאַנאַיאָטע פּרווון קאָנקורירן דערמיט וואָס זיי שיקן אייגענע מענטשן קיין סאַלאָניק דאָרט איינקויפן דירעקט די מיזרחדיקע סחורות און צומאָל געלינגט עס זיי ארייַנצושמוגלען די סחורות; דערצו

פארקויפן זיי אייניקע ארטיקלען אין די פריצישע הויפן אויפן באראגאן און ארום בוקארעשט. זיי פארמסרן צו דער וויסטעריע טויג נישט. מע איז נישט קיין מוס־ריב. איז געבליבן, מע זאָל צובויען א סקלאד, טאקע אויפן באזאר און אָרט אָפליינן גרעסערע סכומען סחורה, וועט מען קענען אָפשלאָגן די קאָנקורענץ. דערנאָך האָט מען באשטימט, אז מע דארף ארויפברענגען א „חכם", לערנער, וואָס וועט זיין אי שוחט, אי מלמד, אי חזן; דערצו האָט מען אָנגענומען א הלטה ארומצוצוימען דעם קליינעם בית-עלמין וואָס מע האָט אָפגעקויפט צו־ריק מיט יאָרן. און זאָל דער אייבערשטער שענקען געזונט, פרנסה, נחת פון קינדער און נשיעת-חן. דערויף איז מען זיך צוגאנגען אהיים.

אהיימגעקומען האָט מען גענומען אָפרעכענען די געשפטן פון פאָריקער וואָך און איבערציילן דאָס מזומן. ביי רופוסן איז דער ענין נישט געווען קלאָר; דער יינגערער זון, דער היציקער שטרענגער און הערשערישער זון יהודא, האָט אויסגעפינען, אז עס פעלט אים פון דער קאסע א גענוג גרויסער סכום, א פיר טויזנט פיאסטער. האָט ער א בייזער גענומען איבעררעכענען און איבערציילן; דערפון איז אָבער קיין פארע נישט צוגעקומען. דער פאָטער פון זיין זייט האָט אויך געפונען א מאנגל אין זעכצן הונדערט פיאסטער. זיי האָבן נישט געהאט קיינעם נישט געבאָרגט און אויף קיין אנדער אָרט באהאלטן קיין געלט. ווערט מען שוין אופגעבראכט; נישט אזוי צוליבן נישט קליינעם שאָדן, ווי צוליב דער סברה, אז דאָ שטעקט די האנט פון אן היימישן גנב; און פאר א היימישן גנב איז שווער זיך צו היטן. ווער-זשע קאָן זיין דער גנב? מע צוילט אויף פינ־גער אלע איינגייערס און קיינער פון זיי איז נישט געווען אין קאנטאָרע זינט פרייטיק. סיידן... יאָ.

דער יונגער יהודא שפרינגט אויף. ער ווייסט שוין, ווער דער גנב איז; דער כמזר, דער אומפארשעמטער יתום, דאָס קלייט-יינגל, וואָס מע האָט אויפגע־נומען פאר רחמנות. זייער אדריאַנאפּאָלער הויז-דינער גדליה איז געבליבן אן אלמן און אינגיכן איז ער אליין אויך אוועקגעפאלן אין א מגיפה; האָט די שטאָט זיך פארלייגט אויף די רופוסעס, זיי זאָלן דעם יתום נעמען אין דער לער, ער זאָל אויסוואקסן א קאָמי, א באדינער און, שפעטער, א פארקויפער. יהודא רופוסן געפעלט נישט דעם יינגלס פארביסנקייט, זיין עקשנות און זיינע בייזע בליקן. דערצו טראָגט נאָך דאָס משרתל דעמזעלבן נאָמען ווי ער, דער יונגער בעל-הבית, אזא הוצפה!

דער הייסבלוטיקער יהודא רופוס הייבט אָן האסטיק צו זוכן דאָס יינגל; ער כרעפט אים אין דעם אויסגעשטיינערטן הויף, וווּ ער קערט אוים און ריי־ניקט. מיט רציחה ווארפט ער זיך אויפן יינגל און נעמט אים שלאָגן; דאָס יינגל

נעמט ווײנען. קומט אונטער דער פּאָטער, יצחק און פּרוווט באַרויקן דעם זון: נישט שלאָגן; מיט גוטן וועסטו מער פּועלן. נעמט מען דאָס ייִנגל אַראָפּ אין קעלער און מע נעמט אים אויספֿרעגן: ווען האָסטו צוגענבעט דאָס געלט? ווו האָסטו עס באַהאַלטן? ווער האָט דיך אָנגעשטעלט צו גנבענען? וואָס האָסטו געוואָלט טון מיטן געלט? ווו איז דאָס געלט. ווו? און נאָך יעדער פֿראַגע אַ פּאַטש, — אַ קלאַפּ, אַ זעץ, אַ שטופּ, אַ קנופּ. דאָס ייִנגל שווײַגט פּאַרביסן; ער ווייסט נישט, וואָס זיי ווילן פֿון אים, וואָס איז די גניבה, וואָס האָט ער דערמיט צו טון. זיי נעמען שמײַסן מיט אַ רימעט, דאָס ייִנגל חלשט; דער צעיושטער יונגער דופוס, אַרויס פֿון די כּלים; דער פּאָטער קאָן אים שוין נישט אָפּהאַלטן. מע מונטערט דאָס ייִנגל; ער וויל פּטור ווערן פֿון די פּייניקונגען; גיט ער צו, אַז ער האָט געגנבעט. באַפֿאַלן אים די צוויי: ווו איז דאָס געלט? ווי קען ער דען ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, ווען ער ווייסט נישט פֿון גאָרנישט; איז ווידער געשלאָגן ביז ביידע ווערן מיד און זיי לאָזן אים ליגן אַ צעבלוטיקטן, אַ צעשלאָגענעם ווי אין אַ קעלער פֿון דער אינקוויזיציע.

עפּעס פֿון דעם ייִנגלס קולות האָט מען אַרויסגעהערט אינדרויסן. איז מען געלאָפֿן אָנזאָגן דעם פּרנס ר׳דוד אבן ארשא. ביי אים איז גראָד געווען זײַן באַקאַנטער אברהם בר אליעזר, אַ חשובער סאַלאָניקער סוחר, האָט ער אים גע־בעטן מיטצוגיין צו דער קלײַט פֿון רופוס. דאָרט האָבן זיי אָנגעטראָפֿן דעם שי־תּופֿ פֿון די רופוסעס, יעקב חביב, און אים דערציילט, אַז מע שלאָגט דאָס ייִנגל. איז אונטערגעקומען אויך דער פּאָטער אמאטאָ, וועלכער האָט געקענט די ברו־טאַלישקייט פֿון יהודא רופוס און געבעטן די צוויי: „למען השם, לויפֿט, זייט מציל דאָס ייִנגל, עס זאָל, חלילה, נישט געשען קיין אומגליק; דאָס ייִנגל קאָן זיך נאָך גיין שמדן צו די טערקן אָדער גאָר זיך נעמען דאָס לעבן; מע טאָר אַזוינס נישט צולאָזן“.

דער פּרנס און זײַן באַגלייטער זענען אַריבערגעגאַנגען די גאַס און אַרײַן אין דער קלייט פֿון די רופוס. דאָרט האָט זיי דער אַלטער רופוס אויפֿגענומען. דערהערט אַז זיי נעמען זיך אָן די קריוודע פֿונעם ייִנגל האָט ער זיי אָפּגעפֿאָרן: „אַזוי גאָר! איר זענט געקומען מיר מאַכן אַ סקאַנדאַל? גייט אײַך געזונטער־הייט אַהיים, עס איז נישט אײַער עסק.„ און איז אַוועק אַ ברוגזער צו זיך אין דעם קליינעם הינטערשטיבל. די צוויי פּני האָבן זיך געפֿילט ווי אויסגעפּאַטשט, אָבער קריגן האָבן זיי זיך נישט געוואָלט...

מאָנטיק אינדערפֿרי איז אַ דינסט פֿון די רופוס געקומען צום פּרנס כּדי צו ווײַזן טון, אַז דער גנב, ייִנגל יהודא בר גרשון, דער גנב פֿון אַסך געלט,

האָט זיך אויפגעהאַנגען אויפן בוידעם. מע האָט אים געפירט אַרוים פון שטאָט און אים פאַרשיט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזוינע, וואָס נעמען זיך אַליין דאָס לעבן. דוד אבן אושא האָט דערויף צונויפגערופן די פני פון זיין עדה און געשיקט רופן די בני רופוס. זיי האָבן נישט געוואָלט קומען צו דער אסיפה מיטן אויס־רייד, אַז זיי האָבן דאָרט נישט וואָס צו זאָגן קיין ניים. האָט מען פאַרבעטן זייערע שותפים אמאַטאָ, ער זאָל זיי איבעררעדן, אַז זיי זאָלן קומען דערציילן פאַר קהל וואָס עס איז געשען. האָבן זיי ווידער נישט געוואָלט קומען, נאָר גע־בעטן אמאַטאָן, ער זאָל זאָגן, אַז דאָס יינגל האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט צוגעגנבעט דאָס געלט און אַפּגעגעבן דאָס געלט. זיי מיינען אַז דער גנב האָט צוליב חרטה מער נישט געוואָלט לעבן. פאַר זיי איז גענוג דער צער און די בושה, וואָס זיי האָבן געהאַט.

דער גאַנצער ענין איז געווען אַן אומקלאָרער. מע האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן שטאַרק געשלאָגן דאָס יינגל. איז צו וואָס אַ באַהאַלטענע לוויה? איי־ניקע האָבן אפילו געטראַכט, אַז יענע האָבן זיך געהאַט דערמאָרדעט, אַז מע האָט זיי געבראַכט דאָס געלט נאָענט צו ליכט בענטשן, האָבן זיי עס אַוועק־געלייגט אויף דער גיך אין אַ שאַפע און פאַרגעסן אין דעם; דאָרט האָט עס געפונען די פרוי רופוס. האָט מען געשיקט צו רופוסן צוויי חשובע מענטשן, משה אנגיל און דוד מר חיים. האָט מען זיי געוויזן דעם בוידעם וווּ דאָס יינגל, זאָל זיך האָבן אויפגעהאַנגען. האָבן זיי געזען, אַז דאָס פּלאַץ איז געווען אָנגע־לייגט מיט סחורות. די סטעליע איז געווען אַזוי נידעריק, אַז אפילו אַ קינד האָט נישט געקאָנט בלייבן הענגען מיט די פיס אינדערלופטן. דערצו זענען נאָך די באַלקנס געווען אַזוי צונויפגעקלאַפּט, אַז מע האָט נישט געקענט דורכ־פירן צווישן זיי אַ שטריק. יהודא רופוס איז געבליבן ביי זיינעם: דאָס יינגל האָט זיך אויפגעהאַנגען און — פאַרטיק.

די צוויי שליחים זענען צוריקגעקומען צו דער אסיפה און דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען דערצו האָט שלמה אסתרלגא צוגעגעבן, אַז ער ווייסט אויף געוויס, די צוויי רופוסעס האָבן איבערגענעכטיקט אויפן בוידעם, ווייל ער האָט זיי דאָרט געטראָפן גאַנץ פרי טיף פאַרשלאָפן. איצט איז קלאָר געוואָרן אַז די רופוסעס האָבן דאָס יינגל צעשלאָגן אויף טויט און בסוד אים מקבר געווען. זיי האָבן ביי זיך געטראַכט, אַז זיי זענען נישט שולדיק, ווייל זיי האָבן אים נישט געוואָלט הרגענען. זיי האָבן נישט געוווּסט ווי שוואַך ער איז. און דערביי גע־טראַכט: אַ גליק נאָך וואָס ער האָט נישט קיין נאָענטע קרובים, וועלכע וואָלטן געגנישטערט דעם ענין.

די עדה האָט אָבער גישט גערוט. ווי האָט זיך עס געהערט ביי יידן אזא זאַך ווי הרגנען, און א יתום נאָך דערצו! אייניקע האָבן געמיינט, אז מע דאַרף די מערדער איבערגעבן צו די טערקן, אָדער צום לאַנד-פירשט. אנדערע האָבן אָפּ-געהאַלטן דערפון. טאָמער קומט מען אָן צו מלכות, וועט מען פאַרלירן דאָס פאַרמעגן פון די רופוסעס און דער פירשט וועט נאָך ארויפלייגן א גרויסן קנס אויף קהל. דערצו וועט די חשיבות פונעם גאַנצן יידישן ישוב ליידן און קאָנ-קורענטן וועלן דעם ענין אויסניצן צוליב זייערע געשעפטן... אָבער אָן א שטראָף קאָן מען דאָך אזא חטא נישט לאָזן. דאָס וואָס די רופוסעס טענהן, אז דאָס יינגל איז עובר געווען אויף „לא תגנב„ בארעכטיקט זיי נישט עובר צו זיין אויף „לא תרצח„. דערצו איז נישט באוויזן צי דאָס יינגל האָט טאַקע געגנבעט. און ביכלל ווו האָט מען געהערט צווישן יידן, צווישן ספרדים אזא הימל געשריי!

דער סאַלאָניקער גאַסט ברוך גליפפא אנטשולדיקט זיך פאַרן אריינמישן זיך אין א פרעמדן ענין. מע דאַרף די גאַנצע זאַך אויפשרייבן מיט אלע פּרטים און אָנ-פרעגן א שאלה ביים גרויסן סאַלאָניקער גאון מורנו שמואל מודינא. און ווי ער וועט פּסקענען, אזוי זאָל עס בלייבן. גליפפא זאָגט צו, אז ער און זיינע מיט-פאָרערס, וואָס געפינען זיך איצט אין בוקארעשט יצחק צבי און ברוך בן אליעזר, וועט דעם בריוו מיטנעמען קיין סאַלאָניק און דאָרט דערציילן פאַרן בית-דין אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען און וואָס די בוקארעשטער אסיפה האָט אָנגע-נומען. אלע זענען מסכים געווען מיט דאַנק.

דער סאַלאָניקער בית-דין האָט אויסגעהערט די עדות, איבערגעלייענט דעם בריוו און ארויסגעגעבן דעם פּסק: מע קען נישט וויסן צי דאָס יינגל האָט יאָ אָדער נישט געגנבעט דאָס געלט. עס איז קלאָר, אז יעקב חביב איז נישט גע-מישט אין דעם געשלעג. מע קען נישט זאָגן, אז די רופוסעס האָבן געוואָלט הר-גענען דעם יתום; עס איז געשען בשוגג נישט במיזוד. ס בלייבט אָבער א גרויסער חטא. און אויב מע זאָל אָננעמען, אז דאָס יינגל האָט זיך אליין גענומען דאָס לעבן, איז עס צוליב דעם פּייניקן אים. אזוי צי אזוי האָבן די רופוס זיך שווער פאַרזינדיקט. האָט מען זיי געקנסט, אז דאָס געלט, וואָס מע האָט זיי געהאַט צוגעגנבעט זאָלן זיי געבן פאַר אָרעמע לייט. דער עיקר לומדים. זיי וועלן א יאָר צייט פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און אָפּהיטן יעדעס יאָר דעם יינגלס יאָרצייט. און יהודא זאָל זיך היטן פאַר דער עבודה-זרה פון כעס.

די רופוסעס האָבן זיך געקרומט, אָבער דאָך מקיים פּסק געווען. חביב אמאטאָ האָט מיט זיי מער קיין שותפות נישט געפירט. יהודא רופוס האָט מער נישט געוואָלט בלייבן אין בוקארעשט און ער איז אוועק קיין אדריאנאָפּאָל.

דער אלטער רופוס האָט געהאלטן, אז ער האָט זיין עבירה אויסגעקויפט און זיך ווייטער געהאלטן גרויס. עטלעכע יאָר שפּעטער שרייבט ער אונטער ווי אַן עדות, אז ער האָט געפונען א טויטן יידן אין א בוקארעשטער ברונעם.

די נשמה פונעם בוקארעשטער יתום, א קרבן פון נגידישער אכזריות, איז געבליבן אָן א תיקון. און אפשר וועט אונדזער קליינע דערציילונג זיין א במקום תיקון?

א באגעגעניש אין יאס

ס'איז אן אויפדערנאכט פון תמוז שע'ח.

דער אלטער יאסער רב ר' שלמה 'ן ארואי, וואָס די פרעמדע רופן אים סאָלאָמאָן טעדעסלאָ, כאָטש ער איז נישט קיין אשכנזישער, נאָר א ספרדישער ייד (גע־וויינטלעך חתמעט ער הקטן שלמה בר' יצחק ס'ט ספרדי טהור, א ריינער ספרדי). זיצט פארטראכט אין זיין אָפּגענוצטן פאָטערשטול. ער קען קוים תופס זיין די פערלדיקע שורות פונעם קבלישן כתב־יד. וואָס ליגט פאר אים. ער האלט איצט אין שרייבן א פירוש אויפן זוהר. אָבער ער קאָן דערווייל נישט צונופהאלטן זיינע געדאנקען. זיי פליען אוועק ווייט, צו זיינע יונגע יאָרן. ער קוקט ארויס אויפן שילהויף און דערזעט אין לבנה־שיין די הילצערנע שיל, וווּ ער האָט פריער באגעגנט א יונגן גאסט געקומען פון סטאמבול, אויפן וועג קיין ליטע; ער איז אהין גערופן פאר א לייב־מעדיקוס פונעם פירשט ראדזיוויל.

דאָס דערמאָנט אים אין זיין אייגן אהערקומען, צוריק מיט 40 יאָר. עס האָט אים אהערגערופן דער לאנדפירשט פעטרו דער קרומער, ער זאָל אים זיין א הויף־דאָקטער. ר'שלמה איז דעמאָלט געשטאנען אין די בעסטע יאָרן. אין קאָנ־סטאנטינאָפּאָל האָבן יידן אים געהאלטן פאר א למדן אין נגלה און אין נסתר, ווי א פילאָסאָף און, דער עיקר, ווי א גוטער דאָקטער. ער האָט געשטאמט נישט פון קיין מיוחסדיקער משפחה, האָט מען אים נישט גערופן אויף קיין כסא־הרב־נות; ווי א מעדיקער איז ער אויך געווען באקאנט, אָבער די פעטע פאָסטנס און די גרויסע כיבודים זענען צוגעפאלן צו יענע, וואָס האָבן געהאט פארבינ־דונגען אין די „הויכע פענצטער", דורך זייערע רייכע יידישע און נישט־יידישע פאציענטן. אין שווערע פאלן האָט מען אים אָפט גערופן צו הילף אָבער דערנאָך פארגעסן אין אים. אפילו זיין פרומקייט און ערלעכקייט איז אויך געווען א שטער צום דערפאָלג.

ער איז נישט געווען קיין בר־מזל. ווען מע איז אים געקומען פירלייגן, ער זאָל פאָרן קיין וואָלעכיי פאר א לייב־מעדיקער פונעם קרענקלעכן לאנד־

פירשט פעטער דעם קרומען, פסח-צייט של״ח, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט צי אין דער הויפּטשטאָט איז פאַראַן א יידישע קהלה, האָט מען אים דערציילט, אז עס לעבן דאָרט זינט אסך יאָר רייכע ספרדישע יידן, וואָס האַלטן א שוחט, א שיל און אלץ, וואָס געהער צו יידישקייט. ווען ער איז אָנגעקו מען קיין יאס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז די סטאַמבולער יידן האָבן, בכיוון צו נישט, פאַרמישט דאָס רומענישע לאַנד וואַלעכיי מיט דער הויפּט-שטאָט בוקאַרעשט, מיטן צווייטן רומענישן לאַנד מאָלדעווע, ווענעמס הויפּשטאָט עס איז געווען יאס. פּוילישע יידן פלעגן ביידע לענדער אָנרופן וואַלעכיי. דער ספרדישער למדן האָט זיך קודם געפילט מאָדנע אין יאס, כאָטש ער האָט דאָ געטראָפן א קהלה מיט אַלעם וואָס יידישקייט מאָנט. די שיל א הילצערנע, נישט קיין גרויסע; די בעלי בתים כמעט אלע פּוילישע, אוקראַינישע. אָנהייב האָט ער זיך מיט זיי צונויפגערעדט אויף לשון קודש; מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוווינט צו זייער עברי-טייטש און ...געוואָרן א יאסער תושב. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט א ווייב און א טאָכטער און אַביסל ספרים, איז געוואָרן א היים.

יאסער יידן זענען גליקלעך געווען צו האָבן ביי זיך אזא חשובן למדן און אזא גוטן דאָקטער ווי ר׳שלמה ׳ן ארואי. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער לאַנדפירשט האָט געמוזט אנטלויפן פון מאָלדעווע און ר׳שלמה האָט שוין געטראַכט צוריקצופאָרן קיין טערקיי. האָבן זיך אָבער די באָיאַרן, די שטאָט-לייט און די קהלה געבעטן ביי ר׳שלמהן ער זאָל פאַרבלייבן וווינען אין יאס. יידן האָבן אים פאַרבעטן צו זיין זייער רב. קהל האָט אים באַזאָרגט מיט א דירה, אים צוגעטיילט א וואָכן-שכר. איז ר׳שלמה מסכים געווען צו בלייבן, צו היילן, צו לערנען, צו פירן. ווייל דאָ האָט ער רויק געקענט זיצן יומם ולילה על התורה ועל העבודה.

אינגאַנצן אָפּגעריסן פון זיינע ספרדישע ברידער איז ר׳שלמה נישט גע-ווען. פון סטאַמבול, פון אדריאַנאָפּאָל און אַנדערע באַלקאַנישע שטעט פלעגן אָפט קומען קיין מאָלדעווע יידישע וויין-סוחרים, וואָס האָבן געפירט גריכישע ווײַנען קיין פּוילן, הענדלערס מיט אָריענטאַלישע פּראָדוקטן, געלט-לייערס און אפילו סתם וואַנדערערס, בעלי-תשובה, אומרויקע נשמות וכדומה. ער פלעגט מיט זיי שמועסן אויף זיין היימישן יידישן-שפּאַנישן לשון אָדער אויף טערקיש. צומאָל האָט ער געקענט פירן אפילו א וויכוח מיט א גאסט; אמאָל האָט ער באַ-קומען פריש-געדרוקטע ספרים פון סטאַמבול, איטאַליע, פּוילן; עס פלעגט זיך טרעפן א געלעגנהייט אָפּצושרייבן א חשובן חיבור. ער האָט זיך אפילו איבער-געשריבן מיט למדנים פון דער וועלט, געשטעלט שאלות, פאַרענטפערט קשיות. נישט געקוקט אויף די אָפטע איבערפאַלן, מילחמות, בייטעניש פון פירשטן,

מגפות און שריפות, הונגער-יאָרן און טאָטערישע אָנפאַלן, איז דאָס לעבן אין מאָלדעווע געגאַנגען זיין וועג. אָבער דער רב האָט פאַרלוירן אין א מגפה די רביצן זיינע און די איינציקע טאָכטער, וואָס ער האָט מקבר געווען אויפן אַלטן בית עלמין אין דער פאָרשטאָט טשיריק; האָט ער זיך דערנאָך געפילט עלנט ווי א שטיין.

מאָדנע. וואָס מער חשובער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך געפילט איבע-ריק, כאָטש ער האָט די יאסער קהילה געפירט, געלערנט און געהאָלפן. מיט דער צייט האָט ער זיך אַלץ מער און מער פאַרטיפט אין קבלה-עניחים, אָנגעשריבן חיבו-רים. עס האָט זיך אים געבענקט קיין ירושלים, קיין צפת, ווו, עס האָבן זיך געפו-נען די הייליקע קברים פון די גרויסע מקובלים, ר'שמעון בר יוחאי פונעם ארי הקדוש, פון ר'חיים וויטאַל. ער האָט געקענט שטיקלעך פון זייער תורה, אָבער זיין דאָרשט האָט געבענקט נאָכן מקור.

בענקענישן און השגות, וואָס קענען שווער מקוים ווערן, ער האָט געפּרא-ווועט תעניתים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, חוץ שבת געגעסן נאָר וויפל עס איז נויטיק כדי צו דערהאַלטן די נשמה, זיך פאַרטיפט אין מעשה מרכבה און זיך דערווייטערט פון וואָכעדיקייט. יידן און נישט-יידן האָבן אים געהאַלטן נישט נאָר פאַר א גרויסן דאָקטער, נאָר פאַר אָ צדיק גמור; וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון עולם הזה, אַלץ מער האָבן זיך מענטשן געצויגן צו אים, ער זאָל היילן זייער גוף, זייער נשמה...

און דאָ פּלוצעם אזא באַגעגעניש. שוין דער ערשטער שמועס מיטן יונגן יוסף שלמה דעלמעדיגאָ איז זיין גאַנצער יש אויפגערודערט געוואָרן. דער 27-יעריקער איז געווען א קענער אין נגלה און נסתר; פילאָסאָפיע און מעדי-צין האָט ער שטודירט אין פאַדוא, און אין מיצרים; ער האָט מיטגעפירט מיט זיך ספרים און ביכער, מאַנוסקריפּטן און מכשירים, דאָס נייעסטע אויף דער וועלט. מע האָט געמעגט מקנה זיין דעם פירשט ראַדזיוויל פאַר דער מציאה וואָס ער באַקומט: אזא געראָטענעם דאָקטער און געלערנטן... דער ערשטער שמועס האָט זיך געצויגן לאַנג האָט עס זיךביידן נישט געגלוסט אויפצוהערן.

דעלמעדיגאָ איז געווען איינקוואַרטירט אין א יידישן האַרבעריק, ווו אַזויפיל באַלקאַנישע, פּוילישע, איטאַליענישע, סלאַווישע יידן פלעגן איינשטיין. אויף שבת האָט אים דער רב פאַרבעטן צו זיך און דברי תורי וקבלה האָבן זיך גע-שיט ווי פּערל פון זייער מויל. דעלמעדיגאָ האָט געוואָלט ווייטער פאָרן תיכף נאָך פסח, אָבער ר'שלמה'ן אַרואי האָט אים אינטערעסירט ביז גאָר, איז ער פאַר-בליבן נאָך אויף עטלעכע טעג. שפּעטער האָט ער וועגן זיין באַגעגעניש אין יאַס דערציילט פאַר זיינע באַקאַנטע, אַז אויפן וועג פון טערקיי קיין ליטע האָט

ער זיך אָפּגעשטעלט אין יאם און זיך דאָרט באקענט „מיטן געטלעכן מענטשן, דעם רופא, דעם רב, ר׳ שלמה ׳ן ארואי, וועלכער איז עוסק געווען אין קבלה זינט מער ווי 40 יאָר און ער האָט אפילו פארפאסט קבלה-חיבורים. דעלמעדיגאָ האָט יאָרן שפּעטער געוווסט צו דערציילן, אז ווען ר׳שלמה איז אריבער די 80 איז ער געפאָרן קיין ארץ ישראל. דעלמעדיגאָ האָט צוגעגעבן, אז ער האָט אסך געלערנט ביים אלטן ווונדערלכען יאסער רב.

ערשט אויפן דריטן טאָג איז געקומען צו רייד וועגן מעדיצין. דער יינגערער וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין איטאליע, האָט איבערגעגעבן דעם עלטערן אייניקע פון די נייסטע דערגרייכונגען און דער אלטער האָט דעם יינגערן אָנגעוויזן אויפן היילכוח פון געוויסע „קרייטעכצער”: וואָרצלען, בלעטער, פרוכטן, וואָס ער האָט באניצט לויט דער אלטער טראדיציע פון רומענישע פאסטעכער און פויערים; דאָס זענען געווען נישט קיין אָפּשפרעכענישן אָדער סגולות, נאָר פשוטע אויסגעפּרוווטע הייל-מיטלען אין משך פון לאנגע יאָרהונדערטער ער האָט דעלמעדיגאָן מיטגעגעבן זעקלעך מיט אויסגעטרוקנטע פלאנצן, רפואות.

בעתן שמועסן איז מען געוואָרן היימיש און יוסף שלמה דעלמעדיגאָ האָט דערציילט וועגן זיין באוועגט לעבן. געבוירן אין קאנדיא, אין א בארימטער לומדושער מישפּחה, האָט ער פריער שטודירט יידישקייט, שפּעטער פילאָסאָפיע, מעדיצין, מאטעמאטיק אין פאדוא, מיצרים און אנדערע מקומות, ער איז אינטערעסירט אין נאטור-וויסנשאפט, אסטראָנאָמיע און... קבלה. דערהערט „קבלה” האָט דער אלטער אים מודה געווען, אז ער האָט חיבורים אייגענע וועגן ענינים פון נסתר. ער האָט זיך געלאָזט איינבעטן און געוויזן דעלמעדיגאָן איינע פון זיינע שריפטן, א פירוש אויף שיר השירים. דעלמעדיגאָ האָט א לייכטן שמייכל געטאָן, געגאַן זוכן זיין רענצל און פון דאָרט ארויסגענומען א גראָבן העפט, אים דערלאנגט שוויינדיק דעם אלטן רב ׳ן ארואי. דער אלטער האָט מיט ציטערדיקע הענט גענומען דעם כתב-יד, באוווּנדערט דאָס פּעמטע פּאפּיר. די שיינע ספרדישע שריפט און איבערגעלייענט”... מכתם לדוד... מוהרד...דוד׳ן זימרא רדב׳ז)...

דער אלטער האָט זיך פארטאָן אין כתב יד, אזש פארגעסן, אז דעלמעדיגאָ שטייט דערביי. דערנאָך האָט ער א זיפץ געטאָן און געבעטן ביים גאסט, ער זאָל אים לאָזן אביסל מער ארייגקוקן.. דער סוף איז געווען. אז דעלמעדיגאָ איז פארבליבן אין יאם עטלעכע טעג. פארן אָפּפאָרן האָט ער דעם אלטן צוגעזאָגט ממלא צו זיין יענעמס בקשה און אים באזאָרגן א קאָפּיע פון אָט דעם חשובן ספר ווי ער וועט זיך נאָר באזעצן אויף אן אָרט.

דאָס איז אָבער געשען מיט יאָרן שפּעטער. דער אַלטער רב האָט געבענקט נאָך ירושלים. קהל האָט באַזאָרגט א רב פון פּוילן, וועלכער זאָל פאַרנעמען דעם אַלטנס כסא. ר׳שלמה׳ן ארואי האָט זיך געזעגנט מיט יאם ווו, ער האָט אָפּגע-לעבט מער ווי א האלב לעבן ,מיט זיינע ליבע יאסער יידן, מיטן לאנד און געפאָרן שטילן זיין דאָרשט בייט סאמע מקור.

דער כתב יד איז אָנגעקומען אין די הענט פונעם נייעם רב, וואָס האָט אים געהאַלטן ווי אַן אבן טוב און אים איבערגעלאָזט בירושה. אזוי האָט דער כתב-יד געוואנדערט איבער לענדער און דורות ביז ער איז צוריקגעקומען קיין יאם. ער ליגט שוין א צוויי יאָרצענדליק אויף מיין טיש און ערשט איצט האָט ער ביי זיך געפּועלט מיר צו דערציילן די הארציקע מעשה, וואָס איך פּרוביר דאָ נאָכצודערציילן. א מעשה וועגן די טיפע וואָרצלען פון יאסער קהילה אויף מאָל-דעווישער ערד, וועגן אַן עיר ואם בישראל.

קראָקע, יאַס, גאַלאַץ און... צוריק אַהיים

אין קראָקעווער בית-דין שטיבל זיצן די דריי: דער רב יעקב בר משולם הלוי, און די דיינים קאָפּל אשכנזי און יושע בן אלקסאנדרי.

זיי האָבן נאָרוואָס אויסגעהערט די גביאת-עדות פונעם לעמבעריקער יידן מרדכי-מאָרדוש, דער זון פון שלמה. עס איז זיי נישט צום ערשטן מאָל, וואָס זיי הערן אזא טרויעריקע פּאסירונג פון יידן, וואָס פאָרן מיט סחורה איבער שטעט, דערפּער און לענדער און זיי באצאָלן צו מאָל מיטן לעבן, דאָס זוכן א שטיקל ברויט פאר ווייב און קינדער.

„בנפשו יביא לחמו" טראכט דער סופר, מע שטעלט זיך איין דאָס לעבן צוליב פּרנסה, גיט ער צו פארשטיין די עדות און אלע טוען דערביי א שטילן קרעכץ. דער סופר פארענדיקט דאָס שרייבן און דער בית-דין חתמעט דעם פּסק. אויב מע וועט באקומען נאָך אן עדות-נאמן, וועט די עגונה שרה בת ירוחם מעגן ווי-דער חתונה האָבן.

ווארטנדיק אויפן צווייטן עדות לאָמיר דערווייל הערן די רייד פונעם ערשטן עדות ווען מיר וויסן פון וואָס עס איז געווען די רייד אין בית-דין. דער ייד מרדכי-מאררוש דערציילט, וואָס עס האָט מיט אים פּאסירט אין חודש תמוז פונעם יאָר שס"ה, אזוי גרוים ווי זומער 1606, לויט זייער צייט-רעכענונג.

„איך און א ייד, א ייד, א סוחר פון איטאליע, זענען געזעסן אין הארבע-זריק אין דער שטאָט יאס, אין מאָלדעווע, וואָס מיר פּוילישע יידן רופן וואָ-לעכיי. ביי איין טיש מיט אונדז איז געזעסן א לעמבעריקער ייד, וואָס מע האָט גערופן אייזיק גלעזער. מע האָט געשמועסט פון דאגות פּרנסה, פונעם ארומ-פאָרן איבער די געפערלעכע וועגן, פון מישפּחה. אייזיק האָט דערציילט, אז ער איז אהער געקומען איינקויפן פוטער און קעז פאר זיינע גאליצישע קונים, אָבער

איצט איז אַט דער מיסחר אויף צרות. ער האָט מיט זיך אביסל סטענגעס פאַר-ביקע און שפּיצן, וועט ער פאָרן קיין גאַלאַץ דאָרט איינצוהאַנדלען לעקבעריצע, דאָס זיסע האָלץ, וואָס מע ניצט אויף רפואות. מע ברענגט עס פון טערקיי אויפן שוואַרצן ים און אויף דעם טייך טונע קיין גאַלאַץ. פון דאָרט פירט מען עס קיין פּוילן. אייזיק האָט געהאָפט, אַז אויפן גאַלאַצער מאַרק וועט ער קענען „פאַר-שלייערן" די אָפּגעקומענע סחורה זיינע און איינקויפן לעקבעריצע אין גלייכן געלט.

דער איטאַליענישער ייד האָט צו אים געזאָגט: „אויב איר פאָרט סייווי קיין גאַלאַץ, נעמט-זשע מיט מיינע צוויי פּעסלעך בראָנפן, פאַרקויפט זיי דאָרט און קויפט פאַר מיר אויכער אַ פּאַרטיע לעקבעריצע; איר וועט האָבן ריווח". אייזיק איז מסכים געווען. דערווייל האָט מען זיך דערוויסט, אַז אין גאַלאַץ איז נישט רויק, האָט מען געפּרוווט אָפּרעדן אייזיקן, ער זאָל אָפּלייגן די נסיעה; ער האָט נישט געוואָלט פאָלגן און זיך געלאָזט אין וועג. קיין גאַלאַץ איז ער אָנגעקומען בשלום, דערנאָך האָט מען מער ניט געהערט פון אים. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען געוווירע געוואָרן, אַז באַנדעס זענען באַפאַלן גאַלאַץ, געהרגעט און געראַבעוועט, זענען מיר שוין געווען באַזאָרגט וועג אייזיקן... שפּעטער זענען אָנגעקומען קיין יאַס צוויי יידן און זיי האָבן דערציילט, אַז אין דער שחיטה פון גאַלאַץ איז אומגעקומען אַ ייד אויך, זיי ווייסן נישט, ווער ער איז. זענען מיר נאָך מער געווען באַזאָרגט וועגן דעם יידנס גורל. די צוויי יידן האָבן אונדז דערציילט, אַז דער טייך טונע וואָס פליסט לעבן גאַלאַץ, האָט איין ברעג אַ הויכן און אַ צווייטן אַ נידעריקערן. אויף דער טונע שווימען אַסך גרויסע און קליינע שיפן. אויב עס באַפאַלן די שטאָט טערקן, טאָטערן, קאָ-זאַקן אָדער אַנדערע באַנדעס, לויפט מען צום הויכן ברעג און מע דאַטעוועט זיך דורך אַ שפּרונג אין די שיפן... איז ביי אונדז אויפגעקומען אַביסל ביטחון; אפשר האָט דער אייבערשטער געהאָלפן דעם יידן זיך צו ראַטעווען...

ער כאַן די רייד פון מרדכי-מאַרדוש.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג זענען אין דעמזעלבן האַרבעריק פון משה דעם פּוילישן געזעסן ביי אַ גלעזל וויין אַן איטאַליענישער ייד, אַ סוחר, אברהם דע באַנאַ, און זיינער אַ באַקאַנטער ,דער רומענישער גלח מאַפּטיי פון גאַלאַץ. אין אַט דעם אַריינפאָר-הויז פלעגן אָפּשטייגן כלאָרליי מענטשן; ספרדים, איש-כנזים, יידן און נישט יידן, רומענישע און באַלקאַנישע, פּוילישע און אי-טאַליענישע פון אַלע קאַנטן. עס איז גראָר געווען אַ מאַרק-טאָג, איז די קרעטשמע געווען פול געסט. דער בעל הבית מיטן וויב מיט די צוויי טעכטער און

מיט די מאָלדעווישע דינסטן האָבן קוים באוויזן צו באדינען די געסט. מע האָט געהערט קולות, געזאנג און מע האָט געקייט געשמאק און מיט כוונה.

דער גלח האָט אָפּנים דערציילט עפּעס זייער אינטערעסאנטס, ווייל דער איטאַליענישער ייד האָט זיך גוט איינגעהערט. מרדכי האָט זיך צוגערוקט נענ־טער. כדי ער זאָל אויך הערן די מעשה. געהערט האָט ער טאקע, אָבער פארש־טאנען האָט ער גאָרנישט. דאָס לשון איז אים געווען פרעמד. האָט ער זיך געבעטן ביים גלח: „פּאָטערל, זייט אזוי גוט און דערציילט עס אויף וואָלעכיש, איך זאָל אויך קענען פארשטיין". דער גלח האָט אים געענטפערט: " ביי מיר האָס־טו שוין געפועלט, אָבער וואָס וועט זאָגן סיניאָר מאָזעס?". דער איטאַליענישער ייד, ענטפערט גוטמוטיק: „ איך האנדל אין אָט דעם לאנד אזויפיל יאָרן, זאָל איך נישט פארשטיין דאָס לשון? א שיינער סוחר וואָלט איך געווען, ווען איך קען מיך נישט צונויפרעדן מיטן מאָלדעווישן אויף זיין לשון און מיט היגע יידן אויף זייערן. איר מעגט דערציילן פאָטער, ווי איר ווילט".

דערציילט ווייטער דער גלח: „אויפן גאלאצער יאריד זענען אָנגעקומען אסך מענטשן. מע האָט נישט געקענט געפינען קיין אפּרו־אָרט. עס איז צו מיר געקומען א פּוילישער ייד, א קליין סוחרל, האָב איך אים אָפּגעטרעטן מיינס א צימערל און ער האָט אָפּגעלעגט זיין ביסל סחורה: בראָנפן, פארביקע בענדער, שפּיצן. ער האָט מיר דערציילט, אז ער וויל איינקויפן לעקבעריצע און מיך גע־בעטן, איך זאָל מיך דערוויסן, ווער עס האָט אזא סחורה.
באלד איז אונדז באפאלן אן אומגליק. באנדעס האָבן זיך דערוווסט וועגן יאַ־דיד און געקומען ראבעווען. דער עולם איז זיך צעלאָפן; ווער עס האָט געקאָנט, האָט זיך באהאלטן, ווער נישט, איז געלאָפן צו דער טונע, געשפּרונגען אין די שיפן, אבי צו בלייבן לעבן. די רוצחים האָבן זיי נאָכגעשאָסן און דערהרגעט אסך מענטשן. אוי, גאָטס צאָרן האָט זיך צעגאסן אויף אונדז צוליב אונדזערע זינד... געזען ביינאכט, אז דער ייד קומט נישט אהיים, האָב איך שוין איבער־געטראכט. געוויינטלעך קומען די באנדעס פּלוצים; זיי ראבעווען, מאָרדן און אנטלויפן, איידער מע באווייזט זיי נאָכצויאָגן. די געראטעוועטע קומען תמיד גיך אהיים, מע ציילט דעם שאָדן, מע פארבינדט די ווונדן און... מע לעבט ווײ־טער...

אינדערפרי האָט מען אָנגעהויבן ארויסציען פון דער טונע די גופים פון די הרוגים. חברה־לייט האָבן פון זיי אראָפּגענומען די קליידער און אויף גיך מקבר געווען די מתים אָן קיין שום תפילות. צווישן די מתים איז געווען א געמ־לעטער; האָט מען געמיינט אז דאָס איז א טערק. איך האָב אָבער דערקענט אין

אים דעם יידן, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי מיר. איך האָב געזען, מע זאָל אים ווי געהעריק מקבר זיין.

— נו, און וואָס איז געשען מיט דער סחורה פרעגט דער איטאַליענער.

— עס ווייזט אויס, אַז מע האָט אים בבאַראַבעוועט אויפן מאַרק. אָבער אונטערן בעט אין צימער האָב איך געפונען זעקעלעך מיט לעקבעריצע, האָט איך עס געבראַכט אַהער, כדי דאָס אָפּצושיקן דער מישפּחה זיינער...

יצחק בר יעקב, וואָס האָט אויסגעהערט דעם גלחס דערציילונג, האָט דאָס אַלצדינג שפּעטער דערציילט אין קראָקעווער בית-דין און דעמאָלט האָט מען דער אַלמנה מתיר געווען, זי זאָל ווידער חתונה האָבן. דעם ערשטן קינד, א יינגל, וואָס זי האָט געבוירן דעם צווייטן מאַן, האָט זי א נאָמען געגעבן נאָך אייזיק גלעזער, איר ערשטער ברויטגעבער.

איך האָב די מעשה געפונען אין אַלטע ספרים און זי דערציילט, כדי איר זאָלט וויסן, ווי די עלטער-זיידעס האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן צוליב פּרנסה און כדי איר זאָלט געדענקען צום גוטן דעם גאַלאַצער גלח און די לעמבעריקער יידן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון א פּשוטן יידן פון פּוילן און פון זיין אָרעמער אַלמנה.

דער מידער וואנדערער זוכט זיין רו

דער מידער וואנדערער זוכט זיין רו. נאָר ווו איז די רו, פונעם אומרו? „אני הגבר...״ר׳ נתן נטע האנאָווער האָט איבערגעלעבט די שרעקלעכע שחיטות פון גזירת ת״ח ות״ט, ווען זיין פאָטער ר׳ משה, איז אומגעקומען על קידוש השם אין זייער ווינשטעטל זאסלאוו. און דאָך האָט ר׳ נתן באוויזן צו זיין אָביעקט-טיוו, וויסנשאפטלעך קריטיש, פּינקטלעך און אויספירלעך אין זיין „יון מצו ה״, דאָס מעמוארן-בוך, וואָס האָט געמאכט א רושם, ווי נאָר עס איז ארוים פון דרוק אין ווענעציע, די שטאָט, וווּ ער האָט געפונען א צייטווייליק רו-אָרט, נאָכן אנטלויפן קיין דייטשלאנד, קיין האנאָווער, דער שורש פון זיין מישפחה; זיין אומרו האָט אים געטריבן וואָס ווייטער פון דער פארבלוטיקטער היים אין זאס-לאוו. געטריבן קיין האָלאנד, קיין איטאליע, אין ליוואָרנאָ. זיינע שווערע אי-בערלעבענישן האָט ער גובר געווען דורך לערנען, זיך און יענעם, דורך זוכע-נישן און אויפטוען. ער שרייבט אויף די דרשות, וואָס ער האָט געהאלטן סוכות-צייט און דרוקט זיי אונטערן טיטל „טעמי סוכות״ אין אמסטערדאם, בעת ער האָט זיך דאָרט געפונען, אין יאָר 1652.

ווי אזויפיל גייסטער, וואָס זענען אויפגעטרייסלט געוואָרן פון די שווערע איבערלעבענישן פון כמעלניצקים שחיטות, האָט ער געזוכט אן ענטפער אויף די אלטע מיסטישע טראדיציעס, אין זוהר, אין די שריפטן פון אר״י הקדוש פון ר׳ חיים וויטאל... ליוואָרנאָ איז געווען די פאסיקע סביבה פאר זיינ זו־כענישן... אָבער זיין אומרו, זיין בענקעניש נאָך דער שארית הפליטה, די גע-ראטעוועטע ברידער פון פוילן און אוקראאינע, טרייבט אים איבער דער וועלט און אָט דערוויסט ער זיך, אז אין דער מדינה צווישן קארפּאטן און נעסטער האָבן א סך געראטעוועטע געפונען א נייע היים. ר׳ נתן נעמט ווידער זיין וואנדער-שטעקן און נאָך א שווערער נסיעה, קומט ער אָן קיין יאַס.

פריער האָט ער דורך א יידישן סוחר פון איטאַליע זיך געווענדט צו די יאַ־סער פּני. דער דאָקטער משה, זיין שוואָגער מענדל, די פּרנסים ישראל, מרדכי און אברהם האָבן מיט גרוים פרייד געענטפערט דעם וועלט־בארימטן ר׳נחן נטע האנאָווער, א גרויסער לערנער, א טיפער מקובל און אן אוהב ישראל. מע האָט אים צוגעגרייט א בכבודיקע דירה, מע האָט אים באַזאָרגט מיט פּרנסה בכבוד און ר׳ נתן איז אראָפּגעקומען קיין מאָלדעווע זומערצייט 1657 און זיך דאָ באַזעצט אויף א לאַנגער צייט.

דאָס ערשטע באַגעגעניש מיט די גרעאַטעוועטע ברידער איז געווען א טרויעריקע. אַזויפיל שווערע זיכרונות און אפילו נייע צרות. יאס האָט זיי טאַקע גוט אויפגענומען און זיי האָבן דאָ געפונען א נייע, רויקע היים. אָבער כמעלם זון, טימוש, האָט צוויי מאָל באַפאַלן מאָלדעווע, 1650 און 1652, דאָס צווייטע מאָל ווי א חתן פון דעם לאַנדפירשט וואַסילי לופּום שיינע טאָכטער. די מאָלדעווישע כראָניקערס פון יענער צייט באַשרייבן טימושן ווי א בלוט־דאָרשטיקע חיה. אַלע מאָלדעווישע איינוווינער האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון כמעלם חילות; יידן האָבן געליטן מער פון יעדן .א מיזרחדיקער קריסטלע־כער בישאָף, וואָס איז דעמאָלט געווען צוגאַסט אין יאַס, האָט מיט טרערן אין די אויגן געזען און געהערט וועגן די פּייניקונגען און צרות, וואָס די קאַזאַקן האָבן אָנגעטאָן יאַסער יידן. אויך שפּעטער האָט כמעל זיך געלאָזט פילן צו די יידן.

איצט לעבן יאַסער יידן במנוחה. ר׳ נתן האנאָווער האָפט, אז ער האָט ענדלעך געפונען א מקום־מנוחה פאַר זיין אומרויקער נשמה.

ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט ספרים און כתב־ידן, אָבער אין דער היגער גרויסער שיל טרעפט ער גמרות, מפרשים און אפילו קבלה־ספרים. פאַר אים איז אָבער נישט גענוג לומדות, ער וויל נשמה, התלהבות, פאַרטיפונג. אמת, ר׳נתן שטעקט טאַקע אין קבלה, ער איז אָבער נישט פרעמד פון וועלט־זאַכן. זיין ערשטע זאָרג איז צו פאַרבעסערן דעם לימוד אין חדר, אין תלמוד־תורה, אין שיל. מיט דער צייט וועט ער אין יאַס גרינדן א ישיבה און נעמען צו הילף אָרטיקע און צוגעקומענע מלמדים. ער זעט, אז א בעל דרשן זאָל זאָגן מוסר דעם עולם און ער אליין לערנט פון צייט צו צייט מיטן עולם תורה און מוסר.

איצט קען ער זיך פאַרטיפן אין זיינע באַליבטע שפּראַך־שטודיעס. פון ליוואָרנאָ האָט ער מיטגעבראַכט דעם פּלאַן און אייניקע טיילן פון א ווערטער־בוך אויף תנ״ך מיט אן איבערזעץ אויף לאַטייניש, איטאַליעניש, דייטש. אין יאַס, וועט ער פלייסיק אַרבעטן אויף אָט דעם ווערטערביכל. די ווערטער ווערן דערקלערט נישט לויטן א״ב, נאָר לויט באַגריפן. דאָ האָט ער ניך באַמערט ווי

קרוביש עס איז דאָס הינגע רומעניש לשון צו לאטיין און איטאַליעניש. ווער־טער וואָס באַצייכענען הינער, ברויט, הונט, מענטש, וואסער, טאָג, נאכט און ביכלל דער גרעסטער טייל מאַלדעוויש לשון באַווייזן דאָס. האנאָווער האָט דאָס ווערטערבוך אָנגערופן „שפה ברורה“, קלאָרע שפּראַך, און עס אָפּגע־דרוקט אין פּראָג אין יאָר 1660.

גלייבצייטיק האָט ער זיך ווייטער באַשעפטיקט מיט קבלה; נאָך פון אי־טאַליע האָט ער געקענט די כתבים פון ארי און חיים וויטאַל. זיי האָבן געגערט זיין נשמה, וואָס דאַרשט נאָך גאולה. האָט ער אַליין מער פאַרטיפט, זיך אריינ־געטאָן אין דערהויבענע איבערלעבענישן. אזוי איז דאָ, אין יאָס, אויפגע־קומען זיין „שערי ציון“ א זאמלונג מיסטישע תפילות, אייניקע פאַרפאַסט טאַקע פון אים אַליין. דער ערשטער דרוק איז פון פּראָג, 1662. דאָס ספר איז אָפט איבערגעדרוקט געוואָרן. און ווען יאסער יידן האָבן אין יאָר 1843 געגרינדעט אן אייגענע דרוקעריי, האָבן זיי גיך אָפּגעדרוקט דעם „שערי ציון“, איין מאָל נאָר דעם לשון קודש טעקסט, א צווייט מאָל „עם עברי טייטש“. די טי־פע איבערלעבענישן, דער פּאָעטישער כוח, די דערהויבנקייט פון געפיל האָבן געפונען אסך בעלנים.

נתן האנאָווער איז א מאָדנער סינטעז פון וויסנשאַפטלעכער קלאָרקייט און מיסטישער זוכעניש, פון פאַרברענטער פאַרטיפונג אין לערנען און ניכטערע וועלט-קענטעניש. ער זעט, אז דאָ אין מאָלדעווע לעבן יידן רויקער ווי אין פּוילן צי רוסלאַנד, דאַרף מען טאַקע אויפבויען א נייע, געמויערטע שיל. קהל זאָגט אים, אז לויטן היגן דין מעגן יידן בויען נאָר הילצערנע בתי-תפילה. הייסט ער זיי ווייזן די אַלטע כריסאָוון, די דיפּלאָמס, וואָס די מאָלדעווישע הערשער האָבן געגעבן די יידן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט. זוכט מען, נישטערט מען ביז מע געפינט. און מע נעמט זיך משתדל זיין ביים לאַנדפירשט. אזוי לאַנג, אזוי ברייט ביז מע פועלט אויס ביים מושל, שטעפאַן איליאַש, אז ער זאָל באַנייען די אַלטע פּריווילעגיעס. ווערט טאַקע באַשטעטיקט דעם קיום פון קהל, רב, פון א שיל, א געמויערטער, פונעם אַלטן בית עולם, פון יידישע רעכט אויף מיסחר און מלאכה.

איצט איז געקומען די צייט צו בויען די נייע שיל. זוכט מען א פּאַסיק פּלאַץ. און מע געפינט עס, נישט ווייט פון דער אַלטער שיל. ר׳ נתן איז גליקלעך צו זען דעם שטר מכירה. אומדערמידלעך שרייבט ער זיך איבער מיט פּוילישע קהילות ביז ער באַקומט א גוטן בוימייסטער. מיט דער הילף פון היגע מאָל־דעווישע און יידישע „קעטראַרעס“, מויערער, וועט מען אויפשטעלן די גרויסע שיל, וואָס וועט פאַר הונדערטער יאָר זיין דער צענטער פון קהלישן לעבן פון יאסער יידן.

אין א גוטער שעה. מע האָט דערלעבט דעם טאָג פון חניכת-הבית. אלע יאסער יידן פון קליין ביז גרוים, זענען געקומען, אויסגעפוצטע אין יומטוב-דיקע בגדים. ווי גרוים די שיל איז, נעמט זי אריין נאָר א טייל פון זיי. שטייט מען אין דרויסן און מע הערט זיך צו צו די תפילות און ברכות. ר׳נתן נעמט איבער פונעם ראש הקהל האנט דאָס נייע ספר-תורה מיטן שיין אויסגעהאָפ-טענעם העמדל, ער גייט צום עמוד און הייבט אָן מיט טיפער גערירטקייט דעם „מיזמור שיר חנוכת הבית“. טרערן פון פרייד און דערהויבונג באווייזן זיך אין אלעמענס אויגן. ,מע האָט געציילט דאָס יאָר ה׳תלא, 1671 לויט זייער צייט-רעכענונג.

איצט האָט ר׳ נתן געפילט, אז ער האָט זיין שליחות דערפולט דאָ אין יאס. זיין אומרו האָט אים געטריבן ווייטער און ווייטער. ער האָט געפינען א ממלא מקום אין פוילן, דעם רב אריה לייב בר שמואל. האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג. מיט וואָס האָט ער שטאָלצירט, ווייל אין זיין אמסטערדאמער אויסגאבע פון „שערי ציון „רופט ער זיך אָן געוועזענער יאסער רב. אין יאס שטאָלצירט מיט אים.

דער בית-דין פון אלבא יוליא

אויב איר וועט קוקן מיט היינטיקע אויגן אויפן גאנצן, וועט איר אפשר א שמייכל טון: א בית דין פון א קהילה, וואָס ציילט קוים 24 מישפחות, וועל איך אייך דערמאָנען, אז די מיסחרים פון דער שטאָט זענען געווען באַרימט, אז די שטאָט האָט געהאט א גרויסע נישט-יידישע באפעלקערונג: רומענישע פאָרשטעט, דייטשער פאטריציאט אין צענטער, אביסל ארמענער און גרעקן, טערקישע געסט און אנדערע. וועט איר שוין איינזען, אז מע מוז אלצדינגס מעסטן מיט די מאָסן פון צייט, אָרט און ארומדינגלעניש. די ספרדים, וואָס זענען געקומען פון טערקיי צוריק מיט הונדערט יאָר האָבן פריער געהאט די אויבערהאַנט. זיי זענען עס געווען די נגידים, די חשיבים ביי דער פּראָווינץ-אָנפירונג, ביים בישאָף, ביי דער שטאָט-אָנפירונג, זייערער איז געווען דער רב. איצט, ארום 1647, זענען זיי א מיעוט און אשכנזישע יידן געקומענע פון פוילן און גאליציע, פון בעמען און מערן, און מאָלדעווע און וואָלעכיי, פון אונגארן און טערקיי, זענען דער רוב. אפילו דער שוחט, וועלכער איז אויך דער דיין און מע רופט אים רב און אב בית-דין, ר' יוסף רייס אויערבאך, איז אויך א פּולישער ייד. גלייכצייטיק איז ער טאקע דער שרייבער פונעם בית-דין און ער טראָגט אריין אין פינקס מיט זיין פערלדיקער שריפט יעדן ענין צי געשעעניש אויף לשון קודש, אויף יידיש, דייטש. זיינע צוויי בייזיצערס זענען ר' מרדכי רב יהודא, דער גבאי פון דער חברה-קדישא, אין תוך א מין ראש הקהל, און דער בעלגראדער אברהם ראָסאָ, וואָס האנדלט מיט ווינער סחורות.

דער בית-דין קומט זיך צונויף אין דעם שטיבל לעבן דער שיל. אויוון אָן זיצט דער מיטליעריקער, גראָבערדיקער דיין, רעכטס פון אים דער ספרדישער ראָסאָ, לינקס-מרדכי בר אברהם, דער גבאי, אליין א קאָלאָמעיער אָפּשטאמיקער. דער שמש, וועלכער פילט זיך איצט ווי א טייל פונעם בית-דין, אָדער כאָטש ווי אן אמתער געריכט-דינער, רופט אריין די צדדים לויט זייער חשיבות און

אָנזען. אָט הויבט ער טאקע אָן: ר׳ אהרון ברב יצחק. עס קומט אריין א מאן ערב די פּופּציקער, קליינער סוחר. ער טענהט, אז ער איז נישט בכוח צו צאָלן די הויכע שטייערן, וואָס קהל האָט אויף אים ארויפגעלייגט. ער איז נישט קיין נייער דאָ אין שטאָט, ער איז אהערגעקומען פון יאס נאָך א קינד, צוריק מיט פערציק יאָר; מע קען אים דאָ פאר א „רעדלעכן" מאן, וואָס ארבעט און איז געטריי. אָבער ער איז נישט בכוח צו צאָלן. ער איז א מטופל מיט קינדער, די פרנסה איז געשלאָגן, בעט ער מע זאָל איינזען זיין מצב און אים באפרייען כאָטש פון א העלפט אָפּצאָל.

דער בית דין הערט אים אוים, דערנאָך שמועסן זיי איבער אין דער שטיל און דער גבאי ווייזט אים, אז קהל האָט גרויסע הוצאות, יעדער ווייסט עס; מע זאָגט אים צו, אז צוליב די קינדער וועט מען זען עפּעס צו טון פאר אים. דער ייד גייט אהייט א בארויקטער. דאָס ווייב וועט אויפהערן פון אים רייסן שטיקער, ער זאָל גיין איינרייסן ווענטן פאר קהל, מע זאָל אים שענקען די שטייערן. אפשר איז זי פּאָרט גערעכט, ווייל עפּעס האָט ער פּאָרט אויסגעפּועלט. איז אים גרינגער אויפן הארצן.

צום צווייטן ענין קומט אריין דער קריגסמאן פּאפּץ ניקאָלא פון דער לייב-קאָמפּאני פונעם שפּרינגער-רעגימענט, ווי ער שטעלט זיך מיליטעריש פאָר און ער מאָנט אויף דייטש, אז מע זאָל פארהאלטן די סחורה פונעם מארקעטענדער נאטאן אזאריא, ווייל ער איז שולדיק געלט דעם קאפּראל זיינעם דאנאָוויטש. דער ייד פרווט זאָגן, אז דער קאפּראל איז אים שולדיק געלט. קומט אָבער אריין דער עדות וולאד בראשאָוואנו און ער דערציילט אויף רומעניש, אז ער איז דערביי געווען אין דעם שענק „צום ווייסן אָדלער", ווען די צוויי, דער קאפּראל און דער ייד, האָבן זיך אָפּגערעכנט און נתן איז שולדיק געבליבן דרייצן מיט א האלב גולדן. דער ייד ענטפערט, אז ער האָט נאָך חשבונות מיטן קאפּראל. דער פּסק דין גיט רעכט דעם קאפּראל און וולאד חתמעט אין פּינקס מיט קירילישע אותיות: יעו ,וולאד בראשאָוואנו, מארטוריע" דאָס באטייט: איך וולאד דער בראשאָווער, גבית עדות.

פארן בית דין פון אלבא יוליא, ווייספּורג, ווי מע רופט די שטאָט צווישן יידן, איז דאָס נישט קיין נייס. קומט פאָר נישט זעלטן, אז נישט יידן, וואָס האָבן א פּראָצעס מיט א יידן, קומען זיך לאָדן פארן בית-דין. עס איז ביליקער, גרעכטער און מע פירט אוים דעם פּסק. א סימן. דער בית דין האָט גע פּסקנט צו סעקוועסטירן נתנס סחורה ביז ער וועט באצאָלן דעם קאפּראל דעם חוב זיינעם.

דער שמש רופט איצט דעם דריטן מאָנער: הבחור דוד ברב מאיר. דעם צוואַנציק-יעריקן שפּראָצט א רויטלעך בערדל און די גרינגע אויגן בליקן מיט א איינגעהאַלטענעם כעס. ער קומט מיט א טענה און א בקשה צוגלייך. יעדער ווייסט, אז זיין טאַטע, עליו השלום, איז פאַר צען יאָרן אהערגעקומען פון דער וואָלעכישער שטאָט קאַמפּולונג. קיין מוטער האָט ער נישט געהאַט און מע האָט זיך ביטער געפּלאָגט מיט הויזיקן צעלניק-סחורות איבער רומענישע דערפער און יארידן. פאַר דריי יאָרן איז דער טאַטע אויך אַוועק פון דער וועלט און ער, דער יתום, האָט שוין א ביסל געלט און איצט וויל ער חתונה האָבן. ווייל ער איז אָרעם, לאָזט קהל אים נישט חתונה האָבן, ער זאָל נישט פאַלן צו לאַסט... „סטייטש, טענהט ער, איר האָט מיך דאָך געלערנט, אז צו 18 יאָר מוז א יידישער בחור חתונה האָבן".

דער דיין ענטפערט אים געלאַסן, אז אוודאי איז ער גערעכט וועגן דער מיצווה פון חתונה האָבן, אָבער ווו שטייט עס געשריבן, אז ער מוז חתונה האָבן גראָד הי? ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אז דער דייטשישער שטאָט-ראַט לאָזט נישט חתונה האָבן קיין אָרעמען יידן, סיידן קהל גאַראַנטירט פאַר אים די שטייערן. און מע גיט אים פאַר א ביישפּיל זכריה רב אברהם, וועלכער איז געקומען צוריק מיט 12 יאָר פון בוקאַרעשט, ווי שווער ער מוטשעט זיך מפרנס צו זיין א ווייב מיט קינדער פון דעם ביסל בראָנפן, וואָס ער „ברענט" אין זיין קליינעם קעסל. דערצו איז ער שוין אין די דרייסיקער יאָרן. צי קען קהל נעמען אויף זיך נאָך א לאַסט? ראָסאָ גיט אים אן עצה, ער זאָל צוריקפאָרן קיין בוקאַרעשט, ווו יידן לעבן גרינגער איידער ער, דאָ. דער בחור בלייבט אָן לשון. ער וואָלט געענטפערט, אז ער דאַרף נישט קיין עצות, נאָר ממשותדיקע הילף.

איצט קומט דער לעצטער מישפּט פון היינטיקן טאָג. דער שמש רופט אויס: „האשה מרת ביילע הנגידית בת ר' יהודא כהן זיכרונו לברכה" און דערנאָך אויף רומעניש: טשינסטיט נעגוציטאָר דומנעאַלוי יאַן סין וואַסילע".

די כהנטע קומט אריין אויסגעפּוצט ווי דעם קיסרס פערד; זי גייט מיט פעסטע טריט און זי איז זיכער ביי זיך, אז דער בית דין וועט האַלטן מיט איר; ווייל, ראשית איז זי א יידישקע און א כהנטע, דערנאָך אן אלמנה און א נגידיסטע און ביכלל, וואָס האָט זי זיך צו איילן דעם גוי צו געבן געלט. נישקשה ער מעג וואַרטן. יאַן שטעלט זיך פאַרן בית דין און הייבט אָן „טשינסטיטא זשודאקאַטאַ!" און ער דערציילט, ווי ער האָט דער „זשופּאַנעאַסאַ" בעלאַ פאַרקויפט האָניק און וואַקס פאַר צוויי הונדערט רענדלעך; זי האָט באַצאָלט אויפן אָרט זעכציק גילדוין און דאָס איבעריקע האָט זי געזאָלט באַצאָלן, ווי נאָר ער וועט קומען אין שטאָט. עס זענען שוין אַוועק זעקס וואָכן און זי פירט

אים ארום מיט אלערליי תרוצים. דער גבאי פרעגט אים צי ער האָט א שטר פארן געלט, זאָגט ער אז ניין, אָבער אן עדות איז געווען דערביי. פרעגט מען ביילעז צי עס איז אמת, וואָס יאָן זאָגט; ענטפערט זי, אז זי האָט צו אים טענות, א רעשטל פון אנדערע עסקים, ווייל זי פריער אויספּלאָנטערן יענע עסקים, וועט מען וויסן וויפל זי איז אים נאָך שולדיק. לויט איר חשבון איז זי שולדיק יאָ-נען נישט מער ווי 77 רענדלעך. פרעגט מען זי, צי זי איז גרייט צו שווערן, אז עס איז אזוי ווי זי זאָגט. ענטפערט זי, אז שווערן וועט זי נישט, ווייל זי האָט א צוואה פונעם טאטן נישט צו שווערן. דער בית-דין שמועסט זיך איבער און עס בלייבט אזוי. דאָס וואָס זי מאָנט פון יאָאנען, זאָל זי אים מאָנען דורכן געריכט, אָבער דער סכום פון משא-מתן מיט האָניק און וואקס מוז זי סילו-קן. ענטפערט זי, אז אזויפיל געלט האָט זי נישט אין שטוב, בלייבט עס, אז זי זאָל באצאָלן די העלפט אופן אָרט און די אנדערע העלפט ביז אין צוויי וואָכן. טאָמער נישט, וועט זי באצאָלן פּראָצענט פאר יעדן פארשפּעטיקטן טאָג. גיט זי יאָאנען א קוויטל אויפן האלבן חוב און זי גייט אהיים און ב־ענ-גט די אנדערע העלפט.

„פאר היינט איז גענוג„ טראכט זיך דער בית-דין און דער דיין מעלדעט דעם עולם אז פאר היינט איז נישטאָ מער קיין פּראָצעסן.

גייט זיך יעדער אהיים און איבערן שילכל לאָזט זיך אראָפּ די ערב מי-נחהדיקע שטילקייט. און קיינער שטערט זי נישט, סיידן דער דערציילער פון אָט דער מעשה.

בצלאלס אייניקלעך

וואָס פאַר א בצלאל אין מיטן דערינען? פרעגט מיך מיין ערשטע לייענערין און קריטיקער זיגתי שתחיה.

— דאָס איז דיין אלטער באַקאַנטער פונעם חומש, דער קינסטלער, וואָס האָט געמאַכט די שענסטע חפצים פונעם בית ראשון.

דערהערט פון איר אלטן באַקאַנטן פון די חדר־יאָרן באַרויקט זי זיך; זי פאַרשטייט, אז עס וועט דאָ זיין די רייד פון די גרעסטע יידישע מייסטערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין גאָלד און זילבער צירונג און גרעסערע זאַכן, דאָ אין מאָלדעווע צוריק מיט קאַרגע דריי הונדערט יאָר און שפּעטער. איצט קען איך ווייטער שפּינען מיין מעשה.

אין יענע צייטן פלעגט מען באַשטעלן אזעלכע טייערע זאַכן פון פוילן ווער איז דער „מע פלעגט"? פרעגט נישט: פון קליין ביז גרויס; פאַר א שיל און, להבדיל, פאַר א קלויסטער, פאַר א נגיד און פאַר א פריץ. באַיאָרן פלעגן באַשטעלן זילבערנע גאָלקעס, הענטלעך, פאַר זייערע כבוד־שטעקענעס; און דער לאַנד־פירשט אוודאי־זילבער באַשטעק, טייערע קעסטעלכך, זילבער־דעק־לעך פאַר טייערע ביכער און אלעדליי פיליגראַן אַרבעט.

איר ווייסט, וואָס עס באַטייט צו באַשטעלן אזעלכע טייערע זאַכן, ווען מע אַרבעט זיי אונטער די אויגן, און מע מוז זיי אָננעמען ווי זיי זאָלן נישט זיין. האָבן טאַקע דער וואָיעוואָד, דער לאַנדפירשט, און זיינע באַיאָרן אויסגעפּו־נען, אז מע דאַרף נישט שלעפּן די קו אויפן בוידעם, נאָר, פאַרקערט, ברענ־גען דאָס היי אין שטאַל. האָט מען אַראָפּגערופן דעם סטאַראָסטע פונעם יידישן צעך, דעם יאַסער ראש הקהל, און דעם חכם־באַשאַ, דעם רב הכולל, און מע האָט זיי געראָטן אַראָפּצוברענגען אהער א גוטן יידישן זילבער־מייסטער פון פוילן. מע האָט צוגעזאָגט פּריווילעגיעס מצד דער רעגירונג. האָבן יידן געהאַלטן אז

עצה און אראָפּגעבראכט פון קראָקע דעם מיינסטער דוד בר ברוך און ער האָט זיך באזעצט אין יאס.

דוד האָט מיט זיך מיטגעבראכט א געזעלן; דאָ אין יאס האָט ער אויפגע־נומען א לערנייננגל און זיך געשמאק געגומען צו דער ארבעט. באשטעלונגען זענען געקומען פון אלע זייטן, פון אלע טיילן לאנד. דער הויפּט־באשטעלער איז אָבער געווען דער פירשטלעכער הויף. דער וואָיעוואָד גיקא האָט אים בא־פרייט פון שטייערן און אָפּצאָלן אין יאָר 1736. די דיפּלאָם לויבט אים אז „...ער איז תמיד דאָ אין אונדזער פירשטלעך הויף". ארבעטנדיק געטריי עט־לעכע יאָר איז דער מייסטער דוד באליבט געוואָרן ביי יידן און נישט־יידן.

דער גרויסער שיל האָט דוד געשענקט א שיינעם זילבערנעם קידוש־בע־כער; ער איז דאָ געווען אן אָנגעזעענער בעל־הבית. בכבודיקע מישפּחות פלעגן אים פארבעטן אויף שימחות גערופן צו גאסט, אזוי אז ער האָט זיך שוין גע־פילט א תושב. איז נאָך צוגעקומען א שיינע בשורה. דער נייער פּרינץ קאָנס־טאנטין מאווראָקאָרדאט האָט ווידער באפרייט פון שטייערן; „...דעם פּוילישן יידן דוד, ווייל ער איז א גוטער מייסטער אין זילבער־ארבעטן". נאָך מער: דער פירשט פארבעט פון אויסלאנד „וואָס מער בעל־מלאכות, וואָס קענען זייער פאך..."

א פּאראדאָקס פון דער געשיכטע; די טערקישע הערשער האָבן אָנגעהויבן אָפּטצו בייטן די מאָלדעווישע פירשטן, אָבער דוד „קוינדזשי" איז געבליבן ווי א הויף־ליפעראנט במשך צענדליקער יאָרן. ער האָט געהאט א שיינע דירה אויפן „פּריצישן מארק." צווישן דעם פירשטלעכן הויף און דער „מיטראָפּאָ־ליע", דער הויפּט־קאטעדראל פון יאס. דא פלעגט ער אָפּט אויפנעמען זיינע חברים און באקאנטע.

שבת חול המועד סוכות תקכ׳ה. זינט יאָרן האָט דוד איינגעפירט, אז אָט דעם שבת־צו־נאכטס מאכט ער א סעודה פאר די יאסער זילבער שמידן, אלע יידן, דאָסמאָל זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם באלעבאטישן צימער מיטן ברייטן, שיין געדעקטן טיש, מיט די פיינע וואָלענע רומענישע „קאָברעצן", מיטן שיינעם מיזרח אויף דער וואנט, וואָס זיין טאָכטער האָט אויסגעשטיקט מיט די שיינע העסעם און מיטן ברייטן שראנק זילבערוואַרג (א נאָווינע, א גוט גלעזל וויין ביי א קרעטשמער! איראָניזירט מיך מיין שטרענגע צוהע־רערן). נאָר, לאָמיך אייך שענקען די לאנגע באשרייבונג און לאָמיך אייך בע־סער געבן צו פארשטיין דעם „מה נשתנה" (אינמיטן סוכות, שלאָגט מיר איבער מיין קריטיקער), וואָס איז עפּעס באזונדערס היינטיקן „שפּייסענאכטס".

כדי דאָס צו פאַרשטיין מוז מען קודם זיך באַקענען מיט די געסט. דער יינגס־טער צווישן זיי איז אברהם צורף, וועלכער האָט באַקומען א שיינעם נדן צו זיין באַשערטער אסתר. ער אַרבעט דער עיקר קליינע זאַכן: צירונג, קייטעלעך, רינגלעך; ער איז א פיליגראַן־ציער; ועל כולם קריצט ער זיגלען און רינגען. ווי א יינגערער קוקט ער „אַרויף" צו די עלטערע מייסטערס. לעבן אים זיצט דער רויט־בערדיקער דניאל רב יונה, א ייד א שווייגער, וואָס אַרבעט פאַרן פירשט־לעכן הויף טאַצן, בעכערס, הענעמס, גרויסע כלים. אַלע הערן מיט קאָפּ דודס רייד. ער דערמאָנט זיי, אַז אין דער היים אין פּוילן, האָט יעדע מלאכה איר אייגענע חברה „פּועלי צדק", וואָס האַלט אין איינעם און היט די אינטערעסן פון אירע חברים. אמת, דאָ אין מאָלדעווע, זענען דאָ ווייניק צעכן, בּרעאַסלע, ווי די וואָלעכן רופן עס, אַפילו ביי די נישט־יידן; ער דערמאָנט דעם „ווער איז קלוג? דער וואָס זעט דאָס קומענדיקע". מע ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען. דניאל אַרזשינטאַר, א קיילעכדיקער, מיט א ציגן־בערדל, וווּנדערט זיך: „קאָנ־קורירן, קאָנקורירט מען זיך נישט; קיין אַנדערע מייסטערס אין אונדזער פאַך זענען נישטאָ אין יאַס; דוד פון שאָץ איז א גוטער־ברודער און ער וועט אונדז נישט „אונטערפּיצקען". טאָמער דאַרף מען עפּעס באַזונדערס, האַלט מען סיווּי פון ר' דודס עצה. צו וואָס זשע דאַרף מען א צעך?

דוד הערט אים אויס און שמייכלט שטיל. ער וואַרט אַז די איבעריקע מייס־טערס זאָלן זיך אויך אַראָפּרעדן פון דער נשמה, ער וועט אָפּענטפערן אויף אַמאָל אַלעמען. אָבער יאַנקל לעמבעריקער מיט די שוואַרצע אויגן און גרויער באָרד און אליהו, וואָס רעדט מיט דער גאָרגלדיקער ריש, האָבן אָנגענומען א פול מויל וואַסער. יאָסל כומר אַרבעט ס'רוב פאַר קלויסטערס; האַלט ער טאַקע א קליין פון דער מיטראָפּאָליע און פילט זיך אַביסל מאָדנע צווישן זיינע פרימערע קאָ־לעגן. ער זאָגט ,אַז אויב ר' דוד האַלט, אַז מע מוז האָבן א חברה, איז מיסתם גוט אַזוי. משה חיימס, הערשל לובלינער און אברהם זכריהס שושקען זיך אי־בער ביז דער לעצטער גייט אַרום מיטן לשון: „אויב מע דאַרף א חברה האָבן מיר דאָך שוין די „נר תמיד". איז גענוג..."

איצט האָט דוד גענומען זיי באַווייזן, אַז א חברה, א צעך, קאָן רעדן מיט מלכות, מע קען זיך בעסער העלפן אין א נויט, מע קאָן זיך בעסער האַלטן אין איינעם, זיך באַוואָרענען קעגן שלעכטע פּועלים און לערניינגלעך, קעגן שלעכטע צאָלערס. און ער רעכנט אויס וואָס די תקנות, די סטאַטוטן זאָגן מיר היינט, וועלן ברענגען, ווען מע וועט זיי אַריינשרייבן אין פּינקס, און אָפּהיטן.

— מע וועט האָבן אַן אייגן מנין? כאַפּט אונטער משה, וועלכער בענקט נאָך א מפטיר ,נאָר ער באַקומט אים איין מאָל אין צען יאָר, און סעודות וועט מען

מאכן עטלעכע מאָל א יאָר, כאפּט אונטער יידל, וואָס האָט נישט פּיינט קיין כוסה. וועגן אים דערציילן לצים, אז ער האָט אמאָל אויפגענומען א לערניינגל, א באָ-טושאנער בחורל. נאָך א האלב יאָר קומט דער פאָטער נאָכפרעגן וועגן זונדל, ענטפערט ער אים, ער קען שוין די האלבע מלאכה.

אזוי גאָר, פרייט זיך דער פאָטער, און וואָס, אשטייגער, קען ער שוין?

— ער קען שוין שיכורן און זאָגן ליגן, וואָס דאָס איז די העלפט פון דער מלאָכה; די אנדערע העלפט נעמט ער שווערער...

הכלל ר׳דוד האָט דעם ענין חברה צעלייגט אויף טעלערלעך ביז אלע זענען מסכים געווען. אין עטלעכע טעג ארום האָט ער זיך באדונגען ביי באצקל שוחט, ער זאָל מיט זיין שיינעם כתב אָנשרייבן, וואָס מע דארף. דוד איינבינדער האָט די בלעטער שיין איינגעבונדן אין רויטער לעדער און זיבן מיינסטערס (איר זאָלט מיר נישט איבערשלאָגן מיט" זיבן איז א ליגן"!) האָבן שוין אונטערגעשריבן, א בעל-עגלה וואָלט געזאָגט" אוועקגעלייגט דעם טאטן". אויף חנוכה האָט מען געמאכט א שיינע סעודה אין דער גרויסער שיל און דער חכם-באשא נפתלי האָט צוגעגעבן זיין הסכמה און נאָך אים האָבן זיך געחתמעט די אָנפירערס פון דעם יידישן צעך, די קהילה. דער שיל האָט מען געשענקט א שיינע פושקע פארן את-רוג.

טאָמער ווילט איר, וועל איך אייך דערציילן עפּעס פונעם ווייטערדיקן לעבן פון די זילבער — מייסטערס. אין יאָר 1789 זענען טערקן און טאָטערן באפאלן יאס און אויסגעראבירט די מייסטערס. אברהם האָט זיין אסתרן געלאָזט פאר אן אלמנה אין ערשטן יאָר פונעם נייעם, ניינצענטן יארהונדערט. איינגיכן האָט אס-תרן געטראָפן א צווייט אומגליק. מרים, איר יינגסטע טאָכטער, איז אנטלאָ-פן מיט א שרייבערל פונעם געריכט און זיך געשמדט. זי איז טאקע געוואָרן אכשרע גויע, נאָר די טריפהנע ירושה פון איר טאטן האָט זי שטרענג אויפ-געמאָנט. זי האָט זיך געלאָדן מיט דער מוטער אין יאָר 1803 און אוודאי גע-ווונען דעם פראָצעס. מע האָט איר צוגעטיילט די דריי הילצערנע קלייטן אויפן פריצישן מארק און אזוי איז איר פאָטערס זכר אויסגעלאָשן געוואָרן.

א גליק וואָס די וועגנט פון דער אלטער שיל האָבן מיר אנימלט דערציילט ווי שיין עס איז געווען דער יום טוב פון אונטערשרייבן דעם פינקס, קלעזמערס האָבן געשפּילט, בדחנים האָבן געגראמט „מיינסטער" מיט „פיינסטער" און „זיבן" מיט „גיבן,", מע האָט זיך געווונטשן געזונט און הצלחה. ווינטשן מיר אייך דאָסזעלבע.

צוגאסט אין גאלאץ

טאָמער ווייסט איר נישט ווו זאַלאַזין געפינט זיך, וועל איך אייך דערציילן: עס איז א שטעטל אין גאַליציע, נישט ווייט פון בראָד. די באַרימטע שטאָט פון האנדל און השכלה איז בראָד געוואָרן אביסל שפּעטער. דערווייל האַלטן מיר אין יאָר 1764, תקכ״ד, לויטן יידישן לוח, און אונדזערע הויפּט-פּאַרשוינען זענען דער זאַלאַזינער רב, ר׳שמחה און זיין רביצן, זאָל לעבן, מרת פּערל. לויט היינטיקע מאָסן איז דער 53 יעריקער רב א רב אין די מיטלערע יאָרן; דעמאָלט האָט מען אים געהאַלטן כמעט פאַר א זקן. די רביצן איז ביי אים געווען די צווייטע פרוי, מיט א צען יאָר יינגער פון אים, האָט זי זיך ביי אים אביסל איבערגענומען, די צוויי טעכטער מיט דער ערשטער פרוי האָט ער שוין פון לאַנג אויסגעגעבן, דעם איינציקן זון, אויך. איז ביי אים געבליבן, אז ער דאַרף עולה רגל זיין קיין ארץ ישראל, זיין אין די אַלע הייליקע ערטער וואָס ווערן דער-מאָנט אין תנך. מתפלל זיין אויף קברים פון צדיקים אין צפת, און בכלל זיך אָננעמען מיט דער לופט פונעם הייליקן לאַנד. האָט ער אויסגעפּועלט ביי קהל, אז דער זון זיינער זאָל אים פאַרטרעטן בשעת דער נסיעה. קהל איז מסכים גע-ווען, ווייל מע וויל דאָך זיין א שיתוף צו אזא מיצווה און-עס וועט דאָך זיין א-זויפיל צו הערן פונעם רבס מויל, ווען ער וועט מיט מזל אהיימקומען.

האָט מען זיך גענומען גרייטן אין וועג. קיין סך האָט ער נישט באַדאַרפט און אפילו נישט געהאַט וואָס מיטצונעמען. אונטערוועגס זענען, ברוך השם, פאַראַנען גענוג יידישע קהילות און יידן בני רחמנים וועלן נישט לאָזן פאַלן א תלמיד-חכם, וואָס איז עולה רגל קיין ירושלים, די הייליקע שטאָט.

ר׳שימחה מיט זיין רביצן האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין 27 טעג אין אייר תק׳כד 1764, און זיי זענען באַלד געווען אין בראָד. פון דאָרט ביז סניא-טין האָט מען אוועקגעלייגט עטלעכע טעג און שבת האָט מען געהאַלטן טאַקע אין סניאַטין. דער רב האָט געדרשנט אין שילכל און די בעלי-בתים האָבן זיך

געלאָזט הערן זונטיק אינדערפרי מיט א צושטייער צו די הוצאות. פון סניא-טין איז מען אריבער דעם טשערעמוש אויף א פּאראָם און ...טשערנאָוויץ איז נישט ווייט. היגע יידן האָבן דעם רב נישט פארשעמט און איבער שאָץ, באָטו-שאַן און דאָראָהוי איז מען אָנגעקומען קיין יאַס.

די מאָלדעווישע הויפּטשטאָט איז נישט זשעדנע קיין אורחים; זי ליגט דאָך אויפן וועג פון פּוילן קיין טערקיי. דער רב האָט איבערגענבטיקט ביי מיזה שוחט און אינגיכן זיך געלאָזט אין וועג איבער וואסלוי קיין גאלאץ. דאָ האָט ער זיך געקענט אָפּרוען פון דעם לאנגן, שווערן וועג, קנאפּע צוויי וואָכן מיט דער פור איבער וועגן און שטעגן. פון גאלאץ נעמט מען די שיף קיין סטאמבול און פון דאָרט, קיין ירושלים. דאָרט וועט מען נישט לאָזן פאלן א רב, וואָס איז עולה רגל מיטן ווייב מיט סכנות נפשות איבער לענדער און ימים, צוליב עבודת הבורא.

דערווייל איז מען אין גאלאץ, אין א יידישן הארבעריק, א כאן ווי מע רו-פט דאָ אן איינפאָרהויז, און מע איז באַזאָרגט מיטן אויסקומעניש. מע פאר-געסט אין די שווערע וועגן און וועגענער, אין די סכנות דורך די וועלדער, אין דער היץ, אין דעם פאָרעך, אין די אָרעמע נאכטלעגערס, אין דעם עסן טרו-קעניש א גאנצע וואָך. שפּעטער, ווען ר׳ שמחה וועט וועגן זיין נסיעה אָנשרייבן א ביכעלע „דורש ציון„, וועט ער לויבן די מידה פון הכנסת אורחים פון גא-לאצער יידן; ער וועט זיי אָנרופן כשרע נשמות, יידן בני רחמנים, מענטשן מיט א ברייט הארץ און אן אָפענער האנט.

און, באמת, אין „האָטעל” האָט אים דער בעל אכסניה אָפּגעגעבן א וויל צימער (א קליניקייט, א רב, אן עולה רגל!), אים אביסל אויסגעפרעגט מכוח וואָס, ווער, ווען, און צווישן געטאָן די פּרנסים, וועמען ער האָט ביי זיך, איז מען באלד געקומען אים אָפּגעבן שלום און אים געזאָגט, אז די דירה און עסן וועט קהל באצאָלן, און ביכלל, ווייל... נישט תמיד טרעפט מען א שיף קיין סטאמבול; מע קאָן מוזן ווארטן א וואָך, צוויי. ווילנדיק, נישט ווילנדיק זענען די נוסעים, דאָס הייסט דער רב מיט דער רביצן און נאָך עטלעכע יידן פון פּוילן, סוחרים, וואָס פאָרן קיין טערקיי געבליבן צו ווארטן אויף א שיף. אין די דריי שבתים, וואָס ר׳ שמחה האָט איבערגעווארט אין גאלאץ, האָט ער דריי מאָל געדרשנט אין שיל און ער האָט זייער אויסגענומען ביי די גאלאצער יידן סיי ווי א בעל-דרשן סיי ווי א חזן. מע האָט נישט געפילט ווי די צייט פליסט.

אין א מארקטאָג האָט מען דעם רב און די רביצן געפירט אָנקוקן דעם באזאר. דאָ אין קליינע געוועלבער, לויטן מיזרחדיקן נוסח, האָט מען געקענט קויפן פון כל טוב. מילא, עסנווארג, פיש, גרינס איז קיין וואונדער. אָבער טיב-

לעז, פאטשיילעס, שיך, קאפטאנעס, קליידער, לייוונט, זיידנס וכדומה. באזונ־דערס האָט זיך דער רב געוואונדערט איבער די דינע נעצן, וואָס מע פאַרציט איבערן בעט. „ווי ביי א קימפעטאָרן" האָט זיך די רביצן ארויסגעכאפּט און פארשעמט געשוויגן. דוד שוחט, דער באַלייטער זייערער, האָט דערציילט, אז אויף דער טונע מוז מען ביינאכט ארומהענגען די געלעגערס מיט אזא נעץ כדי זיך צו פארהיטן פון מיקן, וועלכע פליען ארום און בייסן אָן רחמנות. דער רב האָט נישט געוואָלט פארצערן געלד פאר א חפץ, וואָס מע ניצט נאָר עטלעכע טעג. אָבער שפּעטער האָט ער דערפילט זיין טעות און אין זיין ביכל שרייבט ער: „על נהרות טונע, שם ישבנו..." אויף דער טונע האָבן מיר געהאט צו זינ־גען און צו זאָגן צוליב די „צינצארעס", אזעלכע גרויסע מיקן, וואס פלאָדיען זיך אויף ביידע ברעגעס פון דעם טייך טונע; זיי הערשן איבער די מענטשן פון זונפארגאנג ביז זונאויפגאנג". אין די נעכט האָבן זייערע ביסן אים נישט גע־לאָזט שלאָפן, האָט ער חרטה געהאט פארן נישט קויפן קיין נעץ.

דערווייל האָט מען באצאָלט פארן רב מיט דער רביצן דעם „כאראדזיש", דעם אָפּצאָל, וואָס האָט באטראָפן דריי טאָלערס, אן ערך 110 פּוילישע גראָשנס. מע האָט אויך אָנגעגרייט פאר זיי צידה לדרך: זעקלעך מיט „ביסקוויטן", גע־טרוקנטע ברויט־רעפטן, גערייכערטע פליישן, געגנדזן שמאלץ, געטרוקנטע פּי־רות און כשרן בראָנפן איניינעם מיט רפואות, ווייל, טאָמער, חלילה, ווערט מען קראנק אויפן ים, ווער וועט היילן?

געזעגן, אז מע גרייט זיך אין וועג, האָט די רביצן פלוצעם מורא באקו־מען פאר דער שיף, אָנגעהויבן וויינען און נישט געוואָלט מער ארויסגיין פון דער שטוב. איז געוואָרן א געוויין, א קריגעריי; אזוי ווייט איז עס דערגאנגען, אז די רביצן האָט געזאָגט, זי פאָרט נישט אויפן ים, זי האָט מורא, זי וויל אהיים, קיין זאלאזין. זי האָט געריסן שטיקער, אז דער רב זאָל איר געבן א תנאי־גט און ער האָט געמוזט נאָכגעבן. ווי נאָר זי האָט געהאט דעם גט אין דער האנט האָט זי זיך צעוויינט: „וויי איז מיר און אָך איז מיר, ווי קען איך דען לאָזן דעם רב איינער אליין אין אזא וויטן וועג..." און זי האָט צעריסן דעם גט. איז דאָך שוין ווידער גוט! האָט מען זיך גענומען פעסטער גרייטן אין וועג. מע האָט באצאָלט די צוויי טאָלער רייזע־געלד און די איבעריקע צען יידן האָבן באצאָלט זייערס. דער רב האט זיך געפרייט, ער וועט האָבן מנין אויף דער שיף.

למזל, אין אג וטער שעה, מע האָט זיך איינגעשיפט; גאלאצער יידן האָבן אונ־טערגעפירט דעם רב מיט גרוים כבוד און אָנגעוואונטשן א גליקלעכע נסיעה. א פייף און מע ציט ארויף דעם אנקער, נאָך א פייף אין די שיף לאָזט זיך אין וועג.

קריסטן צלמען זיך איבער, יידן זאָגן א וועג-תפילה און די שיף פאָרט פארביי זומפּיקע ברעגעס, שיטערע פישער-כאַטעס, ווערבעס, קליינע אינדזלען מיט כלאַרליי פייגל. אזוי ציט עס זיך גאנצע 5 טעג ביז מע קומט אָן קיין בוגאז, ווו די טונע גיסט זיך אריין אין שווארצן ים. הייבט זיך ערשט אָן א ניי וואַר-טעניש.

די טונע פירט מיט זיך אסך זאמד און זי פארשיט דעם אריינגאנג צום ים. די זאמדיקע בערגלעך לאָזן נישט דורכפאָרן די שיפן; מוז מען ווארטן ביז ווינטן וועלן אונטערטרייבן דעם טייך און ער וועט אוועקוואשן די זאמד-בערגלעך און דער וועג וועט זיין פריי... גאנצע דריי וואָכן האָט מען דאָס מאָל געמוזט ווארטן ביז דער טייך האָט זיך דערבארעמט. די רביצן האָט צען מאָל אין טאָג פארשאָלטן די שעה, ווען זי איז מסכים געווען צו פארלאָזן דאָס היי-מישע שטעטל. דער רב האָט זי דערמאָנט אין דער גרויסער מיצווה, וואָס זיי פאָרן טון און אין דעם גרויסן שכר, וואָס ווארט אויף זיי אויף יענער וועלט, האָט זי ווידער געשיינט ווי די מנורה אין קוימען. א קלייניקייט: דער רב וועט זיצן אויף א גילדענער שטול אין גן-עדן און זי, אים צופוסנס, אויף א בענ-קעלע דערוויייל האָט מען דערמאָנט צום גוטן די גאלאצער יידן און זיך וואָס גיכער געוואָלט זען אין סטאמבול.

און באמת, ווי נאָר די שיף איז ארוים אויפן שווארצן ים האָט קיין פיר מעת לעת נישט געדויערט און מע האָט דערזען די טערקישע הויפּטשטאָט. ווען זיי האָבן דערפילט אונטער די פיס הארטע ערד האָבן זיי געבענטשט גומל ...נן, און ווייטער? ר׳ שמחה מיט דער רביצן האָבן דערלעבט אָנצוקומען קיין ירושלים. די הייליקע שטאָט, זיי האָבן מתפלל געווען ביים כותל מערבי אין דער מערת המכפלה, ביי דער מוטער רחלס קבר, אין צפת, געפירט וויכוחים מיט למדנים, געקושט די הייליקע ערד און... גוט באהאלטן דאָס קנופּעל מיט רענדלעך פארן צוריקוועגס. ווייל ר׳ שמחה האָט געוואָלט זען א וועלט מיט יידן, איז ער אהיימגעפאָרן איבער אנדערע וועגן, מיטן מיטל-ים, איבער קאָר-פו, מאראָקאָ, איטאליע, טריעסט, עסטרייך, און ...אהיים.

איבעראל, יידישע קהילות, וועמען מע קען דערציילן ניסים פונעם הייליקן לאַנד און מע בלייבט נישט פארשעמט.

אז דער רב מיט דער רביצן זענען אויף ימים-נוראים אהיימגעקומען, האָט מען זיי אויפגענומען ווי גרויסע געסט. די רביצן האָט א גאנצן ווינטער געהאט צו דערציילן ניסים ונפלאות.

וויפיל יידן פון זאלאזין זענען עולה רגל געווען אָדער כאָטש געפאָרן מיט מיסחר קיין רומעניע, ווייס איך נישט; אָבער תמיד צו שלוש סעודות, אז מע

האָט געגעסן פיש האָט ר׳ שמחה נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען צום גוטן די מאָלדעווישע ערד און די יידן פון גאַלאַץ, וואָס האָבן אים אַזוי שיין אויפגענומען און אַזוי פיין אונטערגעשטיצט.

און איך אַליין וויפל מאָל עס פיש, דערמאָן איך מיך אין דעם קליינשטעטלדיקן רב, וואָס האָט נישט פאַרגעסן אין די מאָלדעווישע יידן, אין זייער הכנסת-אורחים און גוטהאַרציקייט, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אויך אַ שטיקל חלק אין דער מיצווה, אויב איך דערמאָן אייך אין אָט דער מעשה פון אַמאָל.

אָט אזוי ווערט א שטעטל

זינט 1777, ווען עסטרייך האָט פארכאפּט בוקאָווינע, ליגט די „מאָשיע״, די אימעניע וולאדען, נישט ווייט פון דער גרענעץ. יאָרנלאנג האָט דער פּריץ קאָנ־סטאנטין מארעש זיך נישט פארטראכט וועגן דעם, אָבער זינט עטלעכע יאָר איז ער מקנא דעם פּריץ פון שאָלדאנעשט, וועלכער האָט שוין פון לאנג געג־רינדעט א שטעטל אויף זיין אימעניע; איצט איז פון דעם שטעטל געוואָרן א שטאָט, אפילו די הויפּטשטאָט פון א ציגוט, א דיסטריקט, און מע רופט זי שוין פאָלטיטשען... זי ברענגט שיין פּרנסה דעם דאָרטיקן בעל הבית פונעם ישוב. איז, מיט וואָס איז ער ערגער פון יענעם?!

קורץ געטראכט און גיך געמאכט. אויף די יארידן, וואָס מע מאכט יעדן חודש אין זיין דאָרף וולאדען קומען זיך צונויף נישט נאָר די דאָרפסלייט פון ארום, נאָר אויך סוחרים פון ביידע זייטן גרענעץ. אופן נאָענטסטן יאריד האָט מארעש גערופן צו זיך עטלעכע יידן פון בוקאָווינע און גאליציע, חנא און מר־דכי אייזיקאָוויטש, מרדכי־מאָקע מאָשקאָוויטש, משה באָרוכאָוויטש און נאָך עטלעכע סוחרים און בעלי־מלאכות און זיי דערציילט וועגן זיין פּלאן צו גרינדן א שטעטל, דאָ ביי דער נייער גרענעץ. פּרנסה וועט, מירצעשעם, זיין, און ווייל זיי פרעגן אים, פארוואָס ער רופט נישט קיין היגע, מאָלדעווישע יידן, ענטפערט ער זיי, אז דער פירשט לאָזט נישט גרינדן קיין שטעטל מיט היגע איינוווינערם. און די גאליציאנער, ווייסן, אז ביי זיי, און אין איבעריקן פּוילן, מאכט מען נייע שטעטלעך זינט יאָרהונדערטער און יידן און ארמענער זענען דערביי די בעסטע מחותנים. אָבער איבערפּאָרן אין א ניי לאנד...

מארעש שלאָגט איבער זייערע געדאנקען: „איר האָט נישט, וואָס איבער־צוטראכטן. איר קענט דאָס היגע פאָלק, איר קומט דאָך נישט פון היינט און נישט פון נעכטן אויף אונדזערע יארידן. נו, און סיווי וועל איך אייך מאכן גוטע קאָנדיציעס. אין ער רעכנט אוים אלע מעלות און זאָגט זיי צו אסך טו־

בות. די יידן הערן אים צו מיט קאָפּ, זיי קוקן זיך איבער און דער עלטסטער צוויִשן זיי ענטפערט: „פריץ לעבן, עס איז נישט גרינג צו פארלאָזן דאָס לאנד וווּ מע איז געבוירן, צו קומען אין א ניי לאנד, אויף גאָטס באראָט. וואָס מע לאָזט איבער, ווייסט מען, וואָס מע וועט דאָ טרעפן, איז דערוויילע נישט זיכער".

מארעש רעדט זיי צו, זאָגט זיי צו גוטע באדינגען און ווייזט זיי ווידער, אז דאָ אויף דער גרענעץ, קען ווערן א גוט אָרט פאר מיסחר און פאר מלאכה, א סימן, פּאָלטיטשען!

משה בר ברוך איז שוין געווען אויף פּאָלטיטשענער יארידן און ער ווייסט ווי דער ישוב איז אויסגעוואקסן. אָבער ביז מע דערלעבט צו זען אויסוואקסן א שטאָט, האָט מען אויסצושטיין קאלטס און ווארעמס.

פון דער אנדערער זייט אָבער פליען קיינעם נישט קיין געבראָטענע טייבעלעך גלייך אין מויל...

הכלל, עס בלייבט, אז דער פריץ זאָל אָנשרייבן א מין קול קורא, אן אויפרוף, און די פּאָר יידן, וואָס זענען איצט דאָ, וועלן איבערשמועסן מיט יידן פון זייערע מקומות, מיט זייערע אייגענע מישפּחות און, מע וועט זען. דער פריץ רופט זיין לאָגאָפאָט, זיין שרייבער, און הייסט אים אויפשרייבן די תנאים, וואָס ער רעכנט צו געבן די קומענדיקע איינוווינערס פונעם שטעטל, יענע וואָס וועלן זיך באזעצן אויף זיין נחלה.

די יידן זענען אהיימגעפאָרן, ארומגעפאָרן איבער יארידן און שטעטלעך, גערעדט, צוגערעדט, איינגערעדט, איבערגערעדט מיט אייגענע און סוף כל סוף האָבן זיך אָנגעזאמלט עטלעכע מנינים יידן, וואָס זענען גרייט צו פּרווון זייער מזל אין א ניי לאנד. משנה מקום משנה מזל. אויף א יאריד, נאָך פּסח, איז מען זיך צונויפגעקומען און אָנגעהויבן אויספרעגן די יידן וואָס און ווער און ווען.

פרעגט איינער: „און וואָס וועט זיין, טאָמער וועט עס אונדז נישט געפעלן?" ענטפערט חנא, אז יעדער וועט זיין פריי צו בלייבן, אָדער צוריקצופאָרן אַהיים. אן אנדערער וויל וויסן, וואָס דער פריץ האָט פון דעם געשעפט. ווייזט מען אים, אז ער וועט נעמען יאָרגעלד, בעזמין, פארן באָדן, וווּ מע בויט הייזער און קלייטן. „נו, און ווער וועט באצאָלן דאָס יאָרגעלט פאר אונדזערע שילן, פארן בית-עלמין, און פארן באָד להבדיל?" פאר יידישקייט-בנינים צאָלט מען נישט קיין בעזמין. א דאָרפס-ייד פרעגט, דאָס וועט זיין מיט די בהי מהלעך, מיטן גערטנדל לעבן דער שטוב, מיט עופות. ווייזט מען אים, אז עס איז פריי צו האלטן אומזיסט אויף פּאשע 3-2 קי, אז קיינער טשעפעט נישט א גערטנדל, אביסל עופות... איך לעב פון בראָנפברענערײ, מאכט איינער,

וואָס וועט זיין מיט מיר? — דער פּריץ מאָנט נישט מער ווי צוויי פּיאַסטער פון א קעסל, א יאָר. און אויף צו הייצן מעגט איר נעמען אומזיסט געפאַלן האָלץ און צווייגן פון זיינע וועלדער.

— כ'האָב שיר נישט פארגעסן, גיט צו לייב ברוכס, פאַרן ערשטן יאָר צאָלט מען נישט קיין בעזמין".

די שליחים האָבן אוודאי פאַרשוויגן. אז פאר זייער טירחה גיט מען זיי בויפלעצער פאר א קלענערן יאָר-אָפּצאָל; זאָל מען זיי נישט חושר זיין, אז זיי האָבן זיך געלאָזט אָפּקויפן. האָט מען אָפּגערעדט זיך צו באַגעגענען אין צוויי חדשים ארום. מע האָט געקויפט, וואָס עס האָט נישט געהאַט, פערד און וואָגן, מע האָט אויפגעלאָדן אביסל באַלעבאַטעשאַפט, דאָס הויזגעזינד און דער קאַראוואַן איז למזל ארויסגעפאָרן אין דער נייער היים אין מאָלדעווע.

די אָנגעקומענע סטאָלערט האָבן מיט דער הילף פון היגע דאָרפישע פּאַכלייט אויסגעבויט דירות, קלייטן, קרעטשמעס, שטאַלן, האַמבאַרעס; אויסגעגראָבן קעלערס און קערניצעס האָבן די היגע קענערס און מע האָט אויפגעשטעלט גאַסן און געסלעך. גלייכצייטיק האָט מען אויפגעבויט די שיל, וועלכע איז דערנאָך געשטאַנען 140 יאָר ביז זי האָט אָפּגעברענט, א מיקווה מיט א שטיקל באָד און מע האָט ארומגעצוימט דאָס בית החיים, דאָס „הייליקע אָרט".

דעם ערשטן ווינטער זענען איייניקע איבערגעקומען נאָר אין איין צימער. נו, מיט האָלץ איז מען געווען פאַרזאָרגט, וועלדער ארום שטייען פריי, פערד און וואָגן האָט מען מיטגעבראַכט, מע פאָרט דאָך דערפאַר צוליב מלאכה און האַנדל, מע ברענגט סחורות פון גרעסערע שטעט, פון דאָראָהאָי, באָטושאַן און אפילו יאַס, און ביכלל, אָן פערד און וואָגן איז שווער אויסצוקומען. די ערשטע צייט האָט מען זיך ברידערלעך געהאָלפן איינער דעם צווייטן, בייגעשטאַנען אין א נויט. „א נייער בעזים קערט גוט" האָט א סקעפּטיקער געשפּעט. אָבער איינגיכן איז טאַקע אויפגעקומען א חברה „גמילת חסד" און אין יאָר תק'ם—1800 א חברה „פועלי צדק", א צעך פון בעלי-מלאכות.

געקריגט האָט מען זיך דערוויילן אין שיל פאר עליות, די ווייבער אין מאַרק, פאר א פּאָרל עופות, פאר א זעקל קאַרטאָפל, די קינדער, אין חדר, ביים שפּילן אין קנעפּ.

דאָס שטעטל איז געוואַקסן און מארעש אליין האָט זיך אויך אויפגעבויט א שטוב אין שטעטל. עס איז פּאָרט פרייליכער ווי אין דאָרף. און סיי ווי איז גוט, אז דעם בעל-הביתס אויג זאָל זיין אין דער נאָענט. דערצו טרעפט ער דאָ, וואָר עס זאָל פאר אים אָנשרייבן געשעפטס-בריוו. א סערעטער ייד האָט זיך דאָ באַזעצט, שרייבט ער רומעניש שיין, גיך און גוט און אפילו אביסל

דייטש, פון יידיש און לשון-קודש איז דאָך שוין אָפּגערעדט. קומט ער צונויף, רופט מען אים לופּו אינוואצאטו, וואָלף דער געלערנטער, און מע גיט אים אָפּ כבוד. ער לערנט מיט מיידלעך א שירה גריסל, מיט יינגלעך אביסל רעכענען, ער שרייבט בריוו פאַר פּויערים און מע צאָלט אים א הון, א ביסל מעל, אייער, אביסל מילכיקס. ווו אלע צדדים זענען צופרידן.

טאָמער ווערט עמעצער קראַנק רופט מען סלאָווע די שפּרעכערן; פון איר אָפּשפּרעכן האלט זי ווייניק, אָבער אַ רופאטע איז זי א גוטע. „זי פארשטייט א קרענק" לצעוועט דער שטאָט-אָפּשפּעטער חיים יאנקלס, אָבער פּיאוועס, באנקעס, רפיאות נעמט ער פון איר. פון איר באסאראבישער היים אין דאָרף האָט זי מיטגעבראכט אלערליי „ביטערע קרייטעכצער" און זי מאכט דערפון טיי, שמירעכץ, פּראָשעקעס און זי היילט; און קיין סך באצאָלט מאָנט זי ניט. עס איז אָבער פּאָרט בעסער געזונט צו זיין און נישט דארפן אָנקומען צו איר. עיקר, דאָס שטעטל וואקסט. די הייזער שטייען אין א ריי, ווי די סאָלדאטן. די דעכער זענען נישט פון קיין שטרוי, נאָר פון ברעטער, באנאכט איז דאָס שטע-טל באוואכט (די גרענעץ איז דאָך נאָענט), דאָ און דאָרט אפילו א לאמטערן. עס קומען צו גאסן, מע צעפירט זיך די הענט, מע טוט נאָך סערעט, די שטאָט אויף יענער זייט גרענעץ.

א דור שפּעטער וועט דער לאנדפירשט אָפּקויפן דאָס שטעטל און פּרוון מאכן דערפון א „האוון אויף דער יבשה" צוליבן תבואה-מיסחר מיט עסטרייך; ער וועט דעם שטעטל שענקען זיין נאָמען, מע וועט עס רופן מיהיילען; שפּע-טער מיט א דור וועט עס שמעקן מיט השכלה און א דור שפּעטער וועט מען שיקן קינדער שטודירן אין טשערנאָוויץ, לעמבעריק, ווין און עס וועלן ארויסקומען פון דאָרט יידישע שרייבערס.

לאָמיר אָבער נישט כאפּן די נעץ פאר די פיש. דערווייל האלטן מיר נאָך ביים שטעטלס בר מיצווה און עס האלט נאָך אין וואקסן. דערווייל קאָנען מיר זינגען א לידל:

אָט אזוי וואקסט א שטעטל
אָט אזוי וואקסט עס אויס,
נאָך א שטיבל, נאָך א קלייטל
און פון קליין, ווערט עס גרויס.
און מיין מעשהלע איז אויס.

בוקארעשטער בלעכערס

אז א פּוסטער מיחוס אָדער אַן אויפגעקומענער גביר האָט געוואָלט זידלען א יידן, א בעל-מלאכה האָט ער אים אָנגערופן: בוקארעשטער בלעכער! און יענער האָט זיך נישט געלאָזט „שפּייען אין דער קאשע" און געענטפערט: א בלעכער איז מער יחוס איידער א „שמעקער" (אויף רומעניש, א דרייקאָפּ).

אין דער אמתן זענען בוקארעשטער, און נישט נאָר בוקארעשטער, יידישע בלעכערס געווען דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל דאָ אין רומעניע און מע האָט געשעצט זייער מוט צו קריכן אויף שפּיץ דעכער און אויף טורעמס, זיך דראַפּען אויף די קופּאָלעס פון קלויסטערס, אויף קוימענעס און ראנדן פון דעכער. מע האָט באוואונדערט די שיינע בלעכערנע באַפּוצן, וואָס זיי האָבן אויסגעשוירן: א האָן, א בלום, א פּאָן, א פויגל, א זיגזאגישע ליניע, געפּלעכץ, אכט בלעטערדיקע זון-בלומען, א סימבאָל פון דער זון. פון זייערע הענט זענען אַרויסגעקומען וואסער-עמערס, מעלק-שעפּלעך, שעפּערס, באַניעס, ביטלעך, טירלעך צו אויוונס, לאמטערנס, פייפעלעך און וואָס איר ווילט נאָר הערן און גערענקען. אָן זייער ארבעט האָט קיין שום קלויסטער, קיין פּריציש אָדער באַלעבאַטיש הויז, קיין שום שיל אָדער שולע, קיין שפּיטאָל, קיין שום גרעסערער בנין זיך נישט געקענט באַגיין.

אָט, אַשטייגער, דער טעקוטשער פּריץ פּעטרו טשיוקא וויל דעקן מיט בלעך דעם קלויסטער פונעם הייליקן געאָרגע פון זיין שטאָט. האַלט. ער זיך אַן עצה מיטן גלח. יענער זאָגט אים, אז מע דאַרף אַרעדט טון מיט אברהם קיווע בלעכער. מאכט דער פּריץ: „פּאָטערל, צו וואָס נעמען א יידן; בעסער געבן פּרנסה אַן אייגענעם? „אפשר וואָלט בעסער געווען, מאכט דער גלח, נאָר ווו נעמט מען אים?". „אָט הייס איר איינשפּאנען דעם וואָגן און פאָרן קיין בערלאַד, אָדער קיין וואסלוי און אפילו ביז יאס". „מיט וואָס זענען די יאסער יידישער בלעכערס מער כשר פאַר אייך, פּריץ לעבן, איידער די היגע?". „וואָס-זשע, נאָר

זיי זענען בלעכערס?" „באַיערולע, איך דערמאָן מיך פון צוריק מיט א 15 יאָר, האָט מען געדארפט פארבן דעם דאך פונעם הייליקן ניקאָלאיםקלויסטער, האָט מען אויך געמוזט אָנקומען צו זיי. קיינער מאכט נישט אזא גוטע ארבעט, א-פילו קיין דייטש אָדער א פּאָליאַק אויך נישט." זיפצט דער פריץ און מע שיקט רופן אברהם קיווען.

הייסט ער זיך קודם ווייזן, וואָס עס איז דאָ צו טון. רעכנט מען אויס: דעקן מיט בלעך און אים אָפּפארבן מיט רויטער פארב, איז נומער איינס, צוויי-טנס פארבן דעם גלעקער-טורעם, די קוגל אויף אים און דעם צלם פון אויבן. ביינט מען איין א צווייטן פינגער. דערנאָך איז איינצוויקלען מיט בלעך דעם אונטערשטן טייל טורעם, איז נומער דריי; ווייטער באבלעכען די קוימענעס, זיי באפארבן בלומען ארום די פענצער אין שיינע פארבן און מיט... טאָמער מיינט איר, אז איך וועל אויסרעכענען אלע ארבעטן, האָט איר א טעות. איך בין נישט קיין בלעכער און איר זענט נישט קיין באשטעלערס. איינס האָט מען יאָ אָפּגעמאכט: די ארבעט זאָל זיין נישט ערגער ווי יענע, וואָס אברהם האָט אויסגעפירט אין דעם קלויסטער פון בארלאד. אברהם קיווע האָט אויסגעהערט און פארצייכנט אלצדינג און דערנאָך א זאָג געטאָן: איך אליין קען אזא אר-בעט נישט אָננעמען; איך וועל מיך איבערשרייבן מיט מיין שיתוף פון פּאָק-שאַן און אייך געבן ענטפער אינגיכן.

עטלעכע טעג שפּעטער, אויב איר ווילט וויסן גענוי דעם דאטום, איז עס געווען דעם ניינטן אפּריל 1832, האָט מען אונטערגעשריבן דעם אָפּמאך. פאר דער ארבעט גיט מען צוויי טויזנט ליי מיט זייער אייגענער בלעך און פארב פון דער בעסטער קוואליטעט. האָט מען גענומען אן אדערויף, איינגעקויפט מא-טעריאלן און זיך געשמאק גענומען צו דער ארבעט, ווייל די צייט שטייט נישט און דער רעגן ווארט נישט.

מע זיצט רייטנדיק אויפן שפּיץ דאך. דער קאָפּ טומלט פון די קלעפּ פונעם הילצערנעם האמער איבער דער נייער בלעך און פון דער ברענענדיקער זון. כאפּט מען דעם אָטעם, טרינקט מען אביסל וואסער פון די ערדענע כלים מיטן שמאלן פּיסקל, כאפּט מען א שמועס.

— מע פרעגט מיך אייניקע מאָל: וואָס טויג דיר דאָס דראפּען זיך אויף די גליי-כע ווענט, דאָס שפּילן זיך מיטן לעבן?

נאָר דיך ,מיינסט, פרעגט מען?

וואָס-זשע ענטפערסטו זיי?

— דאָס אייגענע וואָס דו.

— זאָגסט זיי, אז עס איז א מחיה צו שעפּן פרישע לופט אין דער הייך...

— און אז עס איז א דערקוויקעניש צו קוקן ווייט, איבער פעלדער און וועל־דער — אז דער בלויער הימל און די ווייטע בלויע בערג דערפרייען די אויגן און דאָס הארץ — און אז מע פילט זיך „משה גרוים„ ווייל מע ארבעט אזא מלאָכה, וואָס נישט יעדער נעמט זיך דערצו.

— נישט אלע בעלעכערס פאטשן מיט די פליגל אינדערלופטן.

— א בלעכער, וואָס קריכט נאָר אונטן איז קיין בלעכער נישט.

וואָס דען איז ער?

א בלייערנער פויגל איז ער.

לאכט מען און מע נעמט זיך ווייטער צו דער ארבעט, ווייל די צייט שטייט נישט, פארנאכט, מע קריכט אראָפּ פונעם דאך, מע קוקט זיך ארום אויפן וועג פול מיט פאָרעך, אויף אָרעמע שטיבלעך און די נאָך אָרעמערע מענטשן, בא־קומט מען א רחמנות אויף די באשעפענישן, וואָס קענען, פעבעך, קיינמאָל נישט זיך אָפּקלייבן פון דער ערד. פילט מען זיך דערהויבן. א בלעכערישער יחוס, אָבער נישט קיין פוסטער שטאָלץ.

יאסער בלעכערס זענען אוודאי געדולדיק. ווען מע רופט יאנקל בלעכער, ער זאָל דעקן דעם קלויסטער דאנקו, שטעקט ער זיך פעדערן. אפילו איצט, אין 1840, איז ער צווישן די בעסטע מייסטערס, און אפילו דריי יאָר שפּעטער ווען ער מאכט די שיינע רינוועס פארן שפּיטאָל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם הייליקן ספירידאָן. און דאָך זענען דאָ אין יאס צוויי מינינים גוטע יידישע בלע־כערס. און זיי האָבן אן איינענעם צעך זינט איבער 10 יאָר,

א יאָר שפּעטער איז א בלעכערישע אסיפה אין זייער שילכל. ערנסטע ענינים ארומצושמועסן.

— הערט נאָר, מאכט דער סטאראָסטע פון דער חברה, שמעון יאָסלס, וואָס טוט מען, גוטע ברידער? מע טרייבט פון די דערפער און פארטאטשעס באסטאָמפּעווען יאס. אלערליי שלעק רופן זיך אָן בלעכערס, כאָטש זיי קענען אפילו קיין ליקעלע נישט מאכן, גייען אין די הייזער און זיי כאפן אונדז אוים די קונים.

— אונדז צאָלן מער פאטענטעס, דירה־געלד, טאקסע און זיי גייען פאר־לייטן, פארלאטען און זיי נעמען וויפל מע גיט זיי, מאכט קלמן.

און דער אלטער ישעיה, וואָס האָט שוין זין און אייניקלעך בלעכערס, צעבייזערט זיך: „וואָס פאר א לעמעשקעס איר זענט. אונדזער חברה איז נישט פון היינט און מע האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט צו דער ארבעט א פארטאטש. וואָס־זשע שווייגט איר.?

שרייען וועט דען העלפן?

שרייען נישט, אָבער שרייבן, יאָ, גייט רופן דעם שרייבער.

גייט מען, און מע ברענגט צופירן יחיאל ראָטענבערג, וואָס קען גוט אָנש־רייבן אויף רומעניש א שיינע בקשה, און ער שרייבט צו מלכות, אז מע זאָל נישט לאָזן ארבעטן מענטשן, וואָס זענען נישט פון דעם צעך און זיי צאָלן נישט קיין שטייערן דער מלוכה. אָפּגעשריבן, נעמט יעדער די געגרזענע פעדער, און איינער נאָכן צווייטן „ליינט מען אוועק דעם טאטן" אויפן בויגן פאפיר, יעדער ווי ער קען: מיטן אייגענעם און מיט טאטנס נאָמען אָדער כאָטש מיט צוויי דריי אותיות, וואָס זעען אוים ווי צוויי קעץ, וואָס שלאָגן זיך. אָפּגעטאָן דאָס שווערע שטיקל ארבעט קוקט מען זיך אָן איינער דעם צווייטן און מע צעגייט זיך יעדער צו זיין שטיבל צו זיין ווייב און קינדער.

נאָר קלמן גייט נעמען די חתימה פון יאנקל מיחוס. ער הייסט טאקע א בלע־כער, אָבער ארבעטן ארבעט ער נאָר פיינע ארבעטן ווי א גאָלדשמיד. עס דער־גייט אזוי ווייט ,אז אין יאָר 1851 באשטעלט מען ביי אים די פיינע געוויכטלעך, מיט וועלכע מע קען וועגן גאָלד, מע וועט מיט זיי איבערוועגן די רענדלעך צי די צירונג. דאָס געוויכטל טאָר נישט פארקוקן אפילו א צוואנציקסטל פון א דרעם.

און, מיינט נישט, אז ער האָט נישט קיין קאָנקורענטן, אויך נישט קיין פאָנפא־טשעם; ער האָט דאָס מאָל אויסקאָנקורירט אפילו דעם בארימטן יאנקו פעט־שעטארו, דעם זיגלשטעכער, גראווירער און זילבערשמיד. מעג ער זיך אוו־דאי „שטעלן אויף די הינטערשטע פיסלעך", אויף פראָסט לשון ,שטאָלצירן.

האָב איך מיך א מאָל א פרעג געטאָן: מילא, אין מאָלדעווע האָבן דעמאָלט געלעבט אסך יידן מעגן זיי זיין אסך בלעכערס, אָבער אין וואָלעכיי און אין אָל־טעניע, וואָס מע רופט קליין־וואָלעכיי, ווו חוץ בוקארעשט, האָבן נישט געלעבט קיין סך יידן, מוזן זיי אויך זיין אויוונאָן? איך מיין נישט נאָר אויפן דאך, נאָר טאקע אין חשיבות.

מילא, אין בוקארעשט קען מען זיך אָן זיי נישט באגיין; אזויפיל פיר־שטלעכע, באָיארישע, סוחרישע הייזער, אזויפיל קלויסטערס און מאָנאסטירן ווילן שיינען אין דער זון מיט בלעך־דעכער, מיט שיינע באפוצונגען פון בלעך, מיט רויטע, גרינע, געלע פארבן. אָבער וואָס זוכן יידישע בלעכערס פון בוקא־רעשט טיף אין די קארפאטן, אין קלויסטער הורעז, דעם בארימטן דורך זיין ארכיטעקטור.? זיי זוכן, אז זייער ארבעט זאָל נישט ארונטערבלייבן פון די שיינע קופאָלן, קאָלאָנעס, בויגנס, ווו דער שטיין איז אזוי פיין באארבעט ווי א שפיצעריי. א גאנצע וואָך האָרעוועט מען און מע האָדעוועט זיך מיט מיל־כיקס און גרינס; פרייטיק צו מיטאָג פאָרט מען ארוים קיין רימניק־וואלטשא. דאָרט לעבן וויניק יידן, אָבער א שבתדיק מינין פעלט נישט, פיש און יויך

און קוגל, אויך נישט. דעבעט מען אָפּ פון די 5 טעג ארבעט איבער די כוחות, ווייל זונטיק לאָזט דער גלח נישט ארבעטן ביים קלויסטער; און ער איז גערעכט. וואָלטן יידן געלאָזט ארבעטן שבת ביי א שיל?

זונטיק צו מיטאָג איז מען שוין צוריק אין דאָרף. מע קוקט צו ווי שיין מע דרייט די האָרע, ווי עס פאַלדעווען זיך די פארביקע, שיין געשטיקטע קליידער און ווי קינציק עס טאנצן די „קאלושארעס" זייער ווירבלדיקן טאנץ, ווי עס שוועבן זייערע סטענגעס, ווי עס קלינגען זייערע גלעקלעך, אז עס שווינדלט אזש פאר די אויגן. פארגעסט זיך א יונגער בלעכער און ער שפּרינגט אריין אין טאנץ, טאנצט און טאנצט ביז ער דערמאָנט זיך, אז די עלטערע בלעכערס קוקן אויף אים, קומט ער צוריק אין זייער קרייז, א בעל-תשובה.

דערציילט בערל, דער מיינסטער: „העי, חברה, אמאָליקע צייטן איז געווען א לעבן. ווען מיין זיידע איז געווען א יונגערמאנטשיק, אזוי אין, דיינע יאָרן שמואליקל-„האָרע" (ער האָט אים שוין צוגעטראכט א צונאָמען), וואָס דו טאנצסט, קיין עין-הרע ווי אן אמתער וואָלעך, ווייס איך, מסתם צוריק מיט א יאָר זעכציק, האָט מען אים אראָפּגעבראכט פון טארנאָפּאָל ער זאָל דעקן מיט בלעך דעם פּאלאַץ פון א גרויסן פּריץ, א שוצו, צי ווי ער האָט דאָרט געהייסן. ער האָט מיטגעבראכט צוויי געזעלן און מע האָט זיך איינגעדונגען ביי א יידן. דער שוחט האָט אכטונג געגעבן, אז שבת זאָל מען גיין אין שיל, נישט נאָר צו שחרית, נאר אפילו פארנאכט צו הערן אביסל מוסר. זונטיק האָט מען געארבעט אינדערהיים בלעכערנע קלייניקייטן. און אז ער, דער זיידע זכריה, האָט זיך אמאָל פארגעסן און געגאן טאנצן אין דער האָרע, ערגעץ עק שטאָט, נו, נו, האָט זיך געטאָן חושך. ער האָט געמוזט פאסטן א מאָנטיק און א דאָנערשטיק, ווינטערצייט, אינדערהיים, נישט זומערצייט, אויף די דעכער. און מאָנטיק ווידער אויף די דעכער מיטן האמער און מיטן פּענזל. א בלעכער מוז קענען ארבעטן אי שטארק ווי א קאָוואל, אי צארט ווי א שטיקעריי...

באלד איז מען ווידער אין בוקארעשט און מע שמעקט דעם ריח פון קוילן און פון לייטוואסער, און מע חלומט פון פרישער לופט. אנטשל מיט זיין חברה וועט דעקן דעם קלויסטער פון דער הייליקער ווינערע. מע וועט אויסשניידן און אויסקלאָפּן צען טויזנט בלעכלעך און זיי אויסלייגן ווי די ליסקעס פון א פיש. מע וועט אָפּהאָרעווען א חודש און דער קלויסטער וועט נישט צאָלן; וועט מען בלייבן שטעקן אין דער מיט. און ווארטן און בעטן און מאָנען. אזוי וועט ליידן אברהם בלעכער אין קראיאָווע, ארום 1840, ווען ער מאכט א דאך פאר דער שולע אָבעדענארו. בעסער וועלן עס אָפּשניידן שפּעטער

בראַילעווער בלעכערס אין דערזעלבער שטאָט, אַרבעטנדיק פֿאַרן קלויסטער פֿונעם הייליקן איליע.

און משה בלעכער פֿון רימניק וואָלטשעאַ וועט האָבן דעם כבוד צו באַ-פּוצן די פֿאָן פֿון דער רעוואָלוציע אין 1848. און...

איך דערהער ווי איינער שעפּטשעט: „נענוג געבלעכערט". עס הייבט באַלד אָן דער נייער סעריאַל.

א ברירה האָב איך?

דאָס צענטע געבאָט (לא תחמוד)

פאַרן היינטיקן מענטשן זעט אויס די פּאסירונג, וואָס איך גיי דאָ דערציילן, ווי אַן אמתע מעשה פון באָקאטשיאָ אָבער מיין עלטער זיידע נחום האָט זי געזען מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. נחום איז געווען אַ געוויינטלעכער פּאָדעלויער בעל הבית; קיין יחוס בריוו האָט ער נישט געהאַט, פון קיין רבנים, לומדים, מיוחסים, נגידים האָט ער נישט געשטאמט; קיין גרויסער למדן איז ער אַליין אויך נישט געווען: דאווענען, זאָגן תהילים, חומש מיט רש׳י, מישניות-דאָס איז זיין ביסל קענען. פּרנסה ציט ער פון זיין מיסחר. ער פאָרט אַרום איבער דערפער און קויפט איין ביי פּריצים און פּויערים שאָפענע קעז, שמויש, האָזענע פעלעכלעך, לעמער, וואָל קלענערע פאַרטיעס נעמט ער מיט אין זיין אייגן פערד-און וועגעלע. גרעסערע, שיקט מען אים אָפּ אהיים אין גרויסע וואָגנס, וואָס עס שלעפּן אָקסן, פּאַוואָליע, סטאַטעטשנע, זיכער.

ר׳ נחום אַליין איז אַ פרומער ליטישער ייד, וואָס פירט אויס אַלע מיצוות לויט די כוחות זיינע און לויט די מעגלעכקייטן. יידן, וואָס פאָרן איבער דערפער פאַרקוקן אַמאָל כשרות, מע עסט וו און ווי עס לאָזט זיך, כ׳ע כאַפּט אַן איבעריק גלעזל וויין און מע איז אַ מאָל עובר אויף דער צענטער פון די עשרת הדברות. ער אָבער-חס וחלילה!

נחום האָט טאַקע אינזינען זיינע מיסחרים, ער קוקט זיך אָבער צו צום לעבן פון יידן אין דערפער: קרעטשמערס, רענדאַרעס, בעלי-מלאכות. דאָרט וו עס וווינען מער יידן איינינעם היט מען נישט קשהדיק דאָס ביסל יידישקייט, וואָס מע קען, האַלט מען אַ מלמד, פאָרט מען אין מיקווה, צי אין שיל אויף ימים נוראים. שמאָל האַלט עס מיט יענעם, וואָס וווינט איינער אַליין אין אַ דאָרף; מע ווערט פאַרפויערט. און דערצו: גייט עס אים שלעכט, פאַרשלינגען דאגות-פּרנסה אַלע געדאַנקען און געפילן; גייט עס אים גוט, איז מען זשערנע, וויל מען וואָס מער פאַרמעגן, וואָס מער געשעפטן, מע פאַרגעסט אין דא-

ווענעז, וואשן זיך, און אפילו אין טהרת-המישפחה. עס רערגיים ביז צו זנות. דאָס טוט נחומען וויי.

און אָט קומט אים אויפן געדאנק אזא בילד. ער טראכט צו פייטלען, דעם קרעטשמער פונעם דאָרף לונגאַן, א צען קילאָמעטער פון טירגו-פרומאָס. פייטל איז א מיטלוווקסיקער ייד, איבער די 35 יאָר, תמיד פארטאָן אין געשעפטן. זיין ווייבל שיינצע, איז ווערט דעם נאָמען אירן; זי מיט צען יאָר יינגער פון אים און גאָר נישט קיין „פארשלאָפענע„. קיין קינדער האָבן זיי נישט, זיצט זי אין קרעטשמע, נעמט געלט און העלפט אפילו באדינען א חשוברען גאסט.

דער פריץ פון לונגאַן ליגט איבער ערגעץ אין פאריז ווו ער פארטרינקט, פארשפילט אין קאָרטן און מיט נקבות די פויערישע האָרעוואַניע. אין דאָרף איז דער גאנצער בעל-הבית פאנאקע קריטים, א הויכער מאן אין די פערציקער א, ווייבערניק און סתם א בעל-תאווה. דער אדמיניסטראטאָר טרייבט די פויערים צו דער ארבעט, ער פארדינגט די קרעטשמע, ער פארקויפט די תבואה, מיט איין וואָרט: ער איז „כל ולאָך„ אין לונגאַן. פייטל וויל אים געפעלן, כדי ער זאָל אים ווידער געבן די ארענדע פון דער קרעטשמע. דערפאר מאכט ער זיך נישט הערנדיק, נישט זעענדיק ווען פאנאקע שארט זיך צו שיינצען. אָבער יידן דורכפאָרער, פויערן אין דאָרף, האָבן יאָ אויערן און אויגן. רעדט מען ארום אין דאָרף. זאָגט מען פייטלען: "קאָנו פאנאקע איז צופיל שמעלקע מיט דיין שיינצען". שאָקלט פייטל דעם קאָפּ און טוט א מאך מיט דער האנט, כלומרשט: „פארלאָזט זיך אויף מיר און אויף מיין שיינצען".

נחום פילט, אז ער קאָן נישט און טאָר מער נישט שווייגן. נעמט ער אין א טאָג אין א זייט פייטלען און זאָגט צו אים: „פייטל, ביי אונדז יידן זאָגט מען א ווערטל, אז א שיין ווייב איז א האלבע פרנסה; מילא, איך אליין האלט נישט פון אזא ווערטל. נאָר אז א וועלט מיט יידן זאָגן... וואָס טוט מען אָבער, אז דאָס ווייב האלט ביים ווערן די גאנצע פרנסה? און, וועמענס פרנסה?"

פייטל ווייסט, אז באלד קומט „סימעדרע", דער 26-מער אָקטאָבער, משך-צייט, ווען מע באנייט דעם קאָנטראקט פאר דער קרעטשמע, פארבייסט ער א ליפּ און ענטפערט: „ר' נחום, איר מעגט זיך פארלאָזן אויף מיין שיינצען, זי ווייסט וואָס זי האָט צו טון". ענטפערט אים נחום אביסל ביסיק, נישט לויט זיין טבע: „נישט איך, נאָר דו דארפסט זיך פארלאָזן אויף איר; אָדער ווייס איך, אפשר איז בעסער זיך נישט צו פארלאָזן אויף איר; אונדזערע חכמים זאָגן ערגעץ „נשים דעתם קלות", ווייבער זענען גרינג אויף דער דעה; הערסטו, פייטל, מע טאָר נישט לאָזן ביז עס ווערט צו שפּעט." מאכט פייטל: „וואָס נעמט איר זיך נאָך וואָס א וועלט, מישטיינס געזאָגט, רעדט, בארעדט, וואָס

עם בעבעט א שיכורער גוי". ענטפערט נחום געלאסן: „א גאנץ דארף איז נישט שיכור און נישט אלדינגס, וואס מענטשן רעדן איז אויסגעטראכטעניש. הערס־טו, פייטל, איך האב א שמועס געטאן מיט דיין שיינצען, האט זי קודם געלייקנט שטיין און ביין, אז זי האט עפעס מיט פאנאקען, דאס בעל־תאווהדיקע פריצל, דאס טשיאקאיקל. דערנאך האט זי צוגעגעבן, אז ער טשעפעט זיך צו איר און אז זי האט דיר שוין דערציילט וועגן דעם און דיך געבעטן, אז איר זאלט זיך ארויסציען פונעם דארף."

— ס'איז גרינג צו זאגן ארויסציען זיך פונעם דארף; נאר וווהין זיך ציען? די קאנקורענץ איז גרויס און אונדזערע יידעלעך גיבן וואס אמאל מער פאר א קרעטשמע, כאטש דערנאך ברעכט מען דעם קאפ און מע קען נישט באצאלן די ראטע. בלייבט מען אי אן דעם ביסל רענדלעך, אי אן פרנסה. וואס־זשע טוט מען דעמאלט, ר' נחום?

— פרנסה איז א גרויסע זאך, אבער א כשר יידיש ווייבל איז מער פון אלצ־דינג. דיין שיינצע איז יונג און שיין, און איר זענט דא אין דארף די איינ־ציקע יידן. קיינער איז נישט קיין מלאך און זי אוודאי נישט. דו שפילסט דיך מיטן פייער...

— לאזט געמאך, ר' נחום, דער רוח איז נישט אזוי שווארץ ווי מע מאלט אים. איך וועל נישט לאזן אז דאס פריצל זאל ווערן א חזיר...

— זע נאר דו זאלסט נישט פארשפילן.

— איך קאן מיין שטעטל באשטיין.

שיינצע האט אויך געמיינט, אז זי קאן איר שטעטל באשטיין. ביים אנ־הייב האט זי זיך נישט צוגעהערט צו דעם אדמיניסטראטארס חניפה־מיט דער צייט האט זי אנגעהויבן פילן אז פייטל איז אלץ מער פארטאן אין געשעפטן און ער פארט אסך ארום. האט זי זיך צוגעוווינט צו פאנאקעס חנדעלעך און זיך גענומען גליטשן. פון גליטשן ביז אויסגליטשן איז נישט ווייט.

אין א דאנערשטיק אינדערפרי איז זי געפארן קיין טירגו־פרומאס אין מיקווה. דער פויער, וואס האט זי געבראכט, האט נישט געקאנט ווארטן אויף איר. האט זי מיטגענומען אהיים טאקע דער אדמיניסטראטאר. פייטל האט געוווארט אויף איר אינדערהיים און דא פאלט באלד צו די נאכט און שיינצע איז נאך נישטא. ערשט שפעט ביינאכט איז זי אהיימגעקומען. פאנאקע האט זי אים איבערגעגעבן מיט א וויצעלע, וואס איז פייטלען נישט זייער געפעלן. דאס פריצל איז אוועק און פייטל האט זיך זייער צעשריגן אויפן ווייב. האט זי זיך פארענטפערט, אז דער וועג איז זייער שלעכט און אז זי האט נישט געפונען קיין וואגן אהיימצוקומען. זי איז צעבראכן פונעם וועג און אביסל צוגעקילט.

זי וועט זיך לייגן אָן עסן. און א ברוגזע גייט זי אין אלקער און באלד שלאָפט זי.

פייטלען איז די גאנצע מעשה גאָרנישט געפעלן; ער האָט עפּעס געוואָר־טשעט אין זיך און געגאן שלאָפן אין היגטערשטיבל. ער איז שווער איינגע־שלאָפן און געטראכט צו נחמם רייד. ביי זיך האָט ער אָפּגעמאכט צו האלטן אָן אויג אויפן ווייב.

עטלעכע וואָכן שפּעטער געשעט אזא מעשה. פייטל האָט געקויפט ביי פאנאקען א פאס ווייז. איז דער פארקויפער געקומען אראָפּלאָזן דאָס פאס אין קעלער פון דער קרעטשמע, און ער זאָל אויסבויערן א לאָך אין פאס און אריינ־שטעקן דערין דעם צאפּן דורך וועלכן מע צאפּט ווייז פון דעם פאס. שיינצע איז אויך אראָפּ אין קעלער מיט א קאנעצל כלומרשט כדי אים צו היטן. דאָס לעכערן און דעם אריינטשעקן צאפּן האָט זיך פארצויגן ביז דאָס קאנעצל איז אויסגעגאנגען און פייטל האָט אָנגעהויבן זיך אויסצושרייען אויף זיי.

פאנאקע איז ארויפגעקומען מיט א רויט פּנים פאר אָנשטרענגונג, מיטן פאס אָפּנים, און שיינצען האָט די קעלער לופט אויך געשאדט. נאָר דאָס קאנעצל האָט געשווינגן. פייטלען איז די מעשה גאָר נישט געפעלן; ער האָט געפילט, אז ער מוז מאכן א סוף פונעם קוצעניו-מוצעניו צווישן זיין ווייב מיטן אדמי־ניסטראטאָר. שיינע האָט אָבער ווייטער געטאָן אירס.

אין א פארנאכט, האָט ער זיך אויסגעשריגן אויף איר, ווייל זי איז אים צו א באָגנטער שמעלקע מיט פאנאקען. שיינע האָט זיך געבלאָזן און פייטל האָט זיך געלייגט שלאָפן אויף א סאָפקעלע איר צופיסנס. ער איז געווען מיד פונעם וועג און פונעם גיכן פאָרן כדי ער זאָל זיין אינדערהיים אויף דער נאכט. א שעה-צוויי שפּעטער האָט ער דערהערט א שושקעניש און דערפילט, אז עמעצער ליגט לעבן שיינצען. איז ער אויפגעשפּרונגען. געמאכט א געוואלד, אָנגעצונדן דאָס ליכטל וואָס שטייט אויף דער באנק. די בני-בית זענען געקומען צולויפן און דערזען אזא בילד: פאנאקע זיצט אויף שיינצעס בעט און ציט זיך ארויף די הויזן.

דאָס פריצל האָט זיך אָבער נישט פארלוירן; ער האָט אָנגעהויבן שרייען, אז פייטל האָט אים געוואָלט באגנבענען. ער האָט געהאט אין א בייטל אין זיין ברייטן גארטל, דאָס געלד, וואָס ער האָט באקומען פון פייטלען פארן „קאשט", זעקס חדשים דירה-געלט, פון דער קרעטשמע. ער האָט נישט געוואָרט, מע זאָל אים פרעגן, וואָס ער זוכט אויף אזא אָרט, אין אזא צייט, און ער איז גיך אויסגעווען די צייט. שיינצע האָט זיך איצט געמוזט פארענטפערן. געזען אז פייטל איז מלא רציחה האָט זי נישט געלייקנט, אז פאנאקע האָט זיך געלייגט לעבן איר, ווען זי איז געשלאָפן און אים נישט געפילט; עס איז צווישן זיי נישט

געשען גאָרנישט. און זי האָט געשווירן מיט אזוינע שביעות, אז מע האָט געמעגט גלייבן א הונט.

סיי שיינצע, סיי פייטל האָבן איצט געוווסט, אז די שפּיל איז אוים, אז לאנג וועט מען די קרעטשמע נישט קאָנען האלטן. אין עטלעכע טעג ארום איז פייטל געפאָרן צום רב שלום טויביש קיין טירגו-פרומאָס, אים דערציילט די מעשה און געבעטן מע זאָל אים אָפּנטן פון שיינצען... ווען מע האָט זיך אין עטלעכע טעג ארום אויגעטענהט פארן בית-דין האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז שיינצע איז נישט די איינציק שולדיקע פארן אראָפּגליטשן זיך צו זנות. זי האָט אזויפיל מאָל געבעטן דעם מאן, מע זאָל זיך ארויסציען פונעם דאָרף, ווייל דער אדמיניסטראטאָר דערגייט איר די יאָרן; און פייטל האָט אלץ נישט געוואָלט אוועק פון דאָרף. פייטל האָט דאָס נישט געקאָנט לייקענען. און דער רב האָט נישט געוווסט, ווי צו פסקענען. מילא, אוועקפאָרן פונעם דאָרף וועלן זיי סייוויסיי. אָבער אפשר זאָל ער זיי ביידע געבן א שווערע תשובה און נישט אָפּגטן? אפשר זי גטן אָן מער כתובה-רעכט? אפשר... וואָס טוט מען?

פון וואנען זאָל איך וויסן, וואָס עס איז צו טון, אז אפילו דער רב ווייסט נישט!

דער רויטער פּאָדעם

איז אַמאָל אַזוי ציט זיך אין יידישן לעבן פון רומעניע, דור נאָך דור, די גאָלדענע קייט פון תורה און וויסנשאַפט, דער זילבערנער פּאָדעם פון מלאכה און קונסט און דער רויטער פּאָדעם פון עטיק און רעוואָלט, דער רוף נאָך יושר.

שפּינט זיך א מעשה. ערגעץ ווו אין א מאָלדעווייש דאָרף, נאָענט צום שטעטל הארלוי, צווישן יאַס און באָטושאַן, האָבן אַנהוב פאַריקן יאָרהונדערט געלעבט צוויי יידן. קלמן איז געווען א שניידער און שמואל א ייד מיט אסך מלאכות און וויניק ברכות. דעמאָלט איז שמואל געווען א ברכה פארן דאָרף. צו אלץ האָבן געטויגט זיינע גאָלדענע הענט. איינגלעזן שויבן, פאַרריכטן א שלעסל, איינדראָטעווען א ליימענעם טאָפּ, קאָווען א פערד, אַרויפציען א רייף אויף א פאַס אלץ קען ער. פאַר א גויט, אין סעזאָן, העלפט ער קלמענען אין שניידעריי. אפילו, שפּעטער, ווען קלמן האָט זיך פארליבט אין א שיקסע פונעם דאָרף און צוליב איר „אויסגעביטן דאָס רענדל", האָט שמואל נישט פארלאָזט אין גאַנצן זיין אַלטן באַקאַנטן. „דער רבונו של עולם קאָן זיך אליין זיין שטעטל באַשטיין" פלעגט ער ענטפערן, אויב מע האָט צו אים געהאַט טענות, פארוואָס ער חברט זיך מיטן משומד.

און דאָס לעבן איז געגאַן פאַר זיך; „דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך" פלעגט ער ענטפערן די הארלויער יידן, ווען ער איז געקומען אין שטעטל קויפן א הון, אָדער דאַווענען ימים־טובים אין דער שיינער גרויסער שיל, וואָס מע האָט אויפגעשטעלט צוריק מיט עטלעכע יאָר.

אין דאָרף איז ער מיט די פּויערים געווען א גוטער ברודער, מע האָט געמוזט אָנקומען איינער צום אנדערן... און סיווי, מיר זענען דאָך מענטשן און, סוף כל סוף דינט מען דאָך דעמזעלבן גאָט. דער סיטרא־אחרא געפעלט נישט דאָס אָרעמע שטילע לעבן. צעשלאָגט זיך פּאָני מיטן טערק. מילא. און ווער מיינט איר, „גיסט אויס דאָס ביטל"? ווער האָט אויסצושטיין צרות פון פרעמ-

דע היילות? טאקע ווידער דער אָרעמער פּאָלקסמענטש. מילא, אין שטאָט קומט מען אָפּ מיט איינקוואַרטירן און געלט־קאָנטריבוציעס, מיט אויסשטיין קאַפּריזן פון אָפיצירן, דאָס דאָרף איז אָבער ווי הפקר: רעקוויזיציעס פון תּבואה, בהי־מות, פּון אָקסן און וואָגן און מענטשן צו פירן פּראָוויאַנט פאַרן פרעמדן מי־ליטער. און דאָ, פּלוצים, א נײַ אָנשיקעניש: יעדעס דאָרף מוז צושטעלן עט־לעכע מענטשן פאַר זעלנער. דאָ רײַסט דער שטריק.

מע איז נאָכנישט פּטור געוואָרן דעם שווערן ווינטער פון 1831-1830 און דאָ באַפאַלן די קאָזאַקן די דערפער און כאַפּן רעקרוטן: א בחור צי א באַווײַב־טער, מיט צי אָן קינדער' געכאַפּט, געבונדן און פאַרשלעפּט...

קומט מען צולויפן צו שמואלן, זיך האַלטן אן עצה, ראָט ער, זיך נישט לאָזן כאַפּן נאָר אנטלויפן אין די אַרומיקע וועלדער. און זיך אַקעגנשטעלן מיט וואָס מע האָט: העק, קאָסעס, ווידלעס, דרוקעס, אײַזנס. און טאָמער האָט עמעצער אן אַלטע ביקס, מע גייט דאָך אמאָל שיסן האָזן אָדער גאָר וועלף, זאָל מען זי ברענגען צו אים, טאָמער פעלט איר עפּעס; ער וועט פאַרריכטן. מע וועט נישט קאָנען זאָגן אויף אַזאַ ביקס אז „זי איז קיין שיס פּולווער נישט ווערט". א סימן־ווען די קאָזאַקן זענען געקומען כאַפּן מענטשן, האָבן זיי געכאַפּט קלעפּ.

האָט דער האַרלויער איכּפּראַווניק אַרויסבאַקומען פון יאַס נאָך עטלעכע צענדליק קאָזאַקן האָט מען אַרומגערינגלט די דערפער און גענומען זוכן די אָנפירער. דאָט מען פון די דערפער באַכלוי, דעלען און זאַהאָרנאַ צונויפגעש־לעפּט 37 פּויערן און ...א יידן, אונדזער שמואל. מע האָט די פּויערים גוט גע־שמיסן און אויסגעלאַכט, ווײַל זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון א יידן. שמו־אלן האָט מען צוגעטיילט א טאָפּלטע פּאָרציע פאַר זײַן „זשידאָווסקער" חוצפּה; און דעם משומד קאָסטאַקע האָט מען גוט אָנגעשמיסן, ווײַל ער האָט אָפּגע־נאַרט דעם הייליקן קלויסטער, און מע האָט זיי אַלע פאַרשיקט אויף לאַנגע יאָרן האַקן זאַלץ אין דער „אָקנע".

דעך פּריץ נייטיקט זיך אין אַרבעטסהענט און פונעם זאַלץ האָט ער גאָר נישט. אין צוויי יאָר אַרום האָט מען דעם גרעסטן טייל פּויערים אַרויסגעלאָזט אויף דער פרײַ און אינאיינעם מיט זיי דעם יידן שמואל און דעם געוועזענעם יידן, קאָסטאַקע. די מעשה איז געבליבן פאַרשריבן אויף דורות אין די פּאָלי־צײַ־אַקטן. פון דאָרט האָב איך זי אַרויסגעשלעפּט און צוגעפּוצט, כּדי מיר זאָלן נישט פאַרגעסן אונדזערע בונטאַרעס.

טאַקע דערפאַר טו איך א שפּרונג איבער 15 יאָר און 70 קילאָמעטער און מיר שפּאַרן אָן אין יאַס, אין דעם באַרימטן פרילינג פונעם באַרימטן יאָר 1848.

אז ערך טויזנט מענטשן מכל המינים האָבן זיך פאַרזאמלט אין יאס, פאַרן באַרימטן האָטעל „פעטערסבורג„ און אָנגעהויבן מאָנען ביים פּרינץ כּלאַרליי פּרייקייטן. צווישן די פאָלקסמענטשן, וואָס זענען געווען און געהערט יענע באַרימטע רייד האָט זיך געפונען אויך סענדער שניידער, א שניידער פון שניידערלאַנד, א מייסטער אויף נייען אָפּיצירישע און סתם אייראָפּעישע קליידער. די מלאָכה האָט ער מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן צוריק מיט צען יאָר, צוליב א מעשה מיט אָפּיצירישע גניבות. שניידעריי האָט ער געקענט פון דער היים, רוסיש אויכעט, האָט ער זיך אויסגעלערנט רומעניש און געוואָרן א פּריצישער שניידער, געקומען צווישן יונגע פּריצימלעך און געהערט ביי זיי רייד, וואָס זיי האָבן נישט גערעכנט, אז א יידיש שניידערל פאַרשטייט.

ער פאַרשטייט, אז די יונגע פּריצימלעך, וואָס האָבן שטודירט אין פּאַריז, מע רופט זיי דערפאַר „באָנזשוריסטן”, האָבן פיינט דעם רויטן מלך”, דעם רויטבאָרדיקן מיהיי סטורזא, דעם טיראַנישן און געדלגיריקן מאָלדעווישן לאַנדפירשט. ער ווייסט, אז אסך שטאָטישע און אפשר אויך דאָרפישע רומענער האַלטן מיט זיי לויט זייערע רייד, וואָס ער האָט היינט געהערט, וואָלט פאַר יידן אויך בעסער געווען, ווען מע פאַרטרייבט דעם רויטן מלך. נאָר, ווי קומט א יידיש שניידערל זיך צו מישן אין אזוינע הויכע ענינים? גייט ער אזוי פאַרטראַכט אויף דער גאס, וואָס יידן רופן „דער פּריצישער מאַרק”. פּלוצים הערט ער הינטער זיך א באַקאַנט קול, קאָנו מיהאַלאַקעס, וואָס פרעגט אים „ווילסט זיך אַריינכאַפּן צו מיר, טאַקע אצינד?”. ענטפערט אים סענדער; קאָאַנע מיהאַלאַקע, איך האָב נישט ביי מיר די מאָס.” מאַכט יענער צו אים: „אויב דו וועסט וועלן וועסטו אויסקומען אויך אָן דער מאָס און אָן דעם שרייבפּענדל”. סענדער שווייגט, אַכט צו אים מיהאַלאַקע: „דו האָסט אויך אזוי מורא ווי אַלע יידן!”. ענטפערט אים סענדער: „פּריץ לעב, איך ווייס נישט ווי שרעקעוודיק אנדערע וואָלטן געווען אויף אונדזער פּלאַץ”. אן אנדער מאָל, וואָלט סענדער זיך נישט דערוועגט אָפּצוענטפערן דעם פּריצל, אָבער היינט פילט ער, אז מע מעג. טוט מיהאַלאַקע א שמייכל און מאַכט צו אים: „קום אַריין צו מיר אין א האַלבער שעה אַרום, וועלן מיר א שמועס טאָן”. מיהאַלאַקע גייט ווייטער און סענדער וויל זיך דערטראַכטן, אז נישט קיין נייעם גייראָק, צו וואָס־זשע רופט אים קאָנו מיהאַלאַקע? זיכער נישט כדי אים צו באַווייזן, אז יידן זענען יאָ פּחדניב.

אָנגעקומען צו מיהאַלאַקעס שיינער דירה, נעמט אים דער פּריץ אַריין אין א חדר מיוחד און פרעגט איב: „איך האָב דיך געזען היינט אויף אונדזער אסיפה. האָסט געהערט, וואָס מע האָט דאָרט גערעדט: וואָס האַלטסטו דערפון?“ ענט-

פערט אים סענדער פאַרזיכטיק: „מע זאָגט, אז א ייד דארף הערן זען און... שווייגן." מאכט צו אים מיהאלאקע: „שווייגן איז גוט אָבער עפּעס טון איז בע-סער".

ווערט שוין סענדער נייגעריק. וואָס וויל דאָ דער יונגער פריץ פון אים. מיהאלאקע לאָזט אים נישט לאנג ווארטן און מאכט צו אים: „דאָס וואָס איך זאָג דיר איצט איז א סוד, וואָס טאָמער דערוויסט מען זיך פון אים, וועלן אסך שלעכטס אָפּשניידן". סענדער פילט זיך שטאָלץ, וואָס ער ווערט א שי-תוף צו אזוינע סודות און ער ווארט צו הערן, וואָס מע מאָנט פון אים:" זשו-פּאן סענדער, מאכט צו אים מיהאלאקע, אָט וואָס מיר בעטן פון דיר. אויפן קאָפּאָו געפינען זיך איינקוואַרטירט רוסישע סאָלדאטן. דער רויטער מלך וועט זיי מיסתּם רופן צו הילף; דארף עמעצער מיט זיי איבעררעדן, זיי געבן צו פארש-טיין, אז זיי דארפן זיך נישט מישן אין אונדזערע סיכסוכים; און ווייל דו קענסט רוסיש און די ביסט א באהארצטער מענטש, האָבן מיר געטראכט צו דיר".

„קאַאַנע מיהאלאקע, איר מאכט חוזק פון מיר; איך זאָל ווערן א דרשן אויף רוסיש פאר די רוסישע זעלנער? ווי קום איך דערצו. בארויקט אים דער יונגער פריץ, דער בונטאר: „דו וועסט נישט דארפן האלטן קיין דרשות; מיר האָבן אָפּגעדרוקט, דאָס וואָס מיר ווילן, אז די סאָלדאטן זאָלן וויסן; דו באדארפסט זיך נאָר ארייגכאַפּן צווישן די סאָלדאטן און זיי פארטיילן אָט די בלעטלעך טאָמער כאַפּט מען דיך, קענסטו נישט דעם, וואָס האָט זיי דיר געגעבן". סענ-דער איז מסכים מיט א קאָפּ-באוועגונג. ער נעמט איבער דאָס פּעקל און מיהא-לאקע ווינטשט אים הצלחה...

צוויי טעג שפּעטער האָט א פּאָליציי-ראַפּאָרט דערציילט, אז מע האָט גע-כאַפּט א יידן א שניידער מיטן נאָמען סענדער, וועלכער האָט פארטיילט בלע-טער קעגן מלכות צווישן די רוסישע סאָלדאטן. וואָס מע האָט אים נישט גע-טאָן האָט ער געזאָגט, אז ער קען נישט דעם מאן, וואָס האָט אים איבערגע-געבן די בלעטער און אז ער האָט עס געטאָן כדי צו פארדינען אן איבעריקן גראָשן... האָט מען בודק געווען זיין היים, צוגענומען דאָס ביסל פארהאָרע-וועטע פארעם און אים ארייגעזעצט אין תּפיסה.

לאנג האָט מען אים דאָרט נישט געהאלטן. איינגיכן האָט מען אים ארויס-גענומען און געהאָלפן אנטלויפן קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל. דאָרט האָט ער אויפ-געשטעלט דורות יידישע שניידערס, וועלכע האָבן געדאווענט אין דער רומעני-שער שיל און שטאָלצירט מיטן זיידנס אויפטו, א זיידע, וואָס איז נישט גע-ווען קיין הינקענדיקער שניידער...

מיט לייטן גלייך

מע דאַרף זיין מיט לייטן גלייך, אַזוי האָבן זיך געטראַכט בוקארעשטער ייִדן אין די הייסע טעג פון זומער 1848. הייסע נישט אַזוי צוליב דער ברע־נענדיקער זון, אַ דרויסנדיקע, ווי צוליב דעם אינערלעכן ברען, וואָס איז גע־קומען פון הויכע געדאַנקען, דערהויבענע געפילן, גרויסע האָפענונגען און האָט געפירט צו אימפּעטיקע אַקציעס

איר וועט אַוודאַי אַ טראַכט טון צו יענע גרויסע ייִדן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין דער וואָלעכישער רעוואָלוציע פון 1848: די מאַלערס דאַני־על ראָזענטאַל און יהודה איסקאָוויטש, המכונה בארבו איסקאָוועסקו און די ספרדישע פּני הלל מנוח, שלמה חלפן און יצחק באַלי. ואני, און איך, הקטן פּלוני דן פּלוני, זאָג אייך, אַז נישט פון אַזוינע גדולים וויל איך אייך דאָ דער־ציילן, און אַפילו נישט פון די הונדערטער בוקארעשטער ייִדן, וואָס האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון דער רעוואָלוציע.

מיינע העלדן זענען קלענערע מענטשעלעך, זייער ציל, אַ באַשיידענער. די גדולים האָבן אַראָפּגעריסן די קרוין פנעם פירשטס קאָפּ, מיינע העלדן האָבן אַראָפּגעכאַפּט די יאַרמולקע פון בוקארעשטער קהלה־אָנפירערס, די צוויי סטאַראָס־טאַס ישראל הערש באַראַש און מענדל וויזנער. מענדל וויזנער איז שוין גע־ווינט געווען צו זיצן אויף דער שטול פון ראָש הקהל, ווי אויפן פּאָטערשטול אין זיין היימישער קאַנטאָרע. שוין אין יאָר 1833 האָט ער געהאַט אַ שיינעם זיגל, וווּ עס איז געווען אויסגעקריצט: „מענדעל וויזנער סטאַראָסטע פון דער קהלה „פּוילישע" ייִדן אין בוקארעשט". איר מוזט וויסן, אַז פּוילישע האָט בא־טייט אַשכנזישע ייִדן, תושבים. ער איז געווען אַ רירעוודיקער סוחר, אַ פאַ־בריקאַנט. ער האָט, למשל, זיך נישט געפוילט אויסצוגעבן געלט, פאַרן קיין ווין און זיך אויסלערנען וועבן און פאַרבן זיידענע טיכלעך. אַהיימגעקומען קיין בוקארעשט האָט ער געעפנט אַזאַ טיכל־פאַבריקע און געמאָנט ביי דער

רעגירונג פאַרקלענערטע שטייערן און אַ פּריווילעגיע אויף 10 יאָר, אַז נאָר ער מעג מאַכן אַזעלכע טיכלעך. איז, זאָגט שוין איר אַליין, קומט נישט אַזאַ זיידענעם יידן צו זיין ראָש הקהל אַ לעבן לאַנג?

זיין שיתוף אין קהל-פירן (ביי דער נאָז?) איז געווען ישראל הערש באַ-ראַש, אויך נישט קיין מפּיל-קינד, אויך נישט קיין אָרעמאַן און דערצו חשוב ביי מלכות. האָט מען געקוקט איבער בוקאַרעשטער יידן און קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן. ווער וועט טשעפּען אַ קרוב למלכות!

איז אָנגעקומען דער 15 טער יוני 1848, ווען די נייע רעגירונג האָט באַ-וואָפנט דאָס פאָלק. האָבן אַסך יידן זיך אויסגעסטראָיעט מיט שווערדן, ביקסן און זיך פאַרשריבן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אַ מענטש מיט אַ ביקס פילט זיך אַנדערש און פירט זיך אַנדערש.הכלל אַ גרופּע יידישע בעלי-מלאַ-כות, וואָס האָבן אויסגעהערט די פּלאַמיקע דרשות אויפן פילאַרעט-פעלד, אין איינעם מיט אַנדערע דרייסיק טויזנט בוקאַרעשטער איינוווינערס, האָבן דער-פילט, אַז עס איז געקומען די צייט פּטור צו ווערן פון די קהלה-תקיפים, וואָס באַלעבאַטעווען דאָרטן פון לאַנג אָן און זיי רייסן שטיקער פונעם המון. האָט מענדל בלעכער אַ זאָג געטאָן: „גוטע ברידער, קומט צו דער עפּיטראָפּיע. איצט איז אונדזער צייט אַראָפּצוואַרפן דעם יאָך און אַליין ווערן די באַלעבאַטים איבער אונדזער לעבן!" איז אומר ועושה, געזאָגט און געטאָן. האָט מען זיך געלאָזט גיין מיט סאָלדאַטישע טריט צו דער קהלה-שטוב. די לייפּסקער פון דער ליפּס-קאַן-גאַס האָבן דערזען דעם עולם און אַ פרעג געטאָן: „מה רעש?" האָט מען זיי געגעבן צו וויסן, אַז מע גייט פאַרטרייבן די בלוט-זויגערס פון דער קהלה און אַריינזעצן אייגענע מענטשן. האָט שלמה גערבוויין און נאָך עטלעכע סוח-רימלעך מיט אים פאַרמאַכט די קלייטן און מיטגעגאַנגען. אויפן וועג האָבן זיי געפּרוווט איינרעדן די באַשווערדלטע און באַביקסלטע יידן, אַז אויף אָנצופירן אַ שטאָט מיט יידן מוז מען קענען פירן אַ געשעפט, חשבונות, שרייבן רומע-נישע בקשות, און בכלל... זיי האָבן אונטערגעהנפּעט דעם עולם און אַזוי איז מען אָנגעקומען אויף מאַמולאַר-גאַס.

ווי נאָר דאָס „איבערקערעניש" האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן האָבן וויז-נער און באַראַש צונויפגערופן די קהלה-אָנגעשטעלטע-שרייבער, חשבון-פירערס, אינקאַסאַנטן, משרתים, גבאימלעך און ווי קיינמאָל נישט ביז איצט, זיך „גע-האַלטן אין עצה" מיט זיי. און דאָך האָט מען זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. איז מען געבליבן היטן די קהלה-קאַסע און... „דאָס בענקל". די ראַשי-

קהלה האָבן געהאַפּט אז „די בהלה" וועט גיך איבערגיין און זיי וועלן בלייבן, ווי תמיד, די אָנפירערס.

צוגעקומען צו דער קהלה-שטוב האָבן יאנקל בלעכער, מענדל בייטש און נײם קאסאפּ געעפנט די טיר, אריין די ערשטע און מיט שווערד און ביקס געס-טראשעט די סטאראָסטעס; דערנאָך האָבן זיך אריינגעשטופּט די איבעריקע בונטאָווטשיקעס. מונדל האָט געפּרווט טענהען, אז דאָס איבערשקערעניש איז נישט אויף לאנג, אז ער האָט איבערגעלעבט דאָס יאָר 1821 מיט טודאָר וולאַדימירעסקוס אויפשטאנד און דאָס איבערקערעניש פון 1829 און אז ער האָט איבערגעלעבט 3 מלכים, איז ער פעסט; ער האָט זיך געפּרווט דינגען, באַ-ווייזן, אז „קהל איז אייזן". האָט יעקל בלעכער, — בוקארעשטער בלעכערס זעט נען בארימט געווען פאר זייער „חוצפּה", — אים געזאָגט, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט מער נישט זיין קיין מלך, אז דאָס פאָלק, וועט זיך אליין אויס-נקלויבן זיינע אָנפירערס. באראש האָט גענומען סטראשען, האָבן די יונגעליי-א פּאָכע געטאָן מיטן שווערדל, איז ער געוואָרן ווייכער. הכלל, מע האָט או ן אָרט צונויפגעשטעלט א פּראָוויזאָרישע קאָמיסיע פון זעקס אירע און מע האָט איבערגענומען די שליסל פון דער קאסע און די רייסטערס.

אלץ וואָלט געווען גוט, ווען עס מישט זיך נישט אריין גערבוויין. ער איז געוואָרן קאסירער און פארגעסן אין חילוק צווישן זיין קעשענע און דער קהל-קאסע. האָט מען אים מחילה, איינגעזעצט און צונויפגערופן 40 דעלעגאטן פון שילן און יידישע סוחרישע און בעלי-מלאכהשע צעכן, וועלכע האָבן איינגע פירט א „טאקסע" און זי פארדונגען פאר 40.000 ליי.

אזוי צי אזוי, אָבער די ווייזנערס און באראשעס האָבן פארלוירן די חזקה-איבער דער אָנפירערשאפט פון דער קהלה. נייע ווינטן האָבן געבלאָזן איבער גאנץ רומעניע און אביסל אויסגעקערט אויך דאָס יידישע געסל. עס האָט לאנג נישט געדויערט און בוקארעשטער יידן האָבן אָנגעהויבן שטרעבן צו ווערן מיט לייטן גלייך.

דאָס איז אָבער אן אנדערע סידרה, וועלן מיר זי לאָזן אויף א צווייט מאָל.

צוויי פּייען

צוויי פּייען פלעגט מען ביי אונדז אין שטעטל פאַרטייטשן „פאַרפאַלן״ און געמיינט האָט מען דערמיט, אַז מע האָט פאַרפעלט אַ גוטע געלעגנהייט, דערלייגט געלט אין אַ געשעפט, צי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל אָן אַ צוריק. דאָס בין איך געוווירע געוואָרן שפּעטער, ווען איך בין אביסל אונטערגעוואַקסן.

פריער, ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען חומש, זענען די פּייען סוף יעדער סדרה געווען פאַר מיר אַ גרויסער פרעגצייכן. איך האָב סוף כל סוף געפרעגט דעם מלמד, וואָס זיי באַטייטן, האָט ער מיר געענטפערט: „ווען דו גייסט שבת צום זיידן, ער זאָל דיך פאַרהערן דאָס חומש, איז אַזוי: אויב דו האָסט גוט געלערנט, באַטייטן די פּייען „עף, עף״, זייער פיין. טאָמער קענסטו נישט דאָס חומש, באַטייטן די פּייען: ״פע! פע!״ האָסט פאַרשטאַנען?

אין אונדזער הייַנטיקער מעשה זענען די צוויי פּייען געווען דאָס ערשטע אות אין די נעמען פון צוויי מאָלדעווישע שטעט: פּאָלטיטשען און פּאַקשאַן. אין פּאָלטיטשען האָט געוווינט אונדזער הויפּט-העלד, דער נגיד רעב ישראל פּאַקשאַנער און אין, פּאַקשאַן, זיין קאָרעספּאָנדענט, דער קלענערער עושר, רעב חיים שיין פּאָלטיטשענער. מיינט נישט, אַז דאָס איז אַ וואָדעווילישער וויץ, חלילה. אַזוי איז עס געווען באמת.

שטעלט אייך איצט פאָר אַ טאָג פון חודש ניסן ת׳ר, דער אָנהויב פונעם יידישן יאָרהונדערט 5600 פונעם וועלט-באַשעף און דאָס יאָר 1840 לויט זייער צייטרעכענונג. ישראל פּאַקשאַנער זיצט אין זיין וויַיכער, לעדערנער פאָטערשטול פון זיין היימישער קאַנטאָרע, אין זיין דירה, וואָס געפינט זיך עק הויפּטגאַס פון פּאָלטיטשען. ער טראָגט זיין געבלימטן כאַלאַט, די טערקישע, געשטיקטע שטעק-שיך, די מעשטעס, ווי מע רופט זיי הי, און אַ שוואַרץ קאַפּל אויף זיינע ברוינע האָר. ער האָט נאָרוואָס אָפּגעשריבן אַ בריוו קיין פּאַקשאַן, אָפּגעווישט

די גוט צוגעשניטענע געגדזענע פעדער, באשיט מיט דינעם זאמד דאָס באַש־ריבענע פאַפּיר, כדי אויסצוטרוקענען די טינט און איצט באטראכט ער מיט פארגעניגן זיין פארציקטע חתימה" ישראל רב אברהם זצ'ל המכונה פּאָק־שאנער".

פאראיאָרן, אויפן לייפּסקער יאריד האָט זיין קונה איזראעל רויכווערגער אים געפרעגט ווי קומט עס, וואָס ער הייסט פּאָקשאנער, ווען ער וווינט אין פּאָלטיטשען; האָט ער אים דערציילט וועגן זיין אָפּשטאַם און מישפּחה. עס איז נישט קיין סוד מעגט איר עס וויסן.

ווען קיר'ה, עסטרייך, האט פארכאפּט בוקאָווינע אין יאָר 1775 האָט דער טאטע פון ישראל פּאָקשאנער, אברהם, נישט געוואָלט בלייבן אונטער עסטרייך און ער איז, ווי אנדערע בוקאָווינער יידן, אריבערגעקומען קיין מאָלדעווע. דער פּריץ פונעם דאָרף שאָלדענעשט האָט גערופן יידן גרינדן א שטאָט אויף זיין אי־מעניע. שפּעטער האָט מען דעם א נאָמען געגעבן פּאָלטיטשען. נאָך א שטיק צייט האָט ר'אברהם צעוויקלט שיינע געשעפטן און זיך ארויסגעצויגן קיין פּאָק־שאן, פון וואנעט מע האָט בעסער געקאָנט פירן די געשעפטן סיי מיט מאָל־דעווע, סיי מיט וואָלעכיי. טאקע דאָרט ,אין פּאָקשאן, איז ישראל געבוירן גע־וואָרן אין די ערשטע טעג פונעם נייעם יאָרהונדערט „זייערן". „איך בין צווישן די ערשטע מענער פונעם היינטיקן יאָרהונדערט" פּלעגט ישראל פּאָקשאנער זאָגן מיט א שמייכל.

אין תוך האָט ישראל פּאָקשאנער אָפּגעהיט די הלכה, אָבער ער האט נישט געטראָגן קיין קאפּטן, נאָר א שלוסראָק, מעשה האלב „דייטש", אן אייראָפּעישן הארטן קראגן מיט א שניפּס, פיינע לעדערנע שיך, אויסלענדישע. ער איז פּאָרט א פּאָרער אויפן לייפּציקער יאריד, ווו מע קומט זיך צונויף מיט מענ־טשן פון א גאנצער וועלט. דערפאר רעדט ער אביסל דייטש און ער שרייבט עס אויך מיט יידישע אותיות. אָבער, ווי פארנומען ער זאָל ניט זיין מיט גע־שעפטן וועט ער קיינמאָל נישט גיין שלאָפן ביז ער וועט נישט אריינקוקן אין א ספר, כאָטש אין „חוק" ווו מע כאפּט א שטיקל תנ'ך, א ברעקל גמרא, א־פילו א טראָפּן זוהר. וואָס צו גאָט, איז צו גאָט ,און וואָס צו לייט, איז צו לייט! דאָס בערדל איז אונטערגעשוירן, דעם קליינעם טלית-קטן זעט מען נישט ארוים. אָבער דער שבתדיקער טלית איז באפוצט מיט א זילבערנער עטרה. ער וויל זיין חשוב ביי לייטן. און לייטן באטייט ביי אים, יאסער באנקירן, בוקארעש־טער „פרענקען", ספרדים!, לעמבעריקער משכילישע סוחרים, ווינער קאָמיסי־אָנארן, לייפּציקער אנגראָסיסטן און... יונגע מאָלדעווישע פּריצים, וואָס פירן זיך אייראָפּעיש און זיי שמעקן מיט פאריזער אידעען...

זיצט ער ביים שרייבטיש און די געדאנקען בלאָנדזען ארום די מיסחרים זיינע. שרייבט ער קיין פּאָקשאַן און באפעלט, מע זאָל נישט ווארטן ביז די דאָרפסלייט וועלן קומען ברענגען די האָזענע פעלעכלעך אין שטאָט, נאָר מע זאָל פאָרן אין די דערפער און אויפקויפן וויפל עס לאָזט זיך, עטלעכע אָדער עטלעכע טוץ צי מער. פאר ווינטערדיקע מעג מען צאָלן בעסערע פּרייזן איידער פאר מערצאָווע.

ער האלט פארמאכט די אויגן און ער זעט ווי דאָס רעדל דרייט זיך. די קליי-נע אויפקויפער גייען איבער די דערפער און זיי נעמען אפילו איין פעלעכל אויך פאר גרעסערע פארטיעס גיבן זיי צעטלען און דער פארקויפער פאָרט נעמען געלט ביי חיים שיין אין פּאָקשאַן; קויפט וואָס ער באדארף אין חיימס קלייט. אין פּאָקשאַן ווערן די פעלעכלעך אויסםאָרטירט, פארפּאקט און אָפּגעשיקט איבער דער גרענעץ, די קאָנטימאנץ, קיין בראשאָוו. פון דאָרט פירן אייגענע מענטשן די סחורה קיין ווין אָדער קיין לייפּציק. און וואָס עס באטייט דער לייפּציקער יאריד פאר פעלץ-סחורה, דארף איך אייך נישט דערציילן. רומענישע סחורה איז גאָלד און מע צאָלט פאר איר גאָלד. פאָרט טאקע ר׳שראל קיין לייפּציק, אליין פארקויפן זיינע סחורות, איינקויפן אלערליי שטאָפן, זיידנס, ציטנס, פּלו-שנס, לייוונט, שפּיצן, פּאסמאנטעריי, קנעפּ און קליידער פארטיקע לויט דער מאָדע. ער באשטעלט אויך צוקער, מיזרח-פירות, טייערן בוימל. אין לאנד פאר-קויפט ער די סחורה צו לאחודימניקעס אפילו אויף באָרג. ס׳איז א שטיקל רי-זיקע דערביי, אָבער, דאָס רעדל דרייט זיך. מע דארף נאָר אכטונג געבן, אז דאָס ראָד זאָל זיך נישט דרייען לײדיק, אָדער גאָר אויף צוריק.

ישראל פּאָקשאנער, צומאָל בשותפות מיט זיין ברודער בערל, פירט אסך געשעפטן: הייזער, בראָנפנברענערייען, געלט לייען, פּאכטערייען, ברוך-השם, דער סך-הכל איז אין פּאָריקן יאָר געווען „נישט צו פארזינדיקן״... ישראל פּאָק-שאנער פילט אן אינערלעכע רו און בלייבט פארטראכט. די דינסט ברענגט אריין א טאָץ: שווארצע קאווע, רויזן-שערבעט, קאלט וואסער; זי שטעלט אוועק די טאָץ און גייט ארום אויף די שפּיץ-פינגער. ער געניסט פון כל טוב און אין קאָפּ דרייען זיך בילדער פון חיים שיינס לעצטן בריוו.

די מעשה איז אזוי: ישראל און זיין ברודער לייב האָבן אין פּאָקשאן עט-לעכע געוועלבן, א ירושה פאר אן אלטן חוב. קיין „פּאפּירן״ דערויף האָבן זיי נישט. און די קוויטן פארן חוב זענען אויך נישט קיין זייער קלאָרע. האָט זי געיאוועט א מין יורש פונעם ניפטר און זינט עטלעכע יאָר דילט מען זיך מיט אים. ענדלעך ווייל ער איינגיין אויף פארגלייכן זיך. קומט ער אָן קיין פּאָק-שאן אומגעריכט. איז שיין נישטאָ הי. גייט ער שלאָפן צו א שוחט, וואלגערט

זיך דאָרט עטלעכע טעג. שלאָפט אויף דער ערד און איז אינגאַנצן דעמאָ־ ראַליזירט... ישראל נעמט ווידער לייענען שיינס בריוו, ער האָט שוין צוויי מאָל געלעזן און ער קוויקט זיך מיט יעדעם אויפטו. חיים שיין באַשרייבט זיין באַגעגעניש מיטן מאָנער:... „איך בין אַרויסגעגאַנגען אין דער גאַס, האָב איך מיך באַגעגנט מיט אים, האָב איך אים געגעבן אַ ברייטן שלום עליכם בפנים י־ פות און ער האָט פאַר כעס אָנגעהויבן... צו וויינען. איך האָב אים תיכף גע־ זאָגט: „שאַ, שטיל!” אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַריינגעפירט צו מיר אין שטוב. איך האָב אים תיכף געשאַפן קאַווע און אים געפרעגט ווי ער שטייט איין. האָט ער מיר געזאָגט, אַז ביים שוחט. האָב איך אים געזאָגט: „מעלותו קען נישט איינשטיין ביי אַזאַ אָרעמאַן. ביי מיר וועט איר איינשטיין. און וועגן אונדזער געשעפט זאָלט איר נישט זאָרגן. עס וועט שוין זיין רעכט”. איך האָב אים געגעבן גוט צו עסן צו טרינקען, אים שיין אויסגעבעט און אים אַזוי געהאַלטן אויף קעסט עטלעכע טעג ביז דער מענטש איז צו זיך געקומען. דערמיט וואָס איך האָב אים אַזוי שיין געהאַלטן די גאַנצע צייט, האָט ער נישט געקאָנט דערגיין וואָס מיין מיין איז. אַוזי אַרום האָבן מיר געהאַט גענוג צייט כדי מיט אים צו קומען צו אַ פאַרגלייך... עס וועט נישט זיין גענוג קיין 10 בויגנס פאַפּיר אייך צו באַשרייבן אַלע טענות, מאַנעבצער, שאלות ותשובות און די וויכוחים, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים. אָבי אַלדינגס איז אַרויס צום גוטן... טאָמער איז ער אַריין אין כעס, האָב איך אים גענומען אויף אַ גלעזל זויין (און איר ווייסט וואָס אַ גלעזל באַטייט אין אַזאַ שטאָט פון וויינען ווי פּאָקשאַן) און אַלץ איז שטיל געוואָרן...”

פּאָקשאַנער ענטפערט שיינען, אַז ער זאָל דעם יידישן שטר אַריינשיקן צו איבערזעצן אויף רומעניש צו יוסף שריינער, אַ גוטער קענער, און דערנאָך באַשטעטיקן דעם דאָקומענט אין טריבונאַל. זיכער איז זיכער. אָפּגעשריבן, אָפּגעטרוקנט דעם בריוו, פאַרביינגט ער אים ווי אַ פּראָשעק כינין און פאַר־ זיגלט אים מיט טריפּוואַקס. דערנאָך גייט ער אַרויס אין זיין גערטנדל הינטער דער שטוב שעפּן אַביסל פרישע לופט איידער ער גייט אין שיל צו מינחה־מע־ דיב, אַביסל זיך אָפּרוען פון די געשעפטן...

... ווייל אויפדערנאַכט וועט ער איבערקוקן דעם רייסטער פון חובות און צוגרייטן די באַשטעלונגען, וואָס מע דאַרף מאַכן אויף „קייסעך„ און מאָרגן איז אַ טאָג ווי יעדן פאַר פּסח; אַביסל אינזינען האָבן די שטאָט מוז מען אויך. סיי צוליב דער מיצווה און סיי צוליב דעם ביסל כבוד. מע איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש...

א פיעסע ווערט געבוירן

מע זאָל געווען זאָגן דעם יאסער באנקיר י. מ. פינקעלשטיין צוריק מיט 120 יאָר, אז מע וועט אים היינט האלטן פארן אָנהייבער פון דער יידישער ליטעראטור אין רומעניע, וואָלט ער עס געווען אויפנעמען ווי א בייז ווונדער ווי קומט א באנקיר צו ליטעראטור! און אויב שוין יאָ שרייבן, איז מען דאָך א משכיל, אן אויפגעקלערטער, איז, שרייבט מען דייטש, ווי מע האָט געלערנט אין היימישן גאליציישן בראָד, אָדער לשון קודש, ווי עס פאסט פאר א ווויל-קענער. ווער וועט דען גיין שרייבן אויפן לשון פונעם המון? אמת, ער, דער באנקיר, רעדט טאקע יידיש מיט די סוחרים, מיט די חלפנים, די געלדוועקס-לערס, מיט די וואָכעדיקע יידן, אָבער מיט זיינסגלייכן איז תמיד גערעדט דייטש-מעריש אויב נישט קיין „ריין דייטש“. דער רב איז ביי זיי א „ראבינער“, דער חזן, א „פאָרבעטער“, מאסלינעם זענען „אָליווען“, פאָפּשויעם זענען „מאים“ און חתונה, „האָכצייט“. אפילו א שיל איז א „בעטהויז“, ביז עס וועט ווערן א טעמפּל.

און דאָך האָט עס פינקעלשטיין מער נישט אויסגעהאלטן. א שיין ביסל יאָרן האָט ער פארבראכט אין גאלאץ און אין יאס, זיך צוגעקוקט צו דעם שטייגער ,זיך צוגעהערט צום לשון פון מאָלדעווישע יידן, באטראכט זייערע העוויות, זיך פארטראכט וועגן זייערע ענינים, האָט זיך אין אים אָנגעזאמלט א וועלט מיט בילדער און געדאנקען, מיט געשטאלטן און אקציעס וועלכע רייסן זיך צו דער ליכטיקער שיין פון פאפיר, וועלכע מאָנען א תיקון. דערצו וויל ער עפּעס טון פאר די יאסער סוחרים, זיי בילדן, אויסלייטישן...

ווילט איר דאָך אוודאי ויסן, ווער איז ער, דער ישעיה מאיר פינקעל-שטיין?

ער איז א בראָדער. ווען ער איז געבוירן געוואָרן, אין יאָר 1806, איז שוין די שטאָט געווען באקאנט מיט איר האנדל און השכלה. דער טאטע האָט

אים געלערנט ביי מלמדים תורה און גמרא, שפעטער דייטש און בוכהאלטעריי. אין שטאָט האָט ער זיך „אָנגעשמעקט" מיט געטע און שילער, מיט משה מענדעלסאָן און זייער גלייכן. ער האָט געארבעט אין פאָטערס קאנטאָרע ביז צען יאָר נאָך דער חתונה. דעמאָלט האָט אים א שוועסטערקינד, יוליוס מענדעל, ארויסגערופן קיין גאלאץ. מיט דער בארימטער רומענישער האוונשטאָט האָט ער געפירט געלט-געשעפטן פון לאַנג. איז ער געוואָרן א שותף צום באנקגעשעפט און אין עטלעכע יאָר ארום איז זייער באנק געווען צווישן די „סאָלידסטע" אין גאלאץ.

די גאלאצער באנקירן און אויפגעקלערטע סוחרים און בוכהאלטערס זענען געווען א מין „אייראָפּעישע" קאָלאָניע מיט זייער מאָדערנערער קליידונג, לשון און אויפפירעכץ. דער פרייסישער קאָנסול בירקענבאך פלעגט זיי באַזאָרגן מיט ביכער און צייטשריפטן, מיט מאָדע-בלעטער און פליאָטקעס פון ווינער און בערלינער מיסחר-וועלט. קיין טעמפל דערוועגט מען זיך נישט אויפצושטעלן, אָבער סיווי איז די היגע קהילה נישט קיין פרומפאנאטישע און די כלאַרליי סוחרים, בעלי מלאכות, האַון-ארבעטער, באאמטע, מעקלערס און בוכהאלטערס געהערן צו אלערליי שטאמען: רומענער, ארמענער, יידן, גרעקן, איטאליענער, סלאַוון, טערקן און דאָס גיט דער שטאָט א באזונדערן חן.

נאָך די געשעעענישן פון 1848 האָט פינקעלשטיין געוואָלט זיין נענטער צו בראָד און צו ווין. די קינדער זענען אונטערגעוואקסן און זיך דאָרט געלערנט און אויסגעוואקסן „אי צו גאָט, אי צו לייט". האָט ער זיך אריבערגעצויגן קיין יאַס. אין די צען יאָר, זינט ער וווינט הי, האָט ער געהאט געשעפטן מיט די היגע לייפסקער יידן הי-געבוירענע אָדער אריבערגעקומענע פון רוסלאנד, גאַליציע, כמעט אלע פרום-חסידישע, די מאָלדעווישע, פּראָסטערע אָבער ערלעכערע, צווישן די אנדערע, אייניקע „געריבענע" יונגען, מער פרום-פאנאטיש, איידער לייטיש. דער משכיל פינקעלשטיין האָט נישט ליב די חסידים מיט זייער מגושמער אמונה און אלט-פרענקישע השגות וועגן נדן, יחוס, לערנען און האנדלען. ער קען נישט באנעמען זייער בלינדקייט צו דער נייער צייט; ער פארשטייט אָבער זייער היימישן, מאָלדעווישן נוסח, זייער איינגעוואָרצלטקייט און די תמימות פון זייער שטייגער...

א ווינטער-נאכט פונעם אָנהייב יאָר 1858. אינדרויסן איז א מסוכענע זאַווערוכע, א „זשיקאַל", ווי היגע יידן רופן עס, דער שנייַ פארשיט וועגן און שטייגן. פינקעלשטיין זיצט אין זיין קאבינעט אויפן „פריציישן מארק," נישט וויט פונעם פירשטלעכן פאלאץ; דער ברייטער איוואן, וואָס מע רופט דאָ „סאָבע" פארשפּרייט א ליבע ווארעם, און ער פארגעסט אין דעם בייזן דרויסן, ער

איז אריבער די פּופּציקער און ער דערפילט צומאָל דעם „הבל הבלים“ פונעם געשעפּטלעכן טומל. ער דערמאָנט זיך אין זיינע יוגנטלעכע חלומות פון אויפקלערונג, אין די האנטגעשריבענע פּיעסן ווי „רעב העניך“, „לייכטזין און פרעמעליי“, שפּעטער „סערקעלע“. די מחברים גערעכט ער נישט. סיי ווי איז זייער כוונה אויפצוקלערן דאָס פאָלק און נישט קיין שרייבעריי. קיינער פון זיי חלומט נישט, אז זיין פּיעסע זאָל אמאָל געשפּילט ווערן. פון וועמען? פון די אָרעמע פּורים-שפּילער? פון א דייטשישער טרופּע?. מע שרייבט טעאַטער, ווייל עס איז לעבעדיקער און עס וועט גיכער דערגיין צום עולם.

דערפאר וועט ער טאקע אויך אָנשרייבן אזא פּיעסע. מילא, דער פּראָסטער עולם וועט רעדן אויף זיין פּראָסטן יידישן לשון ,אָבער די אויפגעקלערטע מענטשן אין דער פּיעסע ,ער רופט זיי שוין אָן, דער בוכהאלטער, פּלינק און דאָס דינסט-מיידל, אסתר, ביידע בראָדער יחסנים, וועלן רעדן דייטש. זינט חדשים פילט ער, ווי עס קאָכט אין אים א וועלט, די פּארשוינען מאָנען אים, ער זאָל זיי אוועקלייגן אויפן פּאפּיר, ער זאָל זיי צעוויקלען אין אקטן, סצענעס, דיאַלאָגן, האנדלונגען, ער זאָל אין זיי ארייַנטון א שם המפורש.

זיצט ער ביים שרייבטיש, א בויגן פּאפּיר פאר זיך, און די פּען נעמט לויפן איבערן פּאפּיר ער לייגט אוועק, א טיטל „מאָנדריש אָדער קאראקטער-בילדער דער יאסער קויפמאנשאפט אים יארע 1858, פּאָסע אין דריי אקטען, פּאָן... פּאָן...“ נו, וואָס פאר א בכבודיקער באנקיר, א משכיל, וועט אונטערשרייבן מיט זיין אייגענעם נאָמען א פּיעסע אויף יידיש וועגן יאסער יידישע סוחרים, א סאטירע אויף זיי? ניין, מע דארף צוטראכטן א באהאלטענעם נאָמען, מיט א רמז... ווו נעמט מען א פּסעוודאָנים מיט אן אָנצוהערעניש? ער בלייבט מיט דער פּען אין דער לופטן, טראכט, טראכט ביז ער דערטראכט זיך; ער וועט אונטער שרייבן ישעיה גוטמאן. די אקציע וועט זיך אָפּשפּילן טאקע אין יאס אין דעם שווערן ווינטער 1857—1858, ווען עס האָט זיך נעפילט א שווערע קריזע אין דער סוחרישער וועלט.

איצט שרייבט ער אויף די פּארשוינען. נומער איינס: חיים שמואל אלטער לייבל פייגעס .דער ייד מיט יתרום נעמען, איז א מאָלדעווישער ייד, א פּראָסטער, אָן ערלעכער, וואָס איז שטאָלץ אויף זיין הי-געבוירנקייט:“ א וואָלעכישער ייד, וואָס ער זאָגט, מעג מען דערויף שטעלן“. און ווייטער וועלן קומען זיין ווייב שפּרינצע, זיין טאָכטער שיינצע, זיין זון אלטער. אין אלטערן איז פארליבט דאָס אויפגעקלערטע דינסט-מיידל אסתר, און די אקציע אין דער פּיעסע וועט האָבן דעם צוועק די חופּה אלטער-אסתר. דער הויפּט-מאַטאָר וועט זיין דער בוכאלטער פלינק.; עס וועלן מיטשפּילן. ווילנדיק, נישט

ווילנדיק שלמה פאָניע, שמואליק פּוילישער, חיהלע, זיין ווייב, פּערעלע, זיין טאָכטער און „צוויי יידן מיט שטריימלעך, וואָס גייען נאָך א נדבה“ און „זעקס בעלפערלעך וואָס מאכן דעם פּורים-שפּיל“.

די פּיעסע ווערט ווי א פאָרם דעמאסקירן שארלאטאנישע פּרומאקעס, באַ-האלטענע בעלי-עבירהניקעס, מגושמע פירעכצער.

פינקעלשטיין שרייבט מיט אן ערנסטער מינע, עלעהיי ער שטעלט אויס א וועקסל, אָבער פון צייט צו צייט טוט ער א שמייכל אָדער ער צעלאכט זיך, ווען ער ברענגט א זאפטיק ווערטל אָדער א וויציקע סצענע; ער האָט א פּארגע-ניגן פון זיך, פונעם זאפטיקן לשון, וואָס פליסט פון זיין פען און ער פאַר-געסט, אז ער זינדיקט לגבי „האָבדויטש“.

שבת צו נאכטס האָט ער פארבעטן צו זיך זיין משכילישן קרייז באקאַנ-טע און פאר זיי פאָרגעלייענט די פּיעסע. מע האָט געלאכט, אויסגעלאכט און גראטולירט. איינער צוויי האָבן זי גענומען צום איבערשרייבן...

נו, און ווייטער וואָס? ווייטער?

נאָך עטלעכע יאָר איז פינקעלשטיין געבליבן אן אלמן. האָט ער גענומען שטארק בענקען נאָך די קינדער, וועלכע האָבן שוין געוווינט אין בערלין און געפירט איינענע געשעפטן. אין יאָר 1862 האָט ער ליקווידירט זיין קאנטאָרע אין יאס און ארויסגעפאָרן צו די קינדער. און מערקווערדיק, גראָד דאָרט, אין דער דייטשישער הויפטשטאָט, האָט ער זיך פארבענקט נאָכן יידיש לשון פון בראָד און פון יאס און אָנגעשריבן אנטי חסידישע סאטירעס, וואָס ער האָט אָפּגע-דרוקט אין דעם יידישן בלאט „קול מבשר“.

מיינט איר, אז איר זענט שוין פארטיק, איז ניין. ער האָט נאָך אָנגעשריבן צוויי קאָמעדיעס, אָבער אלע זענען זיי פארבליבן נישט געדרוקט. היי-מישע משכילים האָבן זיי אָפּגעשריבן און אזוי זענען זיי צו אונדז דערגאַנ-גען. טרעפט זיך אָבער אזא מעשה. זעקס יאָר נאָך פינקעלשטיינס אָפּלעבן, אין יאָר 1876, באווייזט זיך אין דער בוקארעשטער יידישער צייטונג „היועץ“ א פעליטאָן „דער פּוילישער, דער רוסישער און דער וואָלעכישער, א גאַריש-קייט אין דריי אקטן פון י. ב. ל. איר פארשטייט שוין אליין, אז דאָס איז טאקע דער „מאָנדריש“ פינקעלשטיינס. איצט קומט אָבער דאָס שיינע. די פּיעסע האָט מען אָנגעהויבן דרוקן, ווען דער הויפט-רעדאקטער איז נישט געווען אין בוקארעש-טען צוריקגעקומען פונעם וועג האָט ער דערזען די צוויי אָפּגעדרוקטע אקטן, זיך דערשראָקן פאר זיינע חסידישע לייענערס און מער נישט געוואָלט דרוקן דעם דריטן אקט. וויאזוי-זשע דרייט מען זיך ארויס? טאקע מיט אן איינפאל פון א פארס. ער שרייבט אזוי צו די ליבע לייענערס. אין צווייטן אקט איז ווינטער, און

די העלדן פון דער פּיעסע האָבן זיך פארקילט און זיי זענען שווער קראנק. מוז מען זיי לאָזן א שטיק, צייט זיי זאָלן זיך אויסהיילן.

זיי האָבן זיך אָבער מער נישט אויסגעהיילט.

פּינקעלשטיין האָט אָבער נישט געהאט קיין רו אין קבר. איז ער מיר גע־קומען צו חלום און מיך געבעטן איך זאָל אָנשרייבן דעם אמת וועגן זיין „מאָנדריש" האָב איך אים געפאָלגט און אייך דערלאנגט די מעשה, וויאזוי א פּיעסע ווערט געבוירן.

א הייליקע ארבעט

ווו, ווו אָבער הי, אין מאָלדעווע און וואָלעכיי איז א מוכר ספרימניק נישט קיין אָרעמאן, דער עיקר אויב ער האלט א קלייט אויפן אייבערמארק און ער ברענגט קאסטנס ספרים פון פוילן, רוסלאנד, עסטרייך, טערקיי. דער ארייג־פיר־אָפּצאָל איז נישט קיין גרויסער און קיין צענזור איז נישטאָ ביז 1830, ווען קיסעלעף פירט זי איין. ווייל, לאָמיר זיך נישט נארן, אפילו דער פראָסטסטער ייד, דער לעצטער רענדאר, קען נישט אויסקומען אָן א סידור, אָן א מחזור, א טייטש־חומש, א הגדה, א תחונה, א לוח. אנדערע מאָנען ספרימלעך אויף לשון־קודש און עברי־טייטש, אנדערע קויפן גמרות, זוהר, שולחן ערוך. הכלל, ספרים איז א געשעפט און לוחות, א פרנסה.

דער לוח איז אן אוצר. אין אים געפינט מען אלע טעג פון א גאנץ יאָר און אלץ וועגן יידישקייט; דערצו וועגן לעבן, ידיעות וועגן וועטער, אמאָל א לידל, א וויץ, א צעטל יארידן און נאָך ,מיט איין וואָרט, א כל בו...

אזוי טראכט זיך ישכר באָגען, א ייד, וואָס איז דאָ נישט לאנג געקומען פון לעמבעריק און מיטגעבראכט אביסל יידישע שריפט פון א קליינער דרוקעריי, ווו, ער האָט דאָרט געהאט א שטיקל שותפות, א פרעס צום דרוקן קאָן מען דאָ מאכן ביי יעדן סטאָליער, אויב מע ווייזט אים א מוסטער, און אזא מוסטער קאָן מען נעמען אין דער דרוקעריי פון דער מיטראָפּאָליע, און זעצן און דרוקן קען ער, ישכר באָגען, אויך אביסל. נו, און אויסזעצן א לוח איז, אין תוך, די צווייטע קונץ פון פעדערן־פליקן.

ישכר באהאלט נישט זיינע געדאנקען פאר זיך; ער האלט זיך אן עצה מיטן ווייב. ער גייט אריבער צו הערש גאָלדשמיד, א זייער געראָטענער מייג־סטער, וואָס ארבעט אוים שיינע זאכן פון זילבער און אפילו גאָלד און איז נישט קיין אָרעמאן. ר'הערש הערט אוים מיט קאָפּ יענעמס פּלאן צו דרוקן א לוח טאקע דאָ אין יאס, פאר די יידן פון מאָלדעווע און וואָלעכיי. ער ווייסט, וואָס

מע זאָגט, אז א לוח איז א קליין דין ביכעלע, קאָן מען עס גרינג אריבערפעקלען די גרענעץ און פארקויפן ביליק, אז מענטשן זענען צוגעוווינט צו א געוויסן לוח און זיי ווילן נישט קויפן קיין אנדערן.

הערש באָגען האָט א פארטיקן ענטפער; דער לוח, וואָס ער וויל מאכן, וועט האָבן מעלות, וואָס אנדערע האָבן נישט. ער וועט ברענגען א צעטל פון אלע יארידים פון מאָלדעווע און וואָלעכיי און בוקאָווינע און זיבנבערגן און אפילו פון גאליציע. ער וועט ברענגען מעשיות פון צדיקים, וואָס די היגע חסידישע יידן האָבן אזוי ליב, און אפילו א בילד, ווי דוד המלך שפּילט פאר שאולן, ער האָט מיטגעבראכט עטלעכע האָלץ-שניטן פון אן אלטער הגדה... אויב מע נעמט אים פאר א שותף, וועט ער אליין אויסזעצן דעם לוח און אים אָפּדרוקן.-גוט, גוט, מאכט הערש, אָבער איידער מע דרוקט א לוח, מוז מען אים פריער צונויפשטעלן און דאָס קאָן נישט יעדער איינער, מעג ער זיין אפילו א רב צי א שוחט; א לוח איז נישט קיין בענטשערל, וואָס מע קען נאָכדרוקן פון א פריערדיקן דרוק. א לוח מוז זיין יעדעס יאָר א נייער און א גוטער; ווייל טאָמער כאפּט זיך, חלילה, אריין א פעלער, איז פארפאלן, דערלייגט מען דאָס גאנצע געלד און דעם גוטן נאָמען אויף תמיד.

— איך בין נישט אזוי נאריש, ווי איך זע אויס, וויצלט זיך ישכר, איך האָב געטראכט צו דעם. מיר האָבן דאָ אין יאס א פרומען שוחט, א ייד א קענער אין אויסרעכענען די צייט פארן לוח. ער האָט מיר געוויזן, אז ער האָט א פארטיקן לוח פארן קומענדיקן יאָר און ער וויל אים אָפּדרוקן. איר קענט אים. דאָס איז פּינחס שוחט פונעם מתים-געסל, דאָרט אקעגן זוואָלעווער בית-מידרש.

— גייט ברענגט צו מיר פּינחס שוחט, וועלן מיר איבערשמועסן דאָס געשעפט.

פּינחס שוחט איז א ייד, א מטופל מיט קינדער און יעדע פארע פרנסה, יעדער גראָשן הכנסה איז א נס מן השמים. ווי נאָר ישכר האָט אים גערופן צו הערש גאָלדשמיר, האָט ער גענומען דעם פארטיקן לוח, די פּאָר ספרים לויט וועלכע ער רעכנט אויס די צייטן לויטן יידישן דין און געגאנגען צום גאָלדשמיד. דאָרט האָט מען נענטער ארומגעשמועסט דעם ענין. ער האָט זיי געזאָגט אז ער האָט אלטע לוחות, פון וועלכע מע קאָן נאשן א גלייכווערטל, סגולה, א נס. הכלל, דאָס שותפות איז געוואָרן. דער שוחט גיט דעם לוח, הערש, דאָס ביסל קאפּיטאל, ישכר וועט זעצן און דרוקן. מע וועט פארקויפן די לוחות דורך שמשים פון שילן, מלמדים פון חדרים פון פאקנטרעגערס און אפילו דורך מוכר ספרים, אין די קלענערע שטעט; מע וועט זיי מיטגעבן דאָרפסגייערס, מע

וועט פארטיק ווערן מיטן דרוקן נאָך איידער עס קומען אָן די פרעמדע לוחות. דערווייל אָבער מוז דאָס געשעפט בלייבן א סוד.

און באמת, תיכף נאָך ראָש חודש תמוז האָט זיך באוויזן דער „לוח על שנת תקצ׳ד„ דאָס באַטייט פון סעפטעמבער 1833 ביז סעפטעמבער 1834. אין לוח האָט מען געפונען די קריסטלעכע הגאות לויטן רומעניש, אָרטאָדאָקסישן נוסח: (ס׳פינטו דומיטרו) אָדער (ספינטו געאָרגע, ניטל (קראטשון), קייסעך, גרינע הגא (רוסאלי), בלאַגאָוועשטשעניע, פאראסקיווע, יאָן און, אנדערע, כדי דער סוחר און דער בעל-מלאכה זאָלן קענען אָנגרייטן פארן פויער די נייטיקע סחורות. די סוחרים האָבן זיך געקוויקט מיטן צעטל יארידן און מע האָט געלייענט מיט איבעראשונג דעם אָנזאָג;״ על ידי הנגיד ר׳ צבי הירש גאָלדשמיד ור׳ ישכר באָגען .צונויפגעשטעלט פון ר׳ פינחס שו׳ב דפה יאס.״

מע האָט די לוחות צעבאפט ווי מצה-וואסער און די דריי שותפים האָבן געהאַט ריווח. א קאָנקורענט האָט זיי פארמסרט, אז זיי האָבן געדרוקט אָן צענזור. האָט מען א שמיר געטאָן דעם צענזאָר, דער משומד מיהיי וויטלימעסקו, דער געוועזענער מלמד חיים נייםאן, האָט ער געגעבן א הכשר לאחר המעשה און מע האָט דעם ענין פארגלעט.

געזען אז לוחות און דרוקעריי איז א גוט געשעפט, האָבן די פני פון יאַסער קהילה א טראכט געטאָן: פארוואָס דרוקן לוחות? פארוואָס נישט ספרים? יעדעם יאָר שיקט מען ארוים פון מאָלדעווע און וואָלעכיי אסך גאָלדענע רענדלעך כדי צו באצאָלן די ספרים, פארוואָס זאָל מען זיי נישט אָפדרוקן הי?

האָט מען צונויפגעשטעלט א לאנגע בקשה צו דער וויסטעריע און צום מיניסטער פון אינערלעכע ענינים און עס הייבן אונטערגעשריבן זעכציק גבאים פון שילן, סטאראָסטעס פון צעכן, רייכע סוחרים און בעלי מלאכות. מע האָט אָנגעוויזן וויפיל גאָלד עס פליסט ארוים קיין אויסלאנד. בעסער וואָלט געווען הי צו דרוקן, וואָלט מען באשעפטיקט ארבעטער, געשפאָרט גאָלד, געשאפן א דרוקעריי; ערייפט, זעצערס, איינבינדערס, קונים זענען דאָ. איי, טאָמער טראַכט מען, אז מע וועט דערלייגן דאָס געלט פון דעם ארייןפאָר-אָפצאָל, וועט מען עס פארדינען פונעם ארייןברענגען פאפיר און פארב, פון די ארבעטער, פון יעדן ספר און מע וועט פארשפאָרן שמוגלעריי. אויף „כשרות״ וועט אכטונג געבן דער צענזאָר.

דעם ערשטן דעצעמבער 1833 האָט מען באקומען די דערלויבעניש פאר דער דרוקעריי און יעדער האָט זיך געפרייט: די נגידים אויפן ריווח, די ארבעטער און איינבינדערם -עס וועט זיין פרנסה, די לומדים-מע וועט קענען אָנשרייבן חיבורים און זיי אָפדרוקן הי, די קונים-מע וועט האָבן וואָלוועלער די ספרים

נו, קיין גמרות און חמשים האָט מען דערווייל נישט געבראַכט, אָבער די אַלער־לײ געבעט־ספרים, מוסר־ביכלעך, עברי־טײַטש פאַרן המון, דאָס יאָ.

איז אָבער ווידער די אַלטע מעשׂה. די מוכר ספרים, וואָס האָבן געמאַכט פּרנסה פון אַרײַנפירן ספרים מכל המינים, האָבן געליטן שאָדן. האָט מען „אָנגעקלאַפּט" אין יענע טירן, ווו מע דאַרף און... די דרוקערײַ איז נישט געוואָרן. שטילערהייט האָט מען אָבער אָפּגעדרוקט לוחות, אָנגעגעבן אַן אַנדערע שטאָט פאַרן דרוק־אָרט, אָדער פאַרשוויגן, ווי אין יאָר 1838. ווער עס האָט געדרוקט, קאָן איך נישט זאָגן; איך וויל קיינעם נישט פאַרמסרן. איינס איז אָבער קלאָר, אַז דרוקערײַ איז אײַ א גוט געשעפט, איי א מיצווה.

האָט זיך אין יאָר 1839 פאַרטראַכט דער רומענעיִשער שרײַבער, אויפקלע־רער און עסקן געאָרגע אַסאַקי און ער האָט אין יאָס אַרויסגעגעבן די ערשטע מאָלדעווישע צײַטונג „אַלבינא", די בין און טאַקע אַזוי אָנגערופן זײַן דרוקערײַ. נאָך מער ,ער האָט באַקומען א מאָנאָפּאָל אויף דרוקערײַ פאַר 15 יאָר צײַט.

די יאַסער פּני האָבן געזען, אַז דרוקן איז א געשעפט האָבן זיי, דרײַ יאָר שפּעטער, זיך איבערגעשמועסט מיט אַסאַקין און ער איז מסכים געווען, מע זאָל דרוקן מיט יידישע אותיות אין זײַן דרוקערײַ און אונטער דעם נאָמען פון „אַלבינא". האָט מען זיך צונויפגענומען אינדערהיים ביי זעלינג ציִמאַנד, אַן אָנגעזעענער סוחר און א פּרנס אין דער יאַסער קהלה. ווי געוויינטלעך קומט מען זיך צונויף וועגן אַן ערנסטן ענין שבת צו נאַכט, „שפּעיסינאַכץ," זאָגט מען הי, נאָך הבדלה. ציִמאַנד האָט פאַרבעטן א צווייטן קהלסמאַן, דעם באַנקיר און חלפן יהודא לייב וועקסלער, דעם קענער אין דרוק־ענינים ישראל אברהם סעגאַל, דער שוואָגער פונעם לײַפּסקער סוחר נאָטע וואַסערמאַן, וועלכע זענען טאַקע געקומען.

פּערל ציִמאַנד, די אשת חיל, האָט דערלאַנגט צום טיש קיכלעך מיט בראָנפן, רויזן־שערבעט מיט קאַלט וואַסער פונעם קעלער און דערנאָך שוואַרצע קאַווע. ציִמאַנד האָט דערציילט די געסט וועגן וואָס ער האָט זיי צונויפגערופן, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַסאַקין, און זיי פירגעלייגט זיי זאָלן מאַכן שותפות. דערווייל וועט מען אַרײַנלייגן אין געשעפט נאָר צו הונדערט רענדלעך. סעגאַל וועט פאַר זײַן אַרבעט אין דער דרוקערײַ באַקומען צו 5 רענדלעך א וואָך און מע וועט זײַן גלײַכע שותפים צום פאַרדינסט. וועקסלער האָט אָנגעשריבן דעם אָפּמאַך פון שותפות און... איצט הייבט זיך אָן דאָס שווערע. וואָס הייבט מען אָן דרוקן? שיקט מען רופן יחיאל שראַגער, דעם געניטן אײַנבינדער, מע דערציילט אים דעם סוד, מע זאָגט אים צו, אַז ביי אים וועט מען אײַנבינדן אַלע ספרים, וואָס מע וועט דרוקן און מע האַלט זיך מיט אים אַן עצה. שראַ־

גער מוט א גלעט זיין שבתדיקן קאפטן, דאָס שטריימל, וואָס ער האָט אין איילעניש פארגעסן אויסצוטון און פארבייטן מיט א וואָכעדיק היטל און ער מאכט אזוי: „רבותי, איר מוזט וויסן, אז דער ייד, וואָס קויפט א ספר קוקט פריער ווו עס איז געדרוקט, זאלקווא צי טשערנאָוויץ, לעמבעריק אָדער גאָר ווילנע, קאָרעץ צי וואַרשע... פון יאסער דרוק ווייסט מען נאָך נישט. וועט מען דערווייל קיין הינע סידורים, מחזורים נישט קויפן.

...וואָס זשע זאָלן מיר דרוקן, קימפעטאָרן-בריוולעך? פרעגט ברוגזלעך סענאל.

— דאָס וואָלט אויך נישט געשאדט, ווייל דער היגער עולם האלט זייער פון אזעלכע זאכן און פון חסידישע רביים. וואָלט מען געקאנט אָפדרוקן דעם „שבחי-בעש׳ט". לפי דעתי איז אָבער בעסער אָנצוהייבן מיט א ספרל, מע האָט שוין לאנג נישט געדרוקט. אויב דער המון האלט פון צדיקים, האלטן אסך למדנים פון קבלה און מע פרעגט אויף קבלה-ספרים. וואָס וואָלט געווען ווען איר הייבט אָן, אין א גוטער שעה, מיט א קליין ספרל פון א צוואנציק זייטלעך? מע רופט עס „אבקת רוכל" דער מחבר איז ר׳מכיר, דער רבי פון רשי, זכרונו לברכה. איז מען מסכים.

— נו, און ווייטער וואָס? פרעגט גאָטע וואסערמאן, מע מאכט דאָך נישט א געשעפט צוליב איין קליין ספרל.

— אויף אויסנווייניק איז מיר שווער צו ענטפערן, מאכט שראגער, איך וועל אהיימגיין, מיך ארומקוקן און אין א טאָג, צוויי, וועל איך אייך זאָגן מיין עצה.

זונטיק ביינאכט האָט מען זיך ווידער געטראָפן. יחיאל האָט מיטגעבראכט א פעקל ספרים, וואָס ער ווייסט, אז מע מאָנט זיי, האָט מען אויסגעקליבן עט-לעכע, איינגעצאָלט אויפן קאפיטאל, זיך אָנגעווינטשן מזל, הצלחה און גע-זונט, ביי א גלעזל קאָטנאר-ווייַן און מע איז זיך צעגאנגען.

דאָס ערשטע ביכלע איז זיך גוט צעגאנגען, האָט מען זיך גענומען אי-בערדרוקן דעם „זוהר", דערווייל נאָר „בראשית". מע האָט נישט געדרוקט קיין סך, איז געווען מיט חסד, פארן יאָר 1843 האָט מען זיך ארויסגעשטעלט מיטן קבלה-סידור „שערי ציון". דער מחבר, ר׳נתן נטע האנאָווער, איז צוריק מיט קארגע צוויי הונדערט יאָר געווען רב אין יאס, און יאסער יידן האָבן שטאָל-צירט דערמיט, וואָס אזא בארימטער לערנער און מקובל איז געווען זייער רב. האָט מען פריער אָפגעדרוקט נאָר דעם לשון קודש טעקסט. אָבער פשוטע יידן האָבן געוואָלט פארשטיין, וואָס זיי זאָגן. האָט מען געטראָפן א יונגן למדן, א בחור אברהם, וועלכער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש און מע האָט צוליב גע

טאָן דעם עולם; און דער עולם האָט צוליב געטאָן די דרוקערס און געקויפט דעם „שערי ציון“ און געדאווענט מיט גרויס כוונה פון אים. דער צענזאָר האָט עפּרווּוט מאכן שווּעריקייטן, אָבער אסאקי האָט געהאט א מיטל קעגן אים; ער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אז מע קאָן נאָך טרעפן א צענזאָר אין יאס, יענער וועט אויך וועלן פּרנסה, איז בעסער אז, ער, וויטלימעסקו זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס.

האָט מען א גאנץ יאָר געדרוקט תהילים און סליחות און פּירקי אָבות מיט אָדער אָן עברי־טייטש, מע האָט אויך געדרוקט נאָר עברי־טייטש, ווי דעם „תּר־גום שני“ צו „מגילת אסתר“ און אלע זענען געווען צופרידן, חוץ די גרויסע מוכר ספרימניקעס, וועלכע האָבן א שמיר געטאָן, ווו מע דארף און מע האָט מער נישט געדרוקט מיט יידישע אותיות. עטלעכע יאָר צייט, האָט מען עפּעס יאָ געדרוקט בגניבה, אָבער זינט 1856 שוין אויף כשר. דעמאָלט האָט הערש גאָלד־נער אָנגעהויבן זיין דרוקעריי, וואָס האָט אָנגעהאלטן איבער אכציק יאָר. דאָס איז אָבער אן אנדערע מעשה.

קלעזמערישער יחוס

וואָלף שוחט האָט געהאט א שטוב מיט קינדער, א שיין קול נגינה, ער האָט געקענט שיין אויסכתבן א מיזרח, א שיוויתי, פארן עמוד, א מוסטער פאר א מציבה; ער האָט געגאָסן דריידלעך פון בליי, אויסגעשניטן פענדלעך אויף שימחת, אויסגעשניטן פארפוצונג פון פאפיר פאר סוכות, אויסקאליגראפירט א פינקס, איינגעקנופט ציצית, אויסגעשניצט שילדן פאר מזוזות און ידן פאר דער תורה. אסך מלאָכות און ווייניק ברכות. אזוי איז ער אָפגעקומען א וועלט התונה געמאכט טעכטער, אויסגעגעבן זין. אָבער פירן צו דער חופה די מעזינקע, האָט ער נישט דערלעבט און זי געלאָזט א יתומה פאר דער צייט.

אן אָרעמע יתומה אָן נדן, ווער וועט זיך אויף איר אומקוקן? האָט זיך אָפגעפונען א יונגערמאן א מלמד, א לאנגער, א דארער, א פארחלומטער און א קרענקלעכער. האָט מען אין שטאָט צונויפגעמאכט אויף הכנסת-כלה, געלאָזט דעם יונגן מאן עפענען א חדר און, מזל טוב, א חופה. און אין א יאָר ארום, טאקע ווידער מזל טוב, א ברית!

האָט מען דעם קינד א נאָמען געגעבן אברהם, נאָכן טאטנס פאָטער, און וואָלף, נאָך דער מאמעס טאטע. דאָס יינגל איז אויגעוואקסן א געציטערטער, א פארחלומטער, א נישט-דאָיקער, א לא יצלח. פלעגן אים די קינדער נאָכשרייען לעמעשקע. ווען ער איז געוואָרן א באליבטער פידלער און ער איז ארומגעפאָרן מיט קאָנצערטן איבער אלע רומענישע לענדער, האָט ער אין טראנסילוואניע באגעגנט א פאמיליע-נאָמען, נעמעש, האָט ער פון דער נון געמאכט א לאַמעד, איז געוואָרן פון דעם צונאָמען א ליב-נאָמען, לעמעש. עס קלינגט פריציש און מע פארלייקנט נישט די קינדער-יאָרן.

נאָר, לאָמיך נישט לויפן צופיל פאָרויס. דערווייל האלטן מיר נאָך ביים אָנהייב. דאָס יינגל איז קיין צען יאָר נישט אלט געווען, ווען דער פאָטער האָט אים געלאָזט א יתום און די מאמע זיינע איז געבליבן ווי אויפן וואסער.. עס

זענען אוועק עטלעכע חדשים און אין דעם נישט ווייטן באַקוי האָט זיך אָפּגעפונען אַן אַלמן מיט דריי קינדער ,אַ בלעכער, האָט מען איר גערעדט דעם שידוך און זי איז מסכים געווען; איצט הייבט זיך אָן אַ מעשה. אין שכינות האָט געוווינט אַ פּאָרל אָן קינדער, ער, אַ שוסטער, זי אַ שניידערקע. האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינרעדן אין דער אָרעמער מוטער, זי זאָל דערווייל לאָזן ביי זיי דאָס ייִנגל, אויף דער לער זאָל זי זיך אַרומקוקן, ווו עס האַלט מיט יענעמס דריי קינדער און ווען זי וועט וועלן, וועט זי קענען אָפּנעמען דאָס קינד. באַקוי איז סיווי נישט ווייט, וועט מען פאָרן צו איר פון צייט צו צייט. זאָל זיך דער שטיפאָטער צוביסלעך צוגעוויינען צו אים. די בידנע אַלמנה איז מסכים געווען און זי איז אוועק צו איר נייער באַלאַעבטעשאַפט. דאָס ייִנגל האָט קודם געבענקט נאָך איר, אָבער די „מיים טערקע" האָט אים איינגענומען מיט גוטע רייד און מיט איר זאָרגן פאַר אים, איז דאָס ייִנגל באַרואיקט געוואָרן. סוף כּל סוף איז ער אײַנדערהיים.

אין דער שטיל האָט דאָס פּאָרל געטראַכט, אַז דאָס ייִנגל וועט ווערן זייער וויכעוואַניק און זיין פאַר זיי ווי אַן אייגן קינד. האָט מען דאָס ייִנגל געגעבן לערנען אין דער תּלמוד-תּורה; זיין גוט קעפּל האָט אויפגעכאַפּט דאַווענען און חומש, אַביסל שרייבן און רעכענען. וויייניקער פליייסיק איז ער געווען ביים לערנען די מלאכה. אים וואָלט מער געפעלן צו זיין אַ משורר ביים חזן פונעם שניידערישן שילעכל. דער קאָפּ איז אים ביי דער זונטיקדיקער האָרע, עק שטאָט ביי די פרייליכע חופּות, אַפילו ביים טרויעריקן תּהילים-ניגון פון שבת פאַרנאַכט, אָבער נישט ביי דעם העמערל, דער דראַטווע, ביי דער לעדער. שיקט מען אים אָפּטראָגן אַ שטיקל אַרבעט ווערט ער אַ מאָל פאַרפאַלן אויף עטלעכע שעה; ער הערט זיך אונטער די קלעזמערס אין קרעטשמע; קומט ער אַהיים, פרעגט מען אים, ווו ער איז געווען, ענטפערט ער, אַז ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ גרעזל. נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן קאָן מען פון אים נישט אַרויסבאַקומען קיין אַנדערן ענטפער.

דעם פּאָרל טוט שוין באַנג די גאַנצע מעשה, נאָר ווי קאָן מען דען פאַרטרייבן אַ יתום? און חוץ דעם, איז ער אַ שטילער, אַ פאָלגער, אַ ציכטיקער.

— וואָס וועט זיין פון דיר? פרעגן די כּמו טאַטע-מאַמע. דו ביסט דאָך באַלד שוין אַ בר־מיצווה. נישט דו טויגסט צו שוסטעריי, נישט דו ווילסט לערנען אַ פאַך. זאָג נאָר. אַברהם וואָלף, וואָס ווילסטו ווערן? דאָס ייִנגל שווייגט. נאָר ווען יחיאל שוסטער פרעגט אים אַ צווייט מאָל, וואָס ער טראַכט זיך, נעמט זיך דאָס יִנגל אָן מיט מוט און זאָגט; „פעטער יחיאל, איך וויל ווערן אַ קלעזמער".

— א קלעזמער? דו זאָלסט דיך ארומוואַלגערן אין די קרעטשמעס מיט די ציגיינערס, פאָרן אין די דערפער אויף „כאסלערעס„ ווערן א שיכור און וואָס אין דער קאָרט?

— איך האָב ליב דאָס פידעלע ווי מיין לעבן און קיין שיכור וועל איך קיין מאָל נישט ווערן, האָט דאָס יינגל פאטעטיש געענטפערט. איך בעט אייך, פעטער יחיאל, גיט מיך אין דער לער צו יאָסל פידלער.

יחיאל טראכט זיך. אז קיין לייטישער בעל-מלאכה וועט שוין פון דעם יינגל סיווי נישט ווערן, זאָל מען אים כאָטש געבן מיט וואָס צו פארדינען א שטיקל ברויט. נעמט ער דאָס יינגל און גייט אריבער צו יאָסלען און באדינגט אים דאָרט אין דער לער. דאָס יינגל הייבט אָן קומען צו יאָסלען, וועלכער ווייזט אים דאָס ביסל, וואָס ער קען און... נאָך א יאָר זאָגט ער צום יינגל: אברעמעלע, וואָס איך קען, האָב איך דיך שוין אויסגעלערנט. איצטער זאָל דיך גאָט לערנען". דאָס יינגל בלייבט אָבער ווייטער אין דער לער, כדי יחיאל מיטן ווייב זאָלן נישט ברוגז ווערן. ער שפילט אויף אן אלט פידעלע. איין מאָל שפילט ער עפּעס אויס, אזוינס וואָס דערציטערט יאָסלען און ער פרעגט אים: ווו האָסטו דאָס געהערט ,אברהמל?"

— איך האָב עס נישט געהערט ביי קיינעם; עס קומט צו מיר פון זיך.

יאָסל הייבט אָן אים מיטצונעמען אויף חתונות און דאָס יינגל הייבט אָן צו פארדינען אן אייגענעם גראָשן. יחיאל קויפט אים א פידעלע ביי אן אלטן ציגיינער און דאָס יינגל איז איבערגליקלעך. ער הערט נישט דעם ניבול פה, נישט די קריגערייען פון די קלעזמערס, נישט דאָס שיכורן, וויל ער איז פול מיט געזאנג.

דאָס יינגל וואקסט צוביסלעך אונטער; פון צייט צו צייט שיקט ער דער מו-טער אביסל געלט. ער באצאָלט יחיאלן פאר די קעסט, ער קאָן זיך קויפן קליי-דער, שיך און ער לייגט נאָר אוועק א גראָשן פאר זיין חלום: ער זאָל לערנען נאָטן ביי א קענער. טרעפט זיך אזא מעשה. דער נגיד פונעם שטעטל מאכט חתונה דער מעזינקע, רופט ער ארוים פון באקוי א קאפעליע קלעזמערס. דער אָנ-פידער איז געוועזן א דייטש, וואָס האָט אמאָל געשפּילט אין עסטרייך אין א מיליטערישער קאפעלע; האָט ער געקענט נאָטן. די קלעזמער, יידן און ציגיינער האָבן געשפּילט ביז צו דער חופּה, ביי דער חופּה, נאָך דער חופּה ביזן אנדערן פארטאָג. צום „דאָבראָניטש" האָט מען געבעטן אברהמלען און ער האָט אויסגעשטפּילט זיינעם א ניגון, אז דער דייטש איז געבליבן פארגאפט.

דעם אנדערן טאָג, מע איז זיך אויסגעשלאָפן און אויסגערוט פון דעם שפּילן און פונעם טרינקען, האָט דער דייטשישער קאפעלמייסטער גענומען

אויספרעגן דאָס ייִנגל, וואָס און וועער און ווען. דערהערט דעם ייִנגלס ווונטש צו לערנען נאָטן, מאכט ער צו אים: „נאָטן קענסטו אויסלערנען ביי מיר און עפּעס מער. קום צו מיר אין אָרקעסטער, וועסטו ווערן א „מענטש". ווען דאָס ייִנגל האָט זיך דערוווּסט, אז יענער וווינט אין באקוי, איז ער מסכים געווען צו פאָרן אהין, צו זיין אין א גרעסערער שטאָט, נענטער צו דער מאמען. ער האָט זיך איינגעדונגען ביי איינעם פון די יידישע קלעזמער און גענומען ארומפאָרן מיט דער קאפּעליע איבערן קאנט אויף פריצישע בעלער, אזש ביז ראָמאן און פּאָקשאן, איבער יידישע שטעט און שטעטלעך, קיין מוינעשט, טירגו-אָקנא, אדזשוד און קלענערע מקומות. דעם ליבן שוסטערישן פּאָרל, וואָס האָט אים געהאָלפן קליינערהייט, פלעגט ער שיקן גרוסן און אפילו מתנות.

דער שטיף-פאָטער האָט זיך קודם געקווענקלט, אָבער ווען דאָס ייִנגל האָט ארויס-גענומען עטלעכע טאָלער און באצאָלט פּאָרויס האָט ער צוגעשטימט, אז דאָס ייִנגל זאָל וווינען ביי אים אין דעם שטיבל אויפן הויף און די מאמע איז גליקלעך געווען צו האָבן ביי זיך איר גאָלדענעם חתן-בחור.

עס לויפן די יאָרן, א יאָר נאָך א יאָר. אברהם וואָלף לעמעש האָט באלד זיין חלום צוביסלעך דערלעבט. ער שרייבט נאָטן, ער פירט אָן אן אייגענע קאַ-פּעליע, ער קאָמפּאָנירט אייגנס יידישס און רומעניש, ער האָט פרנסה און כבוד. דער דייטש איז שוין פון לאנג אויף יענער וועלט; זינט מע האָט באפרייט די ציגיינערס, קאָן מען מאכן שותפות מיט די בעסטע שפּילערס צווישן זיי. ער אליין שפּילט שוין נייע זאכן אויך; ווינער וואלצערס, פּאָלקעס ראָמאנסן און פריילעכע פּאָטפּורים. מע רייסט זיך איבער אים אויף פריצישע בעלער און יידי-שע חתונות. ער איז בארימט איבער גאנץ מאָלדעווע. עס האָט אפילו געהאלטן, אז ער זאָל שפּילן אויף א באל פאר קוזא וואָדאן, דעם לאנד-פירשט, איז אוים-געבראָכן אזא זאווערוכע, אז מע איז קוים אהיימגעקומען לעבעדיק פונעם מיטן וועג.

ער וווינט שוין פון לאנג נישט ביי דער מאמען; ער האָט אָנגעטאָן א תּע-נוג דעם שטיף-פאָטער און געשפּילט אויף דער חתונה פון דער מעזינקע. די מאמע וויל דערלעבן אייניקלעך אָבער האָבן חתונה איז פאר אים א שווערער ענין; יענע מיידלעך, וואָס געפעלן אים, ווילן נישט חתונה האָבן מיט א „קלעז-מער" און וועמען ער געפעלט, געפעלט יענע אים נישט. עס איז א ויתרוצו צווישן זיין דערהויבענער נשמה און זיין נידעריקן קלעזמערישן מצב...

לעמעש דערמאָנט זיך אין זיינע אייגענע שווערע קינדער-יאָרן און ער זוכט אויס אן אָרעם טאלענטירט ייִנגל און ער נעמט אים דערוויילע אין דער לער. עס איז א יתום פון א קלעזמער, א טאָפּלטער יתום, צאָלט ער פאר אים

קעסט און לערנט אים; און אז דאָס ייִנגל וואַקסט זיך אַרוים פֿאַר אַ כּלי און ער וואַקסט אַביסל אונטער, נעמט ער אים פֿאַר אַ זון און גיט אים זיין נאָמען: לעמעש.

בנימין לעמעש האָט דעם נאָמען נישט פֿאַרשעמט. פֿאַרקערט, ער איז געוואָרן אַ שם-טוב און אויב אַ יונגער קלעזמער האָט געוואָלט אויסנעמען, האָט ער זיך רעקלאַמירט אַלס לעמעש. קיין פֿאַמיליע נעמען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען אָבליגאַטאָריש אין מאָלדעווע, האָט יעדער זיך געקאָנט אָנרופֿן ווי ער וויל. דערפֿאַר האָט מען אין אָרקעסטער פֿונעם רומענישן נאַציאָנאַל טעאַטער געקאָנט טרעפֿן אַלס ערשטע און צווייטע פֿידל בינימין און י. לעמעש.

מיט בנימין לעמעשן האָט מען זיך באַרימט. אין אַ היגן מוזיי איז פֿאַראַן אַן אַפֿיש פֿון טרעשנאָוויץ, אין יאָר 1871: דער באַרימטער אַקטיאָר מאַטיי מיללאָ מעלדעט, אַז זיינע ספּעקטאַקלען ווערן באַגלייט פֿון „ב. לעמעש מיט זיין אָרקעסטער; זיי שפּילן האָרעס און אָוווערטורן. ער פֿאַרלייקנט נישט זיין יידישקייט און ער זאָגט זיך אָפּ צו שפּילן אין אַ אַנטי-יידישער פּיעסע, כאָטש די שטאַמט פֿון אַ גרויסן שרייבער.

די לעמעשעס זענען פֿאַרברידערט מיטן רומענישן און יידישן פֿאָלקס-ניגון. איינער פֿון זיי וועט אַרומפֿאָרן איבער אַלע לענדער, ווו עס לעבן רומענער, און ער וועט האָבן אויסצושטיין צרות פֿון דער צאַרישער אָכראַנע צוליב זיינע דאָינעס און האָרעס.

גאָלדפֿאַדען וועט אין די לעמעשעס געפֿונען געטרייע מיטאַרבעטער. זעליג איציק וועט פֿאַרפֿאַסן אַ גאָלדפֿאַדען-מאַרש און זיין זון וועט אָט דעם מאַרש אויפֿשפּילן אין בוקאַרעשט אין יאָר 1887. מען האָט געשפּילט אין יידישן און אין רומענישן טעאַטער, מע האָט געשפּילט אויף בעלער און אויף חתונות. די לעמעשעס און זייערסגלייכן האָבן געפּילט, אַז אין זייערע אָדערן פֿליסט נישט נאָר בלוט, נאָר מוזיק אויך. זעליג יצחק האָט קאָמפּאָנירט מוזיק פֿאַר תּפֿלות און זיי אויסגעשפּילט אויפֿן פֿידל; און דער עולם האָט געגאַפּט און אַרוים פֿון די כּלים פֿאַר התפּעלות. זעליג איציקס זון, מילו, האָט געוווינט אין יאַס אין קלעזמער-געסל, ווען ער פֿלעג זיך דאָ אויפֿהאַלטן. מע דערציילט וועגן אים, אַז ווען עס איז אַראָפּגעקומען אַהער עפּעס אַן איטאַליענישע אָפּערעטן-טרופּע און מע האָט אים גערופֿן שפּילן, האָט ער עטלעכע שעה פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג איבערגעקוקט די פּאַרטיטור און... אַלץ איז געאַנגען ווי אַ פֿידעלע און פֿאַרכישופֿט דעם עולם.

דורות גייען, דורות קומען; אַ וועלט מיט לעמעשעס פֿילט אָן די וועלט, די וועלט פֿון מוזיק: לעמעש, לעמעשעזו, לעמעשעסקאָ און לעמעשיאַנאָ, פֿיד

לערם און אָפּערן-זינגערם אין רומעניע, אין עסטרייך, אין פּאריז און אין א-מעריקע. דער קלעזמערישער יחום האָט איינגענומען די וועלט.

פאר אונדזערע אויגן שטייען אָבער ווי לעבעדיקע יענע פשוטע קלעזמער, וואָס האָבן פארברידערט יידישע און רומענישע נגינה, פּויערישע און שטעטל-דיקע און האָבן זיי צענויפגעגאָסן און איין ליד פון פרייד און דערהויבונג, אזויווי דוד המלך.

יאסער קהלס־לייט 1859

עס איז גוט באקאנט, אז ביז ארום 1860 איז די יידישע קהילה פון רו־מעניע געווען דער צענטער נישט נאָר פונעם רעליגיעזן לעבן; דער גרעסטער טייל דערציערישער, געזעלשאפטלעכער, פיסקאלישער, טיילווייז יורידישער און עקאָנאָמישער ארבעט, ווי אויך סאָציאלע הילף איז געגאנגען דורך דער קהילה. איר טעטיקייט דעקט אין א גרויסער מאָס אלע געביטן פונעם לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג. דאָס ווײַלן א קהילה־אָנפירונג איז א וויכטיקער ענין.

דער פראָטאָקאָל פון קהילה־וואלן אין יאס, אין יאָר 1859, דאָס יאָר ווען עס האָבן זיך פאראייניקט אין איין מלוכה די צוויי רומענישע לענדער מאָלדע־ווע און וואַלעכיי (מונטעניע), ברענגט אויך ידיעות וועגן יידישע צעכן אין שטאָט. די קומענדיקע יאָרן האָבן געבראכט א גרינטלעכע ענדערונג אין די באציונגען צווישן מלוכה־אפאראט און קהילה־אָרגאניזאציע. נישט תמיד האָט די יידישע באפעלקערונג געקאָנט צופאסן איר קהילה -אָרגאניזאציע צו דער מאָדערניזאציע פונעם לעבן אין רומעניע; דערווײַל אָבער האָט נאָך די אָרטי־קע מאכט די השגחה איבער קהל און העלפט דער קהילה־אָנפירונג אָנצופירן מיט דער יידישער באפעלקערונג, איז טאקע אינטערעסאנט צו זען וויאזוי די וואלן זענען זיך פארלאָפן.

א יידישע באפעלקערונג איז געווען אין יאס שוין אין 14־טן י״ה וועגן אן אָרגאניזירטער קהילה ווייסן מיר זיכער אין 16־טן י״ה; פון 1666 האָבן מיר א פירשטלעכן דיפלאָם וועגן ראבינאט, יידישן צעך, שטייערן, בית־דין וכדומה. נאָכן איינפירן דעם „אָרגאנישן רעגולאמענט" אין 1831, האָט די אלטע סיסטעם געזאָלט גרינטלעך פארענדערט ווערן. צוליב פיסקאלישע, אדמיניס־טראטיווע, עקאָנאָמישע סיבות איז דער אלטער שטייגער ווייטער געגאנגען און די יאסער קהילה האָט דורכגעמאכט ראנגלענישן צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן, ארויסגערופן דורכן אוועקנעמען די אלטע סיסטעם פון איינמאָנען די שטייערן

פון יידן דורך דער טאקסע; דערצו זענען צוגעקומען די עוולות פון די נגידים, וואָס האָבן אָנגעפירט די קהילה און אַלגעמיינע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. די „עפּיטראָפּיע", אָנפירונג, פון דער קהילה, וואָס מע האָט געוויילט אין יאָר 1850, האָט דעמיסיאָנירט אין יאָר 1853. די קומענדיקע 6 יאָר זענען פול מיט מחלוקת און רייסעניש. דעם 11 טן אַפּריל האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג געווענדט מיט א בקשה צום דעמאָקראַטישן לאַנדפירשט אַלעקסאַנדרו יאָאַן קוזאַ; זיי ווייזן אָן, אז 25.000 יידן קרעכצן אונטערן יאָך פון א קליקע נגידים, תקיפים וועלכע פרעסן אויף די הכנסה פון צען טויזנט רענדלעך א יאָר; זיי גיבן נישט אָפּ קיין דין וחשבון און זיי לאָזן נישט וויילן א נייע אָנפירונג לויטן געזעץ פונעם לאַנד. זיי טוען דאָס, ווייל זיי וויסן, אז זיי וועלן מער נישט קאָנען באַ-ראַבעווען דעם המון.

אין יאָר 1855 האָט די רעגירונג באַשטימט אז די אָנפירונג זאָל געוויילט ווערן נישט דורך דעלעגאַטן פון די בתי מידרשים, נאָר דורך דעלעגאַטן פון די יידישע עקאָנאָמישע צעכן. דער פּראָטאָקאָל פונעם פערטן יאַנואַר 1863 איז ענלעך צום פאָריקן.

„מיר, די אונטערגעשריבענע „סטאַראָסטעס" און חברה-לייט פון אַלע יידי-שע צעכן פון יאַס, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען היינט אין דעם בנין פון דער יידישער קהילה, כדי ווידער צו באַשטימען די פולמאַכטן, וואָס מיר האָבן גע-געבן די דעלעגאַטן (אָנפירער) דעם 24סטן דעצעמבער 1862, דערקלערן דערמיט, אז מיר באַפולמעכטיקן די הערן: מיכאל אידיאָוויטש, יעקב לייב ווייזער, בני-מין שוואַרצפעלד, מ. גלאַסבערג, שמעלקע גאָלדענטאַל, חיים גאָלדענבערג,- חיים מרדכי דניאל, איציק זילבערמאַן, יוסף הערצענבערג, מ. י. אָרענטשיין, מ. האַלצ-מאַן, י. מ. טישלער, מ. שפּייער, א. בן יוסף, ש. גאָלדענבערג, פּרוים בער בער-קאָוויטש, אז זיי זאָלן, לויט זייער איינזען, באַשטימען פּאַרוואַלטערס פאַרן שפּיטאָל און פאַר די שולעס, זיי זאָלן זייער ערנסט אכטונג געבן, אז די דער-מאָנטע אינסטיטוציעס זאָלן גוט זיין פאַרזאָרגט, כדי זיי זאָלן קאָנען דערפילן דעם צוועק פון זייער גרינדונג... זיי וועלן אָפּנעמען יערלעך א דין וחשבון פון די פּאַרוואַלטערס; זיי וועלן שאַפן די נויטיקע געלט-מיטלען פאַר אָט די מוסדות דורכן באַשטימען א „טאַקסע" אויף פאַרשיידענע זאַכן, לויט זייער איינזען, זיי וועלן זיין אונדזערע פאָרשטייער פאַר די מאַכט-אָרגאַנען, נאָר אין באַזונדערע פאַלן וועלן זיי צונויפרופן אן אסיפה פון אַלע סטאַראָסטעס (ראשי חברות) מיט צוויי חברים פון יעדן צעך כדי זיך צו באַראָטן און צו באַשטימען אין איינעם דער רומענישער פּראָטאָקאָל איז דאַטירט 14 יאַנואַר 1863 און ער טראָגט א צוגאָב „קיין שום הוספה צו דער פלייש-טאַקסע טאָר נישט ווערן באַשטימט

אָן דער הסכמה פון די אָנפירערס פון צעכן." ווייטער שרייבט מען, אז די דע־לעגאַטן שטעלן פאַר די גאַנצע קהילה, היות זיי זענען אויסגעוויילט פון אַלע שיכטן באַפעלקערונג. די 21 דעלעגאַטן נעמען אָן באַשלוסן מיט א מערהייט פון צוויי דריטל שטימען.

אויף דער זיצונג פונעם פערטן יאַנואַר זענען בייגעווען פאַרשטייערס פון די ווייטערדיקע צעכן: אלטוואַרג־הענדלער, מעלערס, (צימער־מאָלערס), בייגל־בעקערס, פון א צעך, וואָס מע קען נישט דעשיפרירן זיין זיגל, בעלי־עגלות, היטל־און קוטשמע־מאַכערס (וועלכער עקזיסטירט זינט סוף 18 טן י׳ה), קאָט־לערס זענען אין איינעם מיט שירעם־מאַכערס, קרעטשמערס, רימערס און זאָטל־מאַ־כערס, שוסטערס, סטאָלערס, קצבים, קלעזמערס, קאַפעליטש־מאַכערס, באַ־קאַלייניקעס, לייפּסקערס, אויפקויפער, חלפנים, שניידערס, „טאַבלעצירער„ (טאַ־פּעצירערס), באָדנערס.

די דעלעגאַטן זענען באַשטעטיקט געוואָרן אין דער אָנפירנדיקער זיצונג פונעם 24 סטן דעצעמבער 1863, ווען 5 פּני, וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט, האָבן אָנגענומען די פאַרשטייערס פון די צעכן „...בכדי עס זאָל הערשן שלום ושלווה אין דער קהילה.„ אייניקע מיטגלידער פונעם נייעם קאָמיטעט זענען באַקאַנטע עסקנים. למשל, בנימין שוואַרצפעלד (1822—1896), דער פאָטער פון די באַקאַנטע היסטאָריקער משה (1857—1943), אליהו (1855—1915) און ווילהעלם (1857—1894), איז א באַקאַנטער משכיל, שול־טוער, העברעישער פּובליציסט. דער באַנקיר חיים מרדכי דניאל איז דער זון און יורש פונעם וויל־באַקאַנטן באַנקיר און שתדלן מיכאל דניאל. הערש גאָלדנער איז א באַקאַנ־טער דרוקער.

נאָכן יאָר 1866 גייט די קהילה־פאַרוואַלטונג דורך א שווערע קריזע סיי צוליב דעם, וואָס די מאַכט איז מער נישט אינטערעסירט אין אירע פריערדיקע פונקציעס, סיי צוליב אינערלעכע רייסערייען און קאָנפליקטן, אייניקע מיט א בולטן סאָציאַלן כאַראַקטער. די פאַרבעסערטע סיסטעם וואַלן, וואָס איז אויפגעקומען אין יאָר 1859 האָט נישט געקאָנט גובר זיין די שוועריקייטן און די קהילה־אָרגאַניזאַציע פון רומעניע וועט אין די קומענדיקע יאָרצענדליק דורכמאַכן שווערע ניסיונות. דער אויפקום פון אנדערע קאָמיטעטן פאַר שולעס, לערנען, קעגנזייטיקע הילף, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען וועלן פאַר־קלענערן דעם באַנקראָט פון דער קהילה־אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה באַקומען א נייעם יורידישן סטאַטוס.

נאָר אזוי ווייט ווילן מיר נישט פאַרגיין.

פורים-פאָלקלאָר פון רומעניע

דער יידישע פאָלקלאָר פון רומעניע, דער עיקר פון מאָלדעווע, מאַראַמו־רעש, בוקאָווינע איז א רייכער און א פאַרשיידנאַרטיקער. פורים-לידער און פורים-שפילן באַהאַנדלען נישט נאָר די אייגנטלעכע פורים-טעמאַטיק, לויט דער מגילה און מידרשים ,ווי אַלע אחשוורוש אסתר און מרדכי-שפילן, נאָר אַנדערע ביבלישע טעמאַטיק אויך, למשל, יציאת מצרים, מכירת-יוסף, אָט אַשטייגער, אין יאָר 1923 האָב איך געזען אין יאַס א „יציאת מצרים„-שפיל אויסגעפירט פון איין פערזאָן, וואָס האָט אינטערפּרעטירט אַלע פאַרשוינען, בייטנדיק דאָס קול. דאָס איז געווען אַן עלטערער, גרוי-בערדיקער ייד, וואָס האָט איבער זיינע קליידער אָנגעטאָן א פאַרטעך און געפירט א קעסטל מיט ליים, שטרוי און... שטיקלעך גלאָז. דאָס איז געווען דער רעקוויזיט צו אַלע סצענעס און פאַרשוינען; משה רבינו, אהרון הכהן, יידן, פרעה, מצריים; מיט דער האַנט האָט ער געקנייטן „ציגל“ פאַר פּיתום און רעמסס, צוגעגלעט מיט גלאָז און רעציטירט און געזונגען גוטע צען מינוט. און אפילו צוגעטאַנצט. מע האָט אים שיין באַלוינט, ווייל מע האָט אים גוט געקענט. אַגב זענען די צושויער געווען יידישע בעלי-מלאכות: באָדנער, שוסטער, שניידער פון דער יאַסער „רויטער בריק“.

א פראַגמענט פון א „מכירת יוסף„ שפיל האָב איך אין יאָר 1959 אויפגענו־מען ביים דעמאָלטיקן בן-שבעים - בן-שמונים נאַטאַן גרינבערג, וואָס געדענקט די שפּיל פון די קינדער-יאָרן אין יאַס; ...אוי וויי, אוי וויי, / אין הימל איז גע־וואָרן א געשריי / דער קטיגור האָט שטרענג געשריגן / און אַלע מלאכים האָבן געשוויגן / .אויך גאָט האָט געטראַכט / וואָס זיינע קינדער האָבן דאָרט געמאַכט, אויך אויף דער ערד איז געוואָרן א גערודער, / זיי האָבן גאַרנישט געוואָלט וויסן זיינע איינענע ברידער / וויאַזוי זיי האָבן דעם אַלטן פאָטער יעקב דאָס האַרץ אַרויסגעריסן. / נאָך געגנוג: היינט איז פורים / לאָמיר טאַנצן, זינגען און זיין

פרייל,עך / דער שיינער יוסף איז געוואָרן שני למלך. / ראובן זאָגט צו יוספן: „דו האָסט א זיידן יאנקל; / א כתונת פסים, יוסף. דו ווייסט, וואָס עס פאסט; „פּ ס י ם“ מאכט: פוטיפר, סריסים, מדינים./ יידן, עס איז דאָ א ליד דערפון / איך קען זי זינגען.

יוסף (זינגט): ווען נח האָט געמאכט די תיבה... / אהיים, אהיים, עס איז שוין צייט צו גיין, ...שטארבן שטארבט איעדער איינער...

איך האָב א חשד, אז דאָס ליד איז אָנגעשריבן פונעם בדחן ליפּעלע רודיך, סוף פאַריקן יאָרהונדערט. ער האָט געלעבט אין באקוי, ווו עס געפינט זיך זיין קבר. אין באקוי האָב איך אויפגעשריבן א פורים-ליד, אין יאָר 1947 פון א 66 יעריקער פרוי רבקה צאפו.

ווי נאָר די פורים-שפּילער קומען אריין אין שטוב, טרעט פאָר דער לוי-פער“, א מין קאָמפּער פון מאָליערישע פארסן, געירשנטע פון דער איטאליע-נישער „קאָמעדיא דעל ארטע“, און ער זינגט: א גוטן פורים, א גוטן פורים, מיינע ליבע לייט/. איר ווייסט נישט, וואָס פורים באטייט?/ פורים באטייט: טיילן געלט אָרעמע לייט... / קום איך אריין צו שפּרינגען / מיט מיינע פיסעלעך בלויז / הייב איך אָן צו שפּרינגען/דער דלות איז נאָך גרויס./ברכו נפשי, באצאָלט מיר מיינע חובות / לאָזט מיך נישט שטיין / איך דארף ווייטער גיין. / א גוטן פורים, אלע׳אייך / ווו איך גיי, פאל איך, / די באָרד איז מיר לאנג, / דאָס ווייב איז מיר קראנק, / וויל זיך מיר נישט איבערקערן, / לאָז זי מיר געשענקט ווערן/. א גוטן פורים!

מע דארף נאָר א בלעטער טון זאמלונגען פון פאָלקלאָר, וועט מען זען אז אזא שפּיל איז געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין אנדערע אייראָפּעישע קהילות, וויל דורות רופן זיך איבער אין יידישער טראדיציע.

אין בוקאָווינע איז געווען א פורים-שפּיל „הוצולקע“, לויט די הוצולן, סלאוויזירטע רומענער פון די בערג. די שפּילער האָבן געטראָגן הוצולישע קליי-דער און געזונגען האלב רוטעניש, האלב יידיש .מע האָט געטאנצט הוצולישע טענץ, אזא שפּיל האָט זיך געענדיקט מיט אן ארויסרוף פונעם „אָנפירער“: אידו, אידו נא הולאנקע / א, יא, סקרעפּקי הראיו /לייודער קאזשוט שאָ יא כלאָ-פּעץ / א יא זשינקו מאיו.

די יידישע איבערזעצונג איז נישט קיין געטרייע, דערפאר אָבער א יידיש-לעכע: ניי איך מיר אין שענק אריין / שפּיל איך אויפן פידל / מענטשן מיינען כ׳בין גוי / דערווייל בין איך א יידל!

לאָמיר נישט פארגעסן, אז די פורים-שפּילער האָבן מיטגעהאט קלעזמער, נישט דווקא יידישע; חוץ יידישע, פלעגן די שפּילער טאנצן אויך אָרטיקע פאָלקס-

טעניז, למשל מאָלדעווישע. דער פּורים איז געווען אַן אמתער קאַרנאַוואַל, להבדיל, און ער האָט אַריינגעבראַכט אַסך פרייד אין געפלאָגטן לעבן פון יידישע מענטשן. צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט אַזאַ קינסטלער ווי י. שטערנבערג צי א. שטיינבאַרג אַקטואַליזירט די פּורים־שפּיל, דורך נייע, במקום טראַדיציאָנאַלע, סאַטירישע, אָפט לאָקאַלע מאָמענטן. די טראַדיציע איז אויפגעהיט און ממשך געוואָרן. דור הולך ודור בא...

דערציילונג אויף רומעניש, איך זאָל אויך פאַרשטיין

„דערציי׳ל אויף רומעניש, איך זאָל אויך פאַרשטיין" איז נישט קיין רעפּליק פון אַ טעאַטער־שטיק. דאָס זענען די רייד פון אַ פּוילישן ייִדן, אַ סוחר, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ יאַסער איינפאָר־הויז אין יאָר 1605. וואָס איז געשען? אַ רומענישער גלח פון גאַלאַץ האָט דערציילט, מיסתּם אויף איטאַליעניש, פאַר אַ ייִדישן סוחר פון איטאַליע, אַ שרעקלעך געשעעניש. דער גלח האָט דערציילט, אַז צוריק מיט אַ שטיק צייט זענען באַנדעס באַפאַלן גאַלאַץ. דער פּוילישער ייִד האָט נישט פאַרשטאַנען די רייד און געבעטן, מע זאָל עס דערציילן אויף רומעניש. האָט מען אים צוליב געטאָן און דערציילט ווייטער, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן הויכן ברעג פון דער טונע (דונײַ, דונאַרע), זענען אַרייַנגעשפּרונגען אין די שיפן, וואָס זענען פאַראַנקערט אונטן כּדי זיך צו ראַטעווען. די אָנפאַלערס (טאָטערן? הײַדאַמאַקעס? סתּם רויבער?) האָבן אָבער געצילט זייערע פײַלן קעגן די מענטשן און דערהרגעט אַסך פון זיי. דעם אַנדערן טאָג האָט מען אַרויסגעצויגן פונעם וואַסער די קרבנות, צווישן זיי אַ געמלהטער. אייניקע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ מוסולמאַנער. דער גלח האָט אָבער דערקענט דעם טויטן. דאָס איז געווען דער פּוילישער ייִד, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי אים. דער גלח האָט געהאָלפן באַערדן דאָס מת און דאָס ביסל פאַרמעגן פונעם פאַרשטאָרבענעם וויל ער אָפּגעבן צו די יורשים. ער פרעגט זיך נאָך כּדי צו טרעפן פּוילישע ייִדן, מיט וועמען מע קאָן איבערשיקן דאָס ביסל אָרעמקייט.

אינטערעסאַנט איז דאָ דער פאַקט, אַז עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס פרעמדע סוחרים, וואָס קומען אָפט קיין רומעניע, קענען די לאַנדשפּראַך און זיי רעדן זי מיט זייערע קונים, מיט די איינוווינער. וועגן ייִדישע סוחרים פון פּוילן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און גערעדט רומעניש דערוויסן מיר זיך פון אייניקע שאלות ותשובות. ווי באַקאַנט, פלעגן די רבנים זיך איבערשרייבן, כּדי צו דיסקוטירן

אלערליי ענינים, פארבונדן מיטן יידישן דין. דאָס זענען געווען נישט נאָר לומדישע פּראָבלעמען, נאָר אויך ענינים פארבונדענע מיטן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, געזעלשאפלעכן, שטייגערישן, שפּראכלעכן און פאמיליע-לעבן. די ווייכטיקסטע אויספירן פלעגט מען אָפדרוקן אין ספּעציעלע זאמלונגען, כדי זיי זאָלן דינען ווי א מין יוריספּרודענץ. אינטערעסאנט זענען די שאלות וועגן עגונות, וועגן פרויען, וועמעס מענער זענען אומגעקומען און מע וויל דאָס נעגוי פעסטשטעלן, כדי די פרוי זאָל ווידער חתונה האָבן. דערצו זענען נייטיק גוטע, באגלייבטע עדות, וועלכע דערציילן געגוי, דעטאליש אלע פּרטים. אָפט ווערט געבראכט אין אָריגינאל דאָס לשון פונעם עדות. דערפון באקומט מען א ווערטפולן, עכטן מאטעריאל אויך וועגן שפּראך-געברויך.

איך בין געווים נישט דער איינציקער פאָרשער וואָס פרעגט זיך וויאזוי האָבן זיך אויסלענדישע סוחרים, וואָס פלעגן אָפט קומען אין די רומענישע לענדער, איבערגעשמועסט מיט די לאנד-איינוווינער? מילא, אויב דער קויפער איז געווען דער לאנדפירשט, די באָיארן, צי די גרויסע רומענישע סוחרים, האָט מען זיך געקענט איינפארשטיין אויף סלאוויש, איטאליעניש, גרעקיש, טערקיש; אָבער מיטן פויער צי מיטן קליינעם שטאָטישן איינוווינער? אייניקע שאלות ותשובות, נוגע געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף רומענישער טעריטאָריע, באווייזן אז די יידישע סוחרים פון פוילן, צי פון די באלקאן-לענדער האָבן פארשטאנען און גערעדט „וואָלעכיש“, דאָס לשון פון מאָלדעווע, וואָלעכיי און טראנסילוואניע; עס קאָן זיין, אז זיי האָבן געקאָנט לייענען און אפשר שרייבן רומעניש, כדי צו וויסן ,וואָס עס שטייט אין די אָפּמאכן, וועקסלען, קוויטונגען, בריוו, וואָס סיי דער סוחר, סיי דער רומענישער קונה אָדער באָרגער האָבן געמוזט פארשטיין. סיווי ווייסן מיר, אז אייניקע פון אָט די סוחרים האָבן געקענט עטלעכע שפּראכן. אין דעם אויבן דערמאנטן פאל איז קלאָר, אז סיי דער פּוילישער, סיי דער איטאליענישער ייד האָבן געקענט רומעניש.

מיר האָבן אָבער ידיעות אויך פונעם 15-טן י״ה. אין דער צייט פון שטעפאן דעם גרויסן, אין דער צווייטער העלפט פונעם 15 טן י״ה, זענען יידישע סוחרים פון סטאמבול, פון גאנץ טערקיי, געפאָרן איבער מאָלדעווע קיין פוילן, געפירט ווײַן און געבראכט סחורות. די וועגענער האָבן געטריבן מאָלדעווישע פויערן מיט וועלכע עס איז אויסגעקומען זיך צו לאָדן אין לאנדגעריכט פון שאָץ. וויאזוי האָט מען געקענט רעדן מיט אזא פורמאן, אויב נישט אויף זיין רומעניש לשון.?

פונעם 16-טן י״ה האָבן מיר גריסן פון וואָלעכיי אין יאָר 1559 קומט א ייד פון ניקאָפּאָלע צו א פויער פון א דאָרף לעבן בוקארעשט אָפּצומאָנען א

חוב און געווירע ווערן, וואָס עס איז געשען מיט זיין ברודער, דעם געלט־באָרגער. עס וועט זיך ארויסשטעלן, אז דער פויער האָט דערהרגעט דעם יידן און ער ווערט שטרענג באשטראָפט דורכן לאנד-פירשט. אין וואָס פאר א שפּראך האָט דער ייד זיך געקאָנט איינפארשטיין מיטן פויער, אויב נישט אויף רומעניש. וואָלט געווען זיין אן איבערזעצער, וואָלט דער טעקסט עס געווען פאר־צייכנט.

עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1562, ווען באלקאנישע יידן שמועסן מיט היגע איינוווינער פון א דאָרף אויף דער טונע וועגן א יידן, וואָס טערקן האָבן דערהרגעט און בארויבט. באלקאנישע יידן זענען אָפּט געקומען קיין וואָלעכיי, געגעבן געלד אויף באָרג צו אָרטיקע איינוווינער, געשריבן „פּאפּירן", זיך געלאָדן פארן געריכט. אויף וואָס פאר א שפּראך, אויב נישט אויף רומע־ניש. אוודאי האָבן נישט אלע סוחרים פארשטאנען דאָס היגע לשון, אָבער יענע, וואָס פלעגן אָפּט אהערקומען, האָבן געמוזט פארשטיין די שפּראך פון הי. אין דעם רבנישן פּראָטאָקאָל ווערט אָפּט פארשריבן די שפּראך אויף וועל־כער מע האָט גערעדט. וועגן א לעמבעריקער יידן אייזיק, וואָס איז אומגעקומען אין מאָלדעווע, ווערט באמערקט, אז ער האָט געקענט אסך שפּראכן. ער איז דערהרגעט געוואָרן לעבן לאפּושנא, אין באסאראביע, ארום 1596.

אין יאָר 1613 האָט א געוויסער שמעון בר יעקב פון פּוילן אזוי דערציילט: „איך בין געווען בעיר סאָראָקע. דאָ האָבן מיר גערעדט מיט איינעם וואָלעך פון דען הרוגים, וועגן די, (וואָס) מע האט הוריג געווען בארץ וואָלעכיי„ א צווייטער עדות, ישראל רב שלמה, דערציילט אויך: „איך בין געווען צו או־ריעוו. דאָ האָב איך געפרעגט אויף די הרוגים.. דאָ האָבן עטלעכע עכום גע־זאָגט, מע האָט זיי געטרענקט (דערטראָנקען י. ק.) און עטלעכע האָבן גע־זאָגט, מע האָט זיי אין וואלד אומגעבראכט... „א דריטער, מנחם בר אברהם, גיט איבער (אלע דריי רעדן אויפן דעמאָלטיקן יידיש): „איך בין געווען צו סאָ־ראָקע. דאָ האָב איך באגעגנט אין וואלד איין וואָלעך פון אוריעוו, ער הייסט שטעפאלענקו און ער האָט צו מיר גערעדט... „עס איז קלאָר, אז מיט אָט די רומענישע פויערן האָט מען גערעדט רומעניש. אָט די אלע פאקטן ווערן גע־בראכט אין די שאלות ותשובות פון מהרם לובלין.

וועגן דעם יאָר 1616 דערוויסן מיר זיך, אז א מאָלדעווישע פויערטע דער־ציילט פאר א פּוילישן יידן, ווי זי האָט געזען פון א שפּיץ בוים, וויאזוי רוצ־חים האָבן דערהרגעט א יידן פון פּוילן. עס איז קלאָר, אז דער צוהערער האָט גוט פארשטאנען איר דערציילונג ביז אין די קלענסטע דעטאלן. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז אין די שאלות ותשובות ווערט אָפּט אונטערגעשטראָכן די

שפּראַך פון דעם עדות. למשל, ווען א געוויסן יוסף בר שמואל, ארום 1604, זאָגט מען בפירוש „ודבר בלשון רוסיא“, ער האָט גערעדט סלאוויש.

פון שפּעטערע צייטן קאָן מען אויך ברענגען באווייזן אז סוחרים, וועלכע פלעגן אָפט קומען צופאָרן קיין רומעניע האָבן ,צוליב פּרנסה, געמוזט פאַר־שטיין און, אין א געוויסער מאָס רעדן, די שפּראַך פון די רומענישע לענדער. איינגעזעסענע האָבן עס דערגרייכט אין א גרעסערער מאָס, ווייל ווי איז מעגלעך צו פירן מיסחר, צו פּראַקטיצירן א מלאָכה אָן זיך צו קאָנען צונויפרעדן מיטן אָר־טיקן איינוווינער?

עס פאַרשטייט זיך, אז יידן זענען נישט געווען די איינציקע רייזנדערן וואָס האָבן פאַרשטאַנען און גערעדט רומעניש. איטאַליענער, ראַגוזאַנער, אַר־מענער, גרעקן, סלאַוון זענען געווען אין דער זעלבער לאַגע. וועגן אייניקע זענען דאָ ידיעות. דאָס עקאָנאָמישע לעבן האָט קיינעם נישט געשאָנעוועט און מענטשן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אויף די אומזיכערע וועגן, האָבן זיך נישט געפוילט אויסצולערנען רומעניש.

מע קען אָננעמען, אז דער פאַקט ,וואָס פוילישע יידן האָבן געהאַט צווישן זיך מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען רומעניש, האָט געשפּילט א געוויסע ראָלע אין 18 טן און 19 טן י״ה, ווען זיי זענען געקומען קיין רומעניע און גע־גרינדעט שטעט, מיטהעלפנדיק דעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס פון דעם לאַנד.

היימישע געשטאלטן

יאנקו פעטשעטארו

עס איז באקאנט אז אין אכצנטן און אין נײנצנטן יאָרהונדערט האָבן ייִדישע גאָלד־און זילבערשמידן, זיגלקריצערס, מעש־און קופּער־שמידן געשפּילט א וויכטיקע ראָלע אין דעם בעל־מלאכהשן לעבן פון מאָלדעווע און וואָלעכיי (מונטעניע). מיר ווייסן פון די יאָרן 1736. 1742, 1763 און 1764 וועגן ייִדישע זילבער־שמידן וועלכע האָבן געארבעט פאר די רומענישע לאנד־פירשטן און זיי זענען באפרייט געוואָרן פון שטייערן צוליב זייער מייסטערשאפט און געטרייקייט. זייער צאָל איז געוואקסן, אזוי אז אין יאס ווינען אין יאָר 1755, 7 ייִדישע גאָלד־און זילבערשמידן און אין יאָר 1820 נישט ווייניקער. צווישן זיי צייכנט זיך שפּעטער אוים יאנקו פּעטשעטארו, יעקב דער זיגל־שטעכער, ווי ער רופט זיך באשיידן.

לויט אָפיציעלע ידיעות איז ער געבוירן אין יאס אין יאָר 1803 און ער האָט טאקע דאָרט אויסגעלערנט די מלאכה. אפשר פון אים שטאמט דאָס זילבערנע חנוכהלעמפּל פון מײַן זאמלונג, מיט דער אויפשריפט „נעשה בשנת תר'ח, „דאָס הייסט סוף 1848 אָדער אָנהייב 1849. אן אנדער חנוכה־לעמפּל, וואָס שטאמט געוויס פון זײַן האנט איז פאראן אין בוקארעשט.

מיר באגעגעבן אָט דעם מייסטערס נאָמען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1820 ווען עס ווערט אָנגעגעבן, אז ער איז א פּרייסישער בירגער און אז ער וווינט אין יאס, אין דעם קווארטאל בראָשטען. שפּעטער איז ער באקאנט ווי א פײַן־מעבאניקער. ביי אים באשטעלט די מלוכה אין יאָר 1836 צוויי טויזנט „פּיינע שטיינער", געוויכטן, אויף צו וועגן גאָלד־מטבעות. דאָס איז געווען אן אייִדעלע ארבעט. יעדעס געוויכט איז געווען אָפּגעשטעמפּלט מיטן לאנד־הערב און מיט א סדר־צאָל, כדי אויסצומיידן פעלשונגען. יעקב האָט נישט געארבעט אליין, נאָר באשעפטיקט א צאָל ארבעטער, ווייל ער האָט די באשטעלונג פארטיק געמאכט אין 16 טעג. א יאָר שפּעטער האָט ער ווידער באקומען א גרעסערע

באשטעלונג; ער האָט אָבער געמוזט אוועקגעבן א טייל ארבעט צו אנדערע יידי-שע ארבעטער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט צולאָזן קיין מאָנאָפּאָל-שטעלונג, ווייל זיי זענען אויך געווען געניטע בעלי-מלאכות.

די געוויכטן האָבן געהאט א דיאמעטער פון 15 מילימעטער און זיי האָבן געהאט אויף איין זייט דעם הערב פונעם לאנדפירשט מיהיי סטורזא, דער באַ-רימטער „רויטער מלך", א גרויסער געלט-ליבהאָבער. אויף דער אנדערער זייט איז געווען אויסגעקריצט די אויפשריפט „פּרינציפּאטול מאָלדאָוועי" און דאָס יאָר 1837, מיט אן אָנווייז, אז עס וועגט 65„ זערנעס" (דרעם). אזא דרעם האָט געוויגן 0.0534 גראם. מיט אָט די געוויכטן האָט מען געוויגן עסטרייכישע און האָלענדישע רענדלעך. דאָס איבערוועגן גאָלד-מטבעות איז געוואָרן א מוז, ווייל אסך חלפנים פלעגן אָפּפיילן די מטבעות, אָדער זיי איינטונקען אין „קעניגלעך וואסער„ כדי אָפּצופרעסן א טייל גאָלד. די אנדערע יאסער גאָלד-שמידן האָבן יעקבן נישט פארגינען זיין פרנסה. דער צעך פון (יידישע) מעש-ארבעטער, בראש מיט אפרים בר יהודא, האָט אין יאָר 1837 אים פארמסרט פאר דער „וויסטעריע" (מלוכה-קאסע) אז יעקב נעמט צו גרויסע פרייזן (15 פארעס א גאנג) און זיי ביטן אָן ביליקערע פרייזן.

צוויי חדשים שפעטער וועט יעקב אָפּערטירן 2000„גענג" צו 5 פארשיידע-נע געוויכטן פארן פרייז פון 5 פארעס א גאנג; עס איז אָנצונעמען, אז יעקבס געצייגן און ארבעטס-אָרגאניזאציע איז געווען בעסער ווי זייערע און דערפאר האָט ער געקאָנט נעמען קלענערע פרייזן. אזוי צי אזוי, יאנקו פעטשעטארו איז דער שטענדיקער צושטעלער פון אָפיציעלע געוויכטן. דעם דריטן אָקטאָ-בער 1847 מאָנט ער ביי דער רעגירונג אן אדערויף כדי צו קאָנען באצאָלן די מאשינען, וואָס ער האָט באשטעלט אין ווין, כדי גיכער און בעסער אויסצו-פירן די באשטעלונגען. אָנהייב 1848 זענען די מאשינען שוין געווען אין יאס און ער בעט ביי דער מלוכה די חזקה אלס איינציקער געוויכט-פּראָדוצירער.

איינס פון זיינע נייע געוויכטן האָט געוויגן 2 רענדלעך, 130 דרעם, און האָט געהאט א דיאמעטער פון 21 מילימעטער. אויף איין זייט איז געווען אויס-געקריצט דער נאָמען פונעם „רויטן מלך", וועלכער האָט געהערשט זינט 14 יאָר. פאַרשער זאָגן, אז זייער געראָטן איז יעקבס א זילבער-געוויכט, וואָס האָט אויסגעזען עלעהיי מע האָט עס געמאכט אין ווין. א שיינער קאָמפּלימענט פאר א יאסער בעל-מלאכה!

יעקבס קאָנקורענטן האָבן נישט גערוט; ער האָט געמוזט ארבעטן אלץ ביליקער און גיכער. זענען אייניקע „שטיינער" געווען פעלערדיק און מע האָט זיי נישט אָנגענומען. אין יאָר 1851 באקלאָגט ער זיך, אז ער דערלייגט צום

געשעפט און ער פארגינט די גליקן זיינע קאָנקורענטן. דערווייל האָט ער שוין פונ־לאנג זיך געהאט גענומען צו אן אנדער ארבעט, זיגל־שטעכן. די מלוכה האָט באשטימט, אז יעדעם דאָרף, יעדער קלויסטער אָדער שיל, יעדע שטאָט־אָדער דאָרף־פארוואלטונג, יעדער צעך מוזן האָבן אן אייגענעם זיגל. דאָס גראווירן מעטאלזיגלען איז געוואָרן א גוט געשעפט. יעקב האָט פארמאָגט דינאמישקייט, איניציאטיוו, פיאָנערישקייט, סוחרישן חוש, האָט ער געדונגען ארבעטער און אָנגענומען גרעסערע באשטעלונגען, למשל, אין יאָר 1843, זיגלען פאר אלע קלויסטערס פון מאָלדעווע. פאר אזא זיגל האָט מען גענומען אין יענע צייטן 36 ליי, א היפשער סכום.

יעקב איז געווען א באגאנטער זילבער־שמיד; אין יאם האָט ער פארריכט די זילבער־ארבעט פונעם אָרון מיט דעם געביין פון דער הייליקער פאראסקי־ווע, אן ארבעט, וואָס איז ביז היינט אויפגעהיט אין דער יאסער מיטראָפּאָליע. ער האָט אויסגעארבעט חפצים פאר יידישער רעליגיע: חנוכה־לאָמפּן, טסן, ידן, קרוינען, הדסלעך וכדומה.

ער האָט זיך נישט באגניגט מיט זיין אייגענער ארבעט, נאָר ער האָט גע־טראכט צו המשך און איבערגעגעבן דאָס פאך דעם זון זיינעם משה. די אויפ־שריפט אויף דער מציבה פונעם אלטן יאסער בית עולם האָט געקלונגען אזוי;... חיים יעקב בר נפתלי הירץ, נ(פטר) שושן פורים תרכ׳ה (13 מארט 1865). זיין זון משה יהודא שוועפעלבערג איז אויך באקאנט געוועג ווי א זילבערשמיד און א גראווידער. ער איז געבוירן אין יאם אין יאָר 1829 און איז געשטאָרבן אין באָטושאן אין יאָר 1907. זיינס אן אייניקל, וועלכער האָט זיך בארימט גע־מאכט אלם רומענישע דיכטערן אונטערן פסעוודאָנים וועראָניקא פּאָרומבאקו איז טראגיש אומגעקומען בעתן ערדציטערניש פון מערץ 1977. די קינסטלע־רישע ירושה האָט זיך געצויגן איר גאָלדענע קייט איבער פיר דורות און אפשר מער, ווייל עס איז אָנצונעמען, אז יעקבס פאָטער נפתלי הירץ איז אויך גע ווען א גאָלדשמיד און דערפאר איז דעם זון גרינג אָנגעקומען דאָס אויסלערנען די מלאכה.

ער איז א שיינער פאָרשטייער פון יידישע פאָלקס־קינסטלער, פלאסטי־קער, אין דעם אמאָליקן רומעניע, וועלכע האָבן זיך איבערגערופן מיט דער רומענישער פאָלקס־שעפערישקייט.

פון ישראל שטיין צו דאָקטאָר שטעפאַן סטינקא

דעם 11-טן יאַנואַר 1977 איז געוואָרן 80 יאָר זינט ס׳איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז, אין עלטער פון 32 יאָר דער פּיאָנער פון סאָציאַלער מעדיצין אין רומעניע, דער געטרייער סאָציאַלער קעמפער און טעאָרעטיקער ד׳ר שטע-פאַן סטינקא. זיין מצבה אויפן יידישן בית-עולם אין יאַס לייענט זיך אַזוי: פּ. נ. דר. ישראל חיים רב בנימן שטיין נ׳י נפ׳ כ׳א שבט תרנ׳ז תנצבה. דאָס איז געווען דער 12 טער יאַנואַר 1897. אויף דער מצבה איז געשריבן אויף רו-מעניש: Trăiască social-democrația Dr. Ștefan Stîncă. זאָל לעבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דר. שטעפאַן סטינקא.

לעבן זיין קבר געפינט זיך דער קבר פון זיין פאָטער בנימין (4481—1902) און פון זיין מוטער לאה בת נחום אריה (1848—1907) איינער פון סטינקאס זיידעס, אַליין אַ למדן, האָט אים געזען פאַר אַ דאָקטער, דער צווייטער, אַ לער-נער, האָט געוואָלט, אַז זיין אייניקל זאָל ווערן אַ רב, וואָס זאָל פירן מענטשן אויפן ריכטיקן וועג. אין אַ געוויסן זין האָבן ביידע געזיגט. פון אַנדערע מיש-פּחה-מיטגלידער זענען באַקאַנט אַ ברודער משה (מאַקס) 1868—1936 שטיין וואָס איז געווען אַן אַפּטייקער און ראש הקהל אין באַקוי, אַ מענטש מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און אַ שוועסטער, אַ סאָציאַליסטקע: אסתר (ערנעסטינע) שטיין (1870—1900). עס איז פאַראַן אַ בילד פון סוף פאַריקן י׳ה, ווו זי האַלט לעבן זיך אַ סאָציאַליסטישע צייטונג פון רומעניע „לומעא נאָוא״.

די עלטערן האָבן געוווינט אין יאַס, אויף דער גאַס באַרבוי און זיי זענען געווען סוחרים. לויט די פאָטאָגראַפיעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט פון זיי, זעט מען, אַז זיי זענען „היינטוועלטיקע״.

ישראל שטיין (דעם נאָמען שטעפאַן סטינקא האָט ער אָנגענומען ערשט אין חודש מיי 1886) איז געבוירן אין יאַס. דעם 16-טן מיי 1865. אין דער היים און אין חדר (ביז ניין יאָר) האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנאַלע יידישע דערציונג.

ער האָט גוט פאַרענדיקט א רומענישע פאָלקסשולע און 4 קלאַסן אין יאסער „נאַציאָנאַל-ליציי". אין יאָר 1882 באַקענט ער זיך מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ווערט איינער פון אירע געטרייסטע און ווירקזאַמסטע טוער. ער לערנט דריי יאָר מעדיצין אין יאַס, ווו ער דרוקט אַרטיקלען פון מעדיצינישער פּאָפּולאַריזאַציע מיט שטאַרקע סאָציאַלע אַקצענטן. אָקטאָבער 1885 ווערט ער אויפגענומען אין פּערטן יאָר מעדיצינישן פאַקולטעט פון בוקאַרעשט. ער באַקומט דעם טיטל דר. מעדיצין אין יאָר 1890 און ער ווערט באַשטימט פאַר א דאָרפס-דאָקטער אין טיטו. נישט געקוקט אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די פּויערים, אויף די שוועריקייטן וואָס די אָרטיקע אָרגאַנען האָבן אים געמאַכט (א סאָציאַליסט און א ייד!) האָט ער מיט מסירת-נפש געטאָן זיין אַרבעט. דער באַקאַנטער היסטאָריקער נ. יאָרגא דערציילט, אַז ביי דר. סטינקאַס טויט האָבן די פּויערים געקלונגען אין זייער קלויסטער: אַפילו שפּעטער האָבן זיי עס געטאָן צו יעדן יאָרצייט. צוליב געזונט האָט ער געמוזט איבערפאָרן קיין בוקאַרעשט, ווו ער האָט געאַרבעט ווי אַן אויגן-דאָקטער. ער פירט ווייטער זיין סאָציאַליסטישע אַרבעט. זינט דעצעמבער 1887 האָט ער געאַרבעט אין דער צייטשריפט „לומינא" א זשורנאַל פאַר איזראַליטיש-רומענישער יוגנט" דאָרט און אין די בלעטער „דראַפּעלול", „קאָנטעמפּאָראַנול" א. א. האָט ער פאַרעפנטלעכט סיי פּאָפּולערע מעדיצין, סיי סטודיעס ווי „דיאַלעקטיק אין דער מעדיצין". שפּעטער האָט ער געאַרבעט אַלס מעדיקער אין מוינעשט און טירגו-אָקנאַ; און ווידער האָט דער טובערקולאָז אים געצוווּנגען צו קומען קיין יאַס, ווו ער איז יונג געשטאָרבן. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון דער רומענישער אַרבעטער-פּאַרטיי אין יאָר 1893 און דער פּיאָנער פון סאָציאַלער מעדיצין אין רומעניע. זיין דאָקטער-דיסערטאַציע „די סאָציאַלע סביבה ווי א גורם פון קראַנקהייט" ליינט דעם גרונטשטיין פון מאַרקסיסטישער סאָציאַלער מעדיצין.

צווישן די איבער 100 אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין קורץ לעבן אינטערעסירן אויך יענע וואָס פאַרנעמען זיך מיט יידישע ענינים. לויטן נוסח פון דעמאָלטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטן איז ער אַן אָנהענגער פון יידישער אַסימילאַציע, אָבער נישט אויפן חשבון פון מענטשלעכער ווערדע. ער האָט נישט מל געווען זיין איינציק יינגעלע, אָבער ווען דאָס צוויי יעריקע עופעלע איז געשטאָרבן, האָט ער עם געליינט אויפן יידישן בית-עולם ער האָט די אַרטיקלען געזאַמלט אין א באַזונדערער בראָשור" די יידישע פראַגע" (בוקאַרעשט, 1892) און פּאָלעמיזירט מיט יידישע און מיט אַנטיסעמיטישע קעגנער. ער איז קעגן שמד צוליב קאַריערע אָדער געלט-אינטערעסן (1895). גע-

דענקט מען אז אזוינע גרויסע פילאָסאָפן ווי דער געוועזענער תלמיד פון דער ברעסלויער ראבינער-שולע היימאן טיקטין און דער געוועזענער עסקן אליעזער בן משה שיין, שייטער לאזער שיינאענו, האָבן !אויסגעביטן דאס רענדל" צו-ליב אַ פּראָפעסאָר-טיטל, וואָס זיי האָבן, אגב, אויך נישט באקומען, און פון דר אלעקסאנדער ווײַנבערג, דער פאָטער פונעם בארימטן רומענישן דענקער טודאָר וויאנו, פילט מען וויפיל מענטשלעכע און יידישע ווערדע עס האָט פארמאָגט אָט דער איבערגעגעבענער אינטערנאציאָנאליסט.

די רומענישע ארבעטער-באוועגונג האָט פון תמיד אָן געשעצט דר. סטינ-קאָס צושטייער צו דעם סאָציאלן געדאנק און באוועגונג אין רומעניע. זײַן ערש-טער ביאָגראַף, סאָפיא נאדעזשדע, שרייבט וועגן אים אין יאָר 1897 „ער פאר-בלייבט א וויכטיקע געשטאלט פון דעם רומענישן סאָציאליזם". ק. דאָבראָדזשע-גו-געראַ, דער בארימטער טעאָרעטיקער פונעם רעמענישן סאָציאליזם, בא-מערקט, אז סטינקא איז דער ערשטער דענקער, וואָס האָט באטאָנט די וויכ-טיקייט פון סאָציאלע און עקאָנאָמישע פאקטאָרן אלס גורם פון פיזישע און פסיכישע ליידן.

דאָס סאָציאליסטישע רומעניע האָט דעם פאָרגייער דר. שטעפאן סטינקא באערט מיטן טיטל פון „אקאדעמיע-מיטגליד, פאָסט מאָרטעם" און איבער-געדרוקט זײַן גרונט -סטודיע. צום הונדערסטן געבוירן טאָג זענען דערשינען שטודיעס וועגן אים, עס זענען אָפּגעהאלטן געוואָרן ווײַסנשאפטלעכע סימ-פּאָזיומס, און זײַן געבוירן טאָג איז פארצייכנט אין די יערלעכע אָפּריים-קא-קאלענדארן.

דער וועג פונעם יאסער ייִנגל ישראל שטיין צו דער מדריגה פון דר. שטע-פאן סטינקא, א פלאמיקער טוער, פּיאָנערישער געלערנטער און געטרייער אויפ-טוער איז, ליידער, פריצייטיק איבערגעריסן געוואָרן. זײַנע אויפטוען זענען געבליבן און זיי ווירקן אין דער אייביקייט.

א „באָטושאנער פֿליגל“

וואָלט איך געווען א באָטושאנער געבוירענער, וואָלט איך שטאָלצירט, ווען מע וואָלט מיך אָנגערופֿן מיטן צונאמען „באָטושאנער פֿליגל“. אָט דעם צונאָמען האָבן גראָבע יונגען אָדער פּרומאקעס געגעבן די משׂכּילים, וואָס אסך פֿון זיי זענען טאקע געווען אויפֿגעקלערטע „מידערנאָ“, ווי אייניקע פֿלעגן זאָגן במקום „מאָדערנע“, אָבער געגוג שטרענגע אָפּהיטערס פֿונעם טראַדיציאָנעלן שטייגער.

טומ נאָר א קוק אויפֿן בילד פֿונעם באָטושאנער דירעקטאָר פֿון דער יידישער שולע הלל כּהנא. ער איז א מאן אין די פֿופֿציקער. אויפֿן קאָפּ טראָגט ער א מיצל מיט א טראָלד, נוסח עסטרייך (אָן א היטל וועט ער נישט ארומגיין אפֿילו ביי זיך אין שטוב); ער טראָגט טאקע א שלוסראָק מיט א קראוואט, אָבער באָרד און פּיאות, אוודאי נישט קיין געקרייזלעטע, חסידישע, אָבער פּאָרט א באָרד-און אפֿשר טראָגט ער אונטער דער ווייסער וועסט אן ארבע-כּנפֿות. ער זיצט לעבן א טיש, וווּ עס שטייט א וועלט-גלאָבוס און אין דער האנט האלט ער א דיפּלאָם, א באוויז, אז ער איז א מיטגליד פֿון דער האמבורגער געאָגראפֿישער געזעלשאפֿט. דאָס באטייט, אז עס זענען שוין אוועק זעקס יאָר זינט ער האָט אָפּגעדרוקט זיין „גלילת הארץ“ א העברעישע געאָגראפֿיע. הונדערטער, אפֿשר טויזנטער יונגעלייט פֿון רומעניע, יינגערע און עלטערע בעלי בתּים האָבן זיך דורך דעם בוך באקענט מיט דער וועלט בעסער פֿארשטאנען די נייסן ,וואָס זיי לייענען אין בוקארעשטער „היועץ“, אין די רומענישע בלעטער, אין די העברעישע; עס עפֿענען זיך די אויגן, מע פֿילט זיך קליגער, אָבער נישט צו קלוג. הלל כּהנא איז א מעסיקער משׂכּיל און ער וויל נישט אוועקפֿירן זיינע לייענער ווייט פֿונעם אָנגענומענעם יידישקייט. דערביי פֿארגעסט ער נישט, אז ער איז זינט א 25 יאָר א לערער און אן אָנפֿירער פֿון א שולע ביי דער יידישער קהילה.

א לייענער שלעפּט מיך ביי די פּאָלעס: „דערציייל שוין גיכער, וואָס איז מיט אָט דעם הלל כהנא דיינעם", מוז איך אים פּאָלגן.

אויב הלל כהנא איז א משכיל און שרייבט ביי א געלעגנהייט לויבלידער פאַרן קיסר פראַנץ יאָזעף, פאַרשטייט איר שוין אליין, אז ער שטאַמט פון גאַליציע. איך קען אייך אפילו אָנרופן די שטאָט ווו ער איז געבוירן, סטאַניסלאַוו, און ווען ער איז געבוירן, פסח צייט תקפ״א, 1821. די קינדעריאָרן און די יונגע יאָרן האָט ער אָבער פאַרבראַכט אין טיסמעניץ; און כאָטש די שטאָט איז געווען א צענטער פון השכלה האָט ר׳יהושע כהנא געלערנט זיין יינגל פריער אין חדר, דערנאָך ביי א גמרא-מלמד, דערנאָך האָט דאָס יינגל געלערנט דייטש און רעכענען און בוכהאַלטעריע, כדי צו קענען זיין א סוחר אָדער א בוכהאַלטער. ווי יעדער פרומער ייד האָט ער געהאַלטן, אז מע דאַרף א זון חתונה מאַכן מיט 18 יאָר און אזוי האָט ער געטאָן מיט זיין הללן אין יאָר 1838. מע גיט קעסט גאַנצע 6 יאָר. זעצט זיך דער יונגערמאַן לערנען און לערנען. אוודאי גמרא מיט תוספות, אָבער אויך דיקדוק; שטילערהייט דייטשע ליטעראַטור און אפילו מענדעלסאָן. מענדעלסאָנס ביאור וועט אים העלפן פאַרטיפן די דייטשע קענטעניש זיינע אויף אזוי ווייט, אז ער וועט מיט דער צייט שרייבן אַרטיקלען אין די דייטשע בלעטער פאַר „איזראַעליטן". איצט אַנטדעקט ער א וועלט פון וויסנשאַפט: מאַטעמאַטיק און פיזיק. אַסטראָנאָמיע און געאָגראַפיע און ער קומט אויף א געדאַנק. ער וועט צוגרייטן אַלע לימודים, וואָס מע מאָנט ביי די רייפקייט-פּרוווּן און דערנאָך וועט ער קענען פאָרן לערנען אויף „קרייזראַבינער", א רב אי צו גאָט אי צו לייט, לויט דער נייער צייט. און ער דערציילט זיין יונג ווייבל דעם פּלאַן זיינעם. איז זי מסכים, אָבער פון וואָס וועט מען לעבן די 4 יאָר, וואָס מע מוז פאַרברענגען אין בערלין? און צי וועלן די עלטערן ביכלל אָננעמען אזא געדאַנק. פאַר זיי איז יידישקייט און וויסנשאַפט ווי פייער און וואַסער; ער פילט אָבער, אז מע קען האַלטן פון ביידע, אי פון וויסנשאַפט, אי פון רעליגיע, און דאָס וועט זיין פאַר אים א פּרינציפּ זיין גאַנץ לעבן.

דערווייל אָבער גייט ער דאַווענען און לערנען אין בית-המדרש, זיצט שעהן-לאַנג אין שווערס געשעפט כדי אויסצולערנען מיסחרן, שרייבן האַנדלס בריוו, חשבונעס, רעדן מיט קונים. אויף דער נאַכט אָבער, אין דער היים ווערט געלערנט און געלערנט מיט פּליים. אז עס ענדיקן זיך די קעסט און דער אייידעם ברענגט אַרויס זיין פּלאַן פון שטודירן, איז „לאָ". נישט טאַטע-מאַמע, נישט שווער-און-שוויגער ווילן פון דעם נישט הערן. דער שווער נעמט אַרויס דעם נדן, לייגט אַריין אין א געשעפט און הלל ווערט א שותּף אין א קראָם.

קיין קעמפערישע נאטור איז הלל נישט. סיווי איז זיין פלאן צו לערנען אויף ראבינער שווער דורכצופירן צוליב געלט-טעמים. נעמט ער אָן פאר ליב דעם מיסחר און... ער לערנט ווייטער, שוין צוליב אייגן פארגעניגן, אסטראָנאָמיע און געאָגראפיע. פון צייט צו צייט שרייבט ער עפּעס אין די בלעטער אויף דייטש צי אויף לשון-קודש. אין יאָר 1851 פארלאָזט ער טיסמעניץ און באזעצט זיך אין סטאניסלאַוו ווי א לערער. איצט מעג ער שוין פריי שרייבן און אונטערשרייבן זיינע מאמרים אין דער „אלגעמיינער צייטונג דעם יודענטומס", אין „חובבי ציון", אין „השחר". ער פרוווט ווערן א לערער אין אן עפנטלעכער שולע, מאָנט מען ביי אים עקזאמענעס; דאָס איז שווער, ווען מע איז קרוב צו 40 און מע האָט שוין א קינד.

מאכט זיך אזא מעשה: זיינער א גוטער פריינד, מרדכי סטרעליצקער, א ייד א סוחר, א משכיל וווינט אין מיהיילען, נישט ווייט פון באָטושאַן. אין באָטושאַן בלאָזן השכלה-ווינטן און מע וויל עפענען א יידישע שולע פאר ייִנגלעך, ווו חוץ „יידישקייט" וועט מען לערנען אביסל רומעניש, א ברעקל דייטש, רעכענען און אביסל וויסנשאפט. אָט דער מרדכי סטרעליצקען האָט זיך איבערגעשריבן מיט די פני פון באָטושאַן, וואָס זוכן לערערס און-דער 39 יעריקער הלל כהנא קומט אויף פּראָבע קיין מאָלדעווע.

דער רב, דער באקאנטער ר' שלום טויבש (טאובעס), און דער דיין הלל בן הלל, קוקן מיט חשד אויף דעם נייעם „דייטשן" לערער, אָבער אינגיכן זעען זיי איין, אז דער נייער לערער איז א געזעצטער מענטש וועלכער היט אָפּ יידישקייט סיי ביי זיך אין דער היים, סיי אויף דער גאס און זיי ווייסן שוין, אז ער וועט קיין אפּיקורסות נישט אריינברענגען אין שטאָט. „אויב עס איז אונדז באשערט א שקאָלע, טראכטן פרומע יידן, „זאָלן מיר שוין אָפּקומען מיט אזא לערער; גאָט באהיט פאר ערגער".

סיי צוליב פרנסה, סיי ווייל ער איז בטבע א רודף שלום, מישט זיך הלל כהנא נישט אריין אין די געוויינטלעכע מחלוקות פון דער שטאָט. ער היט זיין כבוד, גיט מען אים אָפּ כבוד. און אָט א געשעעניש, וואָס דערהייבט זיין אָנזען. ווי יעדער ייד גייט ער פרייטיק אין באָד. חול המועד פסח 1862 פאלט איין דאָס באָד. א מענטש ווערט דערהרגעט, עטלעכע שווער פארוואונדעט. און הלל כהנא איז ארוים פונעם באָר עטלעכע מינוט פארן אומגליק „איז דאָס נישט א נס מן השמים? מסתם איז ער עס ווערט", טראכט דער פּראָסטער עולם.

ווי א לערער איז ער א גוטער פּעדאַגאָג און דערציער, אביסל א שטרענגער, ער האָט אָבער ליב קינדער און וויל זיי מאכן „פאר א לייט, „ עס שטערט אים אוודאי זייער יידיש רעדן; בעסער וואָלט געווען „ריין דויטש". דאָס חומש

זעצט ער איבער אויף דייטש, לויט מענדעלסאָנען. „בראשית“, אם אנפאנג „ברא“, שוף, „אלוהים“ ... דאָ מאכט דער לערער א פרומע מינע, לייגט צו־נויף די זשמעניעס, בייגט אביסל די קני און מאכט: „אָ, דער הערגאָט“. אָנהייב האָבן די קינדער געוואָלט לאכן, האָט ער זיי געגעבן צו פארשטיין, שוין אויף מאמע־לשון, וואָס פאר א הייליק וואָרט דער נאָמען איז, און די קינדער האָבן אים פארשטאנען. ווו עס איז נאָר מעגלעך געווען, האָט ער געגעבן דים־קרעטע נאטורוויסנשאפטלעכע דערקלערונגען, לויטן משכילישן נוסח: קריאת ים סוף־פלוקס־רעפלוקס, סדום־ווולקאנען וכדומה.

זיין אידעאל איז בילדונג, וויסנשאפט. זיין חלום־אָנצושרייבן אויף העברעיש ארטיקלען וועגן נאטור־וויסנשאפט, זאָלן בחורים, יונגעלייט און לערנערס ווערן אביסל אויפגעקלערט. ער אליין לערנט מאטעמאטיקע, געאָגראפיע, אסטראָנאָמיע „השמים מספרים כבוד אל.“ ער אינטערעסירט זיך מיט מאטעמאטישע פּראָבלעמען און וועגן אזא ענין פרעגט ער דעם בארימטן שד״ל־לוצאטאָ אין דער צייטשריפט „המגיד“ פון 1865. הלל כהנא איז נישט קיין פּאָליטיקער, אָבער ער ווייסט, אז די גרויסע ענדערונגען וואָס רומעניע לעבט איבער אונטער דעם דעמאָקראטישן לאנדפירשט אלעקסאנדרו יאָאן קוזא, וועלן מאָנען ביי די יידן, אז זיי זאָלן מיטגיין מיטן מאָדערנעם לעבן. דאָס באטייט בילדונג, זיין שטענדיקער חלום. ער טוט זיין ארבעט אין שולע מיט אסך איבערגעגעבנקייט, ווייל ער פילט אויף זיך די הייליקע שליחות פון ברענגען ליכט אין מוחות, אין יעדן אנדערן פרט איז ער א קאָנסערוואטיווער מענטש.

ער טראָגט תמיד מיט שטאָלץ א מעדאל, וואָס ער האָט באקומען נאָכן יאָר 1867, דעמאָלט אין געשען עפּעס גאָר גרויס אין זיין לעבן. שטעלט אייך פאָר, אז די יידישע שולע איז וויזיטירט געוואָרן טאקע פונעם שפּעטערדיקן קעניג קארל אליין! דער לאנדפירינץ האָט מיט אים גערעדט דייטש, אים אויסגעפרעגט וועגן דער שולע און געלויבט זיין ארבעט. דערפון איז ארויס דער מעדאל. אשפר האָט זיך וועגן דעם באמיט דער פרעפעקט און דער פרימאר פון באָטושאן, וועלכע האָבן באזוכט די שולע עטלעכע חדשים שפּעטער און געלויבט דאָס לערנען רומעניש. כהנא, וואָס האלט בכבוד מלוכה־מענער, איז גערירט ביז טרערן פון אזא באזוך.

און אָט א מאָדנע געשעעניש אין דעם לעבן פון אָט דעם לערער מיט אן אויסזע פון א שטרענגן עסטרייכישן באאמטער. אין א שיינעם טאָג פונעם יאָר 1869 באזוייזט זיך אין באָטושאן א ייד מיטן נאָמען יעקב פסאנטיר. שטאמען שטאמט ער טאקע פון הי, ווו זיין טאטע איז געווען באקאנט ווי אשר זעליג פּראנצויז. ער אליין, יעקב, הערט נאָר, איז א... קלעזמער. וואָס קאָן

האָבן צו רעדן דער דירעקטאָר פון דער שולע מיט א קלעזמער? מיט א יידן, וואָס פאָרט ארום איבער שטעט, שטעטלעך און דערפער מיט א קאפעליע צי־גיינער און יידן?

כהנא נעמט אויף פּאסנטירן גאָר קאלט. נאָר ווען יענער נעמט אים דער־ציילן מיט ברען און מיט אביסל למדנות, אז ער זוכט באוויזן וועגן דער אלט־קייט פון יידישן ישוב אין רומעניע, כדי יידן זאָלן זיין גלייכע בירגער מיט די אנ־דערע. ווען פאסנטיר ווייזט אים די אויפשריפטן פון מצבות, די שטיקלעך שאַ־לות-ותשובות, וואָס ער האָט אָנגעזאמלט צוליב זיין ארבעט, איז ער אים שוין מוחל די קלעזמעריי און דאָס יידיש רעדן און ער זאָגט אים צו, אז ער וועט פאר אים אויסשרייבן ידיעות פונעם אלטן פינקס פון דער באָטושאנער קהי־לה, אין וועלכן ער שרייבט איצט אריין די חשובע געשעענישן. כהנא האלט איצט דעם פינקס און ער וועט אים ארויסשרייבן אינטערעסאנטס.

דעם אנדערן טאָג ברענגט ער פאסנטירן א נאָטיץ וועגן א בלוט-בילבול אין באָטושאן אין דעם יאָר תקמ״ג, פרילינג 1783, פון וועלכן מע איז פּטור געוואָרן מיט גרויסע צרות און נישט קלענערע הוצאות ערשט ל״ג בעומר דאָס־זעלבע יאָר.

און הלל כהנאס לעבן פליסט ווייטער טאָג נאָך טאָג. יאָר נאָך יאָר מיט נחת און צרות פון קינדער און עלטערן, פון קהלשליט און... אייגענע זאָרגן, ער פילט אָבער „אז דאָס רוב קינדער וועלן מיטנעמען אין לעבן נישט מער ווי דאָס ביסל קענטעניש, וואָס ער קאָן זיי געבן אין די פיר יאָר פאָלקסשולע. באמת ער זיך נישט צו בלייבן שולדיק.

ער וויל אָבער נישט זיין נאָר א לערער. ער שרייבט „אין די גאזעטעס“, אין די לשון-קודשדיקע פון הי און פון אנדערע לענדער, אויך אין דייטשע בלעטער פאר יידן: קאָרעספּאָנדענצן, ארטיקלען וועגן שולעס, און וויסנשאפט, זיין אלטע ליידנשאפט. זיין חלום איז אָבער צו ווערן דער מחבר פון א בוך. ער איז שוין באלד א בן ששים און... אין א שיינעם טאָג זעצט ער זיך אוועק און פון די הונדערטער בלעטער און קארטעס, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון דייט־שע געאָגראפיעס, וועט ער צונויפשטעלן א בוך. און, באמת, צו זיין 59-טן געבנוירנטאָג מאכט ער זיך א מתנה: דעם כתב-יד פון זיין „גלילת הארץ“, א געאָגראפיע פון דער וועלט. מילא ידיעות איז געווען פון וואנעט צו שעפּן, אָבער וווּ נעמט מען די פּאסיקע העברעישע ווערטער דערצו? ער האָט גענאשט ביי די פריערדיקע מחברים, ברוך לינדע, שמשון בלאָך, מענדעל מאהר, קלמן

שולמאַן, ער האָט אַליין צוגעטראַכט טערמינען און, אין אַ גוטער שעה, דאָס בוך איז דאָ!

הלל כהנא האָט צוגעגרייט צוויי עקזעמפּלאַרן פון זיין חיבור. ער וויל זיין זיכער, אַז מע וועט גוט אויפנעמען די געאָגראַפיע זיינע אין אַלע קרייזן פרו־מע און משכילישע. בעט ער הסכמות אויף רעכטס און אויף לינקס. ערשטנס רבנים. זיי וועלן באַשטעטיקן, אַז דאָס בוך איז פריי פון אפּיקורסות און אַז אַ פרומער ייד מעג לערנען וויסנשאַפט. זיין יוגנט־חבר, דער טשאָרטקעווער רב ישעיה שאַפּירא שרייבט אים אַ לויב־בריוו, דער בוקאָווינער אָבער־ראַבי־נער אליעזר איגעל גיט אים זיין הסכמה און דער באַרלאַדער רב טויבש אויך; דערנאָך קומען די משכילים, רעדאַקטאָרן פון העברעישע בלעטער ראַדקינזאָן, גאָטלאָבער און מאַלדעווישע משכילים, סטרעליצקער, טעלער, זוסמאַן, די לעצ־טע צוויי האָבן אים אָנגעשריבן לויב־לידער, דער ערשטער אויף העברעיש, דער צווייטער, אויף דייטש.

איצט, אַז אַלצדינג איז פאַרטיק, פעלט נאָך איין זאַך: געלט. האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט באַשאַפט ער אַ גרויסן פילאַנטראָפּ משה מאָנטעפיאָרע וועלכער שטיצט מחברים. נעמט הלל כהנא און ווידמעט זיין בוך אָט דעם מנ־דב. און אוודאי באַקומט ער אַ דאַנקבריוו און אַ געלד־שטיצע. די קאַרטעס צום ביכל צייכנט אים אַ באָטושאַנער, משה שוועפּעלבערג, אַ זון פון דעם באַרימטן יאַסער גראַווירער און זיגלשטעכער יאַנקו פעטשעטאַרו. און ער דרוקט זיי טאַ־קע אין באָטושאַן ביים דרוקער אדריאַן, דאָס גאַנצע ביכל וועט ער אָפּדרוקן אין בוקאַרעשט, אין דער דרוקעריי פונעם באַרימטן יידישן בלאַט „היועץ“ טאַ־קע אין יאָר 1880. און כאָטש דער מחבר וווינט אין באָטושאַן האָבן זיך אין די 330 זייטלעך פון אַזאַ בוך, אַ נאָווינע פאַרן זעצער, אַריינגעכאַפּט קוים 100 דרוקפעלערס, אי דאָס נאָר בעתן דרוקן.

מזל טוב. דער גליקלעכער מחבר האַלט זיין ספר אין דער האַנט. באַלד וועלן עס האַלטן אין דער האַנט הונדערטער וויסנדאַרשטיקע פון רומעניע און פון אַנדערע לענדער.

אויף די קומענדיקע 10 יאָר וועט הלל כהנאס שם־טוב וואַקסן. צום אָפּ־לעבן פון זיין שטיצער וועט ער אָפּדרוקן אַ הספד־דרשה „בכי אבל משה“. ער וועט ווייטער אַרבעטן אין שולע ביז עס וועלן ווערן 30 יאָר אַרבעט. דער בן־שבעים וועט מיט פרייד זען, אַז דער גרעסטער טייל באָטושאַנער יידן זענען זיינע תלמידים, וואָס האַלטן אים בכבוד.

הלל כהנא דערלעבט דאָס נייע יאָרהונדערט און אפילו זיינע אייגענע אכ־ציק. דעם דריטן טאָג חול המועד פּסח תר״סא 1901 איז הלל געגאנגען ליגן מיט זיינע אָבות. ער האָט דער באָטושאנער עדה געשאָנקען 40 יאָר פון זיין לעבן, האָט אים די ערד אויפגענומען ווי אן אייגענעם. ער האָט געוווסט, אז רומע־נישע יידן וועלן אים נישט פארגעסן.

און, ווי איר זעט, האָט ער זיך נישט אָפּגענאַרט.

הלל כהנא

באָטושאַן — א שטאָט, וואָס איז אמאָל באַרימט געווען דורך אירע מאָדערנע מילן, וועלכע האָבן צוגעשטעלט דאָס פיינסטע מעל פון רומעניע. און עיר ואם בישראל, באַקאַנט דורך אירע רבנים און לומדים, דורך אירע משכילים און שפּעטער דורך אירע פּראָגרעסיווע טוער און קעמפער. באָטושאַנער האָבן נישט מורא געהאַט צו זיין נישט קאָנפאָרמיסטיש, אָריגינעל, און וואָכעדיקע מענטשן האָבן אויף זיי אויסגעטראַכט, אַז זיי האָבן „א פליגל" אין קאָפּ. „באָטושאַנער פליגל" האָט געקענט קלינגען סיי ווי א צונאָמען לגנאי, סיי ווי א לויב. עס הענגט אָפּ וויאַזוי מע נעמט אויף די זאַך. לצים פלעגן זאָגן. אַז מע פרעגט איינעם: „איר זענט א באָטושאַנער? ווערט ער אמאָל ברוגז און ענטפערט: „איר זענט אליין א משוגענער". אין באַסאַראַביע האָט מען דאָסזעלבע אויסגעטראַכט אויף די יידן פון אוריעוו (אָרכיי).

די באָטושאַנער השכלה האָט געצויגן איר יחוס פון גאַליציע און זי איז געווען א מעסיקע: לאָיאַל צו דער רעגירונג, אונטערטעניק לגבי נגידים, געפּרעדיקט בילדונג, פּראָדוקטיוויזאַציע, געשטיצט פילאַנטראָפּיע און, על כולם, לשון קודש. מע קאָן נישט זאָגן אַז יידיש איז ביי זיי געווען א שטיפקינד. דאָ אין באָטושאַן זענען אַרויסגעקומען עטלעכע יידישע צייטשריפטן, מיט אָרטיקע קאָרעספּאָנדענצן. דער עיקר האָט מען אָבער געדרוקט מאמרים, מליצה, חקירה, חידות אין דער העברעישער פּרעסע. צווישן די אָרטיקע משכילים האָט זיך באַזונדערס באַקאַנט געמאַכט הלל כהנא.

ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל דורכגעבלעטערט הלל כהנאס ספר „גלילות הארץ" האָב איך איראָניש אַראָפּגעקוקט אויף דעם, פונעם שפּיצבאַרג פון מיינע 4 קלאַסן מיטלשולע, מיט מיינע געאָגראַפישע קענטענישן און יונגטלעכן בעסערוויסעריי. איצט, אין היסטאָרישער פּערספּעקטיווע, זעט מען דאָס אַנדערש... דער העברעישער און דער רומענישער שער-בלאַט האָבן אָנגעגעבן,

אז דאָס בוך גיט זיך אָפּ מיט קאָסמאָגראַפיע, מאַטעמאַטישע, פיזישע און פּאָליטישע געאָגראַפיע, אַז עס ברענגט אין טעקסט בילדער פון אַסטראָנאָמיע, געאָמעטריע, געאָלאָגיע, פּאַלעאָנטאָלאָגיע און פיזיק; דערביי אַ טאָפּלטע וועלטקאַרטע מיט העברעישע אויפשריפטן.

איך האָב דעמאָלט נישט דערשעצט וואָס פאַר אַ גרויסן אויפקלערערישן ווערט דאָס בוך האָט געהאַט פאַר אַ דור יידן, וואָס האָבן אין קיין פאָלקסשולע נישט געלערנט, קיין רומענישע צי דייטשע וויסנשאַפטלעכע פּאָפּולאַריזאַציעס נישט געקענט, און ביכלל זייער ווייניק געוווּסט וועגן די ענינים, וואָס הלל כהנא האָט פאַר זיי געעפנט אַ טויער. דאָס 288 זייטלדיקע בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין בוקאַרעשט, אין דער דרוקעריי פון דער באַרימטער צייטונג „היועץ". דער מחבר רופט זיך: הלל כהנא בר יהושע ז"ל, דירעקטאָר פון דער איזראַעליטיש-רומעניש-דייטשער פאָלקס-שול אין באָטושאַן" דאָס בוך איז ביי אים פאַררעכנט פאַר אַן ערשטן טייל. קיין צווייטער טייל איז מער נישט דערשינען. דערפאַר איז אָבער אין יאָר 1901, אַרויס אין בוקאַרעשט אַ צווייטע פאַרמערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון דעם בוך. לויטן משכלישן נוסח, צוליב פינאַנציעלע טעמים, איז דאָס בוך געווידמעט דעם באַקאַנטן עסקן משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז זייער באַרימט געוועזן צווישן רומענישע יידן און זיין בילד איז געהאָנגען אויף די ווענט פון אַסך יידישע הייזער. איינס אַזאַ בילד, שוין פונעם צוואַנציקסטן י"ה, געצייכנט מיט אותיות פון משניות דורך אַן טראַנסילוואַנער יידן, געפינט זיך אין מיין אַרכיוו. מאָנטעפיאָרע האָט דעם מחבר צוגעשיקט אַ דאַנק-בריוו, וואָס ווערט איבערגעדרוקט און, אַוודאי, אַ ביסל געלד. איבעריקנס האָט כהנא, אין יאָר 1885, אָפּגעדרוקט אין קראָקע אַ הספּד אויף מאָנטעפיאָרען „בכי אבל משה". נאָר לאָמיר נישט כאַפּן די נעץ פאַר די פיש.

הלל כהנא האָט געוואָלט געווינען דעם צוטרוי פונעם באַלעבאַטישן לייענער, פונעם ישובה-בחור, פונעם יונגן לערנער. האָט ער באַוואָרנט זיין בוך מיט הסכמות פון רבנים: פונעם טשאָרטקעווער רב שאַפּירא, פונעם באַרלאַדער רב יצחק אייזיק טויבש, פונעם באַקאַנטן טשערנאָוויצער רב אליעזר איגעל און פון אַ באַקאַנטן משכיל פון מיהיילען מרדכי סטרעליצקער, וועלכער פלעגט זיך דרוקן אין דער העברעישער און יידישער פּרעסע. זיינס אַ לויבליד איז טאַקע אָפּגעדרוקט אין „גלילות הארץ". מע דערקענט, אַז הלל כהנא זויל געווינען פאַר זיך אויך די משכילישע לייענער, ווייל ער ברענגט בריוו פון באַקאַנטע שרייבער ווי, למשל, א. ב. גאָטלאָבער, מ. ל. ראַדקינזאָן, דער רעדאַקטער פונעם קעניגסבערגער זשורנאַל „הקול", פונעם שרייבער און לערער פון

באָטושאַן רבי טעלער און א דייטש ליד פון אן אנדער באָטושאַנער לערער יוסף זוסמאַן. הכלל, דער אריינפיר פארנעמט גאנצע 40 זייטן די ניין קאַפּיט-לען פונעם בוך האַלטן וואָרט און זיי גיבן ידעות וועגן אַלע צוגעזאָגטע ענינים. די עטלעכע בילדער און צייכענונגען, וואָס זענען צעוואָרפן איבערן בוך, מאַכן דאָס בוך אינטערעסאנטער. אינטערעסאנט איז אויך די טאַפּלטע, פארביקע וועלט-קארטע, וועלכע איז געצייכנט און אָפּגעדרוקט געוואָרן טאקע אין באָ-טושאַן אין דער דרוקעריי „אדריאן". עס איז קלאָר, אז דאָס בוך איז געווען באַקאַנט און פארשפרייט אויך מחוץ רומעניע, אָבער דער עיקר דאָ אין לאַנד. מע טרעפט נאָך היינט געציילטע עקזעמפּלארן אפילו אין פריוואטע ביליאָטעקן די צווייטע אויפלאגע איז געדרוקט געוואָרן אין באָטושאַן, אין איינעם מיטן מחברס א בילד.

לויט דער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס הלל כהנא האָט אָפּגעדרוקט אין דעם צווייטן באנד „אוצר הספרים" אין יאָר 1888, דערווייסן מיר זיך, אז דער מחבר איז געבוירן י"א אייר תקפ"א, זונטיק 13 מאי 1821, אין דער גאַליצישער שטאָט סטאַניסלאַוו, פון וואַנעט די עלטערן האָבן זיך פרי אריבערגעצויגן קיין טים-מעניץ, א שטאָט פון למדנים און משכילים, פון וועלכע אסך האָבן זיך באַ-זעצט אין מאָלדעווע. מיט 17 יאָר מאכט מען אים חתונה. דער יונגער לער-נער וועט זיצן אויף קעסט 6 יאָר. אין אָט דער צייט לערנט ער זיך דייטש און לייענט אסך וויסנשאפטלעכע ביכער. אראָפּ פון קעסט, נעמט ער זיך צו מיסחר און פאָרט צוריק קיין סטאַניסלאַוו. פון דאָרט שרייבט ער קאָרעספּאָנדענצן און ארטיקלען אין דער צייטשריפט „כוכבי יצחק" און אין ווינער און בער-לינער דייטש-יידישע צייטשריפטן. ער וויל פטור ווערן דאָס האנדלען, דערפאר פאָרט ער אריבער אין יאָר 1860 קיין באָטושאַן, ווו ער גרינדעט די ערשטע מאָדערנע פאָלקסשולע פאר יינגלעך. פינף יאָר שפּעטער וועט ער ווערן דירעק-טאָר פון דער שולע און וועט עס פארבלייבן א גאנץ לעבן. דערווייל שטודירט ער ווייטער וויסנשאפטן און פארעפנטלעכט וועגן אזעלכע ענינים. אָט למשל אין „המגיד" פונעם 24 סטן מיי 1865, א מאטעמאטיש פּראָבלעם. ארטי-קלען וועגן דערציונג און בילדונג דרוקט ער סיי אין דער היגער העברעישער און יידישער פּרעסע, סיי אין אויסלאַנד: „הנשר", „השחר", „הבקר אור", „זמרת הארץ", „האור", „המליץ" און אנדערע.

ער דרוקט אויך אויף דייטש און ווערט אויסגעוויילט פאר א מיטגליד פון דער האמבורגער געאָגראפישער געזעלשאפט.

זיין הויפּט-זאָרג איז אָבער די שולע. זיין מעסיקייט געווינט דעם צוטרוי פון עלטערן, פון קהלה-אָנפירער פאר זיין שולע און פאר זיין פּאָרזיכטיקן גאנג

אין קולטור. און דאָך איז אין פארגלייך מיט די אלטמאָדישע חדרים זיין שו־לע א גרויסער טריט פאָרויס. ווען ער איז געשטאָרבן אין באָטושאַן, פסח 1901, האָט די יידישע פרעסע פון רומעניע און אויסלאַנד אונטערגעשטראָכן זיין לאַנגע פעדאַגאָגישע טעטיקייט, זיין אויפקלערערישע ארבעט ווי א פאָפולאַ־ריזאַטאָר פון וויסנשאפטן צווישן רומענישע יידן. זיין מעסיקייט האָט אים גע־האָלפן דערנענטערן צו מאָדערנע וויסנשאפטן עטלעכע דורות פון מענטשן, וואָס האָבן געקוקט מיט פארדאכט אויף יעדער באנייונג, אין וועלכער זיי האָבן געזען א טריט צו אפיקורסות. כדי ריכטיק אָפּצושאצן הלל כהנא מוז מען אים מעסטן אין צוזאמענהאַנג מיט זיין צייט, מיט זיין סביבה און זיינע מעגלעכקייטן. נאָר אזוי קאָן מען ריכטיק אָפּשאָצן זיין לעבן און ווירקן אין רומעניע.

ראָנעטי ראָמאַן

די דראַמע פון א דור, פון א שרייבער
און פון זיין פּיעסע „מנשה“

ראָנעטי-ראָמאַן איז דער מחבר פון איינער פון די גרעסטע און טיפסטע דראַמעס אין דער רומענישער ליטעראַטור. דאָס דערשיינען פון דער דראַמע „מנשה“, אירע אויפפירונגען, אירע אָפּקלאַנגען אין רומעניע און אויף דער וועלט זענען ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה געווען שטורמישע דערשיינונגען, וואָס האָבן ארויסגערופן אָפּט אומבארעכטיקטע רעאקציעס. די דראַמע איז געוואָרן א מין סימבאָל קעגן אומטאָלעראַנץ, ווי, אשטייגער, דער דרייפוס-פּראָצעס אין פראַנקרייך. אין תוך איז דער ענין א פּשוטער: מנשה דער קליינשטעטלדיקער גאַנצער ייד און מענטש אין זיין אַלטמאָדישער וועלט און וועלט-באַנעם, איין דור. זיין זון, ניסים, דער האַלב ניי-מאָדישער באַנקיר, וואָס בוקט זיך צום גאָלדענעם קאַלב; זיין טאָכטער לעליא (לאה) וועלכע איז פארליבט און זי האָט חתונה מיטן נישט-יידישן ריכטער פרונזא, א ברייטהארציקער, הומאַניסטישער מענטש. זיי האָפן, אז זייער קינד וועט זיין סתם א מענטש און וועט נישט האָבן צו ליידן פון קיין שום נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן און פארפאָלגונגען. דער אַלטער מנשה שטאַרבט פאַר ווייטיק. דער שטרענגער גאַנג פון דער דראַמע, אין לעבן ווי אויף דער בינע, ווערט אביסל אויסגעשפּאַנט דורכן עכט-יידישן הומאָר פונעם מנחם-מענדלדיקן שדכן זעליג שאָר.

אין ליכט פון היינטצייטיקייט זענען די פּראָבלעמען און לעזונגען וואָס דער בירגערלעכער אסימיליסט ראָנעטי-ראָמאַן שלאָגט פאָר אין זיין פּיעסע, נישט אזוי פּשוט, ווייניקער לינעאַר, ווייניקער גרינטלעך. אָבער סיי ווי איז די דראַמע „מנשה“ א קינסטלערישע דערגרייכונג, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון צייט און אָרט, פון גרינטלעכע סאָציאַלע ענדערונגען און זי שטעלט אסך קשיות און מאָנט ענטפערס ביים היינטיקן לייענער און צושויער.

ווער איז ער,. אָט דער מאָדנער שרייבער, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאַם דעם 7 טן יאַנואַר 1908, זייגער 10 אויף דער נאַכט פון אַ האַרצשלאַק? זיין מציבה אויפן יאַסער יידישן בית עולם, שוואַרצער גראַניט־אָבעליסק, טראָגט אויסגעקריצט נאָר זיין נאָמען און די צאָלן: 1853—1908. פאַרן רוב מענטשן איז ראָנעטי־ראָמאַן באַקאַנט נאָר ווי דער מחבר פון דער דראַמע: „מנשה“. די פּיעסע האָט אין איר צייט אַרויסגערופן צענדליקער אַרטיקלען, פּאָלעמיקעס, שטודיעס צוליב דער ערנסטקייט פון איר גרונט־טענדענץ: יידן מוזן מיט דער צייט זיך צונויפגיסן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, צוליבן רעאַליזם פון די פּאַרשוינען, צוליב זייער דראַמאַטישער אָנגעלאָדנקייט און כוח.

ראָנעטי־ראָמאַנס לעבן, ווי זיין ווערק, איז פול מיט אומפאַרענטפערטע מאָמענטן. די קינדער יאָרן, די יונגע יאָרן זיינע ווערן פאָרגעשטעלט פאַרשיידנאַרטיק דורך זיכרונות, פאָרשער און קריטיקער. ער אַליין האָט פאַרשוויגן אָט דעם פּעריאָד פון זיין לעבן, צוליב זיין וועלט־באַנעם, כאָטש אין לעבן איז ער געווען קעגן שמד, קעגן פאַרלייקענען דעם אייגענעם אָפּשטאַם און ער האָט מיט ווערדע געקעמפט קעגן יידישער רעכטלאָזיקייט.

ראָנעטי־ראָמאַנס אמתער נאָמען און זיין געבוירן־אָרט. אין זיין דייטשער „יידישע נאַציאָנאַל־ביאָגראַפיע“ שרייבט ש. וויניגער, אַז דער שרייבער האָט געהייסן אהרון בלומענפעלד, געבוירן אין גאַליציע אַרום 1847. קיין רומעניע זאָל ער האָבן אַריבערגעקומען ערשט אין יאָר 1868. אַן אַנדערע גירסא גיט דער משכילישער מעדיקער געלער, וועלכער האָט גוט געקענט ראָנעטי־ראָמאַן פון די יונגע יאָרן און ער האָט אים געהאָלפן זיך באַקענען מיט אייראָפּעישער קולטור; ער האָט אים געהאָלפן שטודירן אין לאַנד און אין אויסלאַנד און אים באַזאָרגט מיט אַ געבוירנצעטל פונעם דאָרף ראַשנאָוו, לעבן דער שטאָט פּיאַטרא נעאַמץ. לויט אָט דעם מקור האָט ראָנעטי־ראָמאַן זיך אויסגעלערנט גוט רומעניש ערשט אין... בערלין דר. געלער האָט נאָך ראָנעטי ראָמאַנס פריצייטיקן טויט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן אים. ער ווייזט דאָרט אָן ,אַז ראָנעטי־ראָמאַן איז געבוירן אין דעם צפון־מאָלדעווישן שטעטל הערצאַ (דאָס געבוירן אָרט פונעם שפּעטער באַרימטן רומענישן און פראַנצויזישן דיכטער בנימן פונדאָיאַנו־פאָנדאַן), זיינע עלטערן האָבן דאָרט געוווינט אַ שטיק צייט; מעגלעך, אַז זיי זענען אַהערגעקומען פון גאַליציע. ראָנעטי־ראָמאַן פלעגט געווייגטלעך אָנגעבן דאָס יאָר 1852 ווי זיין געבוירן־דאַטע. געלער האָט זיך באַקענט מיט דעם 16 יעריקן בחורל אין האַרלוי, אַ שטעטל נישט ווייט פון יאַס. דאָס ייִנגל האָט נאָך געטראָגן פּאות און אַ קאַפּטן און איז געווען אַ בעלפער ביי אַ מלמד; פאַרבליבן פרי אַ טאָפּלטער יתום האָט אים אויפגעכאָוועט אַ זיי־

דע. די פּרומפּאַנאַטישע אַטמאָספּערע פונעם חסידישן שטעטל, דאָס בענקע־ניש נאָך „בילדונג“, האָט אים פאַרטריבן פון דער היים. דר. געלער האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם אויפגעוועקטן יינגל, מיט זיין משכילישן דאָרשט נאָך קענען און וויסן די וועלט. ער האָט אים אויסגעלערנט א ביסל דייטש (יידיש און העברעיש האָט דאָס יינגל געקענט, ווייל עטלעכע יאָר שפּעטער שרייבט ער אין דער העברעישער פּרעסע) און געזוכט פאַר אים א לערער־פּאָסטן, פריער אין סאַדעגערע, לעבן טשערנאָוויץ, שפּעטער אין באָטושאַן, א צענ־טער פון השכלה. דער יונגערמאַן האָט אסך געלייענט און געלערנט. זיך גע־גרייט אָפּצולייגן די רייפקייט־פּרווון אין טשערנאָוויץ און דערמיט צו מאַכן דעם גרויסן שפּרונג פון געטאָ ביז געטע.

דר. געלער זאָגט אים צו א חודשלעכע סומע און דער יונגערמאַן פאָרט אין נאָוועמבער 1869 קיין בערלין. ער האָרעוועט און עס געלינגט אים דאָרט צו מאַכן די רייפקייט־פּרווון און זיך צו פאַרשרייבן אויפן מעדיצינישן פאַקול־טעט (א משכיל דאַרף זיין א דאָקטער, אויב נישט קיין בוכהאַלטער אָדער א לערער!). אינגיכן גייט ער אריבער אויף פילאָלאָגיע. אין משך פון 6 יאָר לערנט ער אין עטלעכע אוניווערסיטעטן. זיין דאָרשט נאָך וויסן איז שווער צו שטילן און אָניאָגן דאָס פאַרפאַסטע אין די ערשטע 17—18 לעבנס־יאָרן איז נישט גרינג. ער ווערט באַקאַנט מיט דער דייטשישער השכלה און מיט פרייהייטלע־כע אידעען. זיין ערשטע שריפט אויף רומעניש איז א סאַטירע אין פערזן קעגן צאַריזם, די פּאָעמע „ראַדו“. זיין ליבע צו די רוסישע קלאַסיקער האָט אים נישט פאַרשטעלט די עוולות פונעם צאַריזם. די סאַטירע האָט ער אָנגעשריבן אין יאָר 1877 און זי אָפּגעדרוקט א יאָר שפּעטער. נישט געקוקט אויף אייניקע שפּראַכלעכע אומאַבהאָלפנקייטן האָבן אייניקע קריטיקער גוט אָפּגעשאַצט דעם ערשטן טריט פון אָט דעם שרייבער.

דערווייל איז ראָנעטי־ראָמאַן צוריקגעקומען קיין רומעניע, געווען לערער פון דייטש אין פּריוואַטע שולעס, אָנגעשריבן א סאַטירע „קאָניטפּערסטאַן“. ער ווערט אָנגענומען ווי אַן איבערזעצער אין דעם מיניסטעריום פאַר דרויסנ־דיקע ענינים, דעם 16־טן נאָוועמבער 1878 און ער צייכנט זיך אוים דורך זיין ערנסט, זיין איבערגעגעבנקייט, זיין טאַקט און זיינע קענטעניש. עמיל קריצמאַן, וועלכער האָט אים געקענט אין יענער צייט, באַשרייבט אים: „א הויכער יונגערמאַן מיט אַן עקספּרעסיוו פּנים, א סימפּאַטישס, קליין, שוואַרץ וואָנסעלע און פייערדיקע, קאַרע אויגן“. אין זיין דירה, אין בוקאַרעשט, אויף דער גאַס לוקאַטש נר. 10 פלעגט ער יעדן שבת אָפּהאַלטן א ליטעראַרישן צענאַ־קל. אהין פלעגט קומען דער שפּעטער באַקאַנטער געלערנטער דוד עמנואל,

דער בארימטער רומענישער דראמאטורג, דער פקחדיקער, שארפער סאטיריקער י. ל. קאראדזשיאלע, וועלכער האָט ראָנעטין באקאנט געמאכט מיטן געניאלן רומענישן פּאָעט מיהיי עמינעסקו, ארטור רובין א. אנד. צווישן די דריי איז אויסגעוואקסן א שטארקע פריינדשאפט. זונטיק פלעגט מען מאכן עקסקורסיעם אין דער אומגעגנט. עמינעסקו האָט זייער ליב געהאט ראָנעטין און אים זייער געשאצט. אין זיינעם א בריוו צו אים און צו קאראדזשיאלען וויצלט ער זיך און זידלט אויף יידיש: „א רוח אין דיין טאטן אריין!" ער בעט ראָנעטין אז ער זאָל אים ענטפערן אין ביידנס נאָמען ...„וייל דו ביסט מער בקי..."

אן אנטשיידנדיקע ווענדונג אין ראָנעטי ראָמאנס לעבן איז זיין חתונה האָבן (7 יאנואר 1883) מיט עלעאָנאָרא הערשקאָוויטש, די טאָכטער פון א פאכטער לעבן נעאמץ. היות ראָנעטי האָט נישט געהאט קיין בירגער-רעכט (ווי כמעט אלע יידן פון דעמאָלטיקן רומעניע) האָט .מען אים אָפּגעזאָגט פונעם איבערזעצער-פּאָסטן. דאָס יונגע פּאָר האָט זיך באזעצט אין דאָרף. נאָכן טויט פון זיין שווער איז ראָנעטי געוואָרן דער פאכטער. נאָך א ויתרוצצו אין דעם לעבן פון אָט דעם פּראָבלעמאטישן מענטשן; ער דער יידיש דערצויגענער און טיפער מענטש, זאָגט זיך אָפּ פון זיין שורש צוליב זיינע איבערצייגונגען; ער וואָס ווייסט די פּיין און נויט פון פּויער, ווערט אן ארענדאטאָר פון גיטער. און מאָדנע-נישט ער, נישט זיין ווערק זענען נישט זוכה געווען צו „אינטעגראציע". און דער פּויערים-אויפשטאנד פון 1907 האָט אים געצווונגען ארויסצופאָרן קיין יאס, ווו ער האָט נישט לאנג איבערגעלעבט די אינערלעכע דאנגלעגישן.

א טרייסט איז אים געווען קאראזשיאלעס חברשאפט, וועלכע האָט איבערגעלעבט אפילו ראָנעטי-ראָמאנס אָפּלעבן. דער גרויסער רומענישער שרייבער האָט זיך אינטערעסירט מיט ראָנעטים מישפחה און שפּעטער געהאָלפן דעם זון צו באקומען א פּאָסטן אלס אינזשעניר. ראָנעטים טויט האָט טיף דערשיטערט קאראדזשיאלען, וועלכער שרייבט צו זיינעם א חבר: „היינט פארטאָג האָב איך באקומען א טעלעגראם פון יאס; דאָס האָט מיך דערשיטערט. ראָנעטי ראָמאן איז געשטאָרבן נעכטן ביי נאכט, מיין אלטער, טייערער, גוטער חבר... חבל על דאבדין. אזא הארציקער און גייסטרייכער מענטש איז פּלוצעם אוועק"... אין א צווייטן בריוו שרייבט ער:" דאָ נישט לאנג איר ער געשטאָרבן און ער איז איצט איינגעבירגערט אין דער ערד, וואָס ער האָט אזוי ליב געהאט..."

עס איז אן אָנצוהערעניש אויף די באמיונגען פון ראָנעטי-ראָמאן און זיינע פריינד. אז מע זאָל אים געבן בירגער-רעכט אין זיין געבוירן-לאנד. קארא-

דזשיאָלעם חברשאַפט איז געווען א גרויסע טרייסט אין ראַנעטיס לעבן, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ליידן צוליב שנאת-חנם און ביטערע אַנטוישונגען.

א צווייטער בעל-זיכרונות, דער רומענישער מעדיקער דושטשיאַן, שרייבט: „אויסערלעך האָט ראַנעטי-ראָמאַן אויסגעזען קאַלט און צוריקגעהאַלטן... ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און שווערלעך... ער איז געווען מער צוקוקער איידער רעדנער... ער איז נישט געווען קיין שמאַלצער, כאָטש ער האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעדינטער אָפיציר... ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, זעלטן ווען געשמייכלט. אין דער היים איז ער אָבער געווען א גאָר אַנדערער מענטש, א פריילעכער, א וויציקער, א ליבנדיקער טאַטע, וואָס האָט דערצויגן גוט זיינע קינדער..." פון אַנדערע קוואַלן דערוויסן מיר זיך איבער זיין ליבע צו ביכער און נסיעות.

דער באַקאַנטער מאַרקסיסטישער קריטיקער גערעא (א ייד) שרייבט וועגן דער פּאָעמע „ראַדו" ווי וועגן א פּעסימיסטיש ווערק, אָנגעשריבן גלייכצייטיק מיט עמינעסקוס געניאַלע לידער, אָבער נישט אונטער זיין איינפלוס. פּעסימיזם און סאָציאַלער רעוואָלט זענען פאַראַן אין ראַנעטיס ווערק אויכעט.

ראַנעטי-ראָמאַן האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן ווייט פון יידישע ענינים. ער האָט אָנגעשריבן א געראָטענע בראָשור „צוויי מאָסמיטלען" וווּ ער באַקעמפט די יידישע רעכטלאָזיקייט און דעם אַנטיסעמיטיזם נישט נאָר ווייל זיי זענען אומגערעכט לגבי יידן, נאָר ווייל זיי ברענגען שאָדן דער אַנטוויקלונג פון רומעניע. ער באַמערקט, אַז די אומרעכט, וואָס מע טוט אים און זיינסגלייכן שטערט נישט זייער ליבע צום היימלאַנד „אין מענטשנס האַרץ איז אוודאי דאָ עפּעס, וואָס איז שטאַרקער פון זיין יורידישער לאַגע" אין תוך איז דאָס אַן אינטימער ווײ-געשריי פון א מענטשן, וואָס האָט געקעמפט פאַר אינטעגראַציע ביזן פאַרלייקענען דעם אייגענעם שורש און איז געבליבן אַנטוישט.

און דאָך האָבן די שענסטע פּאַרשטייער פון רומענישער אינטעליגענץ הויך אָפּגעשאַצט די דראַמע „מנשה". דער באַרימטער רומענישער פּראָזאיקער מ. סאַדאָוועאַנו האָט אין יאָר 1912 אַזוי געשריבן: „היינט ווי אַמאָל (1902) האַלט איך, אַז ראַנעטי-ראָמאַנס דראַמע איז די בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן אויף רומעניש". עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער קריטיקער דאַווידעסקו געשאַצט די פּיעסע „צוליבן סכום לעבן וואָס זי פאַרמאָגט, צוליב דעם קאָמפּלעקסן ווערט פון די געדאַנקען, וואָס זי דערוועקט אין דער נשמה פון די ספּעקטאַטאָרן..."

די פּראָבלעמאַטיק פון „מנשה" זעט אַסך אַנדערש אויס אין ליכט פון די לעצטע זעקס יאָרצענדליק אויף דער וועלט און דאָ אין לאַנד.

דער מענטשלעכער און קינסטלערישער ווערט פון דער דראמע „מנשה„ ווערט געכפלט דורכן מחברס פערזענלעכער דראמע, א דראמע, וואָס דער דיכ־טער שטייערמאַן ראָדיאָן האָט אזוי שארף אויסגעדרוקט דורך די פערזן:

„דו ווילסט מיך נישט, מיין היימלאנד,
און איך, איך בין פאָרט דיינער...“

אייזערנער קאָפּ

אויפֿן בית-עולם פֿון באקוי, נישט ווייט פֿון דעם אריינגאנג שטייט א מצי-בה, אויף וועלכער עס איז שווער איבערצולייענען די אויפֿשריפֿט מיט יידישע אותיות, פּ.נ.האדם היקר והרגיל מרכבה ה׳ה אברהם ליב לעבעל אשר נ.| (פּטר) ביום השבת י׳ב אייר תרנ׳ט.

די ווייטערדיקע 12 שורות פֿון דער אויפֿשריפֿט קאָן מען קוים איבער-לייענען. דערפֿאַר אָבער איז גרינג איבערצולייענען די דייטשישע אויפֿשריפֿט אויף דער אנדערער זייט. מיר דרוקן זי איבער מיט יידישע אותיות.:

אבראהאם לייב לעבעל, געב. 10 נאָוועמבער 1831, געשטאָרבן 22 אַפּריל 1899.

בלייבסט דו דעם פֿאָלק איין קאָרן אם מעערעס:רונדע,
דען קינדערן ווארסט דו דאָך צום קאָרן אם פֿעלדע.
רוה׳ זאנפֿט דרום! דא רייפֿט יעדער קיים צור שטונד׳
קראָנט דיך דען גלייכהייטסקעמפֿער דאנן צום העלד.

די אויפֿשריפֿט באשטעטיקט דעם איינדרוק ,אז דער הויפּטציל פֿונעם רא-דיקאלן משכילישן טוער אברהם לייב לעבל איז געווען די גלייכבארעכטיקונג פֿון יידן אין רומעניע. ער איז גרייט געווען אויף אלע קאָנצעסיעס: ווייטגייענ-דיקע אסימילאציע ביז ... שמד. ער אליין האָט רויק צוגעזען ווי זיינע אייניק-לעך האָבן זיך געשמדט. זיינס אן אייניקל, פּרוי סאיגו, האָט מיר אין יאָר 1946 געוויזן איר זיידנס א פֿאָטאָגראפֿיע פֿון זיינע מיטלערע יאָרן. ער איז אָנגע-טאָן אייראָפּעיש. זיין אויסזען: קארע, לעבעדיקע אויגן, ברוינע, געקרייזלטע האָר, א קנאָכיק פּנים, מיט א שארפֿן אנטשלאָסענעם אויסדרוק.

לעבל איז געבוירן אין יאָר 1831, אפשר אין גאליציע, ווייל אין יאָר 1877 האָט ער נישט געקענט גוט קיין רומעניש. די דייטשע אויפֿשריפֿט אויף דער מציבה ווייזט אָן אויף א שטארקן איינפֿלוס פֿון דייטשער קולטור. ער האָט אָבער

פון דעם גאנצן הארצן געשטרעבט, אז יידן זאָלן זיך אינטעגראַל אסימילירן מיטן רומעשן פאָלק, אויפגעבן יעדע אייגנארט, רעליגיע; און דאָך ליגט ער אויפן יידישן בית-עולם. משה שווארצפעלד באצייכנט אים ווי „א סובטילער גייסט, פון א שטארקער לאָגיק, א באגייסטערטער פאר גערעכטיקייט און א טי-פער קענער פון יידישקייט."

אין די יונגע יאָרן האָט ער געפאכטעט נאפט-גרובן, שפּעטער האָט ער געהאנדלט מיט טאבאק, געווען א מלוכה-ליפעראנט. ער האָט געהאט די מעג-לעכקייט אויסגצושטודירן זיינע קינדער: איינער פון זיי איז שפּעטער געווען א ריכטער אין פראנקרייך, א צווייטער, א מעדיקער אין ווין, א דריטער איז געווען א סוחר אין רומעניע.

לויט זיין אייניקל האָט מיר דערציילט איז לעבעלם אויפגעקלערטקייט דערגאנגען ביז אפיקורסות. ער האָט נישט אָפּגעהיט קיין כשרות; אין א פסח איז צו אים געקומען אן אָרעמע יידענע, זיך באקלאָגט, אז זי האָט נישט קיין מצות. ער האָט געהייסן דער פרוי, זי זאָל אוועקגעבן דער אביונטע אלע זייערע מצות. דאָס ווייב האָט אים געפרעגט, וואָס וועלן זיי עסן, געענטפערט: „ברויט!" מענטשלעכקייט איז ביי אים חשובער געווען איידער ריטואליזם.

היות זיין פערזענלעכער לעבנס-שטייגער האָט נישט געווירקט אויף אנ-דערע, האָט ער באשלאָסן זיך צו באניצן מיט פרעסע. ער האָט געגרינדעט א בלאַט, וואָס האָט זיך געווענדט נישט נאָר צו יידן, נאָר עס האָט באקעמפט יעדעס אומרעכט, יעדע עוולה. די צייטונג האָט געהייסן „פּרעזענטול" (קעגנ-ווארט). אין יאָר 1875 האָט לעבל געהאט אָפּגעדרוקט א היסטאָרישן ראָ-מאן פונעם יידישן לעבן „אלישע און עקיבה" די 318 זייטלעך באהאנדלען רע-ליגיעזע ענינים; דאָס בוך איז אָפּגעדרוקט אין דער דרוקעריי מארגוליעס פון באַ-קוי. לעבעל האָט נישט געקענט גענוג רומעניש, כדי צו שרייבן ביכער. ער האָט זיך גענומען צו הילף דעם יונגן ז. ה. ברוקאר לויט א שפּעטערדיקער רעצענזיע האָט לעבעל זיך שטארק באנוצט מיטן דייטשן ראָמאן פונעם ראבינער שמואל מייער. אייניקע קאפּיטלען זענען פשוט איבערגעזעצט, אנדערע זענען מער ווייניקער באארבעט. נישט לעבעל נישט זיין געהילף איז געלונגען צו שרייבן גענוג גוט רומעניש און דאָס ביכל האָט נישט געהאט דעם געוווּנטשענעם דער-פאָלג. אפשר אויך צוליב דעם פרייז, 5 ליי (10 קילאָ צוקער!). לעבעל האָט פארשטאנען, אז זיינע גוטע כוונות זענען נישט גענוג ווירקזאַם, אויב זיין רומעניש איז נישט פּויגלדיק. דערפאר האָט ער פארבעטן פאר א מיטארבעטער א יונגן שילער, ראָזנצווייג, וועלכער איז שפּעטער באקאנט געוואָרן ווי א ליב-האָבער און קענער פון יידיש אונטערן פּסעוודאָנים דר. סאָטעק. ער האָט גע-

פּרוווּט דרוקן יידיש אין לאַטיינישער שריפט. אין „פּרעזענטול„ האָט ער געשריבן עטלעכע גרעסערע אַרטיקלען וועגן יידישע שולעס אין רומעניע. די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין דעם 16-טן סעפּטעמבער 1876 און, מיט געוויסע איבעררייסן, האָט זי געלעבט ביז אַפּריל 1878.

צווישן די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג ציילן זיך עטלעכע אָנגעזעענע משכּילישע טוערס. א. ש. גאָלד, דער שפּעטערדיקער מחבר פון צענדליקער לערנביכער פאַר יודאַיסטישע לימודים דאָ אין לאַנד, האָט אָפּגעדרוקט רעצענזיעס ,דרשות און אַן אַרבעט וועגן דער בוקאַרעשטער קהילה צווישן 1852—1877. ער האָט איבערגעזעצט פון דייטש דערציילונגען אויף יידישע טעמעס. דער יונגער אליהו שוואַרצפעלד האָט מיטגעאַרבעט דורך אַ ריי בוקאַרעשטער קאָרעספּאָנדענצן וועגן יידן אין רומעניע. דער פּראָגרעסיווער באַרלאַדער רב א. טויבש אַ באַקאַנטער העברעישער שרייבער, האָט אויך מיטגעאַרבעט. דער שפּעטער באַרימטער זשורנאַליסט, פּאָלקלאָריסט און היסטאָריקער משה שוואַרצפעלד, די משכּילים ב. לאַבין פון באָטושאַן און י. ח. פּלאָר פון דאָראָהוי זענען צוגעשטאַנען. זיי האָבן זיך שפּעטער באַקאַנט געמאַכט דורך זייערע אַרבעטן אין דעם רומעניש ,,יאָרבוך פאַר איזראַעליטן", וואָס משה שוואַרצפעלד האָט אַרויסגעגעבן צווישן 1877—1899 און אין דער אַרבעט פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט ,,יוליום באַראַש". ווי אויך אין אַנדערע יידישע בלעטער.

די מלחמה פאַר רומעניענס אומאָפּהענגיקייט גיט לעבלען די געלעגנהייט אַרויסצווייזן זיין פּאַטריאָטיזם און די געטרייע געפילן פון דער יידישער באַפעלקערונג צו זייער געבוירן-לאַנד. ער פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, מע זאָל העלפן דעם סאַניטאַרן דינסט פון דער אַרמיי און ער דרוקט דערנאָך רשימות פון מנדבים. די אַקציע האָט דערפאָלג; די ידיעות וועגן פראָנט געפינען אַן אָפּקלאַנג ביי זיינע לייענערס, אין דער זעלבער מאָס ווי די ידיעות וועגן יידישן צושטייער צו די גרויסע מלחמה-אָנשטרענגונגען.

די צייטונג שטעלט זיך אָפּ צוליב מאַנגל אין לייענערס. יידן האָבן דעמאָלט מער געלייענט די יידישע בלעטער ,למשל דעם ,,היועץ".

לעבעל איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן פונעם דורכפאַל. דאָס זעלבע יאָר דרוקט ער, מיט דער רעדאַקציאָנעלער הילף פונעם יונגן משה שוואַרצפעלד, אַ מין יאָרבוך פאַר איזראַעליטן אויפן יאָר תרל׳ח. חוץ דעם קאַלענדאַריסטישן טייל ברענגט ער אַסך בעלעטריסטיש און וויסנשאַפטלעך מאַטעריאַל. קודם כּל ווערט געפּרווּט צו שאַפן אויף רומעניש אַ ליטעראַטור פאַר יידן (לויט דער טעמאַטיק און צוגאַנג נאָך מוסטער פון דייטש און רוסיש). די שרייבערס הייסן: ריקאַרד טאָרטשאַנו, די דריי ברידער בראָטשינער-מאַוריטשיו, יוסף און אַל-

פֿאַנס, די ברידער שוואַרצפֿעלד. עס פֿעלן נישט קיין אָפּהאַנדלונגען וועגן ייִדיש טעאַטער, ייִדישע שולעס, חברות, ביאָגראַפֿיעס, ביבליאָגראַפֿיע. דאָס צווייטע יאָרבוך, וואָס איז אַרויס אין בוקאַרעשט, אויפֿן יאָר תרל״ט, איז שוין געווען אָן לעבעלס מיטאַרבעט, נאָר געפֿירט פֿון משה שוואַרצפֿעלד, וועלכער האָט געווירקט ביזן טויט, 1943, גאַנצע 66 יאָר. לעבעל האָט אָבער אָפּגעדרוקט אַ ריי בראָשורעס אויף רומעניש לטובֿת ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג.

נאָטע מאַנגער

(געבוירן אין טשערנאָוויץ 10 אויגוסט 1903, געשטאָרבן אין סאַמאַרקאַנד סוף 1942).

דער דיכטער איציק מאַנגער האָט איין מאָל אַזוי כאַראַקטעריזירט זיין ליבן ברודער נאָטע. ער... „איז געווען אַן אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקייט, ערשטראַנגיק און איינציק. זיין גרויסע ליטעראַטור-קענטשאַפט, זיין שאַרפער קריטישער אינטעלעקט, זיינע פעיקייטן צו פאָרמולירן אין צוויי, דריי זאַצן דעם עיקר פון אַ פּראָבלעם האָבן אָנגערעגט צו פאַרמעסט און צו דערגרייכונג..." און דערנאָך פירט ער אויס: „אַ פּרינץ ביי דער ניי-מאַשין!"

נאָטע העלפער-מאַנגער, ווי ער האָט געהייסן אין די פּאַפּירן, איז בלי ספק איינע פון די אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, סיי אין היימישן רומעניע, סיי אויף דער ברייטער וועלט, פון אַט-לאַנטיק ביז אוראַל און פון סיר-דאַריא ביזן באַלטישן ים. ער איז געווען מיט דריי יאָר עלטער פון מיר און מיט דריי יאָר יינגער פון מיין ברודער שמחה ש-וואַרץ. האָט מען זיך געחברט.

שמחה האָט מיך געפירט צו די מאַנגערס אין יאַס אויף דער גאַס, וואָס מע רופט איצט „זעלבסשטענדיקייט-בולוואַר". נאָטע איז געווען אַ בילד-שיי-נער יונגערמאַן -שענערס פון אים האָב איך געקענט נאָר פּרץ מאַריקשן-הויך, שלאַנק, מיט לאַנגע, דינע פינגער (אַזויווי איציק), אַ פיינער אָוואַל פון פּנים פּרעכטיקע, עקספּרעסיווע אויגן .אפילו זיין צומאָל אָפּגעלאָזענע הלבשה האָט נישט געמינערט זיין חן. שפּעטער, ווען נאָטע, דער באַגאַבטער צושניידער און לערער אין דער יאַסער „אָרט"-שולע, איז געשיקט געוואָרן קיין פּאַריז אויף ספּעציאַליזאַציע, האָט ער אונדז צוגעשיקט אַ פאָטאָגראַפיע מיט דער צו-שריפט" אַ קאַסרילעווקער אין פּאַריז", שענער ווי רודאָלף וואַלענטינאָ, האָט עמעצער אָפּגעשאַצט.

קיין מיטלשולע האָט נאָטע נישט מיטגעמאכט. להיפּוך צו אַנדערע אויטאָדידאַקטן, וועלכע לייענען ליידנשאַפטלעך, אָבער ווייניק סיסטעמאַטיש, סרוב בעלעטריסטיק, געשיכטע, פילאָסאָפיע, סאָציאָלאָגיע, עסטעטיק, האָט נאָטע דורכגעמאכט אַלע לערנביכלעך פון דער מיטלשול: דערביי האָט ער גרינטלעך געקענט יידיש, דייטש, פראַנצויזישע ליטעראַטור, וואָס ער האָט געלייענט אין דער אָרשפּראַך, ביכלל האָט ער מער געלערנט ווי געלייענט, מער צוליב גייסטיקער פאָרמאַציע, איידער צוליב סתם אינפאָרמאַציע. נישט נאָר פּשוטער דאָרשט צו וויסן און קענען די גרויסע און די קליינע וועלט האָט אים געטריבן צו גריבלען זיך אין די אותיות מחכימות, נאָר אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג נאָך שלימות. דאָס שטרעבן צו אַ פּילזייטיקער פערזענלעכקייט.

נאָטע האָט געקענט זיין סאַראַקסטיש, סאַטיריש, אָבער נישט בייזוויליק, ער איז געווען קריטיש, אַמאָל היפּערקריטיש, אָבער נישט נעגאַטיוויסטיש. עס קען זיין, אַז די כלומרשדיקע „אַגרעסיוויקייט" האָט געזאָלט פאַרמאַסקירן אַ געוויסע צוריקגעהאַלטנקייט לגבי מענטשן און געשעענישן. אַ פיינפיליקער און טיפדענקענדיקער איז נאָטע נישט געווען קיין פּאַסיוויסט, ווי עס פּאַסירט מיט מענטשן, ביי וועלכע דער אינטעלעקט אינהיבירט די האַנדלונגען; ער איז געווען נאָענט צו דער רעוואָלוציאָנעדער באַוועגונג און מיטגעאַרבעט מיט די יידישע פּראָגרעסיווע קולטור-אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל די יאַסער „קולטור-ליגע" און דער טשערנאָוויצער „שולפאַריין" און ער האָט, ווי מיר אַלע, געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן יידישן קולטור-אויפבלי אין ראַטן-פאַרבאַנד, אויפן זיג פון סאָציאַליזם.

קיין מאָסן-רעדנער איז ער נישט געווען (זיין חבר שמחה, אויך נישט) און ווען זיי זענען, ערגעץ אין יאָר 1925 געפאָרן קיין טירגו-פרומאָס לייענען אַ לעקציע און פּירלייענען יידישע ליטעראַטור, האָט איינער שיר נישט אומגעוואָרפן דעם רעדנער-שטענדער, און דער צווייטער איז שיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער שמאָלער עסטראַדע. דערפאַר זענען זיי אין ענגן קרייז געווען אַנטציקנדיקע שמועסער, פייערדיקע דיסקוטאַנטן, פול שאַרם און דינאַמישקייט, אַ שיינדל פון גייסטיקייט און הומאָר.

ווער פון אונדז קאָן דען פאַרגעסן די אַרבעט פון ווינטער 1933-1934 איבער דער קליינער אַנטאָלאָגיע „נייע יידישע דיכטונג"? נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין שולע, אויף פּריוואַטע לעקציעס, אין ווערקשטוב, איז מען זיך צונויפגעקומען אין שטוב פון עם מאַטעמאַטיקער, פילאָסאָף, לירִיק-מבין און קולטור-עסקן, הערש סעגאַל. די אַנדערע צוויי מיטאַרבעטער זענען געווען דער באַקאַנטער שפּראַכיסט חיים גינינגער און איציק שוואַרץ (דער שפּעטער-

קער י. קארא). יעדער פון די פיר „אנטילאָגיקער" ווי נאָטע האָט זיי אָנגערופן זי האָט איבערגעלייענט צו 5—10 לידער, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן פון עטלעכע הונדערט. ארום און ארום האָט מען דורכגעלייענט בערך 5 טויזנט לידער און אָפּגעקליבן 100, וואָס מע האָט פארעפנטלעכט אין לאטייניש טראנסקריפּציע. נאָטעס געשמאַק, סובטילקייט און חוש פארן אָפּקלאַנג פונעם געדרוקטן וואָרט האָט אָפטמאָל אנטשידן די „אָפּשטימונג". ווי תמיד פלעגט ער אויסשפּאַנען די אָנגעשטרענגטקייט פון דער ארבעט דורך אן איראָניע, א שטעכווערטל, יענעם און... זיך.

אין דעם „סעמינאר פאר יידישער ליטעראטור-און שפּראכקענטעניש" איז ער שטיל בייגעווען, זעלטן ווען גענומען א וואָרט, אָבער די באמערקונגען, וואָס ער האָט געמאכט צווישן אונדז, אמאָל ערנסטע, אמאָל שפּאסיקע, זענען געווען וויכטיק, ריכטיק, ציכטיק. די שווערע סוף דרייסיקער יאָרן האָבן זיך אָפּגערופן אויף יעדנעם געמיט. עם האָבן נישט געפעלט אפילו קיין פאמיליע-פּראָבלעמען, נאָר דער עיקר, דאָס געפיל פון דער אָנוואקסנדיקער קאטאסטראָפע האָט שווער געטראָפן זיין פיינפיליקע נשמה, כאָטש ער האָט עס נישט ארויסגעזאָגט; אויך די בענקשאפט נאָך איציקן, וועלכער איז זינט 1938 געווען אין פאריז.

און אָט איז אויסגעבראָכן די מילחמה פון יוני 1941. דער גורל האָט אונדז צעוואָרפן איבער די גרויסע שטחים פון סאָוועטן-פארבאנד...

... ערשט שפּעטער, נאָכן צוריקקומען פונעם פראָנט, סוף 1945, האָב איך מיך דערוווסט, אז נאָטע איז געשטאָרבן אין סאמארקאנד סוף 1942... פון הארצווייטיק, פון פארצווייפלונג פון טרויער, ווייל... ווייל א שניידער ווי נאָטע האָט זיך בעסער געקענט דורכשלאָגן אין יענער צייט, אין יענעם קאנט, איידער א לערער צי א דאָקטער, מער שאנסן געהאט איבערצולעבן.. איבערצולעבן וואָס? צוליב וואָס? האָט ער זיך געלאָזט באזיגן נישט אזוי פונעם טיפוס, ווי פון דער אומזיניקער ווירקלעכקייט, ווו היטלערס הארדן האָבן געווילדעוועט.

סיי צום לעבן, סיי צום שטארבן דארף מען האָבן כוח. און מיר, די איבערלעבערס, זענען ווייט נישט אזוי העלדיש ווי עס דאכט זיך אונדז צומאָל.

מיהיי וויטעאזו

אין א רבניש ספר

עס ליגט אויף מיין ארבעטס-טיש א גרויס ספר, אָפּגעדרוקט בשנת ב נ ת ה, דאָס הייסט אין יאָר 5457 זינט די וועלט איז באַשאַפן לויט דער יידישער צייט-רעכענונג, 1696 לויטן אַלגעמיינעם לוח. דער דרוקער איז יאָהאַן פּאוסט פון פראַנקפורט אויפן מאַין. דאָס זענען די „שאלות ותשובות" פון דעם באַרימטן קראָקעווער רב יואל סירקיס זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט א צאָל רבנים וועגן ענינים פון יידישן ריטואַל. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך זוך נישט קיין סובטיליטעטן פון פּילפּול, נאָר היסטאָרישע ידיעות וועגן רומעניע. שטויס איך מיך אָן אויף דער שאלה נומער 82, וווּ עס איז די רייד פון א פּוילישן יידן, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין מאָלדעווע. ביי דער אומזיכערקייט פון די וועגן אין יענער צייט איז אַזוינס נישט קיין נאָווינע. דער צוועק פון דער שאלה איז פעסטצושטעלן אויב, ווען, וויאַזוי דער ייד איז דערהרגעט געוואָרן, כדי די עגונה זיינע זאָל קענען ווידער חתונה האָבן, מע געפינט עדות און מע רופט זיי קיין מעזיבאָזש, א שטאָט, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן דורך דער טעטיקייט פונעם בעל- שם טוב, דער גרינדער פון חסידיזם. דאָס אָרטיקע בית-דין פאַרהערט די עדות און מע שרייבט א „פּראָטאָקאָל" זונטיק 29 טבת 5365, 1605.

צום ערשטן רעדט אויך רוסיש דער עדות יוסף בר שמואל און מע זעצט איבער זיינע רייד אויף יידיש. איך ברענג דעם טעקסט מיט זייער ווייניק ענדערונגען, ווייל מע קען פאַרשטיין דאָס דעמאָלטיקע יידיש אָן באַזונדערע שוועריקייטן, מיט עטלעכע דערקלערונגען. איז, אָט וואָס עס דערציילט דער עדות: „מיר זענען געוועזן אין דער וואָלעכיי (געמיינט מאָלדעווע י. ק.) איך און חיים, חתן (דער איידעם פון) יצחק רב שלמה פון קראַסנע. מיר זענען געוועזן אין סטעפּאַנאָוויץ (דאָ איז געמיינט שטעפּאַנעשט, אין אַנדערע פאַלן, קאָן מען דערמיט

באצייכענען יאס, די שטאָט פון שטעפאן דעם גרויסן) אין איין האר־בעריק (קרעטשמע) בשעת די מהומה איז געווען מיט מיהאל האָבן מיר זיך געפאָרכט (מורא געהאט) און זענען געפאָרן צו דעם האָספּאָדאר (דער פירשט פון מאָלדעווע, דעמאָלט יערעמיא מאָגילא) און זיין פאָלק (ארמיי) מיט וואָלעכן (מאָלדעווער) און פאָליאקן. איז ער געשטאנען אויפן פעלד א מיין חצי פרסה (א האלבע מייל) פון באָטושאן. דאָ האָבן מיר געזען א גרויסע מיל־חמה ביי דעם האָספּאָדאר און שליחים זענען בכל (יעדע) רגע געגאנגען אויף און אָפּ (און געמאָלדן אז) מיהאל קומט. דאָ האָב איך יוסף הנ״ל (דער פריער דערמאָנטער) גערעדט צו חיימען: „עס וועט דאָ זיין א גרוים געשלעג מיט מיהאלן. מיר וועלן דאָ חס ושלום אומקומען. לאָמיר פאָרן אין דער שטאָט באָטושאן, אפשר וועלן מיר ניצול ווערן“. דאָס האָט חיים נישט געוואָלט. בין איך, יוסף אליין געפאָרן און חיים איז געבליבן אין דער מילחמה. איך און אנדערע יידן פון לוואָוו און סקאלע זענען געווען אין באָטושאן. דאָ האָבן מיר געהערט, אז אונדזערע האָבן מיהאלס פאָלק געשלאָגן און זענען געגאנגען אויף קאָטנאר (א דאָרף בארימט מיט זיינע וויינען). האָבן מיר מורא געהאט ווייטער צו פארבלייבן אין קאָטנאר, ווייל עס איז געווען צו ווייניק פאָלק (מיליטער). מיר האָבן געדינגען גוים און זענען ווידער געפאָרן קיין סטעפאנאָוויץ, „אין פאָרן האָבן מיר דערזען ווי חיים איז געליגן אויף דעם פעלד אויף דעם רוקן און האָט געהאט א שטאָך אין גאָרגל, דערציילט ווייטער דער עדות, און זיינע קליידער זענען געווען איינגעטונקען אין בלוט. „איך האָב אים אָנגערירט מיט מיין האנט. די פויערן האָבן געוואָלט פון אים אראָפּנעמען די זשופּיצע, זי איז געווען פון א גוטן מאטעריאל, דאָ האָב איך יוסף צו זיי געזאָגט:“ טוט עס נישט, ווייל ער איז א ייד און איר וועט האָבן קלאָפּאָט (דולעניש), האָבן זיי אים געלאָזט געמאך (די מלוכה פלעגט זאָרגן פאר דער זיכערקייט פון די וועגן און שווער באשטראָפן דעם, וואָס האָט דערהרגעט אָדער בארויבט א רייזנדיקן). און מיר זענען גיך געלאָפן קיין סטעפאנאָוויץ מחמת מורא המילחמה. דאָס איז געווען 5 טעג נאָך דעם וואָס מיר זענען אנטלאָפן פון יענעם אָרט.“

פון אָט דעם דאָקומענט זעט מען, וואָס פאר א געפאָרן סוחרים זענען אויסגעשטאנען צוליב פרנסה: אין דער אמתן „בנפשו יבוא לחמו“. אינטערעסאנט ווייזט מיר אויס דער פאקט, וואָס די יידישע סוחרים פון פוילן האָבן זיך געקאָנט איינפארשטיין מיט די אָרטיקע מאָלדעווישע פויערן, אוודאי אויף רומעניש. אויב מע באטראכט די דאטע פון דעם עדות־זאָגן, 1605, פארשטייט מען נישט, וואָס פאר א מין מילחמה דאָרט איז פאָרגעקומען און ווער עס איז דער מיהאל. דער בארימטער רומענישער היסטאָריקער נ. יאָרגא האָט געהאט

פאר זיך אן איבערזעצונג פון אַט דעם דאָקומענט און געפּרווט אלערליי השע־רות. לייענט מען אָבער אביסל ווייטער דעם אָריגינאַל, דערוויסט מען זיך, די מעשה איז געשען מיט 5 יאָר פריער, זומער 1600. ווערט שוין אַלצדינג קלאָר. דעמאָלט האָט מיהיי וויטעאזול (דער מוטיקער,) וועלכער האָט פאראייניקט אלע דריי רומענישע לענדער: וואַלעכיי, מאָלדעווע און טראנסילוואניע, אין איין לאנד, געקעמפט קעגן א קאָאַליציע פאָליאקן און מאָלדעווישע פּריצים. ברענ־גט אונדז דאָס רבנישע ספר אַן אָפּקלאנג פון אַט דער מילחמה. דער גרויסער היסטאָריקער ק. ק. דזשורעסקו האָט אָפּגעשאצט די ווערט פון אונדזער מקור, וועלכער ברענגט א צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם גרויסן העלד פון רו־מענישער אייניקייט. לאָמיר דאָ דערמאָנען, אז רבנישע שריפטן ברענגען אסך ידיעות צו דער געשיכטע נישט נאָר פון יידן, נאָר פון אלע פעלקער ביכלל. מע דאַרף אזעלכע ידיעות אויפזאמלען און פאַרווערטן.

געאָרגע אסאקי דרוקט ספרים

מיין פריינד קומט צו מיר מיט א טענה. ער האָט צופעליק געלייענט אין אן עלטערן נומער פונעם זשורנאל, וואָס די יאסער מיטראָפּאָליע גיט ארויס; האָט ער דאָרט באגעגנט מיינס אן ארטיקל, אין וועלכן עס שטייט שווארץ אויף ווייס, אז געאָרגע אסאקי האָט געדרוקט ספרים. פרעגט ער זיך, ווי קומט דער פּאָטער פון דער רומעניש׳ער פּרעסע, דער אויפקלערער, שרייבער און פאר-לעגער אסאקי צו דרוקן פרומע יידישע ספרים! מיין פריינד איז א סקעפּטיקער און ער וויל זען מיט די אייגענע אויגן און אָנרירן מיט די אייגענע הענט אָט די ספרים; ער איז מיך חושד, אז איך האָב פארפלאָנטערט די יוצרות...

איך שווייג און מיין פריינד שמייכלט איראָניש-ער האָט מיך געכאַפּט ביי דער האנט. כדי מיך פּאָרצושטעלן פאר אן אנטדעקער האָב איך אביסל צו-געפּוצט דעם אמת, מיינט ער. דאָס איז כמעט ווי באליידיקט, איך האַלט עס מער נישט אויס. איך עפן דאָס קעסטל מיט יקר המציאות און הייב אָן ארויס-צונעמען אייניציקווייז די ביכלעך.

דאָס ערשטע ביכעלע האָט אינגאנצן 20 זייטן. עס הייסט „אבקת רוכל" (די טאָרבע פונעם וואנדערנדיקן אפּטעקער) און איז אָפּגעדרוקט אין יאָר אין יאָר תר׳ב, 1842 הייסט עס. לויטן שער-בלאט האָט דער דרוקער גענומען פאר א מוסטער די ווענעציאנער אויסגאבע פון שכ׳ו (1566/5326).

איך ווייז אים די צוויי פארשיידענע אויפלאגעס פון דעם בארימטן מיסטישן געבעט-בוך „שערי ציון". איין אויפלאגע איז מיט א יידישער איבערזעצונג, און זי ווייזט אָן אויף דער פארשפרייטקייט פון חסידיזם אין רומעניע אין יענער צייט. דער מחבר פונעם בוך איז א באקאנטע פיגור אין דער יידישער געשיכ-טע. דאָס איז דער קאבאליסט, דער כראָניקער, דער גאון נתן נטע האנאָווער, וועלכער איז געווען רב פון יאס ארום 1670, ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרן די איצטיקע גרויסע שיל. מיר דערוויסן זיך פונעם שער-בלאט די נעמען פון

די „נגידים“, וועלכע האָבן פינאַנסירט די יידישע סעקציע פון דער דרוקעריי: משה זעליג צימאַנד און יהודא לייב וועקסלער,ביידע באַקאַנטע אָנפירער פון דער יאַסער קהלה; וועקסלער איז אַ באַקאַנטער באַנקיר. מיין פריינד שמייכלט, ווען ער לייענט אויפן פאָרזאַץ אַ רומענישע אויפשריפט מיט יידישע אותיות: סאָפּט אַאוספּיציליע פּרע אין נאַלצאַטלאָ שי פרע לאָמינאַטאָל דאָמנאַ מיכיי־איל גריגאָריע סטאָרזאַ וואָיעוואָדע, דאָמנאַ צערי מאָלדעווע אין אַל נאָהלעאַן אַ דאָמניע מ׳סאַלע. טיפּאַריטי אין אָהראַש יעשי לאַ אינסטיטאָטאָל אַלבינע, 1842. קאָ וואָיע צענזאָר“. איצט איז קלאָר, אַז דאָס ביכל איז אָפּגעדרוקט אין געאָרגע אַסאַקיס יאַסער דרוקעריי „אַלבינאַ“(די בין). דער לאַנדפירשט, מיהיי סטורזאַ, האָט געשטיצט די דרוקעריי, ווייל דאָס אַנטוויקלט די היימישע אינ־דוסטריע, און דער צענזאָר האָט דערלויבט דאָס דרוקן.

פרעגט מיין חבר: צוליב וואָס האָט אַסאַקי געדרוקט ספרים? איז ראשית, ווייל ער האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף דרוקעריי אין מאָלדעווע אין משך פון 15 יאָר. און צווייטנס, אַ דרוקעריי איז טאַקע אַ קולטור־אויפטו, אָבער קו־דם כל אַ געשעפט, אין רומעניע איז געווען אַ גרויסער נאָכפרעג אויף סידורים חמשים, ספרים, וואָס מע פלעגט ברענגען אין די צענדליק טויזנטער אַ יאָר פון עסטרייך, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, טערקיי. האָבן עטלעכע רירעוודיקע יידי־שע סוחרים געוואָלט עפענען אַן אייגענע דרוקעריי. איז אָבער געווען אַסאַ־קים „חזקה“. האָט מען באַשטעלט יידישע שריפט ,געשאַפן ביי אים אַ יידישן אָפּטייל, געוואָרן מיט אים שותפים און...

אָט איז דאָס „סדר ברכת המזון וקריאת שמע והגדה.... מיר געפעלט עס דער עקר צוליב די נאַיווע אילוסטראַציעס, וואָס מע האָט איבערגענומען, אי־בער וויז, פון אַן אַלטער אַמסטערדאַמער הגדה. די „מעצענאַס“ זענען דאַסמאָל אַנדערע צוויי יאַסער פּני, זלמינא פייגעלים און נאַטע וואַסערמאַן, בשות־פות מיט אַ דריטן נגיר ישראל אברהם סגל, וועמעס נאָמען וועט זיין אויף עט־לעכע פון די ספרימלעך, וואָס מע וועט אָפּדרוקן ביי ג. אַסאַקין.

צימאַנד און וועקסלער זענען די „אונטערפירערס“ פון אַ יידישער איבער־זעצונג פון „מגלת אסתר“. די אַרויסגעבער ווייזן אָן פאַרוואָס זיי דרוקן דאָס ביכעלע „ווייל עס דאַרף איטלעכער פאַרשטיין, וואָס ער הערט לייענען. „מע ווייזט אויך אָן, אַז דער „צענזאָר מהאַקאַדעמיע מיאַס“ האָט עס באַשטעטיקט. דער צענזאָר מיכיי וויטלימעסקו, איז געווען אַ משומד. זיין יידישער נאָמען איז געווען ניימאַן, און זיינער אַ יידישער ברודער האָט אים אפילו אַמאָל פאַרטרעטן אַלס „משגיח“ איבער יידישע ספרים. ווי יעדער משומד איז ער גע־ווען אַ קנאי, געזוכט און גענישטערט אין די ספרים עס זאָל זיך נישט אַריינ־

כּאָן גאָרנישט קעגן קריסטענטום. קיין געלד האָט ער אויך נישט פֿיינט געהאַט, האָט מען געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פֿון אים. שפּעטער האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין צוכט פֿון זיידן־ווערעם.

טוט מען אַ טראַכט ווי פּאָפּולער תהילים איז געווען ביים יידישן עולם, איז קיין וווּנדער נישט די שיינע אויסגאַבע פֿון תהילים מיט אַ יידישער איבערזעצונג פֿונעם זעלבן יאָר 1843. די רומענישע ווידמונג איז דאָס מאָל געשריבן מיט די דעמאָלט געוויינטלעכע קירילישע בוכשטאַבן. דאָס פּאַפּיר איז זייער פֿיין און עס זעט אויס גאַנץ שיין אַפילו איצט, נאָך 135 יאָר.

„ספר סליחות מכל השנה" איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות און מיט אַ יידישער איבערזעצונג. מע זעט, אַז די אַרויסגעבער האָבן אינזינען די גרויסע מאַסע פּשוטע יידן פֿון שטעטלעך און דערפֿער, וועלכע פֿאַרשטייען נישט דעם לשון־קודשדיקן טעקסט און ווילן וויסן, וואָס זיי טענהן צום רבונו של עולם. דאָ דערפֿילט מען איינעם פֿון די דעמאָקראַטישע שטריכן פֿונעם חסידיזם, וועלכער האָט געבראָכן מיטן מאָנאָפּאָל פֿון למדנים און מיוחסים. דערפֿאַר טאַקע איז דאָס ספרל „פּירקי אבות" אָפּגעדרוקט נאָר אויף „עברי טייטש" ווייל דעם העברעישן אָריגינאַל געפֿינט מען אין יעדן סידור און דער אינהאַלט איז אינטערעסאַנט. דער דאָרפֿס־ייד, וואָס האָט נישט געקענט קומען אין שטאָט הערן יעדן שבת ווי מע לייענט און פֿאַרטייטשט דעם „פּרק", האָט אים איצט געהאַט ביי זיך אין דער היים און זיך געקענט קוויקן דערמיט.

דאָס זעלבע יאָר 1843 ווערט אָפּגעדרוקט די באַרימטע ביאָגראַפֿיע פֿון ר' ישראל בעל שם טוב, דער גרינדער פֿונעם חסידיזם; די פּאָרשפּרייטקייט פֿון אָט דעם האַגיאָגראַפֿישן ווערק „שבחי בעשט" שפּיגלט אָפּ די פֿאַרשפּרייטקייט אין רומעניע פֿון אַ פֿאָלקסטימלעכן שטייגערישן חסידיזם, ווו מע האָט ביים רבינס טיש גענאָסן מער שיריים, איידער תורה, מער טרייסט איידער דערהויבונג, מער פֿרייד, איידער קבלה. פֿון אַרכיוו־מאַטעריאַלן איז אונדז באַקאַנט, אַז אין דער צייט זענען צימאַנד, סגל און וועקסלער געוואָרן די פּאַקטישע באַזיצער פֿונעם יידישן אָפּטייל פֿון אַסאַקים דרוקעריי.

דער ערשטער טייל, 58 זייטלעך, פֿון „ספר שולחן ערוך", וואָס מע דרוקט אויף יידיש" בכדי אַז מע זאָל וויסן אַלע דינים..." איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט אין רומעניע. עס האָבן זיך נאָך אויפֿגעהיט עטלעכע עקזעמפּלאַרן. ווי באַקאַנט איז דער יידישער ריטואַל מיט זיינע תרי"ג מיצוות זייער אַ קאָמפּליצירטער. דער פּשוטער ייד פֿון אַמאָל האָט זיך זייער געניייטיקט אין אַזאַ וועגווייזער.

אן אנדער ביכל פון אונדזער סעריע איז „שיח ספונים" א מיסטישער קאָ־מענטאר צו „שיר השירים" און דער „אברך" אריה לייב רב אליהו בראנדים האָט עס איבערגעזעצט אויף יידיש און אָפּגעדרוקט אין איינעם מיטן לשון־קודש אָריגינאַל, כדי דער פרומער ייד, וואָס זאָגט „שיר השירים" יעדן פרייטיק פאר נאכט, זאָל נישט מיינען אז דאָס וווּנדערבארע ליבע ליד פון שלמה המלך איז א פּשוטע ערדישע ליבע. פארקערט, לערנט מען אים, דאָס איז אן אַלעגאָ־ריע אויף דער ליבע פון דער שכינה צו דעם יידישן פאָלק. „שני שדיים לך", דו האָסט צוויי בריסטן, פלעג דער רבי אונדז פארטייטשן, אז דערמיט מיינט מען משה רבינו און אהרון הכהן. דער קריסטלעכער טעאָלאָג האָט זיך זיין אייגענע אינטערפּרעטאציע.

די חסידישע שיטה חב"ד איז געווען זייער פּאָפּולער אין רומעניע. אפילו צווישן ביידע וועלט־מילחמות זענען כמעט אין יעדן שטעטל געווען חב"ד־שילן. דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס „תניא", דאָס גרונט־ווערק פונעם גרינדער פון אָט דער שיטה, איז אָפּגעדרוקט אין יאס אין יאָר 1843, אין חודש יולי.

ווי א לעצט ביכל פון אָט דעם פּלוצימדיקן קורצן אויפבלי פון יידישן דרוק אין יאס איז צו אונדז דערגאנגען די עברי־טייטש גירסא פונעם תרגום שני צו מגילת אסתר. דאָס איז א האלב בעלעטריסטישע דערציילונג, וואָס האָט פארן פּשוטן יידן דערזעצט דעם היסטאָרישן ראָמאַן פון די אומות העולם. אגב בין איך זיכער, אז אסאקי האָט אָפּגעדרוקט נאָך ספרים, וועלכע זענען מיר נישט צוגעפאלן. איבעריקנס האָט ער סיי צוליב פּאטריאָטישע טעמים, סיי צוליב געשעפט, געדרוקט יאָרביכער אין דייטש, היסטאָרישע דערציילונגען אויף פראנצויזיש, לערנביכלעך אויף ארמעניש, לאטייניש, גריכיש. מיין פריינד און איך האָבן באוווּנדערט די רירעוודיקייט פון דעם גרויסן לערער, שרייבער, טוער, געאָרגע אסאקי, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן אנטוויקלען א מאָדערנע אינ־דוסטריע דאָ אין לאנד. מיין פריינד איז געבליבן בארויקט און פארטראכט.

האָב איך אביסל געענדערט שלום עליכמס זאָג: טראכטן איז געזונט, דאָק־טוירים הייסן טראכטן,. לאָמיר פרווון.

די יאסער הגדה

„ער מיינט נישט די הגדה, ער מיינט די קניידלעך", „א חכם פון דער מה־נשתנה„, „ער זיצט אין חד גדיא", „בנים איז אויך נישקשה פון א מכה", „עס איז פיתום מיט רעעמסס", „וועסט עס דערציילן אויפן הסב-בעט". דער יידישער פאָלקלער ווייזט ווי חשוב פסח איז פון תמיד אָן ביי יידן סיי צוליב דער הגדה, סיי צוליב... די קניידלעך. מילא, פסחדיקע מאכלים איז א ענין פאר זיך און די הגדה קאָן זיך באַרימען, אז ביז דער ערשטער וועלט-מיל־חמה זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן איבער טויזנט פארשיידענע אויפלאגעס אין דרוקערייען פון איבער 100 שטעט, מיט און אָן פירושים, מיט אָדער אָן ביל־דער, מיט אָדער אָן איבערזעצונגען אויף יידיש, לאדינאָ אָדער אויף כמה לשו־נות. עס זענען אויך באקאנט עטלעכע הונדערט מאנוסקריפּטן פון הגדות מיט אילוסטראציעס און צייכענונגען. איינע פון די בארימטסטע הגדות פון אָט דעם מין איז די הגדה פון סאראיעוואָ. די עלטסטע געדרוקטע הגדה איז דערשי־נען אין פּראָג אין יאָר 1526. אירע בילדער האָט מען אָפט נאָכגעמאכט. אין יאָר 1695 איז אין אמסטערדאם אָפּגעדרוקט געוואָרן, דורך משה וועסעל, א הגדה מיט קופּערשטיכן פון אברהם בר יוסף. די גראוורן פון אָט דער אויפ־לאגע האָט מען נאָכגעמאכט אין משך פון הונדערטער יאָרן אין אסך הגדשה־אויסגאבעס...

איינע פון זיי איז די יאסער הגדה, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אָנהייב תר'ג (1842) אין דער בארימטער טיפּאָגראפיע „אלבינא", וואָס דער באקאנ־טער רומענישער שרייבער, רעדאקטאָר, שולטוער און צייכענער געאָרגע אסא־קי האָט געהאט אין יאס מיט א פּריווילעגיע אויף 15 יאָר, צו זיין דער איינ־ציקער דרוקער אין שטאָט. די 13 בילדער פון אָט דער הדגה שפּיגלען אָפּ דעם גאנצן צערעמאָניעל פונעם סדר. זיי זענען נאָכגעמאכט לויט א ווינער הגדה, וואָס דער באקאנטער דרוקער אנטאָן שמיד האָט ארויסגעגעבן אין ווין אין

יאָר 1794. די ווינער הגדה איז נאָכגעגאנגען א באַרימטער פּראָגער הגדה און יענע האָט זיך פּארקוקט אויף דער באַרימטער אמסטערדאַמער. ווי איר זעט, ציט זיך א גאָלדענע קייט פון הגדות איבער אייראָפּע.

די יאסער הגדה דרוקט איבער מיט געטריישאַפט די בילדלעך פון דער ווינער הגדה: דעם גאַנג פונעם סדר אין בני ברק, די פיר בנים, משה הרגעט דעם מצרי, יציאת מצרים, די סעודה, די צען מכות, דוד שפּילט אויף דער הארפע. זי האָט געזאָלט קאָנקורירן מיט די אומצאָליקע הגדות פון ווין, לעמבעריק, פון גאַליציע און אפילו מיט דער שיינער ספרדישער הגדה פון טריעסט. דערפאַר האָט די יאסער הגדה זיך אַרומגערינגלט מיט אַנדערע חמצ-דיקע תפילות: בענטשן, קריאת שמע און אלצדינג מיט „עברי טייטש", „... בכדי די אַלע ניצלעכע זאכן, וואָס אין שטוב באַדאַרף מען האָבן, זאָל מען תיכף געפינען אין דעם כרך". דאָס ספר איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיטן געלט פון די יאסער נגידים זלמינא פייגעלים און נטע וואסערמאַן, אונטער דער השגחה פון ישראל אברהם סגל. אין דער זעלבער דרוקעריי זענען אין משך פון עטלעכע חדשים דערשינען נאָך 10 ספרימלעך, לשון קודש און יידיש, חסידות און דינים.

פון שפּעטער געדרוקטע הגדות אין רומעניע איז כדאי צו דערמאָנען ש. ש. גאָלדס הגדה מיט א רומעני־שער איבערזעצונג פאַר איזראַעליטישע שולעס, מיט בילדער און מוזיקאַלישע נאָטן. זי איז אַרויס ביי סאַמיטקאַן אין קראַיאָווא, אָנהויב הײנטיקן י'ה. די בילדער זענען פון דער אמסטערדאַמער הגדה.

אויפן דעקל פון א באָטושאַנער הגדה פון אָנהייב יאָרהונדערט זעט מען אזא בילדל: משה רבינו מיט א קאַפּטן און א שטריימל, מיט א בייטש אין דער האַנט פּאַשעט שאָף, דער סימבאָל פון די צאן קדשים. אַנדערע הגדות פון רומעניע ברענגען ווייניק אָריגינעלע בילדער.

קיין האַנטגעשריבענע הגדות פון רומעניע זענען מיר נישט באַקאַנט. די היגע סופרים און קאַליגראַפן האָבן אָבער באַוויזן זייער טאַלענט דורך מיזרחים און שער-בלעטער צו פּינקסים, באַזונדערס געראָטן איז א גאַנץ געצייכנטער פּינקס פון סוליצע פונעם יאָר 1862. דאָס איז אָבער א באַזונדער קאַפּיטל יידישע פאָלקסקונסט אין רומעניע.

דער בראַילעווער דאָקטער

איך וואָלט דעם באַקויער „סטודענט“, דעם מיטל־שילער יעקב ראָזענצווייג, נישט אָנגערופן קיין „ווונדערקינד“, כאָטש ער איז אַלט געווען נאָר 18 יאָר, ווען ער איז, סעפּטעמבער 1876, געוואָרן דער פאַקטישער רעדאַקטער פון דער זמענישער צייטונג (פאַר יידן), וואָס האָט זיך אָנגערופן „פּרעזענטיל“, די איצטיקייט. דער אייגנטלעכער אַרויסגעבער איז געווען אַ מאָדנע מענטש, אַן אונטערנעמער מיטן צונאָמען „אייזערנער קאָפּ“, צוליב זיין „פריי זיין“ אין רעליגיע, זיין איינגעשפּאַרטקייט און זיין קלוגשאַפט. אַבראַהאַם לעב לעבעל, דער 54 יעריקער משכיל, איז געווען דערצויגן אויף דייטש, נישט געקענט שרייבן קיין אַרטיקלען אויף רומעניש, האָט ער געשפּילט אַ קאָרט, און... געוווּנ־נען. ראָזענצווייג האָט אויף זיינע יונגע אַקסלען געטראָגן דאָס בלאַט, רעדאַ־גירט, געשריבן אַרטיקלען ביזן לעצטן אָטעם פון דעם בלאַט אָנהייב 1878.

ער האָט געחלומט צו ווערן אַ דאָקטער, האָט ער געלערנט מיט גרויס התמ־דה. די עלטערן זענען געקומען קיין באַקוי פון בראַילאַ, די באַקאַנטע האַוונ־שטאָט אויף דער טונע, און דאָס בחורל האָט דאָ געלערנט, אָבער געפאָרן קיין באָטושאַן אָפּלייגן די „באַקאַלאַרעאַט“־פּרווון, כדי צו קאָנען אַריינקומען אין אַן אוניווערסיטעט. דערווייל איז ער אַלט 18 יאָר און אויב ער וויל פאָרן שטודירן אין בערלין, דאַרף מען אָפּשפּאָרן אַביסל געלט. וועט ער ווערן אַ לערער אין דער נייער יידישער פאָלקסשולע פון באַקוי. ער האָט ליב קינדער און ער אינטערעסירט זיך פאַר שפּראַכן. ווי יעדעם יידישע קינד רעדט ער יידיש און רומעניש גוט; אַ מאָל אין דער שולע איז דייטש, פראַנצוי־זיש, לאַטיין נישט געווען פאַר אים קיין פּשוט אָפּקומעניש. עס אינטערעסירן אים די פעדעם, וואָס בינדן שפּראַכן צווישן זיך און ער וועט זיינע וויסנ־שאַפטלעכע אינטערעסן פאַרבינדן מיט זיינע לערערישע פּראָבלעמען.

די יידישע קינדער לערנען שוין אין חדר דעם יידישן א׳ב. די לאטיינישע שריפט איז פאר זיי פרעמד. וועט דער יונגער לערער ראָזענצווייג צוטראַכטן א פאַרטל. דער באַקוועער ראש הקהל קומט אמאָל אריין אין ערשטן קלאַס, זעט ער ווי דער יונגער לערער שרייבט אויפן טאָוול יידישע ווערטער מיט רומעני-שע בוכשטאבן; א פאַרוואונדערטער פרעגט ער דעם לערער, וואָס איז עס פאַר א גאַנג.

— די קינדער קענען רעדן זייער מאַמע-לשון און זיי קאָנען אויך שרייבן און לייענען דעם יידישן א׳ב?

— אוודאי קאָנען זיי; דערצו האַלטן מיר דאָך מלמדים אין תלמוד תו-רה וואָס הייסט א יידיש קינד זאָל נישט קענען קיין א׳ב? אפילו רענדאַרעס אין דאָרף קאָנען אויך דאַווענען טוט נאָר א קוק, דאָמנולע פרעשעדינטע, איך שרייב אויף די ווערטער „טאַטע-מאַמע״, דאָס קינד לייענט זיי אָראָפּ און ער וועט שוין געדענקען ווי מע שרייבט אויף רומעניש „ט״ „א״, „ט״, „ע״...

דער פרעזידענט הייבט די אַקסל און גייט זיך זיין וועג און דער יונגער לע-רער טוט זיך ווייטער זיינס. ער וואָלט זיך וועלן אָפּטרייסלען פון דער צייטונגס-אַרבעט, דערציילט אים לעבל אזא מעשה: „צוויי יידן דוד און מרדכי גייען און שמועסן אויף דער גאַס. פּלוצים קומט זיי אַקעגן א הונט. דוד, א מורא-דיקער, האָט א סגולה קעגן הינט, גאָך פון די חדר-יאָרן; ער מאַכט מיט דער האַנט א „פייג״, לייגט זי אריין אין קעשענע און זאָגט שטילערהייט: „הונט, האַלט דעם פּיסק! איך בין יעקב, דו ביסט עשו! אז דו וועסט מיך בייסן, וועלן קומען וועלף און דיך צערייסן״. פרעגט אים מרדכי: „ווי קומט עס, וואָס דו א ייד מיט א באָרד, זאָלסט מורא האָבן פאַר א הונט?״ ענטפערט דוד: „פאַר איין הונט וואָלט איך נישט געהאַט קיין מורא; נאָר אז ער הייבט אָן צו בילן, לויפט זיך צונויף א גרויסע מישפּחה זיינע...״ פאַרשטייט ער שוין, אז די אַר-בעט אין בלאַט איז נייטיק.

ער פאַרגעסט אָבער נישט אין זיין דאָקטעריי-חלום. איז פאַרט ער טאַקע קיין ווין און... עס הייבן זיך אָן יאָרן פון לאַנגע, שווערע לערן-טעג און-נעכט, שפּיטאָל-פּראַקטיק. ראָזענצווייג באַנוגט זיך נישט דערמיט. זיין גייסטיק-שאַפט-טלעכע אָדער לאָזט אים נישט רוען. ער באַקענט זיך מיטן פילאָסאָפיע-סטו-דענט נתן בירנבוים, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי א יידיש-פּאַ-טריאָט און ווי א רעליגיעזער דענקער און „אגודת-ישראל״-אָנפירער, מיט פּינסקערן, מיט שנירערן און מע גרינדעט א סטודענטישן פאַריין „קדימה״.

דער נאָמען „פּאָרוים״ באַטייט, אז דאָס איז נישט קיין באַנאַל „קולער-פאַר-באַנד״ מיט פעכטעריי און ביר טרינקען, מיט רעשיקע לידער און פלאַבע היש-

גות. דאָ שמועסט מען פון יידישע קולטור ענינים, צווישן אנדערע אויך וועגן שרייבן העברעיש מיט לאטיינישע אותיות, כדי עס בעסער דערנענטערן צום מאָדערנעם יידן. אונדזער באקויער סטודענט וועט זיי דערציילן וועגן זיינע לערערישע אויפטועז, מיט שרייבן יידיש מיט רומענישער שריפט.

הייבט זיך אָן א דיסקוסיע, טראדיציע, פּראָגראַם, נאציאָנאַלע אוצרות; און יעקב ראָזנצווייג טענהט, אז, מילא, לשון-קודש מעג זיך האָבן זיין א׳ב, אָבער יידיש איז דאָך א קרוב מיט דייטש, זאָל מען עס שרייבן מאָדערנע, וועלן עס אסך קענען לייענען. און ער ברענגט באווייזן איבער באווייזן. ווייל כאָטש שטודירן מעדיצין איז שווער, געפינט ער צייט פאר זיין „האָבי״, פארגלייכן שפּראַכן. אין דעם פילפעלקערדיקן ווין קאָן ער אויסלערנען פּויליש און אוקראיניש, אויף דער אוניווערסיטעט גיט מען קורסן פון אראביש, און סאנסקריט און ענגליש. ראָזענצווייג רוט זיך אָפּ פון די שווערע מעדיצין-ביכער דורכן שטודירן שפּראַכן. יעדער מענטש רוט זיך אָפּ לויט זיין געשמאַק. ער פירט לאנגע שמועסן מיט א הומאניסטישן אונטערשלאַק מיטן שפּעטערדיקן שעפער פון עספּעראַנטאָ דער פּוילישער ייד לודוויג זאמענהאָף. מע מאכט צומאָל לאנגע שפּאַצירן אין ארבעטער קווארטאל, מע ווערט גערירט פון דער קינדער-נויט. אָט אזוי וואקסט אויס אין דעם יונגן יעקב דער ווונטש צו ווערן א קינדער-דאָקטער. אין קען אייך שוין פון איצט זאָגן, אז פון זיין באהאנדלען אָרעמע קינדער איז דער שפּעטערדיקער דאָקטער סאָטעק-לעטעאנו, ווי ער האָט זיך דערנאָך אָנגערופן, נישט געוואָרן קיין נגיד.

דערווייל איז ער נאָך אַן אָרעמער סטודענט, די עלטערן שיקן צוביסלעך געלט אָבער ער פירט א זייער אינטערעסאנט לעבן, וואָס איז ווייט פון סטודענטישע הוליאנקעס אָדער ווילייגערישער באָהעמע. געלערנט, געלערנט אוןאויסגעלערנט. אין יאָר 1886 באקומט ער דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם און ער באזעצט זיך אין בראילא. וואָס זאָל איך אייך דערציילן וועגן די שוועריקייטן פון א יונגען דאָקטער, פון די אינטריגעס פון קאָנקורענטן, פון אנדערע זאָרגן, מע פילט, אז דער יונגער דאָקטער האָט ליב זיין פאך, האָט ליב קינדער און איז נישט געלט-גיריק. האלט מען פון אים אין שטאָט. אנדערע דאָקטוירים שפּילן פּאָקער, מאכן וועטשערינקעס, מע לעבט א ווילטאָג. סאָטעק שפּאָרט יעדן איבעריקן גראָשן, באטשעלט ביכער פון זיין פאך און... גראמאטיקעס, ווערטערביכער פון אלערליי שפּראַכן. הונדערטער, טויזנטער צעטעלעך שרייבט ער אויס און ער געפינט אַן אָנקערעכץ צווישן שפּראַכן, דאָרט ווו מע ריכט זיך נישט, ער שפּאצירט איבער דורות און לענדער, צווישן קלאסן און פעל-

קער, צווישן רעליגיעס און פילאָסאָפיעס און זוכט עטימאָלאָגיעס, דעם אָפּש-טאם פון דעם אָדער יענעם וואָרט.

פּראַקטיש קומט דערפון ארויס גאָר עפּעס אנדערש. אין יאָר 1878 האָט ער אין דעם אלטפרענקישן באקוי אויסגעלערנט קינדער דעם רומענישן אלפא-בעט דורך יידיש; איצט אין דער פילפעלקערדיקער שטאָט בראילא, ווו יעדער קאָן גוט שרייבן און לייענען רומעניש, וועט ער די יידיש-רעדנדיקע יידן לער-נען יידישע ליטעראטור דורכן רומענישן אלפאבעט. דער געדאנק ווערט רייף אָנהייב 1902 און ער דיסקוטירט היים מיט דער רעדאקציע פון דער צייטשריפט „קראָניקא איזראעליטא".

„מיינע הערן, זאָגט ער זיי, די היגע יידן רעדן טאקע יידיש, ווער מער, ווער ווייניקער, ווער בעסער, ווער ערגער, אָבער לייענען יידיש לערנט מען נישט. אויב מיר ווילן זיי ברענגען דאָס וואָס מיר ווילן מיט רומענישער שריפט, וועט מען לייענען".

— מע קאָן פּרווון, מאכט דער רעדאקטאָר, פּאַפּיר איז געדולדיק, און עס איז געוווינט, אז מע זאָל אים פארשווארצן דאָס פּנים, מע שמייכלט און סאָטעק באַ-קומט א רובריק „אונדזער לשון". ער וויל צוציען דעם לייענער, שרייבט ער אויף אקטועלע טעמעס. דער עיקר פירט ער א מלחמה מיט די „פּומונטעאנען", „דער פארבאנד פון יידן תושבים", וועלכע זענען אסימילאנטן און אביסל מה-יפתניקעס. הומאָר, סאטירע, וויץ, פּאַראָדיע זענען זיינע כלי-זין.

די בראילעווער אינטעליגענטן, וועלכע שפּעטן פון יידיש און זענען כלו-מרשט פאר העברעיש, ווייזט ער אָן, אז ניין מיליאָן יידן רעדן יידיש. סאָטעק גלויבט, אז סיי אויף דער וועלט, סיי אין א יידיש לאנד וועט יידיש לשון לעבן, צוזאמענלעבן מיט דער לאנדשפּראך. - גאָר צו וואָס דיסקוטירן; איך וועל טון מיינס, וועט מען זען דעם רעזולטאט. איך ווייס איינס, אז קיין לעבעדיקערס און פריילעכערס פון אונדזער לשון איז גאָר נישטאָ..."

סאָטעק איז אָבער א פאָלקס-אויפקלערער, נישט קיין אידעאליזאטאָר. ער זעט, אז דער עולם האָט ליב צו זען שמ'רס, שייקעוויטשעס פּיעסעס, צו לייענען זיינע ראָמאנען; נעמט ער און פּאַראָדירט אים אין איינעם פון זיינע פעליטאָנען אונטערן טיטל „דער רבי אין די האָלאָבליעס". וואָס-זשע גיט מען דעם עולם במקום שמ'ר? ער טראכט און דערטראכט זיך. אין רומעניע זענען ביז גאָר פּאָפּולער די לידער פון וואָלף זבארזשער-עהרענקראנץ, וועמען דער עולם רופט דאָ גוטברודעריש „וועלוועלע". איז א געדאנק אָפּצודרוקן מיט רו-מענישער שריפט עפּעס פון זבארזשערס לידער. ער פארשטייט זיך איין מיט אָרטיקע טוערס און באלד קומט ארויס, מיט לאטיינישער שריפט, אַ 80 זייט-

לדיקע בראָשור: „ציוניסטישע ביבליאָטעק“, נומער 1. מקל נועם, יידישע פאָלקס־לידער פון וואָלף זבארזשער עהרענקראנץ. אנטיקווא טראנסקריפּציאָן פון דר. סאָטעק. בראילע, בוכדרוקעריי „אוניווערסאלא“, קאָנסט. פּ. ניקאָלאו. 1902. אסך פון די לידער זענען מתנגדישע ווי „דער רבי אויפן ים“, אנדערע שטיי־געריישע, ווי „די געשטערטע ליבע“ אנדערע ווידער, אקטועלע „ווי די לייפּ־ציגער מעסע“. הכלל פון די 22 לידער האָט מען געקאָנט שעפּן תענוג. סאָטעק האָט בריטע פּלענער. פארן צווייטן ביכל פון דער סעריע מעלדעט ער „פיש־קע דער קרומער„ פון ש. אבראמאָוויטש. ער זאָגט אָן דאָס ארויסקומען פון א יידיש בלאט „יידנלאנד“, אויך מיט לאטייניש ער שריפט. נו, משמעות, אויב לייענען א פעליטאָן אין א רומענישער צייטונג האָט געפונען בעלנים, איז אָ־בער לייענען א ביכל אָדער גאָר א בלאט אויף יידיש מיט לאטיינישער שריפט און דייטשן אויסלייג, נישט געווען קיין ענין.

דערפאר אָבער האט סאָטעק ווייטער אָפּגעדרוקט זיינע זאפטיקע פעלי־טאָנען אין דער יידישער פרעסע אויף רומעניש. און אויף ברענענדיקע טעמעס, למשל די רעכטלאָזיקייט פון יידן, וואָס האָבן אויסגעדינט אין רומענישן מי־ליטער. ער שרייבט, אשטייגער. „סע זאָל מיך שוין אזוי ארן דאָס שינימ־וויטיק, ס'האָט מיר, נישט פאר אייך געדאכט אָנגעצויגן א יאָסלע, ווי סע ארט מיך, וואָס כ'האָב נישט געדינט אין מיליטער; נאָר, פּשוט, סע פארדריסט מיך, וואָס אזוינע „פומונטעאנעס„ האָבן זאדערעט די נאָז...“

דער ביי פארגעסט ער נישט זיין גרויסע ליידנשאפט צו פילאָלאָגיע און אין יאָר 1904 דרוקט ער אָפּ אין דער „לומעא איזראעליטא“ א קאָמפּאראטים־טישע אַרבעט וועגן ווערטער. אָט אזוי רופן זיך איבער הומאָר און סאטירע מיט פילאָלאָגיע און מעדיצין.

סאָטעק האָט נישט אויפגעהערט זיך איבערצושרייבן מיט זיין יונגטפריינד נתן בירנבוים און פלוצים זומער 1908, פארבעט אים יענער קיין טשערנאָוויץ, אויף א קאָנפערענץ וועגן יידישער קולטור. שפּעטער וועט די קאָנפערענץ בא־רימט ווערן, ווייל זי האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון יידיש לשון. עס זע־נען זיך צונויפגעקומען שרייבערס,טוערס, רעדאקטאָרן, וויסנשאפטלער, קינס־טלער און סתם אינטעלעקטואלן און מע האָט געשמועסט.

עטלעכע חדשים פאר זיין טויט ,אין יאָר 1939, האָט דער אלטער דאָקטער דערציילט! „פּרץ און בירנבוים האָבן געוווסט וועגן מיין שרייבן יידיש מיט לאטיינישער שריפט... אין טשערנאָוויץ האָב איך מיך שטארק געאמפּערט מיט שלום אשן און מיט פּרצן וועגן יידיש“. דאָס איז געווען 1908. דערנאָך זענען געקומען דאגות פּרנסה, צער גידול־בנים (זיין זון דער אדוואָקאט אלעקסאנדער

לעטעאנו-סאָטעק האָט געלעבט ביז סעפּטעמבער 1978) און סאָטעק איז געבליבן ביי זיינע שטילע גריבלענישן איבער פרעמדע ווערטער, אָנגעפּולט זעק מיט צעטלען, וואָס ער האָט געהאָפט. אז א פאכמאן וועט זיי אמאָל אויסניצן...

זיינע אלטע אינטערעסן בליצן אויף אין יאָר 1928, ווען ער איז אין קאָמיטעט פאר דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט; און ווידער דאָקטערייפילאָלאָגיע. דאָס אכטע יאָרצענדליק פון זיין לעבן איז נישט באשאָנקען מיט געזונט און פרנסה. ער האָט א לעבן לאנג נישט געהאט קיין רייכע פאציענטן. און אויף דער עלטער...

נאָר צו וואָס טרויעריק ווערן. סאָטעק האָט אסך יאָרן פון זיין לעבן אוועקגעשענקט פארן פאָלקס-לשון, פארן קינדס געזונט. ער האָט איבערגעשטיגן די 80 און זוכה געווען נישט צו זען די שווערע יאָרן פון מילחמה און שואה. און ער איז נישט פארגעסן געוואָרן. אזוי ווי מע קאָן זען פון מיינע שורות דאָ.

יידיש מיט לאטיינישע בוכשטאבן

עס איז אן אלטע טראדיציע ביי יידן צו שרייבן זייער יומטובדיקע אָדער וואָכיקע שפּראך, עברית, אראביש, פּערסיש, יידיש, לאדינאָ, טאטיש מיטן אייגענעם אלף בית. העברעיש מיט דער פּירעקיקער שריפט, עברי-טייטש און לאדינאָ מיטן רשי-כתב. דערזעלבער רשי, שרייבט די פראנצייזישע ווערטער פון זיין בארימטן פּירוש אויך מיטן אלף בית. דאָס אייגענע טוט אליהו לע-וויטא מיט די פרעמדשפּראכיקע איבערזעצונגען אין זיין „תשבי“

הכלל, וואָס איז דאָ אסך צו דערציילן, יידן קענען די שפּראכן פון זייערע וווינערטער, אָבער שרייבן, שרייבן זיי זיי מיטן יידישן אלף בית. מיר איז בא-קאנט אפילו אזא מאָדנער פאקט פון צוריק מיט 150 יאָר. א ייד, א פּריצס א נאמן, ווערט געשיקט אין א דאָרף כדי צו פארקויפן די תבואה צו א גע-וויסן סוחר. יענער קומט צופאָרן און וויל נישט באצאָלן דעם אָפּגעמאכטן פּרייז. וויל אים דער נאמן נישט געבן דעם ווייץ. כדי דער פּריץ זאָל נישט „בארוגז“ ווערן, שרייבט ער אים א בריוול אויף רומעניש, אָבער מיט יידישע אותיות. ער פארענטפערט זיך דערפאר, מיט דער דערקלערונג, אז דער לאָגאָפאט, שריי-בער, איז נישטאָ אין דער היים, האָט נישט ווער צו שרייבן מיט די דעמלט ני-ציקע קירילישע בוכשטאבן. דער פּריץ האָט שוין געפונען אין שטעטל, ווער עס זאָל אים איבער לייענען דאָס בריוול...

א צווייטער טשיקאווער פאקט פון דערזעלבער צייט. א ייד, א משומד באָרגט געלט און גיט א קוויטונג אין וועלכער ער חתמעט זיין נייעם נאָמען „געאָרגע באָטעזאטו“... מיט יידישע אותיות. עס איז אים גרינגער געווען אוים-צולערנען א נייע תורה איידער א נייעם אלפאבעט.

אויף אייניקע יידישע ספרים, וויאָס זענען אָפּגעדרוקט אין יאס אין די יאָרן 1842—1843 איז אָפּגעדרוקט א ווידמונג פארן לאנד-פירשט אויף רומע-ניש, מיט יידישע אותיות, מיט אן אייגנארטיקן אויסלייג. עס בלייבט א פאקט

אָבער פּעסט, אז ביזן אָנהייב צוואנציקסטן יאָרהונדערט האָבן יידן געשריבן יידיש נאָר מיטן אלף בית. די ספרדישע יידן האָבן געלערנט מיט זייערע קינדער לאדינאָ געשריבן מיט רשי, כתב. פריער פון די יידיש-רעדנדיקע האָבן זיי אָנגעהויבן שרייבן זייער „שפּאניאָליש" מיט לאטייני שן אלפאבעט. די צייטשריפן, וואָס דער ראבינער קריספּין האָט ארויסגעגעבן אין טורנו-סעווערין זענען אין לאטייני שער שריפט. די „יידיש„-יידן האָבן אָבער בעסער געקאָנט לייענען און שרייבן דעם אלף בית איידער די לאטיינישע שריפט; אָבער מאמע-לשון האָט מען קוים געלערנט שרייבן אין חדר צי אין די שולעס, מע האָט עס אליין געלערנט דורכן לייענען די היגע יידישע פּרעסע, למשל, דעם בארימטן „היועץ".

ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר אָנהייב צוואנציקסטן י'ה האָט זיך דאָס פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראטור צווישן ברייטן עולם אָנגעשטויסן אין דעם פאקט, וואָס אסך היגע יידן האָבן שווער געלייענט א יידיש ביכל. איז איינער פון די אינטערעסאנטסטע געשטאלטן פונעם רומענישן יידנטום, דאָקטער סאָטעק לעטעאנו (1860 1933), א ליבהאָבער פון יידישער קולטור. געקומען אויפן געדאנק, אז מע דארף שאפן א יידישן אויסלייג מיט לאטיינישער שריפט און זיך רעכענען מיטן צווישן-דיאלעקטאלן פּרינציפּ.

פונעם פאך א מעדיקער, האָט ער צוגעלערנט פילאָלאָגיע, אזוי אז זיין פּרווו איז נישט געווען קיין טאנדעט-אימפּראָוויזאציע, נאָר א גוט צוגעטראכטער סיסטעם. דאָס באטייט נישט, אז מע מוז מסכים זיין מיטן געדאנק צו שרייבן יידיש דורך א פרעמדן אלפאבעט, אָדער אז מע מוז אָננעמען סאָטעקס סיסטעם טראנסקריפּציע געבויט אויפן דייטשן אויסלייג, אפשר דערפאר, וואָס אין אלע יידיש-רומענישע שולעס פון רומעניע האָט מען געלערנט אביסל דייטש. סאָטעק האָט קאָסעקווענט אָפּגעדרוקט אין יידיש-רומענישע צייטונגען א ריי יידישע פעליטאָנען אונטערן טיטל „אונדזער לשון" מיט לאטיינישע בוכשטאבן.

ער האָט געפּלאנט ארויסצוגעבן א ביבליאָטעק פון יידישע, ליטעראטור אין זיין טראנסקריפּציע. דאָס ערשטע (און איינציקע) ביכל איז וועלוול זבארזשערס „מקל נועם", אָפּגעדרוקט אין בראילא, אין יאָר 1902. אלס נומער צוויי פון אָט דער סעריע „ציוניסטישע זשארגאָן-ביבליאָטעק" האָט געזאָלט זיין מענדעלע מוכר ספרימס „פישקע דער קרומער"; ער האָט זיך געגרייט ארויסצוגעבן א בלאט „יידנלאנד", ווו עס האָבן געדאַפט מיטארבעטן בארימטע יידישע שרייבער. 1908 איז סאָטעק בייגעווען אויף דער בארימטער טשערנאָוויצער שפּראך-קאָנפערענץ און דאָרט רעפערירט וועגן זיינע פּלענער צו פארשפּרייטן יידישע ליטעראטור אין אן עולם, וואָס רעדט, אָבער לייענט נישט קיין יידיש...

נאָך אים האָט מען געדרוקט אין רומעניע מערערע יידישע שריפטן מיט לאטייניש בוכשטאבן, אָבער אין א פרימיטיווער, אומקאָנסעקווענטער טראנ־סקריפציע צ. ב. לוצא ענגעלבערג, שמשון פערשט א. אנד. אן אויסנאם איז די אנטאָלאָגיע פון יידישער ליריק. וואָס איז ארוים אין טשערנאָוויץ, אין יאָר 1934, דורך דעם „סעמינאר פאר יידישער ליטעראטור און שפראכקענטעניש". די ארויסגעבער זענען געווען: חיים גינינגער, נאָטע העלפער (מאנגער), הערש סעגאל און איציק שווארץ. די גרונט־אויסשפראך איז געווען די ליטעראריש, געבויט אויף צפון־יידיש און די טראנסקריפציע איז געווען נאָענט צו דער אוניווערסאלער, אין אן איינפאכערער גירסא. די כוונה פון די מחברים איז גע־ווען צו באקענען פארפרעמדעטע יידישע אינטעליגענץ מיט דער מאָדערנער יידישער ליריק.

דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרן אפילו שטעפאן צווייג האָט געענטפערט א שיינעם בריוו, ווו ער באדויערט, וואָס ער קען נישט קיין יידיש. אָט דער טשער־נאָוויצער פרווו האָט אינספירירט יצחק פאנער און אליעזר פרענקעל ארויס־צוגעבן אין יאס, אין יאָר 1945, אן ענלעכע אנטאָלאָגיע, מיט א פרימיטי־ווערער טראנסקריפציע, אָבער אינטערעסאנט אין תוך.

יידיש מיט לאטייניש־גאָטישער טראנסקריפציע און דייטשן אויסלייג האָט אין טשערנאָוויץ געדרוקט זינט ערב דער ערשטער וועלט־מילחמה, שמשון פערשט (1886 1968). זיין „גראגער" און זיינע אנדערע הומאָריסטישע יום־טוב־בלעטלעך זענען געווען בארימט. אין מאָלדעווע האָט מען ארויסגעגעבן ענלעכע פורימדיקע, שבת הגדולדיקע פלוגבלעטער לויטן רומענישן אויסלייג. אזעלכע אויסגאבעס און ענלעכע ביכלעך האָבן אָפּגעשפּיגלט א נידעריקן קולטור־ניווא נישט נאָר פונעם לייענער, נאָר אָפט אויך פונעם שרייבער. אָפט איז די שפראך געווען זשארגאָניזירט אָדער דייטשמעריש, דער אינהאלט וול־גאר און פלאך.

אזוי זענען די ביכלעך פונעם קאָמי־וואָיאזשאָר לוצא ענגעלבערג (1897—1948). ער האָט אָפּגעדרוקט אין פיאטרא־נעאמץ „זביטקעס„ (1907), „שבת נאָכן טיש" (1910 און 1926) „קופלעטן, וויטצע און אנדערע פארשיידענע הו־מאָריסטישע יידישע ערציילונגען." די צווייטע פארבעסערטע און פארגרע־סערטע אויפלאגע, 80 זייטן, ברענגט אזא הומאָר: דער סערבישער קע־ניג האָט געשיקט יענע וואָך צוויי קעסטלעך אתרוגים דעם פריב־מיניכ־טער פון רומעניע וועגן פסחדיקן דולטעץ (איינגעמאכטס). קאָמיש זענען די תנאים־מעלדונגען: סלאָווע הערינגבראטן, גדליה בליצטראָפּן, פארפלאָנטערני, בוטשעטשעא, פאריז. מיטוואָך דער ברית. „אָדער „בלימע נעסע מונישבערו,

נחום פישל פיטערמאן, פארפאטשקעט, סאסקוט (ענגלאנד), טשיקאגאָ. מע בעט דעם עולם זונטיק צום קריאת-שמע-לייענען".

דער מחבר פארענטפערט זיך פארוואָס ער דרוקט אזוי זיינע ווערק „מערער וועגן די יידן, וועלכע האָבן רומעניש געלערנט"... „ווען איך וועל עס דרוקן אויף ריין יידיש, ...וועט מוזן קומען איבערגעביטן אלע אמתדיקע רומענישע אױסדריקע (!)"...

אין מאי 1938 קומען ארויס אין בוקארעשט אויף יידיש מיט רומענישן אויס-לייג 12 סאטירעס פון סאָלאָמאָן סעגאל (1864–1948). ער האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1912, אין אמעריקע, א באנד פערזן „הארפנקלאנג", שפּעטער א גרויסע אנ-טאָלאָגיע, אויף יידיש, פון רומענישער פּאָעזיע אין זיין איבערזעצונג (1922). קיין דיכטער איז סעגאל נישט. אויך זיינע סאטירישע בריוו זענען בלייך. אין בוקארעשט האָט א חזן אָפּגעדרוקט א גרוים העפט חזנישע זאכן אין לאטיי-נישער שריפט. מער געשמאק ווייזט ארויס דער מחבר פון „מאהאלא" הומאָריס-טישע סקיצן פון מילאָ אונגאר, ארויס אין יאַס, 1939. דער מחבר איז זיך מתנ-צל פארן דרוקן זיינע סקיצן אין לאטיינישן לבוש „דער רוב יידן אין רומעניע רעדט יידיש, אָבער א קליינער טייל קאָן לייענען אָדער שרייבן יידיש... „וואָלט מען געפּרוווט ...דעם עולם צוצושטעלן יידישע ליטעראטור אָדער פרעסע מיט לאטיינישער שריפט... וואָלטן מיר שוין פון לאנג פאריינט דעם גרויסן קאָנ-טינגענט יידיש-רעדער פאר יידיש-לייענער... מיר טרעטן צו צון אזא פּרווו..."

נאָך דער צווייטער וועלט-מילחמה זענען אין דעם „קולטור-וועגווייזער" אָפט אָפּגעדרוקט געוואָרן יידישע טעקסטן מיט לאטיינישער שריפט, דער עיקר לידער מיט מוזיק. אויך פריער האָבן אייניקע יידיש-רומענישע צייטשריפטן אָפּגעדרוקט יידישע לידער מיט לאטיינישע אותיות.

קיינעם פון די מחברים אָדער ארויסגעבער איז נישט געגאנגען אין א פּרינ-ציפּיעלן איבערגיין פונעם יידישן אלף בית אויפן לאטיינישן אָדער סלאווישן אלפאבעט. צוליב פּראקטישע טעמים האָט מען געפּרוווט דרוקן יידיש מיט לא-טיינישער שריפט. מיר געדענקען זייער גוט, אז דער יידישער אויסלייג איז אַן אינטערדיאלעקטאלער און פארבונדן מיט קולטור-טראדיציעס. דאָס שרייבן מיט אנדערע בוכשטאבן איז אָפט געווען פארבונדן דאָ אין רומעניע, מיט רע-גיאָנאליזאציע אָדער זשארגאָניזאציע פון דער שפּראך, מיט סתם אָפּגעלאָזנ-קייט, אומקולטור און טריוויאלישקייט.

אזוי אז...

אברהם אקסלראָד

געבוירן, 1879, און דערצויגן אין א באַלעבאַטישער מישפּחה פון דער מאָלדעווישער שטאָט בארלאד, האָט אברהם (אַדאָלף) אקסלראד געהערט אין שטוב רעדן יידיש, די עלטערן צווישן זיך און מיט שכנים. מיט די קינדער האָט מען גערעדט רומעניש, כדי זיי זאָלן גוט באהערשן די לאנד-שפּראך. איז ער טאקע פון פרי אָן געוואָרן א יידישער פּאָעט אויף רומעניש; ער האָט אָבער דאָך געקענט גענוג יידיש, כדי צו איבערזעצן פון דער יידישער ליטעראַטור אויף רומעניש. ער האָט באקומען א גענוג גוטע טראַדיציאָנאַלע יידישע דערציונג און אויסבילדונג, אז זיין דיכטונג זאָל זיין שטארק בייינפלוסט פונעם תנ״ך, פונעם יידישן פאָלקלאָרן און שטייגער. דאָס פארענדיקן א רומענישע מיטלשולע, זיין לערערײַ, 40 יאָר, אין בוקארעשטער איזראעליטישע פאָלקס-שולעס, זיין פארטיפן זיך אין דער רומענישער ליטעראַטור און קולטור, זיין ליבשאפט צום היימלאנד, דערגאַנצן זיך קאָנגזייטיק אין זיין געמיט און געדאנק.

אברהם אקסלראד איז געשטאָרבן אין בוקארעשט דעם 13 טן אויגוסט 1963, אין עלטער פון 84 יאָר. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען קראנק און מער נישט געשריבן. זיין שרייבערישער אָנהויב איז אין יאָר 1900. נאָך א שטיק צייט עקאָנאָמישער קריזע און פארפאָלגונגען איז דער מצב פון יידן אין אַלטן רומעניע געווען א שווערער. עס איז דערגאַנגען דערצו, אז טויזנטער פארצווייפלטע מישפּחות פון יידישע בעלי מלאכות, קליינע סוחרים און ענגעשטעלטע, ארבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט צו פאָרן קיין אמעריקע. נישט האָבנדיק אויף הוצאות איז מען ביז צו דער עסטרייכישער גרענעץ געגאַנגען צופוס. אויפן וועג האָט מען פארקויפט ספּעציעל געדרוקטע פלוגבלעטער. אין אזא פלוגבלאט פון „צופוסיקע עמיגראַנטן“, ווי מע פלעגט זיי רופן, האָט אקסלראַד אָפּגעדרוקט זיין ערשט יידיש ליד אויף רומעניש.

אין משך פון 45 יאָר האָט ער דערגאַך אַנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אויף רומעניש א ספּעציעלע לידיק פון יידישן טרער און קרעכץ, פון נאַיוון יושר־פּאַטאָס, פון בענקשאַפט נאָך גערעכטיקייט און, שפּעטער, פון פּראָטעסט קעגן פאַשיזם. ער געהער צו א קליינער גרופּע שרייבער, וואָס האָבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, געפּרוווט שאַפן א יידישע ליטעראַטור אויף רומעניש. אָן באַזונדערן דערפאָלג. אקסלראדם ערשט לידער־ביכל „קיין מיזרח" איז אַן עכאָ פון דער חיבת ציון באַוועגונג אין רומעניע. 1919 גיט ער אַרויס א צווייט לידער ביכל, „דאָס רענצל צרות", ווו עס איז בולט דער איינפלוס פונעם „טרערן מיליאָנער" מאָרים ראָזנפעלד, פון ש. פרוג און פון באַוושאָווער און עדלשטאַט. אונטער דעמזעלבן קעפּל האָט ער אין יאָר 1945 אָפּגעדרוקט א זאַמלונג פון אַלע זיינע לידער, אַרום 69; זיי שפּיגלען אָפּ, אויף א לירישן אופן, דאָס לעבן און שטרעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רומעניע אין משך פון א האַלבן יאָרהונדערט.

אין יאָר 1930 האָט אקסלראָד איבערגעזעצט אויף רומעניש און אָפּגעדרוקט א זאַמלונג לידער פון אנדרע ספּיר „יידישע פּאָעמעס" אויף דער ליניע פון זיינע אייגענע געדאַנקען און געפילן וועגן יידישן גורל.

אין אקסלראָדס עלטערע לידער קלינגט צומאָל אָפּ א בענקעניש נאָכן אַלטן שטייגער. מיט אַן אונטערטאָן פון גרויסשטאָטישער אויסגעוואָרצלטקייט. פאַראַן אַן ענלעכע שטימונג ביי אייניקע רומענישע דיכטערס, געקומענע פונעם דאָרף, למשל, אָקטאַוויאַן גאָגאַ; אנדערע לידער, למשל „מיינע תלמידים" האָבן א רייזענישן ביי־טעם. עס לאָזט זיך אמאָל הערן די דראַמע פון דעם, וואָס שרייבט נישט אויפן לשון פון זיינע לייענער.

„און כ'זינג, צי הערט מען מיך, צי ניין,
דעם טרויער און די צרות פון מיין פאָלק,
אין אויסגעבאָרגטן לשון, פיין און שיין".

די באַהעפטקייט מיטן גורל פון זיינע יידישע ברידער, שטערט נישט דעם דיכטערס ליבע צום היימלאַנד, אפילו ווען עס איז אומגערעכט צו זיינע יידישע קינדער. ער שפּיגלט אָפּ די איצטיקייט, למשל, דעם שוידערלעכן פּאָגראָם פון 1941, אמת אויף אַן אופן, וואָס איז מער כראָניק איידער ביאַליקישער „שחיטה־שטאָט". אין די פינצטערע יאָרן פון פאַשיסטישער דיקטאַטור איז אקסלראָר נישט נאָר א באַוויינער, נאָר א בעל־בטחון אויך; ער האָפט אין א וועלט פון יושר און גערעכטיקייט.

א. אקסלראָד איז אין תוך א משכיל, און אויפקלערער, א לערער. במשך 40 יאָר איז ער טאקע געווען לערער אין איזראעליטישע שולעם פון בוקארעשט. דאָ האָט ער זיך באקענט מיטן שווערן לעבן פונעם יידישן מאסע-מענטש: דלות, אונטערדריקונג, אָפּגעשטאַנענקייט. ער גלויבט אין כוח פון בילדונג פארן אויס-מענטשלען זיך. דערפון נעמט זיך זיין פּאָפּולאריזאטאָרישע ארבעט אין וויסנ-שאפט. אונטערן פּסעוודאָנים א. א. לוקא האָט ער רעדאגירט עטלעכע וויסנ-שאפטלעך פּאָפּולערע צייטשריפטן און זאמלונגען אויף רומעניש: „וויסנשאפט-לעכער פּראָגרעס" (1904). די סעריע ביכלעך מיט געלע דעקלעך, וואָס יוגנט-לעכע האָבן געלייענט מיט ברען האָט געהייסן „לומין" (ליכט) (1908–1916); אין די יאָרן 1921—1924 רעדאגירט ער די צייטשריפט „האָריזאָנט" און א בי-כער סעריע מיטן זעלבן נאָמען, וויסנשאפט פילאָסאָפיע, עסטעטיק, סאָציאָלאָ-גיע פאר יונג און אלט: ספּינאָזע, וואָלטער, רענאַן, רוסאָ, טאָלסטאָי, גאָרקי

אקסלראדס טעטיקייט ווי א פארשפּרייטער פון נאטורוויסנשאפטלעכע און פילאָסאָפישע קענטענישן איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט. ער האָט, תיכף נאָך דער ערשטער וועלט- מלחמה, געעפנט די טויערן פון קענטעניש, פון וויסנשאפטלעכן וועלט-באנעם, פאר צענדליקער טויזנטער איינוווינער פון רומעניע. ער איז באגייסטערט פון די ביבלישע שיינקייטן, פון דער נביאישער עטיק, פון פאָלקלאָרישן שטייגער; ער בלייבט אָבער נישט ווייט פון וועלט-קול-טור, פון רומענישער קולטור און פון היינטצייטיקייט. ער בענקט נאָך א וועלט פון באפרייונג, פון יושר און שלום. ער איז תמיד גרייט צו שטארקן די הער-צער אין קאמף קעגן עוולות. ער פאָרשט געשיכטע, כדי אויסצושיילן דעם יידישן צושטייער צו דער וועלטקולטור; ער זעצט איבער אויף רומעניש די אוצ-רות פון יידישער קולטור, אלטע און נייע.

אין דער פובליציסטיק איז ער א מאָנער. דער שרייבער זאָל זיין פארבונדן מיט די שטרעבונגען פון זיין פאָלק. ער וועט באטאָנען דעם יידישן צושטייער צו רומענישער עקאָנאָמיק און קולטור, כדי צו באקעמפן די אנטיסעמיטישע רכילות. ער **נעמט** ווידער אויף זיין רומענישן פסעוודאָנים, כדי צו באקעמפן ראסיזם (1938). זיין מיטארבעט אין דער צווייטער סעריע פון דער יידיש-רו-מענישער צייטשריפט „קולטורא" (1893-1940) האָט ממשיך געווען און אקטוא-ליזירט זיין אויפקלערערישע און דערציערישע ארבעט.

ארום און ארום איז אברהם אקסלראָד א רירנדיקע געשטאלט פון א יידיש-רומענישן אויפקלערער, דיכטער, לערער און עסקן, א מענטש אָן קאריערים-טישע אמביציעס, מיט אסך ליבע צו פאָלק און מענטש.

שלמה ווינינגער

א לעבן געווידמעט א ווערק

האָט זיך א בוקאָווינער ייד אָפּגעלעבט 91 יאָר צווישן גורא הומאָרולוי, א שטאָט אין דרום-בוקאָווינע און ערגעץ א ישוב אין ישראל. איבערלעבן די האבסבורגישע טאָפּלאימפּעריע, די ערשטע און צווייטע וועלט-מילחמה, געטאָ און דעפּאָרטאציע פון איין זייט, און להבדל די גרויסע סאָציאַל-פּאָלי-טישע ענדערונגען אין רומעניע און, לסוף, דאָס איבערפאָרן אין א ניי לאנד, איז א רייכע ביאָגראפיע. אויב מיר שטעלן זיך אָפּ אויף שלמה (סאָלאָמאָן) ווי-נינגערן איז עס, ווייל ער האָט אויסגעפירט און דערפירט איינער אליין אן אר-בעט, וואָס איז אייגנטלעך די טירחה פון צענדליקער מיטארבעטער.

ער איז דער מחבר פון דער „יידישער נאציאָנאַל-ביאָגראפיע" אויף דייטש, אין זיבן גרויסע בענד, און זייער ארויסגעבער צווישן 1925-1936.

זיין פאָטער איז געווען א וואָלינער ייד, וועלכער איז אנטלאָפן פון די צאריסטישע באפערס, אין דער צייט פון די קאנטאָניסטן. ווער געדענקט נישט דעם ביטערן גורל פון יידישע זיבנייעריקע קינדער, וואָס מע פלעגט אוועקגעבן אויף 25 יאָר פאר ניקאָלייעווסקע סאָלדאטן? מענדעלע-מוכר ספרים, אקסנפעלד, יהודה שטיינבערג א. אנד. האָבן באשריבן זייער ביטערן גורל. ווינינגערס פאָטער האָט געפונען א מקום מקלט אין רבישן הויף פון סאדעגערע, פונעם בארימטן ישראל רוזשינער. וויפל חסידות דער יונגערמאן האָט אויפגענומען, איז שווער צו זאָגן. דעם זון האָט ער אָבער געגעבן א גוטע טראדיציאָנעלע דערציונג; גלייב-צייטיק האָט ער אים געלאָזט לערנען אין דער דייטשער מיטלשול. און שלמה איז אויסגעוואקסן א שטיק משכיל, אי צו גאָט, אי צו לייט.

זיך נישט גערעכנט מיט דעם כבוד, וואָס די האבסבורגישע מלוכה האָט אָפּגעגעבן יעדן „הער דאָקטאָר", און יעדער אדוואָקאט און כמעט יעדער לי-ציי-לערער האָט דערגרייכט אזא טיטל, האָט דער יונגער פּאָסט-באאמטער

סאַלאָמאָן וויינגער אויסגעפּלאַנט זיין יידישע נאַציאָנאַל-ביאָגראַפיע. ווי-נינגער האָט אָנגעהויבן אויסצושרייבן זיינע „קאַרטלעך" זינט 1901. לאָמיר געדענקען, אַז דעמאָלט האָט נאָך נישט עקסיסטירט די ענגלישע ענצי קלאָפּע-דיע, נישט די רוסישע און אַוודאי נישט די דייטשע. עס האָבן עקסיסטירט עלטערע העברעישע מאָנאָגראַפיעס, און כלערליי טײלאַרבעטן אויף דייטש, ענגליש, יידיש, רוסיש, רומעניש, אונגעריש א. אנד. שפּראַכן. וויינגער האָט דורכגעפאָרטש טויזנטער קלענערע און גרעסערע זאַמלונגען, צייטשריפטן, ביכער און בראָשורן און געזאַמלט נייע ידיעות. נאָכן דערשיינען פונעם ער-שטן באַנד איז אים געלונגען צוצוציען א ריי קאָרעספּאָנדענטן אין מערערע לענדער און דאָס האָט גרינגער געמאַכט זיין אַרבעט. קיין געלט האָט קיינער נישט באַקומען. וויינגער איז צופרידן געווען צו קאָנען דרוקן דאָס ווערק צו קענען דעקן די דרוקעריי-און פּאָסט-הוצאות און עפּעס פאַר דער טעכנישער אַרבעט.

שלמה וויינגער איז אַן עקלעקטיקער. זיינע אָפּשאַצונגען שטאַמען פון די אָנגענומענסטע מקורים; ער באַמיט זיך, נישט צו זיין איינזייטיק סיי אין אויסוואַל פון די פאַרשוינען פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס ער באַהאַנדלט, סיי אין די אָפּשאַצונגען. אַוודאי האָט ער געמאַכט אייניקע קאָנצעסיעס צוליב פּי-נאַנציעלע טעמים (למשל, די לאַנגע אָפּשאַצונג וועגן דער מישפּחה „ריטער פאָן אנהאוך").

ווען איין מענטש אַליין טוט די אַרבעט פון א קאָלעקטיוו כאַפּן זיך בוודאי אַריין אין זיין אַרבעט געוויסע גרייזן, דורכלאָזן, אומפּינקטלעכקייטן. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז וויינגער ברענגט 13 טויזנט איינצלנע אַרטיקלען וועגן יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. ער באַמיט זיך צו זיין געטריי דעם אמת, צו זיין גוט אינפאָרמירט און אָביעקטיוו. דערפאַר אפשר איז דאָס ווערק אין אייניקע טיילן זיינע נישט פאַרעלטערט, כאָטש עס דערשיינען זינט 40 יאָר אַזויפיל וויכטיקע ביאָגראַפישע ווערק.

וויינגער איז אַלט געווען 45 יאָר ווען ער האָט אָפּגעדרוקט דעם ערשטן באַנד פון זיין „יידישע נאַציאָנאַל-ביאָגראַפיע" אין טשערנאָוויץ. דער זעקס-טער באַנד ענדיקט דעם אַלפאַבעט און גיט דערגאַנצונגען צו די ערשטע זיבן בוכשטאַבן; דער זיבעטער באַנד גיט די איבעריקע דערגאַנצונגען. עס איז געווען דאָס יאָר 1936. ער האָט נישט אויפגעהערט זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר נייע בענדער. נאָכן סוף צווייטע וועלט-מלחמה האָט וויינגער זיך ווידער באַ-זעצט אין זיין דירה פון גורא-הומאָראַלוי און ווייטער געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר א צווייטער אויפלאַגע פון זיין לעבנסווערק. געקומען קיין ישראל אין 80-

קער, האָט ער נישט אויפגעהערט ארבעטן און געהאָפט צו זען אָפגעדרוקט זיין נייע אויפלאַגע, זאָל זיין אפילו נישט אויף דייטש, וועלכע איז זינט היטלער מער נישט געווען די שפּראַך פון חכמת ישראל. אין דער צווייטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז א ביאָגראַפישע ענציקלאָ־פּעדיע שטייגט אריבער די כוחות פון איין מענטשן, דער עיקר פון אַן אַלטן מאַן, וועמענס עיקר־פאַרדינסט איז זיין פּיאָנערישקייט. זלמן רייזענס, מ. ראַוויטשעס, זלמן זילבערצווייגס לעקסיקאָנען, „ווער איז ווער" פון אַמעריקע און ענגלאַנד, די נייע העברעישע, ענגלישע, שפּאַנישע לעקסיקאָנען, דער אונ־גערישער לעקסיקאָן און אפילו גרעסערע אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיעס שטייען היינט צו דינסט דעם פאָרשער. אָבער פאַר א סך לייענער איז וויגינגערס אר־בעט נאָך ניצלעך. זאָל ער דערמאָנט ווערן ווי א שטילער, געטרייער טוער וועל־כער האָט אויסגעטראָגן א ווערק, וואָס מאָנט א קאָלעקטיוו, אַן אויפטו, וואָס איז געבליבן.

יוליאן שווארץ

(15 מײַ 1910 — 19 אָקטאָבער 1977)

ווען א שרײַבער, א קינסטלער, א וויסנשאַפטלער פאַרענדיקט זײַן ערדישן וועג טרעטן אַלע זײַנע חסרונות און מעלות אין הינטערגרונט, מע רעכנט זיך מיט זיי נאָר אין דער מאָס, וואָס זיי קענען העלפן דערקענען און דערקלערן דאָס ווערק. די געשיכטע נעמט אויף נאָר דעם תמצית פון יענעמס אויפטו אויף דער וועלט, זײַנע דערגרייכונגען און ווירקונגען. דאָס קאַפּיטל לעבן פון יוליאַן שווארץ האָט אויפגעהערט; דאָס קאַפּיטל ווירקונג ווערט פאָרגעזעצט; פארן קאַפּיטל דויער דארפן זאָרגן די צוריקגעבליבענע. לאָמיר דערווײַל אָנוואַרפן עטלעכע שטריכן פון זײַן לעבן און טון.

געבוירן דעם 15 טן מײַ 1910 אין שטעטל פּאָדעלוי, לעבן יאַס, דער דריטער צווישן אכט קינדער, וואָס דאָס פּאָרל הערש און אסתר שווארץ האָבן געבראכט אויף דער וועלט, האָט ער געלעבט אונטער דער אָבסעסיע, אז ער קען נישט אָפּשטײַן פון זײַנע 2 עלטערע ברידער: שמחה שווארץ (1900—1974), דער טעאַטראַל, דיכטער און סקולפּטאָר און י. קארא (געב. 1906) דער ייִדישער און היסטאָריקער.

דער מלאך מיט טויזנט אויגן האָט אָנגערירט יוליאַן שווארצן, אים אַזועקגעריסן פונעם ארבעטס טיש, מיטוואָך דעם 19 טן אָקטאָבער 1977, פּאַרמיטאָג. ער איז אוועק פון אונדז אין פולן שעפערישן ברען און אומרו, אין שטענדיקן שטרעבן נאָך פּילזײַטיקייט, מיטן קלאָרן באַוווסטזײַן, אז זײַן ארבעט איז ניצלעך און נויטיק.

געבוירן און דערצויגן אין א באַלעבאַטיש-טראַדיציאָנאַלער מישפּחה האָט ער פון דעם טאַטן געירשנט דעם אימפּעט, דעם איניציאַטיוו, די אומדערמידלעכקייט און א טראַדיציאָנעלע ייִדישע קולטור און דערציונג; פון דער מאַמען קומט צו אים די ליבע צו קונסט און מוזיק, צו מאַמע-לשון און א פריע בא-

קאנטשאפט מיט פראנצייזיש און דייטש. פון די עלטערע ברידער נעמט ער אי־בער פראָגרעסיווע אידעען, אינטערעס פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט און א פארשטארקונג פון זיין דאָרשט נאָך וויסן. נאָך אלס יינגל אָרגאניזירט ער אין יאס (1929) יידיש־קורסן און א דראמקרייז פון יונגע ארבעטער אויף דער באַדימטער „רויטער בריק".

פארענדיקט די איזראעליטיש־רומענישע פאָלקסשולע אין פּאָדעלוי, האָט ער אין יאס דורכגעמאכט פיר קלאסן גימנאזיע. ווייטער לערנען איז נישט מעגלעך געווען, ווייל דער טאטע איז פּלוצים פאראָרעמט געוואָרן און געשטאָרבן יונג אין 1928. דאָס יינגל שלום (דאָס איז יוליאנס פאָרנאָמען ביז 1950) האָט געמוזט זוכן פרנסה, איז ער געוואָרן א באאמטער אין א פאבריק, דערנאָך אין א באנק. תיכף נאָכן מיליטער־דינסט האָט ער זיך אין טשערנאָוויץ, ווו די מישפחה האָט איצט געוווינט, און אין בוקארעשט, ווו ער האָט געארבעט, באַקענט מיט די ראדיקאלע קולטור־קרייזן און מיטגעארבעט מיט זיי.

עס ציען זיך יאָרן פון לערנען, לייענען, נאָכטראַכטן, זוכענישן. ער לערנט פירן אן אויטאָ און דאָס וועט אים העלפן גרינגער איבערצוקומען די שווערע יאָרן פון מילחמה און ראסיזם; ער ווייזט ביכלל ארויס א ליבשאפט צו מע־כאניק און טעכניק, אָבער נאָר ווי א האָבי, ווייל אים ציט עס צו טעאטער, זוו מע קאָן ווייזן און באווייזן, ווו מע זעט תיכף און דירעקט די ווירקונג פון דעם וואָס מע טוט. זינט 1945 ווירקט ער אין יידישן טעאטער, פריער אין אלער־ליי טרופעס, דערנאָך (צווישן 1948—1967) אין בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער.

יוליאן שווארץ צייכנט זיך אוים דורך זיין ליבע צו דער יידישער מאסן קולטור און קונסט. דורך זיין שטרעבן צו ווירקן אויפן פאָלקס־מענטשן; דאָס געשעעט צום בעסטן דורך דער בינע און דורך דער פרעסע. אין טעאטער באַג־ניגט ער זיך נישט מיט זיין א שוישפּילער, נאָר ער וויל באררייכערן דעם רע־פּערטואר. 1946 דרוקט ער אָפּ אן איינאקטער איבער שלום עליכמען „דער פאר־כישופטער שרייבער". 1956 שפּילט דער בוקארעשטער יידישער מלוכה טעא־טער אויך דער יאסער) זיין און ישראל בערקאָוויטשעס דראמאטיזאציע לויט מענדעלע מוכר ספרימס „מסעות בנימין השלישי". ער ארבעט מיט אין עטלע־בע קליינקונסט־ספעקטאקלען און זעצט איבער עטלעכע פּיעסן. עס זענען פאר־בליבן אין כתב־יד עטלעכע פּיעסן אויף יידיש און רומעניש. זיין אינטערעס פאר טעאטער זענען צו פארדאנקען די צענדליקער רעצענזיעס וועגן ספּעק־טאקלען; זיי האָבן באקאנט געמאכט אויף דער וועלט די טעטיקייט פון דעם

יידישן טעאטער אין רומעניע, ווי עם האָט ריכטיק באמערקט פראנץ אויער-באך, דער דירעקטאָר פונעם בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער. גוטע אויפ-טוען האָט יוליאן שווארץ דערגרייכט אויפן געביט פון יידישע טעאטער-געשיכ-טע אין רומעניע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער ווארשעווער „פאָלקס-שטימע", אין פּאריזער „נייע פּרעסע„ אין ניו יאָרקער „יידישע קולטור" און „מאָרגן פרייהייט" און אין אנדער פּראָגרעסיווע זשורנאלן. אין די לעצטע יאָרן איז זיין ארבעט געוואקסן קוואליטאטיוו, לויט ווי ער האָט מיר דערציילט אָנהייב יאָר, האָט ער געפילט אן אָנשפּאר אין דער פארשטענדעניש און חברי-שער הילף, וואָס דער באקאנטער רעזשיסאָר, טעאטראל און שרייבער איזאַ שאפּירא און זיין פרוי רחלע העלער-שאפּירא האָבן אים צוגעטיילט. אין זיין איינזאמקייט און אין זיין מיזאנטראָפּיע.

דערמוטיקונג און פרייד האָט אים געבראכט דער בוקארעשטער פארלאַג „קריטעריאָן" וועלכער האָט אין יאָר 1975 אָפּגעדרוקט א זאמלונג פון זיינע ארבעטן, אונטערן טיטל „ליטעראַרישע דערמאָנונגען" א ביכל, וואָס די קרי-טיק און די לייענער האָבן גוט אויפגענומען. דערזעלבער פארלאַג גרייט צום דרוק א צווייט בוך יוליאנס און א בוך וועגן יידישן פאָלקלאָר.

פאר זיין פובליציסטיק זענען חשוב זיינע אינטערוויוס מיט יידישע פּער-זענלעכקייטן פון רומעניע: שרייבער, שוישפּילער, מוזיקער, פלאסטיקער; דאָס האָט באפרידיקט זיין בענקעניש נאָך פּילזייטיקייט. מיט פאָלקלאָר האָט ער זיך באשעפטיקט לאנגע יאָרן און זיין ארכיוו האָט אסך צו זאָגן וועגן דעם. דער באנד, וואָס דער פארלאג „קריטעריאָן" וועט אינגיכן אָפּדרוקן שפּיגלט אָפּ דעם קוואליטאטיוון וווקס, די רייפקייט, די פארטיפונג פון די לעצטע יאָרן און באווייזט, אז יוליאן שווארץ האָט נאָך געהאט אסך צו זאָגן.

זיין גרויסע ביבליאָטעק, זיין ארכיוו זענען עדות, אז ער האָט נישט געש-פּאָרט קיין מי, קיין געזונט, קיין געלט און צייט כדי אויסצובעסערן זיין ארבעט. זיינע שטימונגען זענען אָפט געווען אן אָפּקלאַנג פון דעם מאנגל אין פארש-טענדעניש, וואָס ער האָט צומאָל באגעגנט. דערפאר קומט א דאנק די קאָלעגן און חברים, די רעדאקטאָרן און לייענער, די קריטיקער און צוהערער, וואָס האָבן אים פארשטאנען, געשעצט און דערמוטיקט. אין דער בוכהאלטעריע פון דער געשיכטע איז יוליאן שווארצס קאָנטע א פּאָזיטיווער, א גוטער בא-וויז פאר זיינע דערגרייכונגען. ער האָט ליב געהאט דאָס לעבן, ווי יעדער אקטיווער מענטש; נישט ווילנדיק האָט אָט דער אומרויקער, אומדערמידלע-

כער, פּראָבלעמאַטישער גייסט געמוזט אָפּשטעלן זיין פיבערדיקע טעטיקייט. דאָס האַרץ האָט געזאָגט: „סטאָפּ!“ און, ווי זאָגט עס איציק מאַנגער:

דער טויט, דער טויט איז איינער,
שטאַרקער פון אים איז קיינער,
ווען ער רופט מוז מען מאַכן אָוונט
אינדערפרי.

היסטאָרישע און שטייגערישע שירים

יונגע יאָרן מיט דער „מאָרגן-פרייהייט“

אין דעם קאפיטל „פון גאָטזוכעניש צו מענטשן-געפונעניש“ פון מיין ביכל „א מאָלדעווויש יינגל“ (בוקארעשט, פארלאג „קריטעריאָן“, 1976) האָב איך געצייכנט די ערשטע טריט, וואָס דער יונגער ליציי-שילער האָט געמאכט צו א פּראָגרעסיוון קוק אויף דער וועלט. זינט זיינע 17 יאָר האָט חיים זשיטלאָווסקי געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף אים און אויף זיינס-גלייכן. מע איז פארכאפּט געוואָרן פון זיין צונויפפלעכט פון פאָלקיזם מיט וועלטלעכקייט, זיינע סימפּאטיעס פאר רעוואָלוציע און זיין שאצן פאָלקלאָר, יידישע פאָלקסשאפונג פון דורות, זיינע פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע עסייען. (לאָמיר דאָדערמאָנען אז יאָרן שפּעטער, האָב איך אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט אָפּגעלייגט א פילאָסאָפיע עקזאמען וועגן עמאנועל קאנטס פילאָסאָפיע; איך האָב מיך געגרייט לויט חיים זשיטלאָווסקיס געשיכטע פון פילאָסאָפיע. מיין ענטפער איז זייער געפעלן דעם פּראָפעסאָר, אגב א פאשיסטישער אידעאָלאָג מיטן נאָמען בראילעאנו. ווען ער האָט מיך געפרעגט לויט וואָס פאר א בוך איך האָב געלערנט און איך האָב געענטפערט לויט זשיטלאָווסקיס, האָט ער זיך פארקרומט, אָבער א גוטע אָפּשאצונג האָט ער מיר דאָך געגעבן. זשיטלאָווסקיס קלאָרקייט און טיפקייט האָבן באזיגט דעם פּראָפעסאָרס שנאה צו יידן און יידיש.

יונגע אמת-זוכער האָט מען זיך געקוויקט מיט בוכארינס לערנבוך פון היסטאָרישן מאטעריאליזם, מיט אָסטראָוויאנצאָווס און לאפּידוסעס לערנבוך פון פּאָליט-עקאָנאָמיע און מיט רושם פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. די קאָמוניסטישע פּארטיי פון רומעניע האָט שוין נישט געקאָנט ווירקן געזעצלעך, האָט זי עס געטאָן דורך אנדערע פאָרמעס, למשל, דורך די אזוי-גערופענע „איינהייטס-סינדיקאטן“ (איינהייטלעכע טרייד-יוניאָנס). יונגע שילער, סטודענטן, אין איינעם מיט ארבעטער, באאמטע, בעלי-מלאכות פלעגן קומען הערן די נייע תורה אין דעם פון פּאָליציי שטארק-באוואכטן לאָקאל אויף דער גאס לאָנגא נו-

מער 7. היינט טראָגט די גאַס דעם נאָמען פון דעם העלדיש אומגעקומענעם סאָציאַליסטישן קעמפער מאַקס וועקסלער.

פון אָט דעם שידוך צווישן ארבעטער-יוגנט און ראַדיקאַלער אינטעליגענץ איז אויסגעוואַקסן די יאַסער קולטור-ליגע. מע מוז אָבער געדענקען, אַז בעת אין פּוילן איז די „קולטור-ליגע“ געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון עם; בונד, איז זי אין רומעניע געווען מער אויף לינקס. אין יאַס איז אין דער ליגע אַקטיוו אַרויסגעטרעטן איציק מאַנגער; גערעדט און געלייענט האָבן איציק שוואַרץ (דער שפּעטערדיקער י. קאַרא), שימחה שוואַרץ, נאָטע מאַנגער, גדליה וועקסלער. טאָמער האָט אויסגעפעלט „פּאַדעם“ האָט מען זיך געווענדט צו חיים חייִמאָוויטש דער שניידער, צו די סטאָליערס איציק מענדל אָדער בערל פעליקס און זיי פלעגן באַזאָרגן נומערן פון דער „מאָרגן-פרייהייט“, שפּעטער פון דעם „האַמער“. די דריי חברים לעבן נאָך היינט אין יאַס און מיר דערמאָנען זיך צומאָל ווי דאָרשטיק מע האָט געשלונגען די מעטעריאַלן פון די זונטיק-נומערן: אָלגין און קלמן מאַרמאָר (איך האָב זיי שפּעטער געקענט פּערזענלעך אין פּאַריז, 1937, אויף דער קאָנפערענץ פון „איקוף“, ווו איך בין געווען אַ דעלעגאַט פון רומעניע), סאָוועטישע ליטעראַטור און... עס איז געווען אַ גרויסער יום-טוב ווען עס איז אָנגעקומען אַ פּעקל „מאָרגן-פרייהייט“. ביי מיר האָט זיך אויפגעהיט אַ בילד פון דעם יאָר 1926, ווו איך האַלט אין האַנט אַ נומער פון דער „מאָרגן-פרייהייט“, אַ ייִנגלישע אומפאָרזיכטיקייט פאַר יענע צייטן, ווייל דאָס בלאַט איז שוין דעמאָלט געווען נישט כשר פאַר דער רומענישער פּאָליציי. לעבן מיר שטייט דער שפּעטערדיקער לערער פון פּאָליט-עקאָנאָמיע ט. פינעלעס. דערווייל לעבן נאָך אַלע די דערמאָנטע פריינד און זיי לייענען צומאָל די היינטיקע „מאָרגן-פרייהייט“.

אַרטיקלען פון דער „מאָרגן-פרייהייט“ האָט מען געלייענט אויף די זונטיקדיקע צונויפקומען אין ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד. אין יאַס האָט די „קולטור-ליגע“ געאַרבעט אין דער ייִדישער פאָלקסשולע „זשונימעא“ נומער 2, אין קוואַרטאַל „רויטע בריק“, שפּעטער האָט מען די ליגע פאַרווערט, האָט מען געעפנט אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, און אַרבעטער-קיך די „מאָרגן-פרייהייט„ האָט געהאָלפן לעבעדיק צו האַלטן דעם פרייהייטלעכן געדאַנק. אויך אין די דרייסיקער יאָרן האָבן אייניקע אַרטיקלען פון „דער מאָרגן-פרייהייט“, פון דעם זשורנאַל „דער האַמער“ און פון ענלעכע אויסגאַבעס געדינט ווי מאַטעריאַלן פאַר ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס.

איך בין זיכער אַז צונדליקער, אויב נישט הונדערטער מענטשן, אפילו זיי קוקן היינט קריטיש אויף זייער יוגנט, שאַצן די „מאָרגן-פרייהייט“, ווייל זי האָט זיי

געלערנט נישט צו פארלירן דעם קאָנטאקט מיט יידישע ארבעטנדיקע,מיט יי־
דישער קולטור, פּרעסע, טעאטער, פאָלקלאָר און מיט יידישער פּראָבלעמאטיק
ביכלל. דער היסטאָריקער פון געזעלשאפטלעכע באוועגונגען צווישן יידן אין
אייראָפּע וועט ריכטיק אָפּשאצן די ראָלע ,וואָס די ציימונג האָט געשפּילט,
דער עקר צווישןביידע וועלט-מילחמות, אָבער אין א גרויסער מאָס אויך היי־
נט.

אין רומעניע, אין יאַס

„אין רומעניע, אין יאַס / אויף א וואויל-באַקאַנטער גאַס / שטייט דאָס קרימינאַל / דאָרטן לעבן דעזערטאָרן / די פרייהייט האָבן זיי פאַרלאָרן / אין דעם קרימינאַל.“

איך וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז מיטן אויפשרייבן אָט דאָס ליד, אין יאָר 1927, האָב איך אָנגעהויבן מיין באַוווסטזיניקע אַרבעט ווי א זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר. אין דער אמתן בין איך געווען א „פאָלקלאָר-טרעגער“ זינט מיין ברית-מילה... די מאַמע, די אַם האָבן מיך געוויגט און צוגעזונגען: „אונטער איציקלס וויגעלע / שטייט א גאָלדן ציגעלע / דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען / ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...“

מיר דאַכט, אַז דער אמתער סימבאָל פונעם יידישן פאָלקסליד איז דאָס גאָלדענע ציגעלע, א היימישער בעל-חי אין שטעטל, וואָס יעדעס קינד האָט געזען, מיט א יחוסבריוו אין חד-גדיא פון דער הגדה, און נישט די גאָלדענע פאַווע פון פּריציש גערטנער, וועמ ווייסט ווו זיי געפינען זיך. נאָר ווי קען דאָס בידנע ציגעלע קאָנקורירן מיט א פאַווע, וואָס שטעקט זיך פעדערן; און וואָס פאַר א פעדערן!

אַזוי צי אַזוי, דער ערשטער אינפאָרמאַטאָר מיינער אין יידישן פאָלקלאָר איז געווען טאַקע איך אַליין. שפּעטער האָבן מיר צוגעשפּילט מיין מאַמע אסתר, מיין פאַרשטאָרבענע חברטע אנא און איר מוטער און דערנאָך מיין חברטע מרת ציפּע שתחיה... פון א סטיכישן אין די קינדער-יאָרן איז דער אינטערעס פאַר פאָלקלאָר געוואָרן א באַוווסטער און ציַלגעווענדטער, אַדאַנק מיין לערער פון רומענישער ליטעראַטור קאָסטאַקע באָטעז, אַדאַנק מיין ברודער שמחה שוואַרץ (1974-1900), אַדאַנק ש. אַנסקיס שריפטן און דורכן לייענען „ביי אונדז יידן“, וואָס וואַנווילד האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1923. דער אינטערעס פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען, פאַר רעוואָלוציאָנערע אידעען איז געגאַנ-

גען האנט אין האנט נישט מיט א זעלבסט-פארלייקנדיקן, פּגימלאָזן קאָסמאָפּאָליטיזם, נאָך מיט א פאָלקיסטישער סימפּאטיע צום פאָלקס טאָגטעגלעכקייט, צו זיין לעבנס-נוסח. אפשר האָט דערביי געשפּילט א ראָלע אויך דער רומענישער פּאָפּאָראניזם, די מאָלדעווישע גירסא פונעם רוסישן נאראָדניציזם; יעדנפאלס איז פאר מיר און מיינסגלייכן, למשל, פאר מיין שוועסטערקינד גדליה וועסטלער, שפּעטער באקאנט אלס רעציטאטאָר, קולטור-טוער, טעקסטיל-טעכניקער, „יידישע ארבעטנדיקע מאסן“ נישט געווען קיין סתם „שלאָגוואָרט“, נאָר קאָנקרעטע יידן: ארבעטער, בעלי מלאכות, קליינע סוחרים און אָנגעשטעלטע, ווילקענעוודיקע און עמי-האצים, יידיש רעדנדיקע און יידיש שאפנדיקע.

געצערטלט האָט מען נישט נאָר די אָרטיקע רייכע אנעקדאָטיק, רעטענישן און שפּריכוואָרט-אוצרות. שטייגער: „וואָס ווערט א ציג נאָך 7 יאָר? „ענטפערן: א צאפּ! אָדער פלייש, צי א פעל (ווייל מע קוילעט זי). דער איינציקער ריכטיקער ענטפער איז: „אפּט“. מע האָט זיך געקוויקט מיט א תהילים-ניגון שבת פארנאכט און מיט רייזענעס מאי קא משמע לן, „מיט זבארזשערס לידער און מיט רומענישן פאָלקלאָר“.

דער יידישער פאָלקלאָר ווייסט נישט פון קיין פּאָליטישע גרענעצן: פּוילן, ליטע, סאָוועטן-פארבאנד, רומעניע, אמעריקע, ישראל און ווו איר ווילט, האָבן געזונגען אסך לידער די זעלבע. אונדז זענען באזונדערס געפעלן די זאכן, וואָס שמעקן מיט רומעניע, אשטייגער דאָס גלייכווערטל: איינע באקלאָגט זיך, אז דאָס שטערנטיכל איז איר שיטער, די אנדערע-די מאמעליגע איז איר ביטער. אָדער „ווער ס'האָט פארעס, דער טאנצט זארעס“ אָדער דער ענטפער אויף אוואָדע (אוודאי), א וואָדע איז א קעניג (ווייל דער לאנדפירשט פון מאָלדעווע האָט אמאָל געהייסן דער (וואָיע) וואָדע.

שפּעטער האָבן מיר זיך געלעקט די פינגער פון א סאטיריש לידל „די רויטע בריק, א נייע וועלט“ שפּאצירן דאָרט מאמזעלן... איינע פון די מאמזעלן איז ברוגז אויף דער מוטער, וואָס לאָזט זי נישט גיין שפּעט שפּאצירן מיט איר געליבטן, וואָרנט זי: „אוי, ווי, מאמע, האָב נישט קיין יסורים איך וועל דיר ברענגען אויף „שאלכעמאָנעס“ אן אייניקל אויף פורים“.

אונדזער פּראָלעטאריש געוויסן האָט שטאָלצירט מיט די רעוואָלוציאָנערע טראדיציעס פון יאסער ארבעטערשאפט. די רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס די טאטעס האָבן געזונגען סוף פאָריקן יאָרהונדערט אין זייער ארבעטער-קלוב „לומינא“ (ליכט) האָבן זיי נישט פארגעסן און זיי איבערגעגעבן זייערע קינדער און קינדס-קינדער. און“ דו אקערסט און דו זייעסט“, „ענג און פינצטער ווי אין א קבר“, „קירכן-גלאָקן“ האָבן געזונגען דיזעלבע יידן, וואָס האָבן שבת

אויפֿן שלוש־סעודות געזונגען א שטעפּאַנעשטער ניגון, אָבער אויך זייערע נישט־פֿרומע קינדער און אייניקלעך.

שפּעטער, אין די סטודענטישע יאָרן אין טשערנאָוויץ, האָט מען שוין געזאַמלט פֿאָלקלאָר פֿון אַלע טיילן רומעניע. פֿון אַרום בעלץ איז געקומען אַזאַ לידל:

אוי ווײ. קאַטשקעס שווימען / וועט מײַן געליבטער קומען / אָבער הײַנט, אָבער מאָרגן / כ'האָב שוין נישט פֿאַר וואָס צו זאָרגן.

און מײַן מאַמע שרײַט אויף מיר / וואָס מײַן ליבסטער קומט צו מיר / און מײַן מאַמע וויל נישט לײַדן / נאָר פֿאַר מורא מוז זי שווײַגן."

עס איז נישט שווער זיך פֿאָרצושטעלן די יתומה, דאָס שנײַדערמיידל, וואָס ברענגט אַהיים פּרנסה און זי וויל אויסלעבן איר יונג לעבן. צוליב אַזעלכע שטריכן שרײַבן מיר צו דער פֿאָלקסשאַפֿונג רעאַליזם, עכטקייט, פֿרישקייט, פּשטות, דירעקטקייט, נאַיווקייט. שטעלט־זשע אײַך פֿאָר ווי עס האָט אויף אונדז געווירקט צו הערן פֿון פֿאַני ווײַנער א יונגע טעקסטיל־אַרבעטאָרן, א „מאַנגערישע" באַלאַדע, אַן אמתדיק פֿאָלקסליד:

צוועלף א זייגער, נאָך האַלבע נאַכט / ווען מיר און טויער זענען צוגעמאַכט / קום איך צו צו מײַן מאַמעס טיר: / „אוי, מאַמע, מײַנע, עפֿן מיר". דערויף ענטפֿערט איר די מוטער: „שלאָפֿן שלאָף איך אויכעט, נישט / און עפֿענען וועל איך דיר אוודאי נישט" / גע אוועק אויפֿן גרינעם גראָז / און ווער אַנטשלאָפֿן ווי א פֿלעדערמויז!"

און ווידער בעט זיך די אָרעמע יונג פֿאַרשטאָרבענע טאָכטער:
„ווער־זשע, מאַמע וועט מיך צודעקן? / און, ווער־זשע, מאַמע, וועט מיך אויפֿוועקן? / דערויף ענטפֿערט די צעווייטיקטע מוטער:" דאָס בלאָט פֿונעם בוים וועט דיך צודעקן / און דער מאָרגנשטערן וועט דיך אויפֿוועקן". דאָס ליד מיט אַסך אַנדערע האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט אין די „טשערנאָוויצער בלעטער". (רעדאַקטירט פֿון שמואל אַבא סופֿר) פֿון 1933 און שמחה שוואַרץ האָט דערפֿון געשאַפֿן א זינפּול בילד אין זײַן קלײַנקונסט־טעאַטער" קאַמעלעאָן" אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1931. צווישן דעם פֿאָלקלאָר, וואָס כ'האָב פֿאַרעפֿנטלעכט האָט זיך געפֿונען א ליד פֿון יאַסער אונטערוועלט, וואָס הייבט אָן אַזוי:

יאַנקעלע איז געווען א ייִנגעלע נאָר קליין / פֿאַרעם פֿלעג ער גנבענען בײַם טאַטן / דער טאַטע, דער יונגאַטש, פֿלעג נישט זשאַלעווען קיין פּאַטש / נאָר די מאַמע האָט מורא סע זאָל דעם קינד נישט שאַטן..."

פון אזא קינד וואקסט אויס א גנב; ער ווערט דערשטאָכן און אויפֿן טויטן־בעט, בעט ער זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נעמען א מוסר און נישט גיין אין זיינע דרכים.

מיר האָבן אפילו געלאכט לייענענדיק דעם טונקעלערם הומאָרעסקע וועגן (קעגן?) נאיווע פאָלקלאָר־זאמלערם, אָבער אונדזער ליבע און ענטוזיאזם פאר דער פאָלקסשאפונג איז דערפון נישט געמינערט געוואָרן. און 1934 האָב איך אין חודש־זשורנאל „אויפגאנג" פון סיגעט ווידער אָפּגעדרוקט יידישע פאָלקס־לידער פון רומעניע. אָט א יאסער ליד:

„וואָס־זשע האָסטו, יינגעלע, זיך אזוי אָנגעליבט אין מיר? / צי האָסטו קיין שענערס ניט געזען? / דו קענסט נאָך נעמען א שיין מיידעלע מיט געלט ווייל איך בין פאר דיר אָרעם און געמיין"

„— שענערע, ליובע, האָב איך געזען אסך / און קיין געלט, דאָס מאכט ביי מיר נישט אויס / און אז איך טו רעדן מיט דיר צוויי קלוגע ווערטער / אזוי נעמסטו מיר מיין חיות ארויס". ש. אנסקים באמערקונג, אז דער העלד פונעם יידישן פאָלקלאָר צייכנט זיך אויס מיט גייסטיקע, מער ווי מיט פּי־זישע מעלות, ווערט באשטעטיקט אפילו אין ליבע־ליד. אלץ, וואָס איך האָב געזאמלט איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ווילנע, אין „יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט „און א טייל דערפון איז אָפּגעדרוקט אין באנד „פאָלקלאָר" פון 1938...

און אָט זענען די גורלדיקע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין רומעניע זאמלט מען אסך פאָלקלאָר ביי די געראטעוועטע פון דעפאָרטאציע און טויטנלאגערן: דר ד. רובין, ע. סעקולעץ, הערש סעגאל, יוליאן שווארץ און אנדערע, צווישן זיי ־איך. „לידער פון ווי און מוט" הייסט די זאמלונג שואה־לידער, וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער פראָגרעסיוון זשורנאל „יי־דישע קולטור" (נומער 1 פון 1963). זינט דעמאָלט איז מיר געלונגען צו פארעפ־נטלעכן אין דער בוקארעשטער „צייטשריפט" פון דער „פעדעראציע" מעשיות, לעגענדעס, עטנאָגראפישן מאטעריאל פון היגע יידן.

אויב עמעצער איז פארבונדן מיט דער פאָלקס־שאפונג נישט נאָר ווי א שטודיר־טעמאטיק, נאָר טאקע ווי א טייל פון דער אייגענער גייסטיקער וועלט, אין פאָלקלאָר, פאָלקס־קונסט, עטנאָגראפיע א מקור פון רייכע איבערלעבענישן און אן אָנרעג צו קולטור־שאפונג. אזוי איז עס געווען בעת דער ארבעט אין יאסער יידישן מלוכה־טעאטער, אונטער דער אָנפירונג פון דעם איינגנארטיקן קינסטלער און קולטור־אנימאטאָר, דער שרייבער און רעזשיסאָר איזאָ שאפּירא, אזוי איז עס פאר יעדן שאפער, וואָס איז פארבונדן מיטן לעבן און שטרעבן פונעם פאָלק.

און ס'איז גוט אזוי!

צום גאָלדענעם יובל פונעם „ייוואָ“

עס גייט דאָס יאָר 1925 אין יאס, אין אם ועיר בישראל, א שטאָט מיט לייטן גלייך, מיט כלערליי באוועגונגען, אָרגאניזאציעס, חברות און קרייזלעך, א שטאָט, ווו דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט בליט, ווו איציק מאנגער, שמחה שווארץ, חיים ראבינזאָן שאפן, ווו „הייסע יידן“ שרייען עברית, באקעמפן יידיש און קולטיווירן די לאנד-שפראך אין זייער עפנטלעכער ארבעט, ווו אנדערע טרייע, שטיצער פון דער פאָלקס-שפראך, באקעמפן יעדן „שפראך-פעטיש“. יונגע יידישע מיטלשילער, וואָס בענקען נאָך עפּעס, ווילן וויסן וועגן יידישער מאסן-קולטור, וועגן יידיש לשון, ליטעראטור, פאָלקלאָר און געשיכטע. ואני הקטן אליין א מיטלשילער ,טו מיר אָן א כוח כדי צו האלטן א קורס יידישע ליטע-ראטור לויט פינעס און ניגער פאר מיינע יידישע קאָלעגן. עס פעלט מיר אָבער אן „אקאדעמישע אויטאָריטעט“, וואָס זאָל באשטעטיקן דעם יחוס פון יידיש. און דאָ קומט ארויס נחום שטיפס אויפרוף וועגן גרינדן א יידישן וויסנשאפט-לעכן אינסטיטוט. און באלד קומט אויף אין ווילנע דער „ייוואָ“, דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט. באלד וועלן זיין די ערשטע אויסגאבעס פונעם ייוואָ; שפּעטער וועלן די „ליטעראַרישע בלעטער“ אָפּדרוקן פעריאָדיש די „ייוואָ“ — ידיעות; די היגע יידישע פרעסע אויף יידיש און רומעניש וועט רעדן וועגן אינסטיטוט. דער אקאדעמישער פרעסטיזש פון יידיש ליגט אויף דער האנט...

אינגיכן וועט אין יאס אויפקומען א גרופּע פריינד פון ייוואָ. דאָס וועט נישט זיין די געוויינטלעכע גרופּע טוערס און מנדבים, נאָר א גרופּע יונגע שי-לער, סטודענטן, ארבעטער, אָנגעשטעלטע, וואָס וועלן זאמלען פאָלקלאָר און זעלטענע ספרים, חפצים, בילדער, מאנוסקריפּטן וכדומה. די יונגע ענ-טוזיאסטן האלטן פארבינדונג מיט ירושלים דליטא, („וויל נאָר, ועסטו זיין א ווילנער“). זלמן רייזען, יצחק שיפּער, מאקס ווײַנרייך, צמח שאבאד, זענען נעמען, וואָס מע שעפּטשעט פרום און מע איז גליקלעך, ווען מע זעט אָפּגע-

דרוקט אין די ייוואָ ידיעות דעם אייגענעם נאָמען צווישן מנדבים און טוער...

מיין ברודער, דער שרייבער, טעאטראַל און סקולפּטאָר, שמחה שוואַרץ ע״ה האָט אין דער מאָלדעווישער שטאָט ראָמאַן, אָפּגעפונען ביי אַ פּראָסטן יידן, אַ קצב, אַ כתב־יד פון וועלוול זבאַרזשער. דער פּשוטער ייד האָט זיך שווער אָפּגעטיילט פון זיין אוצר, „געשריבן טאַקע פון וועלוועלען אַליין". מיר אַלע, בראָש מיט איציק מאַנגערן, האָבן מיט יראת הכבוד אָנגעקוקט די „רעליק־װע" פונעם פּאָפּולערן טרובאַדור, וואָס האָט אין משך פון יאָרצענדליק געגעבן „צו זינגען און צו זאָגן" װעמען און ווו מע דאַרף; דאָ אין יאַס האָט ער אין יאָר 1855 אָפּגעדרוקט זיין ערשט ביכל, דאָ האָט ער איבער צייטן איבערגעלאָזט אַ לעבעדיקע לעגענדע און טראַדיציע, וועמען איציק מאַנגער האָט געגעבן אַ מאָדערנעם פּאָעטישן תיקון. דאָס אַנטדעקן זבאַרזשערס מאַנוסקריפּטן איז געבליבן אַ מין „פאַמיליע־פּעלער", שפּעטער מיט יאָרן וועט אַ יינגערער ברו־דער, יוליאַן (שלום) שוואַרץ (1910—1977) שענקען דעם ייוואָ אַ ווערטפולן זבאַרזשער כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין די ייוואָ־פאָנדן.

אַ נענטערן קאָנטאַקט מיטן ייוואָ האָבן מיר אָנגעקנופּט סוף 1928. דער „יידישער שולפאַריין" פון טשערנאָוויץ, ווו פריער מיין ברודער שמחה, און זינט 1930 איך, זענען געווען סעקרעטאַרן, האָט אָרגאַניזירט אַ יובל־פייער לכבוד 20 יאָר זינט דער באַרימטער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. חוץ אָנגעזעענע אָרטיקע טוער און קינסטלער; קאָלניק, א. שטיינבאַרג, יעקב שטערנ־בערג, אי. מאַנגער, י. פורמאַן, ראָזנרויך, שעפלער, זינגער, סורקים, באַראַק, מ. דיאַמאַנט, מ. גאָלדענבערג זענען געקומען אָנגעזעענע געסט ווי זלמן רייזען, נח פּרילוצקי, צמח שאַבאַד, הערץ גראָסבאַרד א. אנד. זלמן רייזען האָט מיט זיין באַקאַנטער הארציקייט תיכּף צוגעצויגן דעם יונגן עולם. אויף די אַנדערע טעג סוכות איז ער געקומען קיין יאַס. דאָ האָט ער זיך געפרייט מיטן דאָרטיקן דרום־יידיש, מיטן לעבעדיקן פאָלקלאָר, מיט דער שיינקייט פון יאַסער יידישע טעב־טער, מיטן קולטור ענטוזיאַזם פון דעם יונגן עולם. ער האָט מיר געשענקט זיינעם אַן אויסצוג פון די ייוואָ שריפטן (וועגן מין פון סובסטאַנטיוון) מיט אַ צושריפט „דעם אַמבאַסאַדאָר פון יידיש אין רומעניע" און איך בין דערפון גע־וועזן אין זיבעטן הימל פאַר פרייד און שטאָלץ. איך האָב עם אַרומגעטראָגן צווישן פריינד און באַקאַנטע כלומרשט ווי אַ באַוויז, אַז יידיש איז טאַקע אַ שפּראַך מין לייטן גלייך, מיט גראַמאַטיקעס, מיט וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן (ווו איך בין אַ שטיקל קרוב...)

אוודאי האָבן מיר זיך גענומען מיט ברען פאַרשרייבן לידער ,ווערטלעך, רעטענישן, מעשיות אין זיי איבערגעשיקט קיין ווילנע, דער אַדרעס פון אונד־

זערע חלומות, אייניקע פון מיינע מאטעריאלן זענען אָפּגעדרוקט אין ייוואָ-באנד פאָלקלאָר פון 1938. ער ליגט איצט אויף מיין ארבעטסטיש ווי א זכר ל-חורבן נאָך מיין ביבליאָטעק, וואָס איז 1944 אָפּגעברענט געוואָרן בעת א באָמ-באדראמענט אין טשערנאָוויץ. מע האָט געטריי געענטפערט אויף אלע עט-נאָגראפישע, לינגוויסטישע און פאָלקלאָרישע פרעגבויגנס; שפּעטער האָט אונ-דזער יונגע שוועסטער גאָלדע, א שילערן אין אונדזערע פּעדאגאָגישע קורסן, זיך מיט דערפאָלג באטייליקט אין א קאָנקורס פון אויטאָביאָגראפיעס פון יונגלטעכע, וואָס דער ייוואָ האָט אויסגעשריבן:

דערווייל האָב איך געהאלטן אין פארענדיקן דעם פילאָלאָגישן פאקולטעט אין טשערנאָוויץ. די יונג פארשטאָרבענע היסטאָריקערן אנא הערצאָג-שווארץ (1909–1947), מיין חבר און ערשטע פרוי, האָט געארבעט איבער א זאמלונג דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע, און ארומגעשמועסט דעם געדאנק פון שאפן א קרייז יידישע היסטאָריקער און שפּראכיסטן. מיר האָבן דערווייל געהאָלפן פארשפּרייטן ייוואָ אויסגאבעס, געזאמלט זעלטענע אויסגא-בעס פארן ייוואָ און געשטיצט זיינע אקציעס...

אינצווישן איז אויפגעקומען א נייע ליבע: קיווער שריפטן, מינסקער „צייט-שריפט", מאקס עריק, נחום שטיף, אויסלענדער, און זייערסגלייכן. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשוואכט דעם אינטערעס צום ייוואָ. וואָס מיר האָבן נישט גע-טאָן: געדרוקט אן אנטאָלאָגיע יידישע דיכטונג אין לאטיינישער טראנסקריפּ-ציע (חיים גינינגער, נאָטע מאנגער, הערש סעגאל, איציק שווארץ), געפירט א סעמינאר פאר יידישער ליטעראטור און שפּראך, א קינדער-קלוב אויפן נאָ-מען פון אליעזר שטיינבארג, ארויסגעגעבן ש. שווארצס איבערזעצונגען פון באָדלער-ווערלען, צי אָפּגעדרוקט לידער מיט נאָטן פון זעליג באדריטשעווער (דורך הערש סעגאל) צי אנדערע, האָט מען תמיד געטראכט אין דער שטיל: „וואָס וועט דער ייוואָ זאָגן דערצו?" ווען מיר האָבן אין יאָר 1938, אין שווע-רע באדינגונגען, געשאפן דעם „קאָלעגיום יודאיקום" (לויטן איניציאטיוו פון אנא הערצאָג-שווארץ) איז דער ייוואָ געווען דער אייגנטלעכער אינספּיראטאָר: אגב, זענען אלע מיט-גלידער פונעם קרייז: די אוהבי יידיש, אינזש. זאלצינגער, גאָטע, שויבער, דער ארכיטעקט אפּענצעלער, דער עטנאָגראף מ. דיאמאנט, די שפּראכיסטן חיים גינינגער, א. רויכווערגער, מארק, פּאָדריאטשיק, שייאָ-וויטש, דער היסטאָריקער א. ראפּאפּאָרט, די טוער י. שייאָוויטש, דער קריטי-קער הערש סגל א. אנד געווען הייסע ייוואָ-חסידים. פון די ארבעטן וואָס דער קרייז האָט דעבאטירט האָט זוכה געווען געדרוקט צו ווערן נאָר מיינע אן אר-בעט וועגן א וויזשניצער פּינקס פון 1768, אי דאָס ערשט אין לעצטן

ווילנער נומער פון די ייוואָ-בלעטער (5 פון 1939). די מלחמה האָט צעשטערט אין טשערנאָוויץ א ריי ווערטפולע דאָקומענטן, בילדער, מאטעריאלן, וואָס מיר האָבן געהאט אויפגעזאמלט.

צוריקגעקומען פונעם פראָנט קיין רומעניע, מיי 1946, האָב איך ווידער אויפגענומען דעם קאָנטאקט מיטן ניו-יאָרקער ייוואָ, אראנק דעם אומפארגעס-לעכן אוריאל וויינרייך. אדאנק דער פילזייטיקער שטיצע פונעם ייוואָ איז מיר געלונגען ווידער צו ארבעטן וויסנשאפטלעך. דער פרווו צו שאפן א קרייז „פריינד פון ייוואָ" האָט גורם געווען דאָס אָפּדרוקן צוויי ביכלעך מיינע: אויף יידיש „30 יאָר יידישע ליטעראטור אין רומעניע" אויף רומעניש „עדות פון יאָרהונ-דערטער", ביידע אין יאָר 1947. אין די לעצטע 25 יאָר האָב איך פארעפנטלעכט א ריי היסטאָרישע ארבעטן אין די ייוואָ אויסגאבעס. דער אינסטיטוט האָט מיר באזאָרגט א ריי נויטיקע וויסנשאפטלעכע ווערק און דערמיט געהאָלפן מיר אין דער פאָרש-ארבעט.

צו דער ליבע און אכטונג וואָס דער ייוואָ פארדינט צוליב זיין פרעסטיזש און אויפטוען קומט ביי מיר צו א סוביעקטיוו געפיל פון דאנקבארקייט פאר דער הילף כדי צו קאָנען ארבעטן און אָפּדרוקן פאָרשונגען איבערן רייכן מאטעריאל, וואָס געפינט זיך אין רומעניע. די אמאָליקע און היינטיקע טוער פון ייוואָ פאר-דינען אונדזער ליב און דאנק.

דער יידישער שולפאריין פאר בוקאָווינע אין טשערנאָוויץ

די יידישיסטישע וואָרצלען פונעם „שולפאריין“ שטעקן אין דער „אקאַדעמישער חברה יידישע קולטור“ וואָס האָט זיך באטייליקט אין דער טשערנאָוויצער שפּראך-קאָנפערענץ פון 1908. דער „שולפאריין“ איז אויפגעקומען אין יאָר 1920; דער צוזאמענברוך פון דריי אימפּעריעס -עסטרייך, רוסלאנד, דייטשלאנד, דער אויפקום פון נאציאָנאלע מלוכות: פּוילן, טשעכאָסלאָוואקיע, יוגאָסלאוויע, באלטישע מדינות, די דערגאנצונג פון רומעניע, די אָקטאָבער-רעוואָלוציע, די באלפור-דעקלאראציע האָבן אויפגעוועקט און אקטיוויזירט ברייטע שיכטן באפעלקערונג, בתוכם אויך יידן, דאָס האָט זיך אָפּגערופן נישט נאָר סאָציאל-עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, נאָר קולטורעל אויך.

דאָס פּלוצעם אין כמות און איכות אויסגעוואקסענע יידנטום פון רומעניע איז געשטאנען פאר נייע פּראָבלעמען. ערב 1916 האָבן אין „אלט-רומעניע“ געלעבט אן ערך א פערטל מיליאָן יידן; איצט איז זייער צאָל פארדרייפאכיקט געוואָרן; עס איז געוואקסן די צאָל רעדער און לייענער פון יידיש, די צאָל קולטור-אינטערעסירטע. די פארשיידנקייט פון די פריערדיקע קולטור-און מלוכה-שפּראכן: רוסיש, אונגעריש, דייטש, די ווייניק באקאנטקייט מיט רומעניש ביי אסך צוגעקומענע יידן, האָט גורם געווען א גוטע קאָניוקטור פאר יידישער קולטור-ארבעט.

דאָס בוקאָווינער יידנטום האָט פריער גראוויטירט קיין ווין, זיך געשטיצט אויף גאליציע און טיילן פּוילן, און דייטש האָט פארנומען דעם אויוונאָן. איצט האָט מען זיך געווענדט קיין בוקארעשט אין יעדן פּרט. די חשיבות פון יידיש און העברעיש איז געוואקסן. די גיך אויפגעקומענע יידישע באוועגונגען האָבן דערשמעקט אין קולטור-ארבעט א וויכטיקן אינסטרומענט פאר זייער טעטיקייט. חוצדעם איז מען געשטאנען אונטער דער ווירקונג פון דעם צוגעזאָגטן

מינאָריטעטן-סטאַטוס, פון די האָפענונגען אויף יידישן קולטור-אויפבלי אין ראטן-פארבאנד און אין אנדערע לענדער. ארום און ארום גינציקע תנאים פאר מאסן-קולטור.

די גרינדער פונעם „שולפאריין“; לינקע יידישיסטן, באָראָכאָוויסטן, סימפאטיקער פון ראטנפארבאנד, סתם דעמאָקראטישע אינטעליגענץ. קיין סך ישולעם און אָפצווייגן אין אנדערע שטעט, קיין שטיצע מצד א מאסן-פארטיי אָדער באוועגונג האָט דער פאריין נישט געהאט. דערפאר האָט ער געשטיצט דעם פּלאן פון א פּראָגרעסיווער „קולטור פעדעראציע“, וועלכע האָט צונויפגערופן די ערשטע קולטור-קאָנפערענץ (1921). ווו עס האָבן געשפילט א גע-ווויסע ראָלע חיים לעקער (1890—1972) און שמואל אבא סופר (1890—1941). חיים לעקער האָט אָפגעדרוקט א יידישע כרעסטאָמאטיע אין טשערנאָוויץ (1919), סופר האָט רעדאקטירט די „טשערנאָוויצער בלעטער“ און איז טעטיק געווען געזעלשאפטלעך.

אויף דער צווייטער קולטור-קאָנפערענץ האָט מען זיך צעקריגט סיי צוליב אידעאָלאָגיע, סיי צוליב די הילפגעלטער פון אמעריקע. צו דער דריטער קולטור-קאָנפערענץ (1924) זענען דער „בונד“ און די „פועלי ציון“ מער נישט געקומען און יעדער האָט געמאכט שבת פאר זיך. פון די גרויסע פּלענער (זשורנאל „קולטור“ 1, יולי 1921) האָט דער פארלאג אָפגעדרוקט אליעזר שטיינבארגס „אלף בית“ און דאָס מעשהלע „וויאזוי די פייגעלעך האָבן געלערנט חומש“, חיים לעקערס „יידישע כרעסטאָמאטיע“ פיר בראָשורן „אן ענטפער די קעגנער פון יידיש“ און, משה אלטמאנס דראָמאן „בלענדעניש“ (1924); דער ביכער-לאגער האָט געגוססט, פון שולארבעט איז געבליבן א קינדער-גאָרטן און א זומער-קאָלאָניע אין וויזשענקע, לעבן וויזשניץ, אין צפון-בוקאָווינע, א ביבליאָטעק און א דראמקרייז. די „קולטור-פעדעראציע“ האָט זיך פארפעסטיקט אין בוקארעשט מיט אזוינע טוער ווי יעקב שטערנבערג, שלמה ביקל, משה אלטמאן, שמחה שווארץ, ביי דער מיטראבעט פון משה לאקס, מ. שנאפּ, י. דובאָוויס און פון לינקער אינטעליגענץ. עס איז געווען אן ענגער קאָנטאקט מיט די קולטורליגעס פון יאס (חיים חיימאָוויטש, גדליה וועסטלער, י. קארא) בוהוש, פלויעשט און פון גאנץ באסאראביע. עס איז באנייט געוואָרן דער זשורנאל „שויבן“. עס זענען דערשינען די בלעטער „אונדזער וועג“, „די וואָך„, „עמעס“. זינט 1935 איז די ארבעט געגאנגען דורך דער אָרגאניזאציע יידישע „אָפּוועד“ (בוקארעשט).

אין „שולפאריין“ האָט אליעזר שטיינבארג מיטגעארבעט צווישן 1921—1932. ער האָט געלערנט אין דער זומער-קאָלאָניע, אופגעפירט זיינע פיעסעם

„יוסף מוקיר שבת", „רבי חנינה בן דוסא". דער פאריין האָט געשטיצט (דורכן געטרייעם קולטור טוער דר גבריאל ראָזענרויך) די לוקס-אויסגאַבע פון 12 משלים, מיט צייכענונגען פון ארטור קאָלניק. דער דראמקרייז האָט געשטעלט פרץ הירש-ביינס „גרינע פעלדער", שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער" א אנד. עס האָבן געווירקט אבנר באראק, משולם סורקים און דער שפּעטער בארימטער זינגער יוסף שמידט.

וויכטיק זענען די פייערונגען, וואָס דער „שולפאריין" האָט אָרגאניזירט 1928, צום צוואנציקסטן יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער שפראך-קאָנפערענץ. עס זענען געקומען אסך דעלעגאטן פון אלע טיילן רומעניע און חשובע געסט פון אויס-לאנד: ז. רייזען, נח פרילוצקי, הערץ גראָסבארד, דר, י. רובין, מע האָט „אנט דעקט" די יידישע קולטור פון רומעניע. י. שטערנבערג, א. שטיינבארג, משה אלטמאן, איציק מאנגער, מ. גאָלדענבערג און די גרופּע „יונג-רומעניע" (שפּע-טער) זענען דערגאנגען צום באוווסטזיין פון דער יידישער קולטור-וועלט. די וואָרט-קאנצערטן פון הערץ גראָסבארד האָבן אין דעם קומענדיקן יאָרצעדליק געהויבן די מערכה פונעם יידישן קינסטלערישן וואָרט אין לאנד. די רעפעראטן פון אזוינע חשובע געסט ווי זרובבל, ש. ניגער, נ. מייזיל, דער טונקעלער, ל. מלאך האָבן אין די קומענדיקע יאָרן אָפּגעקלונגען אין טשערנאָוויץ און אין אנדערע שטעט אראנק דעם „שולפאריין" אָנגעזעענע נישט-יידישע פערזענלעכקייטן ווי דער מאָלער לעווענדאל, דער קונסט-קריטיקער זשאלוזשעצקי, יידישע פּער-זענלעכקייטן ווי דר מאקס דיאמאנד, מארטא קערן, יצחק פאנער, דר ש. בערנ-פעלד, אינזש. זאלצינגער, שעפלער, און אנדערע האָבן געשטיצט די ארבעט פונעם „שולפאריין". די לינקע פּרעסע, די טעאטער-ארבעט פון יעקב שטערנ-בערג, פון חיהלע גראָבער, דער „ייווא" האָבן געפונען א ברייטע אונטערשטי-צונג אין די קרייזן ארום דעם „שולפאריין"

1929 איז געגרופן געוואָרן א באראטונג פון דראמקרייזן אין לאנד. די קליינע צאָל דעלעגאטן, די יעווסעקישע שטעלונג פון אייניקע דעלעגאטן, האָבן נישט דערפירט צו קיין מטשותדיקע רעזולטאטן. אין טשערנאָוויץ איז אָבער אויפגעקומען דער קליין קונסט אנסאמבל „קאמעלעאָן" א המשך פונעם א-מאָליקן דראמקרייז, אָבער מיט אנדערע קינסטלערישע השגות און אויפטוען. עס האָט זיך צעוואקסן די קולטור-ארבעט זינט 1930. דורך א נייעם דור טוער לעקטאָרן, צוהערער; חוץ די הויפּט-לעקטאָרן חיים גינינגער, הערש סגעאל, איציק שווארץ (י. קארא), האָבן מיטגעווירקט דער פראָזאיקער ה. ל. קאזש-בער, יעקב שייאָוויטש, יאשא קראס, דער פארברענטער פרץ-חסיד, דר יוסף ערנקראנץ, דער שרייבער ל. פּאָדריאטשיק, לעכטמאן, שנאפּ, שטיין, דר רויכ-

זוערגער, די מאָלערס פּ. שיראָקי און איזיו שערף. נאָך די רעפּעראַטן פלעגן
קומען הייסע דעבאַטעס. דער געשמאַק, קולטור-ניוואָ, וועלט-באַנעם און אָר-
גאַניזאַציע אָנגעהעריקייט פון די דיסקוטאַנטן זענען געווען פאַרשיידן; אירא-
ניע און פּאַטאָס, איבערצייגונג-אָדער געלטונג -דראַנג, טיפזיניקייט און איי-
בערפלאַכקייט, יונגטלעכער ברען און פילאָסאָפישע געזעצטקייט האָבן זיך צו-
נויפגעפלאָכטן אין דעם ענגן צימער אויפן צווייטן שטאָק פון דעם טשערנאָ-
וויצער יידישן הויז, וווּ מע איז געווען קוים „טאָלערירט“. פון ענג-ליטעראַרישע
טעמעס איז מען איינגיכן אַריבער אויף ברייטערע טעמעס און פּאָליציי האָט
אָנגעהויבן שטערן. און דאָך איז דער „שולפאַריין“ געוואָרן דער לעבעדיקסטער
קולטור-צענטער אין שטאָט, כאָטש ער האָט נישט געהאַט די ברייטערע מעגלעכ-
קייטן פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דער צופלוס פון קולטור דאָרשטיקע האָט גע-
פירט צו דער גרינדונג פון דעם „סעמינאַר פאַר יידישער ליטעראַטור-און שפּראַכ-
קענטעניש“.

צווישן די פריערדיקע עסקנים זאָל דערמאָנט ווערן דער יונג פאַרשטאָר-
בענער (1921) מאיר ראָזנער ,א באַגאַבטער קולטור מענטש, רעדנער, אָרגאַ-
ניזאַטאָר און טוער. חיים קראַפט האָט אַרויסגעוויזן א בעזונדערן געזעלשאַפט-
לעכן טעמפּעראַמענט, א ברייטע קולטור און ליבע צום יידישן וואָרט. ער האָט
געווירקט אין טשערנאָוויץ סיי אָנהויב 20-ער, סיי סוף 30-ער יאָרן. דער אַד-
וואָקאַט דר ישראל פורמאַן האָט במשך 50 יאָר געזאַמלט יידישע שפּריכווער-
טער, וואָס זענען דערשינען אין ישראל נאָך זיין אָפּלעבן. דער אַדוואָקאַט אליהו
פעלדער איז יאָרנלאַנג געווען דער סעקרעטאַר פון דעם פאַריין. דר ישראל שעפּ-
לער האָט זיין ליבע צו יידיש און ראַדיקאַלע אידעען אויסגעפירט לויטן נוסח
פון א שטרענגען דייטשן פּראָפעסאָר. ביי דער צעבראָסטעטקייט פון אייניקע
היגע טוערס און געניטערס האָט ער געהאַט א גאָר גוטע ווירקונג. ער האָט גע-
בראַכט פרעסטיזש דעם פאַריין גענוי ווי דר גבריאל ראָזענרויך, דער דרויסנ-
דיק קאַלטער, אָבער באמת הייסער ליבהאָבער און בויער פון יידישער קולטור.
ליבע צו יידישער קולטור האָט דערנענטערט צום „שולפאַריין“ „די מאָלער
אַרטור קאָלניק. שלמה לערנער, דעם מעדיקער נאָטע ראָזענבלאַט און זיין ברו-
דער חיים, דר פּנחס מייער ה. דעליגדיש א. אַנד. פון אַנדערע טוער זאָלן דער-
מאָנט ווערן די לערערס חיים ראַבינאָוויטש, חיים פוקס און אברהם הויזעל-
מאַן; די לעצטע צוויי האָבן אַסך געטאָן אין דער זומערקאָלאָניע פאַר קינדער,
גענוי ווי די קינדער גערטנערן שולמית וואָרמבראַנד און, שפּעטער, ווערא האַקען
(א דיכטערין) און איר מאַן דער מעדיקער און מוזיקער האַקען. אין די דריי-
סיקער יאָרן האָבן אין קינדער-קלוב „אליעזר שטיינבאַרג“ געפירט א גוטע פּע-

דאגאָגישע ארבעט ל. פּאָדריאַטשיק, ב. רויזן, א. צימערמאַן, גאָלדע שוואַרץ און עטל נודעלמאַן.

אינטערעסאנט איז געווען די גרופּע פאָלקס אינטעליגענץ, קליינע און מיט־לערע סוחרים און בעלי מלאכות, געטרייע עסקנים, קויפערס און לייענערס פון יידישע ביכער, פרעסע און זשורנאַלן, שטיצער פון יידיש טעאַטער, קונסט, קולטור: פישל שערף, דער פאָטער פונעם מאָלער איזיו שערף, בנימין שעכטער, דער פאָטער פונעם באַקאַנטן פילאָלאָג מדרכי שעכטער, די ברידער משה און זלמן בייזער, י. גרודער, פרוכטער, נח וויסבערגער א. א.

אבנר באַראַק, א באַסאַראַבער הויכוויקסיקער סוחר, האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ראָלע פון טוביה דער מילכיקער, אין קליינקונסט־פּראָגראַמען און אין ארבעט פאַר קינדערהילף. ער איז געשטאָרבן אין אוזבעקיסטאַן 1941. וואָלף אויערבאַך איז אידעאָלאָגיש שטאַרק אנגאַזשירט; ער איז אומגעקומען 1941. נאַטאַן סעגאַל, געקומען פון יאַס האָט געטריי געדינט דער יידישער קולטור. ער איז אומגעקומען אין טראַנסניסטריע. י. זינגער, דער לאַנגיאָריקער פאָר־יצער פונעם פאַריין, האָט פאַראייניקט ליבע צו יידיש מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. ער איז געשטאָרבן אין ישראל. צווישן אנדערע אונטערשטיצער זאָלן דערמאַנט ווערן די מעדיקער באַראַש, לאַנדוי האַקען, מייער, דער פּובלי־ציסט שמריה שמיד, שיינע פורמאַן מיט איר מאַן, דר האָלינגער, יאשע ווייס־באַרד.

באַזונדערס וויכטיק איז דער אַמאַטאָרישער קליינקונסט־אַנסאַמבל „קאָ־מעלעאָן", וואָס שמחה שוואַרץ (1900—1974) האָט אָנגעפירט ביי דער מיט־ארבעט פון אבנר באַראַק און משולם סורקיס. זינט 1936 האָט שוואַרץ גע־ווירקט אַלס טעאַטראַל אין פאַריז און אַרגענטינע דורך זיין פּופּן־טעאַטער „הכל בכל", איניינעם מיט זיין פרוי רות. זינט 1960 האָט ער דערגרייכט שעפערישע אויפטוען ווי א סקולפּטאָר. משולם סורקיס (1899—1976), א געטרייער טעאַטער־רעצענזענט און דער „קאָמפּער" פונעם אַנסאַמבל, האָט געפירט א לעבעדי־קע קולטור־ארבעט. צווישן סוף 1929 און אָנהייב 1935 זענען געשטעלט געוואָרן די פּראָגראַמען „הכל בכל", „שאַנדרע באַנדרע" און א געמישטער, מיט גרויס דערפאָלג. אַלע מיטאַרבעטער, א יונגער, פרייל עכער קאָלעקטיוו, האָבן גע־ארבעט אָן באַצאָלט: שניידערס, סטאָליערס דער יונגער מאָלער איזיו שערף, די שניידערקע יעטי סורקיס מיט אירע ארבעטער, די שוישפּילער, די מוזיק, די אָרגאַניזאַטאָרן. דער אינהאַלט פון די ספּעקטאַקלען: א מאָדערנע טעאַטראַלי־זאַציע פון יידישן פאָלקסשאַפן, צאַרטער היינטצייטיקער ליריזם, פּאָליטיש

צוגעשפיצטע סאטירע, סאָציאַל פאַרגעשריטענע אידעישקייט, קינסטלערישער אייגנארט און, דאָך, צוגענגלעכקייט און ווירקזאמקייט.

צווישן די שוישפּילערס זאָלן דערמאָנט ווערן, חוץ די „סטארס" שמחה שווארץ, מחבר, רעזשיסאָר, אינטערפרעט, מוזיקער; אבנר באראק, משולם סורקים, די שויפּילער שיינע פורמאן אדעלא העכט, קארל פישמאן, דער שפּעטערדיקער דיכטער מוני פריד, לייבו לעווין, דער שפּעטערדיקער רעציטאטאָר, שלימע נודעלמאן, גאָלדע גאנדעלמאן, דאָרע ווייסמאן, מ. בובים... די ספּעקטאקלען האָבן זייער אויסגענומען און באסאראבישע דראמקרייזן האָבן ברייט אויסגעניצט דעם אָריגינעלן רעפּערטואר. עס זענען ביז איצט געבליבן פּאָלקלאָריזירט שמחה שווארצס לידער „נאכטשיכט" און „דער צייטונגספּארקויפער", וואָס זענען באקאנט איבעראַל ווי „פאָלקסלידער".

א שטארקן אָפּקלאנג האָט געפונען דער „סעמינאר פאר יידישער ליטעראטור און שפּראכקענטעניש", וועלכער האָט זינט הארבסט 1932 געזאָלט צוגרייטן קולטור-טוערס, לערערס ביבליאָטעקארן.

די איניציאטיווע איז געקומען מצד די לערערס הערש סעגאל, חיים גינינגער, איציק שווארץ (דער שפּעטערדיקער י. קארא).

הערש סעגאל, לויטן בארוף א מאטעמאטיקער, לויט בארופונג א טיף דענקענדיקער, פיין פילנדיקער אינטעלעקטואל; פילאָסאָפיע און ליריזם, ליבע און פארשטענדעניש פאר קונסט, אן אמתער ל״ו ניק פון באקאנט מאכן פּאָעזיע, מאָלעריי, אוצרות פון יידישער און וועלט-ליריק. זיינע אויפטועז: אויסשטעלונגען און אלבומס פון יונגע מאָלערס, אויסגאבעס פון ליריק, מוזיק, גראפיק צו וועלכע ער שרייבט קנאפּע, ווערטפולע אריינפירן; ער איז דער מחבר פון עטלעכע סובטילע עסייען וועגן יידישער דיכטונג. אין סעמינאר „האָט ער געלייענט פּעדאגאָגישע פּראָפּעדייטיק און אסך מיטגעווירקט צו דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון די קורסאנטן און... לערערס.

חיים גינינגער האָט געווירקט מיטן טיפן ערנסט, גרויסע בקיאות גרינטלעכקייט, מיט זיין ליבע צו יידישער קולטור, מיט זיין ברייטן הומאניסטישן האָריזאָנט, מיט זיין אומדערמידלעכקייט, אין „סעמינאר" האָט ער געלערנט שפּראך.

איציק שווארץ (זינט 1950 י. קארא) האָט אריינגעבראכט די פילזייטיקייט פון וויסנשאפטלעכע אינטערעסן, דינאמיזם, רעשיקע קעמפערישקייט און ביסיקייט. אין „סעמינער" האָט ער געלייענט יידישע ליטעראטור און געשיכטע. דער אינזשינער יצחק שמיד האָט געלייענט פיזיק. לייזער פּאָדריאטשיק האָט אָנגעפירט דעם קינדער-קלוב און זיך לעבעדיק באטייליקט אין די ארבעטן

פונעם „סעמינאר“ מיט זיין בקיות אין העברעישער ליטעראטור. זייער אק־טיוו זענען געווען די יונגע שרייבער ה. ל. קאזשבער, מאיר כאראץ, יוסף בורג, וואָלף טאמבור, דער פיזיקער גרשון סעגאל, די היסטאָריקערן אנא הערצאָג, דער עסקן יעקב שייאָוויטש א. א.

דער „סעמינאר“ האָט דערצויגן צו זעלבסשטענדיקן דענקען און ווירקן. צווישן לעדערים און קורסאנטן זענען געווען חברישע באציונגען ביז אריינ־זאָגן זיך. מע האָט געלייגט גרוים ווערט אויף אליינארבעט און היימארבעט, ווייל דער „סעמינאר“ האָט געארבעט נאָר 3 מאָל א וואָך צו צוויי שעה; זונטיק אינדערפרי איז געווען פעדאגאָגישע פראקטיק אין קינדער־קלוב. דער קלוב האָט פאָרגעזעצט די ארבעט פון דער זומערקאָלאָניע. דער „סעמינער“ און דער „קלוב“ זענען פאָליציייש פארמאכט געוואָרן 1936.

אין יאָר 1932 האָט א גרופע פון איבער 100 יוגנטלעכע פון „גאָרדאָניא“ און „שומר הצעיר“ געזוכט נייע וועגן און געקומען אין „שולפאריין“. מע האָט זיי אָרגאניזירט אין כיתות און געלערנט סאָציאָלאָגיע, יידישע שפראך און ליטעראטור, מוזיק; פאָליציי האָט דערשמעקט דאָס „טריפה־פסול“ און „צע־טריבן דאָס חדר“.

די לעבעדיקע ארבעט פונעם „שולפאריין“ האָט דערמוטיקט אסך נייע אי־ניציאטיוון. הערש סעגאל האָט פאָרגעזעצט אָרגאניזירן אויסשטעלונגען פון יונגע מאָלער: איזיו שערף, משה קריגיץ, פסח שיראָקי, אייזנבערג, מארים פישער, איילגיסער, רייסבערג און ער האָט ארויסגעגעבן די קליינע מאָפע „זעקס שלאָפלידער?“ (1939) און משה קריגיצעס צייכענונגען (1940). דער „סע־מינאר“ האָט אָנגעהויבן דרוקן די „סעמינאר־ביבליאָטעק“ דער נר. 1 איז געווען „נייע יידישע דיכטונג, קליינע אנטאָלאָגיע אין“ לאטייניש טראנסקריפ־ציע, 100 געדיכטן פון 40 לידיקער אויסגעוויילט צווישן 5000 לידער דורך חיים גינינגער, נאָטע העלפער, הערש סעגאל, איציק שווארץ. די ארבעט איז געמאכט געוואָרן ווינטער 1933—1934, אין די אָוונטן, נאָך דער פראָפעסיאָנעלער אר־בעט. דאָס שיין ארויסגעגעבענע ביכעלע האָט געפונען א שיינעם אָפרוף אויך ביי אָפגעפרעמדעטער אינטעליגענץ. שטעפאן צווייג האָט אין זיין דאנקבריוו באדויערט וואָד ער קען נישט קיין יידיש און געדאנקט פאר די אוצרות, וואָס מע האָט פאר אים אנטפלעקט. די 500 עקז. זענען זיך גיך צעגאנגען. נום. 2 (1936) איז געווען „צען לידער פון באָדלער ווערלען“ אין דער איבערזעצונג פון שמחה שווארץ, איינע פון די גערעטנסטע איבערזעצונגען פון וועלט־לידיק אויף יידיש.

זינט 1936 האָט דער „שולפאריין“ איינגעצויגן זיין טעטיקייט צוליב פּאָליצייִשן טעראָר. מע האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אויפגעבויט א קינדערהיים לעבן טשערנאָוויץ. אסך מי און איבערגעגעבנקייט האָבן ארויסגעוויזן י. זינגער, פישל שערף, נתן סעגאל און אומצאָליקע פריינד. מע האָט זיך באטייליקט אין קהילה-וואלן און אויסגעווירקט אריינצופירן יידיש לימוד אין די קהילה-שולעס. שפּעטער זענען די אבסאָלווענטן פונעם „סעמינאר“ געוואָרן לערערס אין סאָוועטישע שולעס; אייניקע האָבן פארענדיקט אן אוניווערסיטעט אָדער אינסטיטוט און געוואָרן הויך-קוואליפיצירטע לערערס.

אָנהויב 1937 האָט דער אומדערמידלעכער הערש סעגאל געשאפן ביי די „טשערנאָוויצער בלעטער“ א קליינעם פארלאג „אליעזר שטיינבארג“ און אָפּגעדרוקט, ביי דער טיילווייזער מיטארבעט פון איציק שווארץ און א. קיטנער, 4 העפטלעך לידיק אין לאטייניש שריפט: לייוויק. מ. ל., האלפּערן און צוויי דייטשע דיכטער. אויף יידיש איז ארויס א בוך פּראָזע פון ה. ל. קאזשבער „קאזיאָנע גימנאזיע“. מע האָט געהאָלפן יונגע שרייבער ארויסגעבן זייערע ביכלער (מע, -באטייט דער קרייז ארום „שולפאריין“) למשל, לייב דרוקערס „פונעם סופליאָר-קאסטן“. מע האָט ווארעם אויפגענומען יעקב פרידמאנס „שבת“, מ. פרידס „נארציסן“, יוסף בורגס „אויפן טשערעמוש“ און „סם“ מע האָט פּאָרגעזעצט צו לייענען לעקציעס וועגן יידישער ליטעראטור אין פּריוואטע הייזער (י. שייאָוויטש, י. זינגער, דר פורמאן, שערף א.א.) צווישן 1937—1940 זענען דערשינען אסך יידישע ביכלעך. עס איז געווען א מין פאראנקערן זיך אין געדרוקטן וואָרט.

לויטן איניציאטיוו פון דער יונג פארשטאָרבענער היסטאָריקערין אנא הערצאָג שווארץ (1909—1947) איז דורך א טייל שולפאריין-אקטיוויסטן געגרינדעט געוואָרן א היסטאָריקער-קרייז, וואָס פלעג זיך צונויפקומען יעדן פרייטיק צו נאכטס אין הויז פון אינזש. זאלצינגער. עס האָבן מיטגעארבעט דער עטנאָגראף דר מאקס דיאמאנד, דער פילאָלאָג דר א. רויכווערגער, די למדנים גאָטע און שויער, די היסטאָריקער דר. ראפּאפּאָרט, אנא הערצאָג-שווארץ, איציק שווארץ, ל. פּאָדריאטשיק, דער ארכיטעקט אפּעצעלער, צומאל חיים גינינגער און הערש סעגאל. מע האָט אָנגעהויבן זאמלען פּינקסים און אנדערע דאָקומענטן, מע האָט זיך פארבונדן מיט היסטאָרישע אינסטיטוציעס אויף דער וועלט.

פארעפנטלעכט האָט איציק שווארץ אין די „ייוואָ-בלעטער“ א רשימה פּינקסים און אן ארבעט וועגן א וויזשניצער פּינקס פון 1768. דער רוב דאָקומענטן זענען אומגעקומען מילחמה-צייט.

אין דעם שטארק דיפערענצירטן יידישן קולטור-לעבן פון טשערנאָוויץ צווישןביידע וועלט-מילחמות האָט דער „שולפאריין“ פארנומען א וויכטיק פלאץ אין דער יידיש-וועלטלעכער קולטור-באוועגונג, מיט אן אָפּקלאנג איבערן גאנצן לאנד. ער האָט דערצויגן דורות קולטור-טוערס און אייניקע פון זיי ווירקן ביז היינט אין דעם יידישן קולטור לעבן אויף דער וועלט.

פאַר פערציק יאָר

זיכרונות פון א דעלעגאַט צום פאַריזער יידישן קולטור-קאָנגרעס

איך זאָג אייך צו, אז אין די ווייטערדיקע שורות זאָל איך נישט איבער-דערציילן, אזוינס, וואָס מע קאָן געפינען אין דעם 370 זייטלדיקן באַריכט פון קאָנגרעס און אין ארטיקלען און אָפּהאנדלונגען, וואָס מע האָט אָפּגעדרוקט און מע וועט נאָך אָפּדרוקן. איך וויל נאָר דערמאָנען אייניקע איינדרוקן פון יענע אומפארגעסלעכע טעג.

אין יאָר 1937 האָבן די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור-אָרגאַניזאַציעס פון רומעניע קוים געהאט א געזעצלעכע ארבעט-מעגלעכקייט. „דער יידישער שול-פאריין" אין טשערנאָוויץ, וווּ כ'בין געווען סעקרעטאר, איז געווען האַלב-לע-גאַל, די לינקע „קולטור-ליגעס" פון בוקארעשט און באסאראביע זענען געווען פארבאָטן; אין בוקארעשט האָט געווירקט דער „יידישער אָפּוועג" און אין יאס די „פּרץ-ביבליאָטעק". די „טשערנאָוויצער בלעטער" רעד. ש. א. סופר האָבן געפירט א ברייטע דיסקוסיע ארום דער באטייליקונג אין קאָנגרעס. די בוקארעשטער „שויבן" (ש. ביקל, י. שטערנבערג, חיים קראפט, י. יאקיר א. א.) האָבן ווארעם געשטיצט די אידעע פון קאָנגרעס. און אָט איז געקומען די צייט. די דעלעגאטן זענען געפאָרן אויף אייגענע שפּעזן וואָלף אויערבאך, א באאמטער, דערהר-געט פון פאשיסטן זומער 1941, געקומען פון טשערנאָוויץ, ווי אלע רומענישע דעלעגאטן, חוץ חיים קראפט, א געוועזענער באַראָכאָוויסט און געראָטענע עסקן, וועלכער איז געקומען פון בוקארעשט. אין פאריז האָבן געלעבט אלס פּאָליטישע עמיגראנטן אָדער ווי קינסטלער: דר י. בערנפעלד, דער טעאטראל און סקולפּטאָר שמחה שווארץ (1900—1974), דער מאָלער לערנער: פון טשער-נאָוויץ איז געקומען י. זינגער, דער פּרעזידענט פונעם „שולפאריין" און איציק שווארץ (דער שפּעטערדיקער י. קארא) דער סעקרעטאר. עס איז נאָך געווען

א פרוי בערנשטיין און א קאָנספּיראַטיווע באַסאַראַבישע חברטע. די בוקארעש-טער חברים האָבן זיך באַגגיגט מיט באַגריס-טעלעגראַמעס.

עס ליגט מיר פאר די אויגן מיין דעמאָלטיקער פּאַספּאָרט, וואָס מיין יונג-פאַרשטאָרבענע חברטע, אַנאַ הערצאָג-שוואַרץ, (1909–1947) א צוזאָגנדיקע היסטאָריקערן, האָט גערעטעוועט דורכ'ן מלחמה, געטאָ און וואָגל. איר בין אָנגעקומען קיין פּאַריז דעם 18-טן אויגוסט 1937. היות איך בין מאַסטער אין פראַנצייזישער פילאָלאָגיע, איז דער ענין שפּראַך געווען א פּשוטער. איך האָב מיך אינגיכן געפילט היימיש און שפּעטער געקאָנט מיטהעלפן אויפנעמען און אויספירן די דעלעגאַטן. יידיש לשון איז דעמלט געווען היימיש אין פּאַריז. אַן אַמעריקאַנער גאַסט, נישט קיין דעלעגאַט, נאָר א יידיש-ליבהאָבער, איז אָנגעקומען קיין פּאַריז שוין נאָכן עפענען דעם קאָנגרעס; ער איז אַרום פונעם וואָקזאַל און זיך געווענדט צום ערשטן מענטשן, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין א ייד: „צי ווייסט איר נישט, חבר ווו עס קומט דאָ פאָר דער יידישער קולטור-קאָנגרעס?” דערויף האָט יענער געענטפערט: „היתכון! איך לייען דאָך די יידישע בלעטער! קומט, איך וועל אייך צופירן”. דער ייד איז אָנגעקומען מיט א טאַקסי אין „מיטיאַליטע”- זאַל און יעדן דערציילט דעם נס, ווי א באַווייז פון דעם כוח פון יידיש.

באַזונדערס רירנדיק איז פאר מיר געווען דאָס באַגעגענען די אַמעריקאַנישע דעלעגאַציע אויפן צפון-וואָקזאַל. א קלייניקייט: די קאַרפּן-קעפּ פון יידישער ליטעראַטור-לייוויק, אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, דר מוקדוני, דאַן אונדזערע באַליבטע מחברים פון דער „מאָרגן פרייהייט” און „האַמער”: אָלגין, מאַר-מאָר, שאַץ-אַנין, פרענק קוירק; דאָס בילד איז אָפּגעדרוקט איז דעם באַריכט פון 1938. שפּעטער, ווען כ'בין געפאָרן מיט לייוויקן און אָפּאַטאָשון אין א טאַקסי איבער פּאַריזער בולווואַרן האָב איך לייוויקן א פרעג געטאָן, ווי ער פילט זיך אין פּאַריזער טומל, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אין פאַרגלייך מיט ניו-יאָרק איז פּאַריז אַן אָפּרו... כאַראַקטעריסטיש פאר לייוויקס טאַקט איז אַזאַ פּאַסירונג. דער פיינער פּאָעזיע קענער הערש סעגאַל און איך האָבן אין טשערנאָוויץ אַרויסגעגעבן אין לאַטייניש בוכשטאַבן אַן אויסוואַל פון לייוויקס לידער. איך האָב אים דערלאַנגט דאָס העפטל, האָט ער מיר געדאַנקט און געבעטן א ...ווידמונג. איך האָב עפּעס אָנגעשריבן און אים געזאָגט: ביי אונדז זאָגט מען דערויף: „איך שמיר אייך מיט אייער אייגענער פּוטער”. לייוויק האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט: דאָס העפטל איז אָבער אייער טשערנאָוויצער אויפטו. אָפּאַטאָשו האָט זיך אומדערמידלעך נאָכגעפרעגט וועגן נייע יידישע

שרייבער פון רומעניע. פון מיינע ענטפּערס האָב איך אָפּגעדרוקט אַן ארבעט אין דער פּאַריזער „נייער פּרעסע".

מיט אַלגינען האָב איך קוים גערעדט, אָבער זיין פּערזענלעכקייט האָט זיך געפילט אין יעדער רגע פון דעם קאָנגרעס. גוט אָנגעחברט האָב איך מיך מיט דעם הארציקן ז. וויינפּער, מיט וועלכן מיר זענען דערנאָך אין איינעם געפאָרן קיין ווין.

די לייזיקע בענקלעך פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור האָבן געשטאַכן די אויגן. אין פּאַריז זענען מיר, רומענישע, געוווירע געוואָרן אומ-היימלעכס וועגן די מאָסקווער פּראָצעסן פון 1936. מיר זענען געווען טרויעריק איבער דעם קליינעם טישל מיט עטלעכע פּראשטויבטע ביכלעך ערגעץ אין א באהאלטן ווינקל פונעם ריזיקן סאָוויטישן פּאַוויליאָן אויף דער באַקאַנטער אויסשטעלונג ארום דעם אייפעל-טורעם. קיין צופיל קשיות האָבן מיר זיך נישט געשטעלט, ווייל אין דער היים האָט געסטראַשעט דער אָנוואַקסנדיקער פאַשיזם און רעאַקציע.

אינטערעסאַנט איז דר מוקדונים באַמערקונג דעם דריטן טאָג פון קאָנ-גרעס: „מיר זיצן דאָ אין איינעם, יידן פון אלע עקן וועלט, פון אלע דיאַלעקטן און מיר פאַרשטייען זיך גוט איינער דעם אנדערן, עלעהיי עס וואָלטן נישט עקסיסטירט קיין יידישע דיאַלעקטן". אלע זיינען איבעראַשט געוואָרן פון דעם עלעמענטאַרן אמת וועגן דער אוניווערסאַלישקייט פון מאַמע-לשון.

די באַריכטן פון די לענדער: ווייַ און מוט, צער און ביטחון; מע האָט זיך קענגזייטיק דערמוטיקט און געשטאַרקט, דער עיקר מיר, פון פוילן, רומעניע באַלטישע לענדער, וועלכע האָבן מער געפילט דעם אָנקום פון דעם שטורעם און געהאָפּט אויף גאולה.

טשיקאַווע איז פאַר אונדז געווען דער עסטנישער פילאָלאָג און יידיש-קענער, דער נישט-ייד פּאָל אריסטע, וועלכער האָט גערעדט א פיינעם יידיש און מקנא געווען די יידישע ליטעראַטור. אין א פויזע האָט ער באַגעגנט א יי-דישע טענצערן פון אַמעריקע, אַן אָפּשטאַמיקע פון אונגערן און זיך מיט איר געקענט דורכשמועסן. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז די עסטאָנישע פילאָ-לאָגן לערנען אלט-מאַדיאַריש ווי א שורש פון זייער לשון.

פון דער ארבעט אין קאָמיסיעס איז מיר באַקאַנט די שול-קאָמיסיע, וווּ כ'בין געווען סעקרעטאַר. עס האָבן געפעלט די גרויסע שול-אָרגאַניזאַציעס פון פוילן, ליטע, אַמעריקע, דערפאַר איז די הויפּט-זאָרג אונדזערע געווען צו שאַפן א קאָאָפּעריר-צענטער פון אלע שול אָרגאַניזאַציעס, א קינדער-פאַר-לאַג און לערנביכער פאַר פּראָגרעסיווע שולעס.

סיי דעמאָלט, סיי איצט בין איך איבערצייגט, אז דער גרעסטער אויפטו פונעם קאָנגרעס איז געווען דער פערזענלעכער קאָנטאקט צווישן די טוער פון אלע לענדער. די דעלעגאטן פון קלענערע יידישע ישובים זענען אהיימגעפאָרן געטרייסט און דערמוטיקט. דער זכות פונעם קאָנגרעס איז זיי בייגעשטאנען אין משך פון יאָרצענדליק ביז היינט. דאָס געפיל פון אחדות און פאָלק-געטריי-שאפט באזעלט זייער ארבעט און גיט זיי א תיקון.

מארק שאגאלס בריוו צו שמחה שווארץ

אויגוסט 1938 בין איך געווען אין פאריז, ווען איציק מאנגער האָט שמחה שווארצן, געפירט צום גרויסן קינסטלער מארק שאגאל. דער גרויסער קינסטלער האָט באוואונדערט מאנגערס דיכטונג און זיך אינטערעסירט פאר שמחהס אר־בעטן. א יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה; שאגאלן איז געלונגען זיך צו ראטעווען קיין אמעריקע, איציק מאנגערן, קיין ענגלאנד, שמחהן, אין דער שווייץ. דאָרט האָט ער איינגיכן געשאפן זיין אנסאמבל „נא־וואנאד", א המשך פון זיין טשערנאָוויצער „קאמעלעאָן" פון ארום 1930. דאָ האָט ער זיך באקענט מיט זיין מיטארבעטערן און שפּעטערדיקע פרוי, רות; נאָכן צוריקקומען קיין פאריז האָט ער פאָרגעזעצט טאעטער־ארבעט ביז ער האָט געשאפן דאָס יידישע פופן־טעאטער „הכל בכל" (האקל־באקל).

דער באזונדערער דערפאָלג פון דעם איינגארטיקן אויפטו האָט אָבער נישט פארזיכערט דעם מאטעריעלן קיום. שאגאל האָט זיך דערוווסט וועגן די גרוי־סע קרבנות, ראנגלענישן, און אָנשטרענגונגען, וואָס דאָס פּאָרל שמחה־רות האָט געבראכט כדי אויפצוהאלטן זייער אויפטו, כאָטש די פאריזער יידישע, און נאָכמער די פראנצייזישע פרעסע, האָבן זיך אָפּגערופן זייער פּאָזיטיוו אויף די „הכל־בכל" פאָרשטעלונגען. ער האָט באזוכט א ספעקטאקל און דעם 16־טן אפּריל 1949 האָט ער פון זיין רעזידענץ אין אָרזשעוואל געשריבן;

„טייערער סימכע שווארץ. איך בין געווען אין אייער טעאטער פון מא־ריאָנעטן און די גאנצע צייט, וואָס איך האָב פארבראכט אויף אייער ספעקטאקל, האָב איך געהאט אזא פארגעניגן: אי א קינסטלערישן, אי א מענטשלעכן (נאָר איך האָב זיך געוואונדערט, אז אין דעם זאל איז נישט פול מיט מענטשן, מענ־טשן דערוואקסענע און קינדער, יידן און נישט־יידן).

אייער הארציקע קונסט איז נויטיק; זי רירט און קויפט אונטער מיט אירע ריינע מיטלען. זי איז פאָלקיש און פשוט. און דאָס אַלץ מאכט איר אליין כמעט העראָיש, מיט אייערע אייגענע הענט, שטימע, גייסט און באוועגונגען צוזא-מען, מיט אייערע עטלעכע פריינד, פיינע מוזיקער און זינגער.

איך וויל גלויבן און האָפן ,אז יידן און אפילו נישט-יידן, וועלן סימפאטיש זיך און אייך העלפן צו אנטוויקלען אייער טעאטער, אייער קונסט-(צו) שטעלן זיך אויף די פיס און ארבעטן ווייטער מיט דערפאָלג. דאָס וועט זיין א פארגע-ניגן און א געווינס.

מיט מיינע בעסטע ווינשטן און גרוסן, ערגעבענער מארק שאגאל".

כדי מיטצוהעלפן דעם פרעסטיזש פון „הכל בכל" האָט שאגאל צוגעזאָגט זיין מיטארבעט. שמחה האָט געשאפן א סצענאר לויט בעלא שאגאלס בוך „ברע-נענדיקע ליכט" און באנוצט שאגאלס צייכענונגען צום בוך, פאר דעקאָר און קאָסטומאציע צום ספעקטאקל. דער וועלט-בארימטער מאָלער האָט זיך גע-נוי אינטערעסירט פאָרן גאנצן ענין. דאָס זעט מען אויך פון זיין בריוו צו שמחהן, געשריבן אויף יידיש, ווי אלע זיינע בריוו צו אים, און דאטירט 28 יולי 1949:

„טייערער שווארץ. באקומען אייער בריוו און אייער אינסצענירונג פון בעלאס ביכער. איך דאַנק אייך פאר אלץ. ווירזשיניע (1) איז איצט אין לאָנ-דאָן און מיין טאָכטער איז דאָ אין „קאָנוואלעסאנס" און איך בין „צעדרייט", ווי אייער אָדער מיין„ זייגער". אָבער איך האָב זיך אוועקגעזעצט און אלץ דורכגעלייענט און דערפילט איינס: אז איר באזיצט דעם סוזשעט; ווייל איר זענט א ייד און א קינסטלער אין דער נשמה. איך רעד ניט וועגן „דעטאלן"; וויכטיק איז, אז איר פילט און שווימט אום אין קונסט און נאָך יידישער „דארף מען שווימ'ן". אָט אזוי ווי בעלאטשקע האָט געשווימט אין אירע וויטעבסק-ביבלישע וואָלקן, טרוימען, פול מיט „גמרה", זילבער ,גאָלד צי מענטשן אין סענזועלע אוועגטורן. עס איז מער ניטאָ דאָס, נאָר מיר, די לעצטע זענען דאָ. עס ווילט זיך זען, ווי וועט איר שאפן די פאָרטזעצונג פון די בילדער לעבן די פלאכטן מיט מוזיק און באלעט. אָבער איך פיל אז איר, מיט אייער חוש און טאקט, קענט אויספירן טאקע איר אליין די זאך.

איצטער אזוי: איך בין גרייט אייך און אייערע העלפער [צו העלפן], צו פאר-,ברענגען מיט אייך און ווייזן אייך מיינע פארשיידענע סקיצן, וואָס איך האָב, און צייכענונגען וועלכע קענען אייך אחוץ די, וואָס עקסיסטירן אין אירע צוויי ביכער, נאָך אָנווייזן אויף וואָס (2). איך פיל נאָר, און דאָס איז די מיינונג אויך פון מיין „מיניסטער-טאָכטער", אז איך אלס מאן און אפילו אלס „פער-סאָנאזש", דארף זיין אין „זאל" און ניט א קאָלאָבאָראטאָר, א דירעקטער,

אייערער. פון שטאנדפונקט דעקאָראציע און קאָסטיום, פערסאָנאזשן אויף דער בינע; דאָס וועט זיין באשיידענער, קינסטלעריש מיט מער געשמאק, און ליבע צו בעלאן. ווייל אלץ איינס איז פאראן אָן מיין האנט, גענוג מאטעריאל. אויב איר וועט האָבן א וואָסערן עס איז קינסקטלער, א צוהעלפער פאר אייך, בין איך גרייט אים אונטערזאָגן, וואָס (2). נאָר איך וואָלט וועלן אין אלגעמיין, עס זאָל (זיין) אלץ אייער האנט, קאָפּ און מויל, אלס גאנצעס. איר פילט דאָך אזוי און אומוויסנדיק כלומרשט פּלאָס־טיש, מאכט איר דאָך ניט קיין פעלערן. אלזאָ שאפט זיך אייך ווייטער. איך האָף אז איר וועט רוען און זיך באָדן אויך מיט אייער ווילער, יונגער פרוי. און אז איר וועט אהיימקומען, קלינגט אָן, וועלן מיר רעדן. איך האָב ביי זיך די קאָ־פּיעס, איך וועל זיי ווייטער לייענען און אז איר וועט האָבן נאָך וואָס צו לייענען, שיקט. איך האלט עס פאר אייך. (איך קלער, אז לייבאָוויץ איז אויך א וויכטיקער מוזיקער. איך האָב געזען דאָ די פרוי פאכט, וועלכע וועט העלפן אייך.) מיט מיינע בעסטע גרוסן אייך ביידן. אייער מארק שאגאל".

שאגאלס אינטערעס פארן „הכל בכל" האָט דערמוטיקט דאָס קינסטלער־פּאָר שמחה־רות. דעם דריטן סעפּטעמבער שרייבט זיי שאגאל פון זיין אָרזשע־וואלער דירה:

„איך בין געווען צופרידן אייך ביידע זען און הערן. איך קלער די צייט וועגן דער „פּאָרל" פון אייער אינסצענירונג בעלאס ביכער „ברענענדיקע ליכט". קלער איך, אז דער ארייננטריט אויף דער בינע פון דעם „מאָלער", וואָס שאפט די „ליבע" מיט בעלאן איז עפּעס נישט באשיידן כל זמן ער לעבט נאָך. מענטשן וועלן זאָגן, איך ווייס ניט וואָס, און וועלן מיינען איך ווייס ניט וואָס. און דער „מאָלער" וועט פארשטעלן בעלאן, וועלכע מיט איר קונסט איז די הויפּט־העלדין (דאַרף זיין). דער בוך „ברענענדיקע ליכט" האָט אן אוצר מיט פאָלקס־קונסט און־לעבן אפילו אָן דעם מאָלער און זייער ליבע. אזוי איז מיין מיינונג (און אויך די מיינונג פון ווירזשיניא). אלזאָ, קלער איך, ארבעט זיך דערווײַלע אויף די וונדערבארע פאָלקס־סצענעס און אז אידא (3) וועט קומען פון דאָרף, איך האָף, באלד, וועט איר אלע מיט איר זיך אן עצה האלטן וועגן דעם פּראָבלעם. דער־ווײַלע מיט בעסטע גרוסן אייך ביידן. מארק שאגאל.

פּ. ס. עס איז דאָ א יונגער מאָלער (אן איטאליענער) וועלכער וועט קאָנען מאָלן די דעקאָראציע פאר אייך".

אינצווישן האָט זיך מארק שאגאל באזעצט אין א נייער דירה אין דרום־פראנקרייך, אין דאָרף וואנס, רוט דע סען פּאָל. ער האָט די ווילע אָנגערופן „לע סמודיאָ" און ער וווינט און שאפט דאָרט ביזן היינטיקן טאָג. זיין בריוו

פונעם 9-טן נאָוועמבער איז א דערמוטיקנדער אין די צוגרייטונגען צו דער נייער פרעמיערע:

„טייערער שמחה שווארץ און אייער ווױלע פרוי. וואָס מאכט איר און ווי גייט עס אייך? פארלאָזן די וועלט, די טומלדיקע (אָבער שאפנדע) דאָ אין די בערג. די זון איז דאָ פארטונקלט. ווי גייט די ארבעט? זייט איר צופרידן? צי העלפט אייך אָוואטי? (4). צי העלפן אייך מענטשן? איך האָב באקומען א בריוו פון דער פעדעראציע (פעלמען) אז זיי ווילן ארויסגעבן בעלאם בוך (איך קלער, ביידע אין איינעם). שרייבט און זייט ביידע געגרוסט הארציק. א גרוס פון ווירזשיניא. ערגעבענער מארק שאגאל".

נאָך אסך מי אָנשטרענגונגען, קרבנות, איבערלעבענישן איז די פרעמיערע פונעם נייעם ,צווייטן, ספעקטאקל „הכל בכל" באשטימט געוואָרן פארן 30-סטן נאָוועמבער 1949 אין א קליינעם פאריזער זאל אויף דער גאם גי פאטען, וווּ מע האָט געשפילט יעדן שבת, זונטיק און מאָנטיק האלב 10 אויפדערנאכט. ערב דער פרעמיערע שרייבט שאגאל אזא בריוו: „טייערער שמחה שווארץ. איך וואָלט אזוי וועלן זיצן ביי אייך אין אייער נייעם טעאטער און אָנזען אייער ארבעט, דעם נייעם ספעקטאקל, און צוהערן זיך, ווי עס גייען זיך פאנאנדער די באקאנטע און אומבאקאנטע שטריכן פון אייער טאלאנט.

איך וואָלט אזוי וועלן זיצן אין א זייט און צוקוקן זיך פון מיין ווינקל אויף דעם סילועט פון מיין אמאָליקער מוזע, און אפילו נאָך היינטיקער, וועלכע איר פירט פאנאנדער איצט אויף אײַערע הענט, אין דער לופטן, איבער דער בינע; צו־הערן זיך צו די רייד און קלאנגען, וואָס איר האָט ארויסגענומען פון איר שווייג־דיק בוך. נאָר אלצאיינס-פון ווייטנס, צי פון דער נאָענט-איך זע זי און אייך און אלע אנדערע יידן, וועלכע כאָטש פון האַלץ און באפארבטע, פולן מיך אָן מיט מיין אלט-נייעם טרוים און ליבע צום פאָלק. איך ווינטש אייך דערפאָלג. מיט גרוס. א גרוס אייער פרוי. מארק שאגאל".

אויב שאגאל איז נישט געקומען צו דער פרעמיערע, האָט אים פארטרעטן, שפעטער, זיין צווייטע פרוי, ווירזשיניא. אין א בריוו אויף פראנצייזיש שרייבט זי רותן און שמחהן „...איך בין זעלטן ווען געווען אזוי גערירט„. און שאגאל שרייבט צו א גרוס: „...איך אינטערעסיר זיך ווי אייך איז געגאנגען און ווי איך וועט גיין ווייטער. איר האָרעוועט דאָך שווער. מיט מיינע הארציקע גרוסן אייך ביידן. מארק שאגאל".

דערמיט ענדיקט זיך דער בריוואויסטויש צווישן שאגאל און שמחה שווארץ. די פאריזער יידישע געזעלשאפטלעכקייט האָט נישט דערשאצט שאגאלס מיי־נונג און דעם אויפטו פון שמחה און רות שווארץ. די פראנצויזישע פרעסע: לע

מאָנד, ליבעראַסיאָן, לעטר׳ פראַנסעז׳, אָפּערע, לעז אר ,סע סאָאר, די האָלענ-
דישע פריי נעדערלאַנד, שפּעטער די ישראַלישע, האָבן פאַרשטאַנען און גע-
שאַצט דעם אויפטו. עטלעכע יאָר שפּעטער זענען שמחה און רות אריבערגע-
פאָרן קיין ארגענטינע, פאָרגעזעצט זייער טעאַטער-אַרבעט ביז... שמחה האָט
זיך ווידער גענומען רעאַליזירן זיין יונגט-טרוים-סקולפּטור, ווו ער האָט
באַוויזן גרויסע אויפטוען. די אויסשטעלונגען, לעצטערע יאָרן, אין פּאַריז
און בוענאָס-איירעס האָבן ארויסגעוויזן א נייעם פּאַצעט פונעם פילזייטיקן
קינסטלער שמחה שוואַרץ.

דערקלערונגען: 1) „וואָווא" שאַגאַלס צווייטע פרוי. מיר האָבן זי באַ-
גענגט אין פּאַריז סוף 1969. 2) געמיינט „עפּעס". 3) שאַגאַלס טאָכטער. 4) דער
יונגער איטאַליענישער מאָלער, וואָס שאַגאַל האָט געשיקט.

איציק מאנגערס בריוו צו ס. קריסטיאַן

ווער איציק מאנגער איז געווען און איז ווייסט יעדער. וועגן סאמועל קריס־טיאַנען ווייסן עפּעס אייניקע רומענישע יידן. א ביז גאָר אינטערעסאנטער יידי־שער קולטור־מענטש א קויפער און לייענער פון יידישע ביכער, זשורנאלן און פּרעסע, א גוטער קענער פון רומענישער און וועלט־ליטעראטור, אן אונטער־שטיצער פון יידישע שרייבערס און קינסטלערס אין רומעניע און ...א שרייבער אויף רומעניש. ער האָט איבערגעזעצט פון איטאַליעניש א היסטאָריש בוך וועגן רומעניע, ארויסגעגעבן א זאמלונג „אויסלענדישע רייזנדער וועגן יידן אין רומעניע" און 1946, „4 יאָר שואה אין רומעניע, איבערלעבענישן בעתן פאשיסטישן רעזשים אין רומעניע".

פונעם פאַך־א סוחר פון גוטע שטאָפן און באזיצער פון א לוקס־שניידעריי פאר מענער אין יאס און בוקארעשט, איז ער געווען א חבר מיט רומענישע שריי־בערס און קולטור ־מענטשן. ער איז געווען נאָענט צו דער מישפּחה מאנגער אי צוליבן פּאָעט איציק מאנגער, אי צוליב די ערשט ראנגיקע צושניידערס הלל (דער טאטע) און נאָטע מאנגער; דער פּאָטער איז געווען א לעבדיק שטיק פאָלק־קלאָר, נאָטע־א פיינער אינטעליגענט און קולטור־טוער. פאר איציק מאנגערס באציונג צו קריסטיאַנען איז כאראקטעריסטיש מאנגערס ארויסזאָג אין זיין בריוו פונעם 12־טן יוני 1946, פון לאָנדאָן, ווי אלע אנדערע בריוו:

„באקומען דיין בריוו, אים געלייענט מיט הארצקלאפּעניש. אזויפיל זיכ־רונות זענען פארבונדן מיטן נאָמען קריסטיאַן, א שטיק פון מיין קינד־הייט, מיין יוגנט, מיינע ערשטע ביכער, און אזויפיל געשטאלטן נאָענטע און טייערע, וואָס לעבן אין זיכרון, כאָטש דיווירקלעכקייט, די שוידערלעכע, די לעצטע פאָר יאָרן, האָבן זיי אויסגעמעקט..."

איציק מאנגערס ערשטער בריוו צו ס. קריסטיאַנען איז דאטירט: לאָנדאָן, 3 מיי 1946. עס איז דער ערשטער קאָנטאקט מאנגערס מיט רומעניע נאָך די

שוידערלעכע מילחמה־יאָרן. „דאָס שרייבט צו אייך איציק מאנגער, דאָס קליי־נע יינגעלע, וואָס איר האָט געקענט, און דער גרויסער יידישער פּאָעט, וואָס איז זייער צעבראָכן און טרויעריק און אָרעם צווישן די רייכע יידן אין ענגלאנד און צווישן די חורבות פון דעם יידישן לעבן, וואָס ער האָט ליב געהאט. נאָר לאָמיך אוועק פון דעם אומדירעקטן נוסח.

מיין פריינד קלארמאן פארבינדט מיך מיט אייך און מיט זיסון (א. ל. סו, 1888–1956 א באקאנטער עסקן, אן אָריגינעלער שרייבער אין רומעניש אויף יידישער מעמאטיק, א ראפינירטער אינטעליגענט. י. ק.) און מיט דעם, וואָס איז נאָך פארבליבן. לאָמיר רעדן אויף „דו“, ווי ס'דארף זיין צווישן ייד און ייד... מיין טאטע איז געשטאָרבן פאר הונגער און טובערקולאָז ארום הארבסט 1942. (וועגן דער מישפּחה מאנגער זע מיין ארבעט „זיכרונות לבית הלל מאנ־גער אין דער „גאָלדענער קייט“ נר. 71, זז. 171–174 י. ק.)

איציק מאנגער בעט מע זאָל העלפן זיין שוועסטער שיינדל, וואָס איז צו־דיקגעקומען פון געטאָ, נאָך שווערע איבערלעבענישן. אגב, וועלן אלע איציקס בריוו צו קריסטיאנען און אנדערע (בתוכם, אויך צו מיר י.ק.) זיין פול מיט זאָרג פאר דער באליבטער שוועסטער זיינער, וואָס מיין מישפּחה האָט געקענט במשך אסך יאָרן.

אין דעמזעלבן בריוו שרייבט מאנגער ווייטער: „איך האָב געהאט דעם טראַגישן זכות, אז מיינע לידער זאָלן געלייענט און געזונגען ווערן ביי די שטארב־נדיקע יידן פון פוילן“. נאָכדעם וואָס מאנגער דערמאנט די יידישע געזעלשאפט־לעכקייט, אז זי איז מחויב צו העלפן זיין שוועסטער, די שוועסטער „פונעם גרעסטן יידישן פּאָעט“, דערמוטיקט ער קריסטיאנען: „אגב, שרייבט אייערע מעמוארן וועגן מיר, מיין ברודער, מיין טאטן; איך וועל פארעפנטלעכן אין א ספּעציעלן בוך...“

וועגן די נאָענטע באציונגען פונעם גרויסן דיכטער צו קריסטיאנען זאָגט עדות דער סוף פונעם בריוו: „ווי לאנג מיר קענען זיך און ווי נאָענט איר זענט מיר געוואָרן נאָך אלעמען...“ מאנגער לאָזט גריסן דער מישפּחה און שיקט ארויס אן עקזעמפּלאר פון זיין בוך „וואָלקנס איבערן דאך“ (פארלאג „אליינע־ניו“, טשערנאָוויץ, ווארשע, לאָנדאָן 1942, 126 זייטלעך י. ק.) מאנגער גיט אויך אָן זיין אדרעס, 2 דהי ארקייד, סוויסקאָטיידז סטיישן, לאָנדאָן נ. וו. 6

גאָר טרויעריק איז מאנגערס בריוו פונעם 12־טן יוני.

„דער טויט פון מיין טאטן און דער טויט פון מיין ברודער נאָטע דאָס זענען שווי־דערלעכע וואונדן; זיי וועלן זיך נישט פארהיילן ביז איך וועל נישט זיין מיט זיי; איך האָף, ס'וועט נישט לאנג דויערן...“ דאָ האָט זיך דער דיכטער גע־

נארט; אים איז באשערט געווען צו לעבן נאָך 13 יאָר. פון זיי 5 אין א „מאַ-טרצן-קבר“, אזויווי זיין גרויסער פאָרגייער היינריך היינע. ער האָט דערלעבט צו זען ווי זיין דיכטונג ווערט געשעצט און פארשפרייט... מאנגער איז באזאָרגט צוליב דער שוועסטערס שווייגן; ער דאנקט פאר די ידיעות וועגן דער „איקוף“-טעטיקייט אין רומעניע און ער שרייבט ווייטער; „איך בין זייער נייגעריק צו לייענען דיין ארטיקל וועגן מיר, שרייב... איי, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט א רוק טון די צייט אויף צוריק מיט א דרייסיק יאָר פריער, ווען אלע האָבן נאָך געלעבט...“ דער גאנצער בריוו איז פול מיט זאָרגן און גדאנקען וועגן דער שוועסטער שיינדעלע. ער טוט אויך צוויסן, אז ער גרייט צום דרוק א בוך „דער שניידער געזעלן נאָטע מאנגער זינגט“. און ווייטער שרייבט מאנגער:

„נאָך דעם דאָזיקן בוך וועל איך זיך נעמען צו מיינע „מעמוארן“. איך האָב אזויפיל צו דער ציילן וועגן מיין קינדהייט, מיין יוגנט, מיינע וואנדערונגען, וועגן יידן אין רומעניע, פוילן, גאליציע, ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, פראנקרייך, בעלגיע, צפון אפריקע, ענגלאנד. געשטאלטן און עפיזאָדן, וואָס דארפן פארפיקסירט ווערן פאר קומענדיקע דורות“.

מיין ברודער שמחה שווארץ און איך האָבן געוווינט אין פאריז (1938) טיר אין טיר אין א קליין האָטעלעבל לעבן דעם פלאץ פון דער רעפובליק, אויף דער גאס קאמין 2. שאגאל האָט אים דעמאָלט מקרב געווען.

מאנגער שיקט צוגלייך מיטן בריוו זיין בוך „וואָלקנס איבער דאך“ צו קרים-טיאנען און מאָנט א גוט בילד פון דער שוועסטער און ער שיקט גרוסן צו „אלע פריינד, וואָס געדענקען מיך נאָך“. מאנגער געפינט זיך אין א מאָדנעם פסיכישן מצב. פון איין זייט שטרייכט ער אונטער אין זיינע בריוו, אז ער איז דער גרעסטער יידישער דיכטער, פון דער אנדערער זייט צווייפלט ער, צי מע דערמאָנט אים נאָך אין רומעניע; דאָס שפיגלט אָפּ זיין גרויסע איינזאמקייט אין דעם פרעמדן, יאהודישן ענגלאנד. אפילו די פריינדשאפט מיט מארגאריט, וועמען ער ווידמעט לידער, ברענגט נישט גענוג ווארעמקייט פאר דעם פּאָעטס נשמה. עס פעלט אים דאָס אויסגעקוילעטע יידישע פאָלק פון פוילן און מיזרח-אייראָפּע.

אין זיין דריטן בריוו צו קריסטיאנען (אויגוסט 30) באשטעטיקט דער פּאָעט, אז ער האָט באקומען קריסטיאנס בוך „פיר יאָרן שואה“; ער גיט צו, אז עס איז אים שווער צו לייענען רומעניש און אז נישט אלצדינג פארשטייט ער; ער ראָט אים צוצושיקן עקזעמפלארן קיין ניו-יאָרק צו דר. שלמה ביקל, דעם באַקאנטן עסייסט פון רומעניע און דר. יוסף קיססמאן. א באקאנטער סאָציאליסטישער טוער פון רומעניע, דעם „ייווא“. און ווידער שווימט ארוים די זאָרג פאר שיינדעלען. „פּאדשטייסט, אז זי איז זיין איינציקע זאָרג“. ווייטער דאנקט

מאנגער דעם יידיש-רומענישן ראָמאַניסט אורי בן הדור פאַר זיינע וואַרעמע שורות וועגן נאָטען.

מאנגער פירט א שטילע מילחמה מיטן רוב יידישע קריטיקערס. „זיי ווייסן זיך, געבעך, נישט קיין עצה צו געבן מיט מיר, די גאַנצע יידישע קריטיק; זיי שטייען פאַר א פענאָמען, וואָס זיי קאָנען נישט דערקלערן... די ווירקונג מיינע גייט ווייט... משה נאדיר פלעגט זאָגן: „איך קען צוויי גרויסע וועלט-דיכטער, וואָס מיר האָבן געגעבן-היינע און מאנגער”. לאָמיר נישט פארגעסן, אז מאַנגערס באַרימטקייט נאָך דער צווייטער וועלט-מילחמה, איז זיך צעוואַקסן ערשט עטלעכע יאָר שפּעטער. א פארביטערטער פון די שוידערלעכע יאָרן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, האָט ער זיך געפילט געטראָפן, ווען מע האָט אים נישט געגעבן דאָס פּלאַץ (דאָס ערשטע י. ק.) וואָס ער האָט געהאלטן, מיט רעכט, אז עס קומט אים, אין דער יידישער ליטעראַטור און א בכבודיק פּלאַץ אין דער מאָדערנער וועלט-ליטעראַטור. „דאָס איז נישט וויכטיק, שרייבט ער אין דעמזעלבן בריוו, וויכטיק איז אז די יידן אין רומעניע און איבעראַל אין אייראָפּע, זאָלן אביסל אויפגעריכט ווערן נאָך אזויפיל בלוט און טרערן”. לסוף דאנקט ער דער שוועסטער פאַר איר בריוו און בעט א גוט בילד אירס. אגב, פאַרלאָזט ער זיך נישט אויף יענעמס הילף און מארגארעט שיקט ארויס שיינדעלען א פּעקל געטראָגענע קליידער (קיין נייע לאָזט מען נישט פון ענגלאַנד).

דער פארלעצטער בריוו איז פון 17 אָקט. 1946. מאנגער ברענגט דאָ טענות צו ה. לייוויקן, אז ער האָט אים גרינגגעשאצט מחמת קנאת-סופרים. זינט לייוויק איז צוריקגעקומען פון אייראָפּע, פון זיין וויזיט אין די לאַגערן, וווּ ער האָט געזען „דעם ענטוזיאזם פון די פּוילישע און ליטווישע יידן פאַר מיינע לידער, איז ער ברוגז, שרייבט פאשקווילן וועגן מיר, גיט מיר אלע כּאָל א שטאָך...” דער קומענדיקער ליטעראַטור-היסטאָריקער וועט אויפקלערן אָט די „זשאַרגאָנישע קנאה”, ווי מאנגער רופט זי, און ארויסגעפינען דעם אָביעקטיוון אמת.

אין לעצטן אויפגעהיטן בריוו, שרייבט מאנגער, דעם 26סטן נאָוועמבער 1946, צו קריסטיאַנען „ליבער ר׳שלמה, איך שיק דיר א קאָפּיע פון נאדירס אָפּענעם בריוו צו מיר, פאַרעפנטלעכט 1942 אין ניו יאָרק... 1942, דאָס דאָזיקע שרעקלעכע יאָר. אומרויק וועגן גורל פון מיין פאמיליע, ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען פון פּוילן, שוידערלעך; וואָס מיט אייך אלעמען איז פאָרגעקומען אין רומעניע האָב איך נישט געוווּסט, אבער ס׳הארץ האָט מיר געזאָגט, און דאָ, אין לאָנדאָן קיין שום ייד האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, געמאַכט ציוניסטישע בעלער, געקלאָפּט מיט די פּושקעס אויף צו העלפן די יידן אין פּאַלעסטיין. אָט אין דעם מאָמענט האָב איך אָנגעשריבן א בריוו צו לייוויקן”

מאַנגער באַשולדיקט לייוויקן, אַז ער האָט נישט ריכטיק רעאַגירט אויפן בריוו און נאָדיר האָט זיך אָנגענומען מאַנגערס קריוודע.

אין אַרכיוו פון יוליאַן שוואַרץ ע"ה, געפינט זיך אַ נאָטיץ פון קריסטיאַנס האַנט וועלכער דערציילט וועגן די מאַנגערס. דער טאַטע, הלל, איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער צושניידער. ווען די צאַרישע אַרמיי איז אַריין קיין בוקאָווינע „האַרבסט 1914, איז די מישפּחה אַריבער פון טשערנאָוויץ קיין יאַס-ער, די פרוי חווה, און די דריי קינדער, איציק, נאָטע, שיינדל. אין יאַס האָט ער געאַר־בעט אין אַ באַרימטער לוקס-שניידעריי, אַ צייט געווען אין בוקאַרעשט אין ווי־דער אין יאַס. הלל איז געווען אַן אוצר פון פאָלקס-הומאָר, אַ שאַרפע צונג מיט טרעפלעכע אַריינזאָגן. ווען דער באַקאַנטער הומאָריסט, דער טונקעלער, אליין אַ קרומער, איז געווען צוגאַסט אין טשערנאָוויץ (איך האָב אים דעמאָלט געהערט פירלייענען י. ק.) און ער האָט באַוווּנדערט הלל מאַנגערס זאַפטיק לשון, האָט יענער אים געענטפערט: „איר האָט, אַפּנים, געמיינט, אַז איך בין אַ הינקענ־דיקער שניידער!"

איך דערמאָן מיך, אַז וועגן יונגן טאַלענטירטן פּראָזאַיקער ה. ל. קאַזש־בער, וואָס האָט געהאַט אַ דעפאָרמירטן פוס, פלעגט הלל זאָגן, אַז ווען ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקל, איז די גאַנצע שטוב פול מיט זיין פוס (י.. ק.)

קריסטיאַן דערציילט ווייטער, אַז ווען דער שרייבער לייב מלאך איז גע־ווען אין טשערנאָוויץ, און דערציילט מיט שטאָלץ הללן, אַז איציק מאַנגער, האָט אין פוילן פאַרטשעפּעט אַלע יידישע שרייבער, האָט דער שניידער-מייס־טער אים קורץ געענטפערט „איר זענט דאָך אַ מלאך". אויף אַ יאַסער מאָלעריי־אויסשטעלונג פון אַ באַקאַנטן קינסטלער, האָט קריסטיאַן געוויזן הללן אַ מאָ־דערניסטיש בילד, מיט אַ הויכן פּרייז. „אוודאי, ביז מע ניערעט אים אַזוינס... האָט הלל געענטפערט. ניכר, דאָס בילד איז אים נישט געפעלן.

קאַפּריזנע, ווי איציק מאַנגער, האָט הלל נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום דיסציפּלין נישט אין דער אַרבעט, נישט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַ „רע־בעל". ער איז אָבער געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מענטש, וואָס האָט נישט פאַרטראָגן די פּראָסטקייט פונעם רומענישן יידישן פאָלקסמענטשן.

קריסטיאַן פאַרצייכנט ווייטער, אַז בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען הלל, ווי אַן עסטרייכישער בירגער, איז אינטערנירט געוואָרן אין אַ לאַנגער לעבן יאַס, האָט איציק זיך געלערנט אויף פאָטאָגראַף, שפּעטער איז ער גע־ווען אַ שטיקל בירא-שרייבערל (איציק מאַנגער אין דער בחינה פון אַ דיקענ־סישן „קלערק"! י. ק.) הלל מאַנגערס באָס האָט אויסגעפועלט אין קעניגלעכן הויף, אַז דער גראָטענער שניידער-מייסטער זאָל באַפרייט ווערן פונעם לאַגער

און צוריקקומען צו זיין מישפּחה קיין יאס. וועגן נאָטען דערציילט קריסטיאַן, אַז ער האָט פּריוואַט אָפּגעלייגט עקזאַמענעס און אפילו די מאַטורע, אָבער אין 1937 איז אים שוין נישט מעגלעך געווען אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. ער איז, אגב, אויך געווען אַ באַרימטער צושניידער און דער „אָרט" האָט אים געשיקט זיך ספּעציאַליזירן אַ יאָר צייט אין פּאַריז (פון דאָרט האָט ער אונדז צוגעשיקט אַ פּרעכטיקע פאָטאָ מיט אַ צושריפט: „אַ קאַסריליוועק אין פּאַריז" י. ק.).

נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט קריסטיאַן געהאַלטן אַ קליין געוועלבל אויף אַ בוקאַרעשטער הויפּט-גאַס. דאָ פלעגן זיך באַגעגענען יאַסער דומענישע און יידישע אינטעליגענץ און זיך דערמאָנען אין אַמאָליקע צייטן. ער פלעגט זיי אָפּט דערציילן וועגן מאַנגער און זיי געלייענט איבערזעצונגען. מאַנגער האָט אים צוגעשיקט אויך זיינע שפּעטערדיקע ביכער. ער איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פון מאַנגערס קינדעריאָרן אין יאַס.

זאפּטיקע פּירות

רעצענזיעס וועגן די ביכער פון:

איזאָ שאַפּירא

דער סקולפּטאָר האַמערט אויס זיינע שאַפונגען אין מאַרמאָר, שטיין, בראָנדז; פאַר דער אייביקייט, אַן אייביקייט פון טויזנטער, אפשר צענדליק טויזנטער יאָרן. דער אַרכיטעקט פאַרקערפּערט זיין חלום אין ציגל, שטיין, מעטאַל, האָלץ, בעטאָן; פאַר דער אייביקייט, אַן אייביקייט פון הונדערטער, אפשר פון טויזנ-טער יאָרן.

דער מאָלער קריצט איין אין לייוונט, פּאַפּיר, האָלץ זיינע שוואַרץ ווייס אָדער פאַרביקע ווייזיע פאַר אַן אייביקייט, וואָס דויערט יאָרהונדערטער. דער שרייבער און דער מוזיקער זענען, נעבעך, געבונדן צום פאַרגענגלעכן פּאַפּיר; מיטן איבערשרייבן, איבערדרוקן פאַרלירן זיי נישט זייער בראשיתדיקייט.

נו, און די אייביקייט פונעם טעאַטער, וועלכער בליצט אויף פאַר איין רגע, פאַר א שעה, וועלכער קלינגט אָפּ בעת וואָכן, חדשים, יאָרצענדליק? די אָפּ-לאָדיסמענטן זענען דאָס בת-קול פון זיין עפעמערישקייט. אמת, אַדאַנק די נייע מאַס-מעדיא, פּאָטאָ, קינאָ, דיסק, רעקאָרדער פאַרבלייבט כאָטש א שאָטן פונעם אַקטיאָרישן שאַפן. א במקום פונעם דירעקטן קאָנטאַקט מיטן צוהערער, צוקוקער.

דער גרעסטער באַוווּלטער בלייבט דער רעזשיסאָר, דער צענטראַליזירנ-דיקער, אָנפירנדיקער כוח פונעם ספּעקטאַקל. ער איז בנמצא אויפן אַפיש, א-מאָל אויף דער בינע. בעת דער פּרעמיערע, אַמאָל אין א רעצענזיע און... שוין.

און איזאָ שאַפּירא איז א רעזשיסאָר, א טעאַטראַל ביז אין מינדסטן טראָפּן בלוט, ביז יעדער פונק נשמה. איינציקע זעען אים איצט ווי א שטילער מדריך פון דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע, א וועגווייזער, וואָס בלייבט אין שאָטן, א רעדאַקטאָר, וואָס פרייט זיך מיטן מינדסטן בלימעלע פון יידישער שעפערישקייט אין רומעניע, א חבר און גוטס-גינער, וואָס יונג און אַלט אָנער-קענען ווי א זעלבספאַרשטענדלעכקייט.

ווער איז ער. אָט דער איזאַ שאַפּירא? ער האָט עפּעס נישט ליב, ווען מע דערמאָנט, אַז ער איז געבוירן אין שאָץ (סוטשאַווא) דעם 24 סטן פעברואַר 1903. זעלטן ווען דערציילט ער וועגן זיינע קינדער און יונגע יאָרן אין דער פרומער און געבילדעטער היימישער סביבה, וועגן דער גרינטלעכער יידישער קולטור, וועגן שטייגער, וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויפן לעבן. מע פילט עס אין יעדן ווענד און קער פון זיין אַרבעט, פון זיין גוט-אָרגאַניזירטער, נישט רו-טינאַרער שעפערישקייט, אין זיין ביטחונדיקן קוק אויף לעבן און מענטשן ער לעבט נישט נאָסטאַלגיש אין שיין פון די קינדער-יאָרן, פון די רעוואָלו-ציאָנערע יונגט-און רייפקייט-יאָרן. זיין בליק איז געווענדט צו די לעצטע 30 יאָר טעאַטער אין רומעניע אַזוי אויף דער וועלט, יידיש, רומעניש, אוניווערסאַל טעאַטער, און ער זעט די וואָרצלען פון דעם היינט און דעם אויסבליק אויף מאָרגן.

שאַפּירא איז אַ טעאַטער-קינסטלער אין איידלסטן זין פון וואָרט. פאַרן רוב טעאַטראַלן איז טעאַטער אינטערעסאַנט נאָר אויף וויפל עס איז דירעקט פאַרבונדן מיט אַרבעט אַלס אַקטיאָר, רעזשיסאָר, סצענאָגראַף; די אַרבעט פון אַנדערע טעאַטראַלן, פון אַנדערע טעאַטערס, איז זיי אינטערעסאַנט נאָר צו-ליבן פאַרגלייך מיט דער אייגענער אַרבעט. מיטן אויסקוק עפּעס צו „נאַשן“ פון יענעמס אַן אויפטו. פאַר איזאַ שאַפּירא איז טעאַטער דער תוך, דער עיקר, אַ וועלט פאַר זיך, וואָס אַפּעלירט צו יעדן פאָדעם פון זיין נשמה, די לופט פון זיין גייסטיק שעפעריש לעבן.

צוליב באַהעפטקייט מיט טעאַטער האָט ער אַסך אָוועקגעגעבן אין לעבן. ערשטנס, די מעדיצינישע אויסבילדונג, וואָס ער האָט פאַרביטן מיט אַ בער-לינער טעאַטער-פאַקולטעט. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, דערוועקט זיין אינ-טערעס פאַרן פּאָליטישן טעאַטער! ברעכט, פּיסקאַטאָר, טאָלער, פאַר יידישן קלאַסישן און פּראָגרעסיוון רעפּערטואַר. איזאַ שאַפּירא ווערט אויסגעפורעמט אין אַ גלייכער סביבה.

נאָך היטלערס פאַרכאַפּן די מאַכט מוז דער יונגער טעאַטראַל אַנטלויפן קיין פּאַריז. „פּיאַט“ הייסט דאָס יידישע פּראָגרעסיווע טעאַטער, ווו ער ווירקט מיט איבערגעגעבנקייט און טאַלענט. אגב, דאָס זענען די גרונט-שטריכן פון זיין כאַראַקטער און לעבן במשך דער גאַנצער צייט. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס בעתן בירגערקריג אין שפּאַניע, ווו ער ווערט שווער פאַרוואונדעט. נאָך פראַנקאָס זיג ווערט ער אינטערנירט אין אַ פראַנצייזישן לאַגער און שפּעטער איבער געשיקט קיין צפון אַפריקע. אין יאָר 1943 ווערט ער באַפרייט פון לאַגער און ער פאָרט אַריבער קיין סאָוועטן-פאַרבאַנד; אויגוסט 1944 געפינט ער זיך ווי אַ רומענישער פּאַרטיזאַן אין די

קאַרפּאַטן; סוף יאָר וועט ער זיך קאָנען ווידער אוועקשענקען זיין לעבנסרוף, דעם יידישן טעאַטער, פריער אין בוקאַרעשט און זינט דעצעמבער 1949, אין יאַס, ווי אַ הויפּט-רעזשיסאָר און דירעקטאָר פונעם געשאַפענעם יידישן מלוכה-טעאַטער אין יאַס. ביז פעברואַר 1963 האָבן מיר ענג צוזאַמענגעאַרבעט. איך בין געווען דער ליטעראַרישער סעקרעטאַר פונעם טעאַטער און איך קען פון דער נאָענט זיין געבענטשטע אַרבעט דאָרט, ווו ער איז געווען דער קינסטלערישער אָנפירער, דערציער פון אַ יונגן קאָלעקטיוו, אַן אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן.

יידיש טעאַטער אין רומעניע, און נישט נאָר הי, האָט דעמאָלט נישט פאַרמאָגט קיין סך טעאַטער-ספּעציאַליסטן מיט אַ ברייטער יידישער און וועלט-קולטור, מיט אַ קלאָרן, פּראָגרעסיוון, אומדאָגמאַטישן וועלט-באַנעם, מיט גוטע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, מיט אַ קלאָרן טעאַטער-קוק. איזאָ שאַפּירא פאַרמאָגט אָט די מעלות. ער האָט קיין פּיעסן נישט אָנגעשריבן, אָבער געשמיצט דעם דראַמאַטורג ל. ברוקשטיין, ער האָט געגעבן אַ בינע-תיקון דראַמאַטיזאַציעס און קליינקונסט-אַרבעטן פון בענאָ פּאָפּליקער, י. קאַרא. בערקאָוויטש, יוליאַן שוואַרץ, סימעלע שניידער אַ. אַנד. אים איז אויסגעקומען אויסצופאָרמירן אַלצדינג פון אָנהויב אָן; שוישפּילערס, רעזשיסאָרן, סצענאָגראַפן, טעכניקער, אַרבעטערס.

דער יאַסער קאָלעקטיוו איז בעשטאַנען פון דריי קאַטעגאָריעס אַקטיאָרן. אייניקע, צווישן 45—60 יאָר, וועלכע האָבן מיט מער ווייניקער טאַלענט געשפּילט אין פריערדיקן יידישן טעאַטער, האָבן גוט גערעדט יידיש, אָבער געמוזט צולערנען הלכות קונסט- טעאַטער. אַ צווייטע גרופּע, יינגערע, אָבער מיט סטאַזש אין טעאַטער און ס'רוב מיט טאַלענט. אַ דריטע גרופּע איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, אייניקע גוטע יידיש רעדנדיקע, באַגאַבטע, אָבער מיט צו ווייניק טעאַטראַליש קענען, אַלגעמיין און יידיש וויסן, אַנדערע ווידער... איז, גיי און קנייט אויס פון אַזאַ נישט האָמאָגענער מאַסע אַ גוטן טעאַטער-קאָלעקטיוו, מיט אַ גוטן צוזאַמענשפּיל און מיט אַ פעסט באַוווסטזיין פונעם קינסטלערישן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן כוח פון טעאַטער אין אַ לאַנד, וואָס בויט אַ ניי לעבן.

מיט אַסך מי און איבערגעגעבנקייט מצד אַלע באַטייליקטע איז עס געלונגען .אין דער ערשטער ריי ווייל שאַפּירא האָט געזאַמלט אַרום זיך מענטשן, וואָס ווילן שאַפן אַ טעאַטער-קולטור און אַ קולטור-טעאַטער; צווייטנס ווייל ער האָט אַרויסגערופן און געשטיצט איניציאַטיוון, באַנייערישע פּרוון אויף יעדן טעאַטער-סעקטאָר. ער אַליין איז תמיד געקומען מיט דערפינדערישקייט, אָריגינע-

לקייט. פּיאָנערישקייט ווי א דערפאַרענער און פאַראַנטוואָרטלעכער טעאַטער-קינסטלער האָט ער זיך געהיט פון עקספּערימענט לשם עקספּערימענט און ער האָט תמיד געטראַכט צו אונדזער מאַסן-ספּעקטאַטאָר. באַזונדערס געלונגען זענען אים די שטעלונגען פון גאָלדפאַדען, שלום עליכם, דער גאָלדפאַדענישער טעאַטער-יום טוב, די גאָרדינישע שפּאַנונג, דער פילפאַרביקער אויסדרוק פון שלום עליכמס לירישן הומאָר, די ברענענדיקע אַקטועלקייט פון הײַנטצײַטיקע פּיעסן. ער שטיצט מוזיקער, סצענאָגראַפן און שאַפט אַן אייגנעם טעאַטער-נוסח, וואָס אונדזער טעאַטער-געשיכטע האָט נאָך נישט דערשעצט. דער וואָס האָט געקאָכט אין זודיקן קעסל פון שאַפיראַס טעאַטער-שאַפונג, אַרבעט טאָג און נאַכט, רעפּעטיציעס, פּרוּוון פון נײַע אײַנפאַלן, אונטערשטרײַכן כוונות מאַקסימאַל אויסניצן דאָס בעסטע אין יעדן אַקטיאָר, קאָן פילן דעם ברען מיט וועלכן דער יונגער קאָלעקטיוו האָט געאַרבעט און געשאַפן אומפאַרגעסלעכע אײַנדרוקן פאַרן צושויער.

זינט 1963 האָט איזאַ שאַפּורא געהאַט ווייניקער מעגלעכקייטן צו ווירקן אין טעאַטער. צו אַלעמענס באַדויערן. יאָרנלאַנג זענען אין אים רײַך געוואָרן נײַע כוחות און שטרעבונגען. און אָט האָט ער זיך, זינט עטלעכע יאָר, אַנטפּלעקט אַן אינטערעסאַנטער עסייסט, ווי א גוטער „רעזשיסאָר" פונעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין רומעניע. אָפיציעל איז ער אין אײנעם מיט די פּראָזאַטאָרן חיים גאָלדענשטיין און וואָלף טאַמבור דער רעדאַקטאָר פון די יערלעכע „בוקאַרעשטער שריפטן", וואָס דער פאַרלאַג „קריטעריאָן" גיט אַרויס. פאַקטיש איז זײַן פּרעסטיזש, זײַן וואַרעמע באַציונג, זײַן אָביעקטיווקייט זײַן ליבע צום קינסטלערישן שאַפן, זײַן אומאײַנגנוציקייט, א גרויסער געווינס פאַר אונדזער ליטעראַטור. דער פאַקט, וואָס ער שרײַבט לעצטנס טעאַטער-רעצענזיעס, זיי זײַן גרויסע טעאַטער בקיאות קומט אַרויס פון יעדער שורה, וועט זיכער זײַן א הילף דעם טעאַטער. און איצט וואַרטן מיר אויפן באַנד עסייען, וואָס דער פאַרלאַג האָט איבערגעגעבן צום דרוק. עס איז כדאי צו וואַרטן.

ישראל בערקאָוויטש

אין די אויגן פון א שווארצער קאווע

זאָגן אז דאָס ביכל לידער פון ישראל בערקאָוויטש איז אן איבערראשונג פארן לייענער, וואָלט געווען א גוזמא. דער מחבר, א מענטש אין די פופציקער, איז באקאנט, און נישט נאָר אין רומעניע ווי א באגאבטער טעאטראל: ליטערארישער אָנפירער פונעם יידישן מלוכה-טעאטער אין רומעניע, צונויפשטעלער און רעזשיסאָר פון קליינקונסט ספעקטאקלען, באקאנטע אויך מחוץ רומעניע, דראמאטיזאטאָר פון ממ'ס און היסטאָריקער פון דעם יידישן טעאטער אין רומעניע. (ער האָט אָנגעשריבן צ. א. די קאפיטלען נוגע יידיש טעאטער אין רומעניע אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון רומענישן טעאטער). זיינע ערשטע טריט ווי א לידיקער האָט ער געשטעלט צוריק מיט א פערטל יאָרהונדערט.

נאָכן באקענען זיך מיט בערקאָוויטשעס לידער וועלן אייניקע מוזן ענדערן זייער פאָרשטעלונג וועגן „אנגאזשירטער" דיכטונג. י. בערקאָוויטשעס לידער זענען טיף פערזענלעך און, גלייכצייטיק פארוואָרצלט אין דער יידישער קינסטלערישער טראדיציע פון רומעניע, ענג פארבונדן מיט די איבערלעבענישן און שטרעבונגען פונעם היינט. דער משל-ארטיקער ארייניפיר ענדיקט טאקע פראָגראמאטיש: „ווער אין לעבן דינט זיין צייט לעבט אין אלע צייטן."

י. בערקאָוויטש איז ניט קיין צעכראסטעטער עמאָציאָנאל, נאָר ער צוימט זיינע געפילן און איבערלעבענישן; ער ברענגט זיי אין שיין פון גערדאנקלעכקייט אין א לבוש, וואָס שמעקט מיט היימישער יידיש-מאָלדעווישער פאָלקסטימלעכקייט, מיט א ביי-קול פון יידישער ליטעראַרישער טראדיציע אין רומעניע... דאָס באטייט נישט סתם נאָסטאלגיע און אידיליזם. ווייסט ער דאָך אז „עס גארט דער מענטש פון שטאָט-גערידער / נאָך דער שטיל פון שטילקייט-לידער".

דער ערשטער ציקל „מיין אלטע היים" איז אן איבערורוף פון דיסקרעטע בענקשאפט-טענער מיט אינטעלעקט עלעמענטן, א געפלעכט פון בילד און געדאנק, פון צארטן ליריזם און קלוגע בילדערישקייט: „עס האָבן די יידן אין

שטעטל פון שטיין / געארבעט מלאכות, געמיסחרט, געזוכט צו פארשטיין / פון באשאפונג דעם סוד, / וואָס אזוינס וועלט? / וואָס אזוינס גאָט?". אין גאנצן ציקל איז פאראנען אסך טשלדיקס און א צארט געצייכנטע בילדערישקייט ווי אין א יאפאנישער שווארץ-ווייס גראוווּר. דאָס פאבלדיקע איז א גוטע ירושה פון אליזר שטיינבארגס נוסח; א מאנגערישער אָפּקלאנג, ווייט פון עפּיגאָניש־קייט, איז א צווייטער מאָמענט פון יידיש ליטעראַרישער טראדיציע אין רומע־ניע, וואָס מע דערהערט אין י. בערקאָוויטשעס ליד, באגלייך מיט פאָלקלאָ־ריש-עטישן. הערט נאָר דעם אויסקלאנג פונעם ציקל: „אלץ ארום האָט זיך גע־ביטן / און סע האלט זיך ערשט אין בייטן / נאָר די שטערן אויפן דאך / שלאָפן ווי אין מאנגערס צייטן"

פילאָסאָפירנדיקער טרויער ביז „וועלט-שמערץ" ווערט אָפּט קאָמפּענ־סירט מיט פארטראכטער ליבע-שטימונג. מיט לפנים פּראָזאישער מעטאפערישקייט, הינטער וועלכער עס ליגט אָפּט באהאלטן א שעמעוודיקע צניעותדיקייט. מע ווייסט דאָך אז „קאָמפּמענטשן", ניכטערע געמיטער, אקטיווע, צילבאוווס־טע מענטשן זענען אָפּט אין תוך גענומען „פארשעמטע לירישע געמיטער": „ליבע, ליבע / סודיתדיקער סוד / סודתדיקער נאָך פון גאָט."

שטיפעריש מעג מען צומאָל אויסגלייכן די קנייטשן פונעם שטערן און די צאפּלענישן פונעם הארץ ווי אין ליד „א דרימל": „קום-זשע, לאָמיר גיין אונטערן פרייעם הימל / און זאָל די בענקשאפט אויכעט קאָנען כאפּן א דרימל".

זינט אליעזר שטיינבארג איז די יידישע דיכטונג פון רומעניע אונטער דער אלטער אָבסעסיע פון „אותיות מהכימות". י. גראָפּער און יעקב פרידמאן ע'ה, אלעקסאנדער שפּיגלבלאט און ישראל בערקאָוויטש („אותיות אין חלום"). דער דיכטער נעמט אויף זיך דעם עול און יחוס פון טויזנטער-יעריקער גייסטיקער ירושה. דערפאר קען ער אָנהייבן א ליד מיט „סיג לחכמה, שתיקה / הייסט עס אז מע דארף דאָס וואָרט דערשטיקן?": דערפאר קאָן ער ווידמענען י. ל. פרצן צוויי לידער אין דעם קליינעם ביכל, דערפאר קאָן ער אויסדייטן א פילאָסאָפיש נימשלדיק בילד „אין די אויגן פון א שווארצער קאווע".

נישט געקוקט אויף זיין אייגנאַרטיקייט איז י. בערקאָוויטש א המשך פון שטיינבארגישער פיקחות און משלדיקייט, פון י. שטערנבערגס אורבאניזם פון משה אלטמאנס עספּרי, פון שמחה שווארצס טעאטראלישקייט, פון יעקב גראָפּערס דאָיקייט, פון דער צילגעוועגדטקייט אין היינטצייטיקייט, וואָס האָט כאראקטעריזירט די גרופּע" יונג-רומעניע" צווישןביידע וועלט-מילחמות.

בערקאָוויטשעס ביכל איז א פריידיקע דערשיינונג אין דער יידישער דיכ־טונג פון רומעניע.

פונקען איבער דורות

ישראל בערקאָוויטשעס לידער ביכל „פונקען איבער דורות“ איז נישט גרויס אין כמות, אָבער וואַגיק אין איכות.

די הארפע פון יידישער דיכטונג האָט אסך סטרונעס. איז טאקע שווער עפּעס מחדש צו זיין: אין גראָטעסק נאָך מ. ל. האלפּערן און איציק מאנגער, צו ברענגען נייס אין דער אומקום-טעמאטיק נאָך קאצענעלסאָנען און אזוי-פיל אנדערע; ווי ברענגט מען עטישע דערהויבנקייט נאָך ה. לייוויקן, רעוואָלו-ציאָנערן פּאטאָס נאָך דוד האָפשטיינען, שטייגערישקייט נאָך גראדען און אלי-עזר שטיינבארג, גראנגל און באזינונג נאָך א. סוצקעווערן, שפּראַך-שפּילעוו-דיקייט נאָך א. לוצקי, משה נאדיר און י. גלאטשטיין? און דאָך האָט ישראל בערקאָוויטש באוויזן אין זיינע צוויי ביכער לידער, אז ער האָט צו זאָגן אן אייגן וואָרט.

ער איז גייסטיק אויסגעפורעמט דורך דער יידישער קלאסיק, אזוי ווי אן אמאָליקער למדן דורך תנ״ך, גמרא, זוהר און מפורשים, און דורך א פּראָגרע-סיווער אידעאָלאָגיע מיט אן אייבערטאָן פון עטישן פּאטאָס. פאר בערקאָוויטשן איז א ציטאט פון ממ״ס, עלעהיי א מאמר חז״ל; ער זעט דעם יידישן אקטיאָר (בער-קאָוויטש איז דער ליטעראַרישער אָנפירער פונעם בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער) ווי א כהן, וואָס ברענגט זיך אליין פאר א קרבן אויפן מיזבח פונעם עולמס דערהויבנקייט. די גאמע פון י. בערקאָוויטשעס ליד גייט פון שיר השי-רים ביז שיר היסורים, פון פילאָסאָפישער מעדיטאציע ביז אינטימער אינטע-גראציע אין דער היינטצייטיקייט.

איך האָב געפּרוווט לייענען „פונקען איבער דורות“ צוליב מיין אייגן פארגעניגן, אָן אנאליטישע כוונות. להיפוך אן ערשטן איינדרוק פארוויגט מיך נישט בערקאָוויטשעס וויגליד, נאר עס פארכאפּט מיך די הויכע טעמאטיק אָן רעטאָריק, דער לירישער שוווּנג אָן גרינגן סענטימענטאַליזם, דער קלוגער, וויסנדיקער שמייכל אָן בייזקייט, דער באפרייענדיקער הומאָר, די פאָלקס-חכמה אָן פּראָגראמאטישער אידעאַליזאציע, די אוצרות יידישע גייסטיקייט אָן אבליגאטאָרישער התלהבות פאר „הייליקטימער“.

דער פרווושטיין פאר א מאָדערנעם דיכטער איז די ליבע-ליריק. בערקאָ-וויטשעס ליבע-ליד איז נישט שטורעמדיק-זינלעך, נישט קיין עגאָיזם אין צווייען, נישט קיין פארחלומט אידילישע נאָר א זוכן דעם זיווג פון נשמות.

„איך האָב דיך גערופן צו מיר אָן איין וואָרט
און דו האָסט אין מיר באלד דערקענט דיין באשערטן“ (ז.10)

שוין פון די ערשטע טריט פון זיין „אָקדמות“-ליד וואָס ער רופט אָן „בעת איך פאנג אָן און פאָר די ווערטער“ דערפילט מען דעם דיכטערס פאראנטוואָרטלעכקייט פארן כוח פונעם וואָרט. מע טאָר זיך נישט שפּילן מיט ווערטער, יעדעם וואָרט מוז מען מעסטן און וועגן, עס שלייפן ווי א בריליאנט און עס איינפאסן אין דער קרוין פון פּאָעזיע;

„און איך טייל דעם גורל שווערן / פון איעדן וואָרט, וואָס צאפּלט צווישן ווערן און נישט-ווערן און דער עול פון דארפן זיין דער מאָנער און דערמאָנער / בעת איך פאנג און פאָר די ווערטער, / מאכט אז וואקסן זאָל אין מיר דער צער / פון א יידיש-ליידנדיקן אלטן ווערטהער“ (ז. 7)

באמערקט די שפּילעוודיקייט פון מאָנען און דערמאָנען, פון אסך דיבורים און געטעם העלד מיטן נאָמען „ווערטהער“.

דער עקסיסטענציאַליסטישער איוב-מאָטיוו: „כ'האָב נישט געוואָלט געפייניקט ווערן פאר מיין זיין א ייד / און כ'האָב די פיין נישט אויסגעמיטן / כ'האָב נישט געוואָלט זיין קיין שרייבער / און מ'האָט מיך געמאכט פאר א שרייבער“ (ז. 17) פירט נישט צו פעסימיזם אָדער אָפּהענטיקייט. אמת, מע פילט צומאָל אז „אונדזער צייט איז גרוים. / פון צייט צו צייט באפאלט מיך א מין שרעק / פאר דעם וואָס זי טראָגט אויס“ (ז. 23) אָבער דער גלויבן אין מענטשן זינגט און זינגט:“ איבער הורבות רויך און אייזן- שאווער / דערפילט האָט מענטש / דעם מענטשנס הילף / וואָס איז געקומען פון א חבר“. (ז. 29).

דער שווערסטער איבערפרווו פאר „פונקען איבער דורות“ איז די שואה-טעמאטיק. אייניקע וועלן אפשר זאָגן, אז קנאפּע פערציק יאָר שפּעטער האָט מען שוין דיסטאנץ און פערספּעקטיוו און עס איז גרינגער צו זען די חסידי-אומות העולם אין דעם ים רוצחים און זייערע אקטיווע און פאסיווע העלפערס, ווערעמדיקע קאריעריסטן און כאראקטערלאָזע גנבימלעך. דער דיכטער זעט די שוידערלעכע יאָרן פון דעפּאָרטאציע, צוואנג-ארבעט, שנאָה און ראסיזם, דערשלאָגנקייט און האָפענונג אין ליכט פון דערהויבענע מאָמענטן פון גלויבן און קאמף, ווייל אויב דער ייד האָט אָפט געפילט ווי „פון יידע זייטן גאס זענען געשטאנען / זיינע לאנג באקאנטע שכנים / און אלע האָבן אים באשפיגן. / ער האָט געקוקט אויף רעכטס, געקוקט אויף לינקס / און נישט געזען קיין מיט-לייד-בליק ביי קיינעם“ (ז. 44) האָט ער קיינמאָל נישט פארגעסן דאָס טעפל ווייסע מילך, וואָס אן אנדערער נישט-ייד האָט אונטערגעטראָגן דעם ליידנדיקן יידן: „עס שווינדלען פאר די אויגן ווייסע מילך און רויטע מעסערס“ (ז. 25).

בערקאָוויטשעס דיכטונג וואנדערט פון מאמע-מאמע צו מאמע-צייט, צו מאמע-וועלט, צו מאמע-היינט. די טרייסט קומט ביי אים גראָר אין צייטן פון

גרויסער צעטרייסלונג ווי בעת דער שטאַרקער ערד-ציטערניש פון פערטן מערץ 1977, ווען מענטשלעכע סאָלידאַרישקייט באַזיגט יעדע סאָליטאַרישקייט, דעם אייגענעם אומדו און ציטער דורכן געפיל פון ברידערלעכקייט:

„אַלע זינגען זיי אַ לויב צו דער ווייסער ליכטיקייט וואָס שענקט דער רגע רו דעם טעם פון אייביקייט". עס קלינגט ווי אַן אינטערצי דער סוף פונעם ליד באַגעגענישן; „אויך היינט גייט נאָך אַ ייד, / וואָס ציט זיך פון יענער עדה, / און זויל זיך פון דער אומגעבראַכטער עדה נישט צעשיידן / און זעט זיך אין אַ לאַנגע / וואָס איז ערגער פון אַ פראַגע: / ער קאָן נישט ענטפערן די טויטע / פאַר-וואָס מע האָט געלאָזט זיי שטאַרבן / און ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס מערדער / קאָנען זיך נישט מוחל זיין פאַרוואָס זיי האָבן אים געלאָזט גאָר לעבן". (ז. 60).

„פונקען איבער דורות" טראָגט אין זיך אויסגערייפטקייט אין יעדן פרט, שפּראַכמייסטערשאַפט, וואָס גייט פון שפּילעוודיקייט און ווערטל ביז צימצום-דיקער פּאַטעטיק, פון היימישקייט און כּלומרשער וואָכעדיקייט צו ראַפינירט-קייט און תּנכישער קלאַסישקייט. בערקאָוויטש איז דער יורש און דער ממשיך פון דער גרויסער דיכטערישער טראַדיציע פון יידיש-פּאָעזיע אין רומעניע על ידי שטיינבאַרג, שטערנבערג, מאַנגער. ער געהער צום שטראָם פון נייער יידישער דיכטונג, מיט אַלע אירע זוכענישן און ראַנגלענישן, מיט איר וואַנ-דערן צווישן אייביקן דויער און היינטצייטיקער מאָנונג.

דער מיין און חן פון „פונקען איבער דורות" ברענגט קלאַנג-געזאַנג פון אַלטע און נייע תּורות.

זאָל נישט פאַרקוקט ווערן די שיינע אויסשטאַטונג פונעם בוך, דער עיקר דאָס שערבלעט און די איניציאַלן פון סערדזשיו דינקולעסקו, וועלכער האָט זיך פאַרקוקט אויף די אַלטע יידישע כּתב-ידן און געשאַפן אַ פיינע אַטמאָספערע פאַרן פּאָעזיע-געניסער. דעם פאַרלאַג „קריטעריאָן" קומט אַ דאַנק פאַר דער שיינער מתנה.

חיים גאָלדענשטיין

צופיל אין איין וואָך

אין דער צווייטער אויפלאגע פונעם בוקארעשטער זאמלבוך „אויפשטייג“, ארויסגעגעבן פון מאיר ריספלער אין יאָר 1972 איז אָפּגעדרוקט א פראגמענט „נפשל פארלירט דעם נאָמען“ פון חיים גאָלדענשטיין. א פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראטור פון רומעניע, האָט זיך געטראכט. אינגיכן האָט זיך ארויסגעשטעלט אז, אויף רומעניש האָט דער מחבר שוין געהאט אָפּגעדרוקט א בוך אונטערן פּסעוודאָנים זשאן קאָלער. אזוי איז אויפגעקלערט געוואָרן די ראפּי־ירטקייט פונעם סטיל און די עפּישע רייפקייט פון אָט דער דערציילונג.

עטלעכע ביאָגראפישע ידיעות העלפן דערקענען דעם מענטשן. חיים איז געבוירן אין דאָרף אינעשט, לעבן יאַם ביי א דאָרפישן שוחט, וועלכער האָט זיך שפּעטער איבערגעצויגן אין שטעטל בוהוש. אין איינעם מיטן היימישן מאָלדעווישן פּייסאזש, וואָס באגלייט אים א גאנץ לעבן, האָט אים פארוויגט דאָס געטרייע מאמע-לשון יידיש, האָט אים ארומגענומען דער טראדיציאָנעלער לעבנס-שטייגער, די היימישע אטמאָספערע, וואָס האָט אים שפּעטער באגלייט אויף אלע זיינע וועגן און אומוועגן איבער דער וועלט, אייראָפּע, אפריקע, אזיע און ווידער אהיים. פאריזער פאָלקס-פראָנט, שפּאנישע בירגער מילחמה, דעפּאָרטאציע קיין אלזשיר, פארטיזאנישקייט אין רומענישן היימלאנד, באטייליקונג אין אויפבוי. איצט שענקט ער אונדז זיינע דערציילונגען „צופיל אין איין וואָך“.

שוין אויפן ערשטן בליק באנעמט דער לייענער די נייקייט פון גאָלדענשטיינס סטיל און קאָמפּאָזיציע, וועלכע פאָדערן צומאָל א געוויסע אָנשטרענגונג, א באמיונג, כדי גוט ארייגצודרינגען אין דער נייער זאפטיקער פּרי. ביי גאָלדענשטיינען פלעכטן זיך אוים דעציילערישקייט מיט רמזדיקייט, ברייטע באשרייבונגען און צימצומדיקע אָנצוהערענישן, עכטער ווירקלעכקייט-שפּיגל און באפליגלטע פאנטאסטיק, שארפער אנאליז און צוגעשפּיצטער אפאָריזב.

עס גייען האנט אין האנט שטימונגס-בילדער מיט געדאנקלעכקייט, פילאָסאָפישע באטראכטונגען וועגן לעבן און סאָציאָלאָגישע עקסקורסן ארום דעם גורל פון די העלדן.

די אויסדרוק-מיטלען פארנעמען א ברייטע סקאלע פון קלאסישער דער־ציילערישקייט ביז אלוזיווער קינאָ-טעכניק. ביז אָנצוהערעניש און רמז.

צו ביסלעך דרינגען מיר אריין אין דער אייגנארטיקער וועלט פון „צופיל אין איין וואָך". אינגיכן שטעלט זיך ארויס, אז דאָס בוך ווערט גוט אויפ־גענומען פון דער קריטיק, אז די נייקייט פון סטיל, פון ליטערארישער טעכניק און אויפבוי האָט נישט שאָקירט, אז אפילו דער דורכשניט-לייענער האָט דער־שמעקט דאָס אייגנארטיקע אין גאָלדענשטיינס צוגאנג און אויספיר. און חיים גאָלדענשטיין האָט טאקע געגרייט א צווייטן באנד פראָזע. לאָמיר אָבער בלייבן ביים ערשטן באנד.

די שטעטלדיקע און מישפחה-סביבה, די פראכטיקע מאָלדעווישע נאטור, די גלייכצייטיק אי היימיש נאענטע, אי שעפעריש ווייטע סביבה שפיגלט זיך אָפּ נישט נאָר אין דער ערשטער דערציילונג, וואָס גיט זיין נאָמען דעם ביכל. דאָס איבערציען זיך פונעם דאָרף אין דעם שטעטל בוהוש, וואָס איז באריִמט געווען דורך זיין רבישן הויף פון רוזשינער גזע און דורך דער גרויסער טעקסטיל־פאבריק מיט איר · יידישער ארבעטערשאפט און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג (א מין קליין-לאָדזש) ווירקן שטארק אויפן יונגן בחורל. מע טאָר נישט פאר־געסן אז, אין תוך, איז גאָלדענשטיינס ביכל א פילם אויף אויטאָביאָגראפישן פאָן; עס איז נישט קיין גלייכליניקער באריכט פון פאקטן, געשעענישן, אי־בערלעבונגען און חלומות אויף א רעאלער קאנווע. „דער לעצטער מופת" איז גלייכצייטיק ווייט פון משכילישער סאטירישקייט ווי פון נאָסטאלגישער אי־דעאליזאציע (ווי, למשל, ביי ברוך האגער). עס טראָגט אָבער אין זיך דעם חן פון נאָסטאלגישער עוואָקאציע: „אונדזער שטעטל איז נישט מער ווי א שטעטל אין דער פולבלוטיקער מאָלדעווע אָנהייב צוואנציקער יאָרן, ווען פאָעטן האָבן געזונגען אין קרעטשמעס (מאנגער? י. ק.) דאָס רבישע שטעטל האָט אָנגעהויבן איינשלאָפן און דערצו נאָך מיט א פאבריק אין דער ריפּ... " (ז. 26). „...אשטעטל מיט פון ווייַן גערויטלטע באקן, שמוציקע פעלצן און א שארפן ציבעלע-ריח, א שטעטל אין אָנהויב אָדער אין דער מיט פון די צוואנציקער יאָרן, נאָך א מיל־המה, וועלכע וועט פארבלייבן אין דער געשיכטע אלס די ערשטע וועלט-מיל־חמה...„ (ז. 55).

בילדער פון אָרעמקייט, וואָס דעגראדירט נישט, נאָר זי פאראיידלט צארט מיטגעפיל; און באלד הייבט אָן דער מאָדנער איבערפלעכט פון נעכטיקע ,איינעב־

טיקע און איצטיקע בילדער, פון אקטועלע איבערלעבענישן מיט זיכרונות פונעם אמאל לויטן נוסח פונעם נייעם פראנצייזישן ראָמאן, אָפט מיט א צושמעלץ פון פראנצייזישן עספּרי. עס גייען פארביי רעאליסטישע, זאפטיקע בילדער, איינגעהילטע אין שלייערן פון פאנטאסטיק און טרוימערישקייט, וואָס דערמאָנען נאָענטע און ווייטע איבערלעבענישן. א ווירקלעכקייט, וואָס ווייזט אוים מער ווי וואָר, מער פון פאנטאזיע, ווייל זי שטעקט אין אזא ממשות־דיקייט, אומברחמנותדיקע ווירקלעכקייט ווי דעם שפּאנישן בירגערקריג, רעוואָלוציאָנערע אונטערערדישקייט, אקטיווע פּארטיזאנישקייט, רעזיסטאנס און אויפבוי פון ניי לעבן. עס פעלן נישט קיין פילאָסאָפישע און פּסיכאָלאָגישע וויכוחים צווישן די פארשוינען (איך מיין דאָס נישט נאָר אין ליטערארישן זין) אין דעם היינטצייטיקן רומעניע צי בעת א באזוך אין ישראל. בכלל שאפט גאָלדענשטיין אן אייגנארטיקע פילפארביקע לייוונט, וואָס איז ווייט אי פון פארבענקטער „שטעטעלע"— ליטעראטור, ווי פון קאָנוועניצאָנעלער פּארטיזאנער העלדישקייט, שוין אדאנק זיינע צארטע פּסיכאָלאָגישע אנאליזן און קלוגע אפאָריזמען.

„ארום מיר זענען געזעסן בערך א האלב טוץ דערוואקסענע מענטשן, צו מזומן־בענטשן האָט עס נישט געקענט קומען, ווייל יידן זענען מיר געווען אינגאנצן אנדערטהאלבן, אָדער אפשר נאָך ווייניקער. סיי ווי סיי האָט עס מער נישט געקאָנט קומען, ווייל די צייטן פון בענטשן מזומן זענען פארבליבן ווייט ארונטער, ערגעצוווּ, אין זיכרון..." (ז. 171).

חיים גאָלדענשטיינס בוך איז א זאפטיקע פרי, וואָס מע געניסט לאנגזאם און מע הערט זיך גוט איין אין די אלערליי געשמאקן, ריחות און אָנצוהערענישן, וואָס קוועלן דערפון. עס איז אן אָריגינעלער צושטייער צו דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראטור פון קאמף, שואָה, בענקעניש און ווידערגעבורט.

צוויי נאָוועלעס מיט א שמייך

חיים גאָלדענשטיינס בוך טוט זיך נישט א לייען, אזוי ווי מע טוט א טרונק וואסער. ניין. אזא בוך דארף מען געניסן, אזוי ווי א קענער, א פיינשמעקער, געניסט א גוט גלעזל ווייַן. פריער, א טראָפּן אונטער דער צונג, דערנאָך, א שלונג ווייַן, וואָס מע האלט אין מויל און מע פירט אים ארום אין מויל, איידער מע שלינגט אראָפּ; מע קוקט דערנאָך אין גלעזל אויף דער פארב, מע הערט זיך

צו צום ביי-טעם, צום „בוקעט“, מע געניסט דעם ריח און... הכלל, אויף גוטן ווייַן בין איך א שוואכער מבין, אויף חיים גאָלדשטיינס ליטעראַטור, אפשר, אביסל, יאָ: דעם אינהאַלט פון דער ערשטער נאָוועלע „ס׳איז קיין מאָל נישט געשען“ (כמעט א ראָמאַן) דאַרפט איר אליין דערגיין. איך זע דאָרט דעם וועג פון א קליינשטעטלדיק ייִנגל פון דער חומש-וועלט צו דער גרויסער וועלט, פונעם חדר ביז די גאָרקישע „אוניווערסיטעטן“, א וועג, וואָס פירט אוועק פונעם קליינשטעטלדיקן גורל-א סוחר צי א בעל-מלאכה אין בעסטן פאַל, א בוכהאַלטער צי א לערער, צו „וועלטן-קאָנען“, רעוואָלוציאָנערער קאַמף ביז קעמפן מיט ביקס אין האַנט אין שפּאַנישן בירגער-קריג, אין רומענישער פּאַרטיזאַנקע. עס ציען זיך באַהאַלטענע פעדים צווישן אונטערדישער ארבעט און שפּאַנישע טראַנשייען, צווישן געפאַנגענע-לאַגער אין פון-אפריקע און אויפבוי אין נייעם סאָציאַליסטישן רומעניע. דער פאַרגלייך צווישן חלום און וואָר, ראַנגלענישן און אויפטוען, דורכפאַלן און זיגן און מאָטל, מיטן רעוואָלוציאָנערן צונאָמען „מאָ“ פאַלט א קרבן פון פערזאָנען-קולט.

וויפיל אנמוישטע האָבן נישט ביסיק, צעבראָסטעט צעוויקלט אָט די טראַגישע, פּיינפולע טעמע, נישט פילנדיק דאָס מענטשלעך גורלדיקע אין איר. פאַר חיים גאָלדענשטיינען איז עס אן ענין פון עטישן פּאַטאָס. ער זאָגט, וואָס ער האָט צו זאָגן מיט צימצום און צוריקגעהאַלטנקייט, אָבער קלאָר און לויטער, ווייל די טראַגעדיע פון טרעטן מיט די פיס די סאָציאַליסטישע געזעצלעכקייט איז מער ווי א יורידישער אָדער פּאָליטישער ענין; עס איז אויך א טיפע מענטשלעכע און וועלט-היסטאָרישע דראַמע. און דאָס אייניקל פון די נביאים געפינט די פּאַסיקסטע ווערטער כדי ארויסצוזאָגן דאָס שטאַרקסטע, דאָס דערשיטערנדיקסטע מיט א קול דממה דקה. און דאָך הילכט עס אָפט שטאַרקער ווי א טראָמפּעטן-אָרכעסטער.

דער אויפבוי פון דער דערציילונג ניצט די קינאָ-טעכניק, וואָס דער מאָדערנער לייענער פאַרשטייט און באַנעמט זי מיט א געפיל פון פרישקייט און נייקייט. דער איבעררוף פון אמאָל און היינט, אין בילד, שטימונג, איבערלעבעניש, געדאַנק. צווישן שטעטלדיקע קינדער-יאָרן און גרויסוועלטישע קאַמף- און חשבון הנפש-יאָרן, ברענגט מיט זיך א פאַרטיפטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, א קאָמפּאָזיציאָנעלע און סטיליסטישע פילפאַרביקייט, פילזייטיקייט, א פאַרשטאַרקטע ווירקונג.

דער עצם פּראָבלעם, רעוואָלוציאָנערע עטיק, באַציונג צום מענטשן (נישט נאָר צו מענטשן) דאָגמאַטיזם, הומאַניזם ווערן בולט ארויסגעפירט, אָבער נישט נאַקעט און בלויז נישט טרוקן טעאָרעטיש, נאָר דורכן אָפּקלאַנג און אָפּשפּיגל

אין דער נשמה פון מאָטל, דער רעוואָלוציאָנער „מאָ". אָט שטייט ער פארן אָפענעם קבר פון זיין געטרייער לעבנס-באַגלייטערן און מיטקעמפערן קירא, וואָס האלט נישט אויס דעם נסיון פון אומרעכט מצד אייגענע און ער אנטדעקט אז „...נאָך 25 יאָר קאמף וועגן מענטשלעך גליק, ווייסט ער אייגנטלעך גאָרנישט וועגן מענטש, וועגן הויפּט- טוביעקט פון זיינע שלאכטן. ער שטייט פאר א פאררינגלטן טויער" (ז. 130).

גאָלדענשטיין איז א סובטילער אנאליטיקער פון דער מענטשלעכער נשמה. זיין געביט: די איבערלעבענישן, געפילן, געדאנקען, פּסיכישע רעאקציעס פון אן עכטן טיף-עטישן, פּאָליטיש קלאָרן רעוואָלוציאָנער, וועלכער פארלייקנט נישט זיין שטאם, זיין איך און איז דערביי אָן א שיר איבערגעגעבן דעם קאמף. למשל, קירא דערפילט ווי איר קינד רירט זיך אין איר אינגעווייד. די שרעק איז באלייט „פון אן אומגעהייערער פרייד, ס'האָט אויסגעזען ווי אן ערד-ציטערניש אויף וועלכער מע ווארט ווי אויף א דערלייזונג... עס איז געווען א בלינדע פרייד, א פינצטער ליכטיקייט, א הייליקע לייכטקייט..." זי טראכט צו איר געליבטן מאָ (טל), וועלכער איז אוועק אין די בערג „דאָ איז אויף אים געווען אָנגעשטעלט אן ארמיי מכלומערשט גלייכגילטיקע בליקן, טונקעלע ברילן, באהאלטענע בינאָקלען; שטיבער זענען אים נאָכגעגאנגען, פענצטער האָבן אים נאָכגעקוקט, זיינע טריט האָבן געלאָזט גרויע שפּורן אויף ווייסע טראָטוארן..." (ז. 27—28). ער איז דער צד שכנגד צו שאלאמאָנען, דער טראנסילוואנער נעאָלאָגישער (יידיש-רעפאָרמירטער) אָפּשטאמלינג, וועלכער „האָט נישט ליב קיין יידן" און עס איז גרינג צו בייטן זיין נאָמען. יידן רופן ביי אים ארויס א פריקרעקייט לגבי זיין אייגענער יידישקייט און „די פראגע פון נאָמען איז קיין פראגע נישט, פארשווינדט, זי ווערט אויפגעלייזט אין דער אלגעמיינער זאך" (ז. 96)

צווישן די אנדערע אנטי-פאשיסטישע קעמפער איז בולט ביילקע. דורך איר וועט קירא, מאָס חברטע, אנטדעקן יידיש „ס'האָט אויסגעזען עפּעס אזוינס וואָס קאָן דערהאלטן די נשמה, מיט וועלכן מע בלייבט כאָטש א ביסעלע דאָס, וואָס מע איז. פון דעם, ווער מע איז געווען, אָדער דווקא געוואָלט זיין, האָט זיך אויסגעלאָזט א פוסטער חלום, האָט מען געפּרוווט זיין דער, וואָס מע איז" (ז. 125). דאָס איז נישט קיין „חבת יידיש"-דערקלערונג, נאָר א פענצטער צו טיפע עטישע איבערלעבענישן, ווייל פארלייקענענדיק זיך, ווערט מען נישט ווערטפולער, ווי עס האָט אמאָל געמיינט א סימפּליסטישע בירּאָקראטישע אידעע.

די צווייטע נאָוועלע „נפשל פארלירט דעם נאָמען" איז אייגנטלעך גאָלדענשטיינס אריינטריט-בילעט אין דער יידישער ליטעראטור, אין יאָר 1972,

אין זאמלבוך „אויפשטייג“. ער באווייזט זיך ווי א פיינער, רירנדיקער מאָלער פונעם שטעטלדיקן שטייגער אין רומעניע. דער געפלעכט פון בענקשאפט און ניכטערקייט, פון געפיל און געדאנק, פון שטימונג און מעדיטאציע גיט צו א באזונדערן חן אָט דער דערציילונג.

נו, און דער „שמיץ“? די „זומערשפּרענקעלעך און די בלוטסטראָפּנס“, וואָס זענען זיי? פּאָעמען אין פּראָזע, צוגעשפּיצטע פּאראבלען, שיחת-חילון מיט א מיין? ראפינירטע בילדלעך מיט א פילאָסאָפישן אונטערשלאג? קאָנצענטרירטע עסייען מיט א סיפור המעשה? ביז גאָר טיפּיש איז דאָס לעצטע בילדל „אותיות מחכימות“. אגב, אזוי הייסט אויך דער ערייִנפיר פון איזאָ שאפּירא, וועלכער איז א קענער, פארשטייער און ליבהאָבער פון ליטעראטור. יעדעס בוך רופט אין אים ארויס נישט נאָר איבערלעבענישן, נאָר אויך געדאנקען און אידעען. ער איז אן אנאליטיקער, אָבער יעדער געדאנקענגאנג ווערט ביי אים אויסגעדריקט דורך א געדאנקען-געזאנג. גאָלדענשטיינס נאָוועלן רירן אים נישט נאָר קינסטלעריש, נאָר אויך... אויטאָביאָגראפיש. אסך פון מאָ'ס איבערלעבענישן קערן זיך אָן מיטן מחבר און מיט אים, שאפּיראן. דערפאר לעבט ער זיך אזוי איין אין גאָלדענעשטיינס וועלט.

דאָס בוך איז שיין ארויסגעגעבן און דער פארלאג „קריטעריאָן“ פארדינט אונדזער דאנק און דאנקבארקייט פאר זיין שיינעם אויפטו.

וואָלף טאַמבור

מאַראַמורעשאַנער

מאַראַמורעש, דער צפונדיקסטער קאַנט פון רומעניע, פון טראַנסילוואַניע, האָט פון לאַנג אָן געהאַט אַ גרויסע דאָרפישע און שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג מיט אַן אייגנאַרטיקער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור, מיט אַן אייגנאַרטיקן פרום-חסידישן פּרצוף: יידן-ס׳רוב אָרעמע-ערדאַרבעטער, פּי-און שאָף-פּאַסטעכער, „טשיאָבאַנעס" ווי מע רופט זיי דאָ, קליינע בעלי מלאכות,

אָרעמע קרעמערלעך, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער שטעטלעך און דערפער, געטרייע חסידים פון וויזשניצער און באָיאַנער רביים, פון דער סאַדאַגערער גזע, ישיבות אין שטעטלעך און דערפער (באָרשע, אייבערווישעוו וכדומה), מיט אָרעמע למדנים, וואָס דרוקן זייערע חיבורים אין דער יידישער דרוקעריי פון דעם דאָרף סעיני; ישיבה-בחורים (און ווער האָט אין מאַראַמורעש נישט געלערנט אין אַ ישיבה!) וואָס מאַכן דעם שפּרונג פון געטאָ צו געטע און פון מהרשא צו מאַרקס; פרום-פאַנאַטישע רבנים-פּאָר וועלכע אפילו די „אגודת ישראל" איז אויך טריפה-פּסול, מיט יונגע ווייבלעך וואָס טראָגן נישט קיין אייגענע האָר, העלפן אָבער צעטראָגן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, מיט אַ קליינער צאָל נגידים, ס׳רוב אסימילאַטאָרן: און אביסל פרייע פּראָפעסיאָניסטן, באַהאַלטענע משכילים.

אַ ישוב פון שרייענדיקע קאָנטראַסטן, פון איינגעפונדעוועטער שטייגערישקייט יידיש לשון און פאָלקסשאַפן. „עס האָט זיך געקאָכט מיט יידיש לעבן פון אַלערליי שיכטן. מע האָט באַגעגנט יידן כמעט איבעראַל. דאָ און דאָרט. דעם, לויפנדיק גאַנץ פרי אין קלייזל, יענעם, האַנדלענדיק מיט שאָף, דעם, פאַרריכטנדיק זייגערס און יענעם, אַקערנדיק דאָס פעלד, דעם טעסענדיק אַ קלאָץ און יענעם, וואָס שפּילט דעם האָקום פּאָקוסניק... אַ שוחט מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אַן אוניפאָרמירטן פּאָליציסט, וואָס גייט נישט זעלטן אַריין אין שיל כאַפּן אַ שמונה עשרה".

אין אָט דער סביבה איז צווישןביידע וועלט-מילחמות אויסגעוואקסן א דור יידישע שרייבער; דער פּראָזאיקער יחזקל רינג, דער ,חסידישער כראָניסט הערצל אפּשאַן („וויזשניצער רבים הויף"), דער דיכטער יוסף האָלדער, דער פּובליציסט י. ד. ישראל און, אחרון אחרון חביב, וואָלף טאמבור... נאָך דער צווייטער וועלט-מילחמה האָט סיגעט, די הויפּט שטאָט פון מאראמורעש, זיך באַרימט געמאַכט מיט אליהו ווייזל און מיט דעם באַגאַבטן דראַמאַטורג י. ל. ברוקשטיין. פון רבניש-לומדנישע מחברים אין די צענדליקער שוין אָפּגערעדט...

איצט ליגט אויף מיין ארבעטס טיש דער 318 זייטלדיקער בוך, מיט א נאָכוואָרט „מדרש מאראמורעש" פונעם באַקאַנטן טעאַטער-רעזשיסאָר, פּובליציסט און עסקן איזאָ שאַפּירא...

...מע האָט געצײלט דאָס יאָר 1934. צו די זונטיק-אָוונטן פונעם „סעמינאַר פאַר יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים יידישן שולפאַריין" אין טשערנאָוויץ, וואָס איך האָב אָנגעפירט, אין איינעם מיט חיים גינינגער און ווי עס האָבן מיטגעאַרבעט אַזוינע גרעָטענע קענער ווי הערש סעגאַל, לייזער פּאָדריאַטשיק, עזריאל שראַגער, יעקב שייאָוויטש א א. האָט זיך באַוויזן א בחור- אין א לאַנגן ברוינעם „שלום-ראָק", מיט פאַרשאַרטע פּאות הינטערן אויער, מיט גרויסע פרעגערישע אויגן, וואָס קוקן פאַרוואונדערט אויפן טומל פון דיסקוסיעס און דועלן פון איבערצייגונגען, נאָך עטלעכע וואָכן לאָזט ער זיך דערקענען ווי דער זעצער, דרוקער און פאַקטישער רעדאַקטאָר פון פרומען וואָכנבלאַט „דאָס יידישע וואָרט". אין זיינע „פרייע שעהן" (נאָך 10 שעה ארבעט פאַרן בלאַט) זעצט ער אויס זיינע ערשטע דערציילונגען. ער רייסט אָפּ פון זיין הונגער-לוין, קויפט אביסל פּאַפּיר און דרוקט אָפּ א קליין ביכעלע „ביי דער טיר". (געמיינט האָט ער אפשר „כעני בפּסח", אָבער אין דער אמתן איז ער שוין געשטאַנען אין דער אינעווייניקסטער זייט פון דער טיר צו דער יידישער ליטעראַטור). מע האָט אים גוט אויפגענומען; איך האָב וועגן אים געשריבן אין דער פּאַריזער פּרעסע און אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", אַנדערע אין דער היגער פּרעסע... עס זענען אַוועק יאָרן און מיר האָבן נאָר געוווּסט, אַז ער ארבעט אין א סיגעטער דרוקעריי און אַז ער שרייבט.

סוף יוני 1940 באַקום איך פון סיגעט א פּעקל קאָרעקטורן צו טאַמבורס צווייט ביכל „מיין היים". די צייטן זענען געווען געשפּאַנטע. איך האָב מיך צוגעאײלט און אים צוריקגעשיקט די קאָריגירטע שפּאַלטן מיט דער פּאָסט פון דעם 28סטן יוני... ערשט זומער 1946, ווען איך בין אהיימגעקומען קיין רומעניע, א דעמאָביליזירטער פון דער סאָוועטישער ארמיי, האָט טאַמבור מיר

געגעבן אין בוקארעשט אַט דאָס ביכל זיינס, וואָס ער האָט אפּגעדרוקט אין סי־געט. אין סאַמע ברען פון גורלדיקע געשעענישן, אין יאָר 1940, אונטער האָר־טיסטישער אָקופּאַציע.

מילחמה־צייט האָט טאַמבור מיטגעמאַכט די ביטערע יאָרן פון פּיין און פּלאָג אין א האָרטיסטישן באַטאַליאָן פון צוואַנג־אַרבעט פאַר יידן. זיינע איבער־לעבענישן אין אָט דעם גהינום מאָלט ער, לויט זיין שטייגער, בצימצום, מיט ענערגישע זיכערע שטריכן, פאַרפלאָכטן מיט רעיונות און אינטימע געפילן. אין דער יידישער ליטעראַטור איז וואָלף טאַבמור דער ערשטער שרייבער, וואָס מאָלט דעם דערנער־וועג פון טראַנסילוואַנער יידן דורך די „אַרבעט־באַטאַליאָ־נען". דער מחבר איז נישט אַן „איכה" זאָגער, נאָר ער זעט קלאָר די שטילע גבורה פון קליינע זשעסטן. ער ווייסט אַז „דער פּרוּוו צו זיין און צו עקסי סטירן' פאָרצוזעצן דעם המשך, וואָס די שונאים ווילן אונטערשניידן, דאָס איז שוין א ווידערשטאַנד..." (ז. 12)

דער אַרבעטער־באַטאַליאָן איז געפאַנגען געוואָרן דורך דער סאָוועטישער אַרמיי און דער געוועזענער ישיבה בחור און זעצער קומט אַריין אין דער רומע־נישער אַנטי־פאַשיסטישער דיוויזיע... שפּעטער וועט ער אין דער רומענישער אַרמיי דערגיין ביז צום ראַנג פון קאָלאָנעל.

אהיים געקומען קיין מאַראַמורעש האָט ער דערזען דעם ביטערן חורבן. זיין אייגענע מישפּחה איז אויך אוועק מיטן רויך און אַש פון אוישוויץ; האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף שרייבערישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט... ער איז געוואָרן דער כראָניקער פונעם יידיש־מאַראַמורעשער אומקום, פון דער פּראָ־בלעמאַטיק פון זיין היימישן קאַנט. אַזויאַרום איז אויפגעקומען זיין קליינער ראָמאַן „פרילינג אָן זון" (אָראַד, 1947) און „משה, א מעשה ווי אין חומש" (אראַד, 1948) ער האָט רעדאַגירט און מיטגעאַרבעט אין די אָרטיקע יידישע צייטשריפטן און ער פאַרעפנטלעכט חסידישן פאָלקלאָר און שטייגער בילדער פון זיין ליבער מאַראַמורעשער היים.

וואָלף טאַמבור איז נישט נאָר אן איינגעהאַלטענער שטייגערישער רעא־ליסט (אפילו דורך זיין דיאַלעקטאַל באַפאַרבטן לשון) און א דיסקרעטער לי־ריקער, נאָר אַן אויסגעשפּראָכענער המשך־דיכטער. „איז דאָך יעדע מעשה אונ־דזערע נישט מער ווי א רינגעלע אין דער לאַנגער אומענדלעכער קייט פון אונ־דזער קיום, וואָס איז געווען און וועט אוודאי זיין אָן א סוף" (ז. 89) נאָר אַזא געפיל פון יידישען ביטחון האָט אים געקענט אַרויסהעלפן אין די שווערסטע צייטן אין איינעם מיטן פעסטן גלויבן אין א בעסערן מאָרגן, אין א וועלט פון יושר און צדק...

„מײַן ברודער פּיוויש“ מאָלט דעם געשלענגלטן וועג פון א יונגן אָרעמ־בחור פון גמרא צו... פּערפּעטוום־מאָבילע־זוכענישן. די יונגעלײַט האָבן גע־לערנט פיזיק און כעמיע מיטן זעלבן ברען און גלויבן ווי זיי האָבן פריער זיך פאַרטיפט אין ים התלמוד און אין די טיפענישן פון קבלה. מע „גייט אין פאָלק“ דורך ארבעטן ביי א קאָוואַל, מע פּראָלעטאַריזירט זיך אין פאַבריק און מע גייט ווײַטער (מיט אַן אינטערמעצאָ פון שמוגלערײַ).

דער פילם „אין געראַנגל מיט זיך“ קורצע סעקווענצן אויפן פּאָן פון אויש־וויץ־גהינום מיטן אויסקלאַנג „אויפן שיידוועג“. ייִדישע נאָכמילחמהדיקע פּראָ־בלעמאַטיק. „יעדן מוז מען געפינען א זכות“ ווײַל „אין געראַנגל אויף טויט און לעבן צווישן פאַשיזם און אַנטיפאַשיזם האָט די מאַראַמורעשער ייִדישע יוגנט געהאַט נאָר איין איינציקע ברירה“ (ז. 302).

וואָלף טאַמבור צינדט יזכור־ליכט נאָך זײַן אויסגעקוילעטער עדה און נאָך די קעמפער פאַר יושר; ער באַזינגט א האָרעפּאַשנעם איינגאַרטיקן ייִדישן ישוב.

ייִדיש־פּרעסע אין רומעניע

הונדערט יאָר (1877—1977) זינט דערשיינען
אין בוקאַרעשט פונעם ייִדישן טאָגבלאַט
אין דער וועלט.

דער מחבר פון אָט דעם שיין און זאָרגעוודיק ארויסגעגעבענעם בוך, וואָלף טאַמבור, איז א באַקאַנטער פּראָזאַיקער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן גאָר יונג, אין יאָר 1937, און ער האָט איצט ארויסגעגעבן פיר ביכער דערציילונגען און צוויי ראָמאַנען. ער דרוקט זיך רעגלמעסיק אין דער ייִדישער פּרעסע, דער עיקר אין דער „צײַטשריפט פונעם רומענישן רעליגיעזן ייִדנטום“. איצט באַווײַזט ער זיך ווי א געראָטענער פאָרשער פון דער ייִדיש־פּרעסע אין רומעניע.

זאָל פון אָנהייב אָן באַמערקט ווערן, אַז כאָטש טאַמבור ארבעט און דרוקט זינט יאָרן וועגן ייִדיש־פּרעסע אין רומעניע, רופט ער אָן זײַן בוך נישט, מער ווי א צושטייער צו דער געשיכטע פון דער פּרעסע אויף ייִדיש אין רומעניע. צו אַזאַ מאָנאָגראַפיע, און ער איז זיך מתנצל, אַז ער איז נישט קיין „היסטאָרי־קער, וועלכער וואָלט אָט דידאָזיקע ארבעט געמאַכט בעסער פון מיר“; ענטפערן מיר, אים אַז, בעסער האָט קיין שיעור נישט. און, אדרבא, זאָל קומען דער „אמתער היסטאָריקער“ און זאָל מאַכן בעסער. ביי אונדז קומט אָבער פאָר אַז פּרעטענציעזע דילעטאַנטן מאַכן דעם אָנשטעל פון קענערס, און אין תוך

ברענגען זיי אביסל פובליציסטיק אין א פסעוודאָ-וויסנשאפטלעכן סטיל. איז שוין בעסער צו האָבן ווערטפולע ארבעטן אָן אויפגעבלאָזנקייט.

דער „גישט-היסטאָריקער" וואָלף טאמבור האָט מיט אסך ליבשאפט, פליים, מי, איבערגעגעבנקייט און זאָרג פארן אמת דורכגעארבעט אסך טויזנטער זייטן פון בלעטער יידיש-פרעסע אין רומעניע און „ארויסגעכאפט" פון דאָרט אינ-טערעסאנטס און וויכטיקס, עיקרדיקס און טשעקאוועס. היות ער שטרעבט צו זיין צוגעגנגלעך דעם געוויינטלעכן לייענער, שרייבט ער אויף א פאָלקסטימ-לעכן, צוציענדיקן אופן, אָן שטייפקייט אָדער שטרענגקייט, צומאָל אפשר צו פארשאפן דעם לייענער וואָס מער פארגעניגן. איך וויל מיך צוצוגעבן, אז דער-מיט ווערט גאָרנישט געמינערט דער וויסנשאפטלעכער ווערט פון טאמבורס בוך.

וויל ראשית האָט ער דורכשטודירט די ארבעטן פון זיינע פאָרגייערס אויף אָט דעם געביט, אפילו ווען ער דערמאָנט זיי נישט אלע אין דער ביבליאָ-ראפיע סוף בוך. (י. שאצקי, דר. מ. א. הלוי א. א. האָבן אסך צוגעשטייערט צו דער געשיכטע פון פרעסע ביי יידן אין רומעניע אויף רומעניש, יידיש, העברעיש, דייטש). דערפאר האָט טאמבור אנטדעקט אסך נייע פאקטן, אויס-פארריכט אסך פעלערן און פאלשע מיינונגען און צוגעגעבן נייע, אומבאקאנ-טע פאקטן און דערקלערונגען.

עס וואָלט געווען א פעלער צו האלטן פאר א לאָקאל-פאטריאָטיזם טאמ-בורס פעסטשטעלונג, אז רומעניע איז די היים נישט נאָר פון דעם פערמא-נענטן, פראָפעסיאָנעלן יידיש-טעאטער, על ידי אברהם גאָלדפאדען, נאָר אויך פון דער טאָג-פרעסע אין יידיש. ביידע זענען אויפגעקומען בעת דער רומעניש-רוסיש-טערקישער מילחמה פון 1877. ווען רומעניע האָט אויסגעקעמפט איר אומאָפהענגיקייט.

מיר ווילן מאכן עטלעכע באמערקונגען צו אייניקע צייטשריפטן, וואָס וואָלף טאמבור האָט אויסגעפאָרשט. „דער היועץ" איז געווען אזוי פּאָפולער אין רומעניע, אז ביז היינט קאָן מען הערן פון יונגע מענטשן, קנאפּ יידיש-קע-נער, אזא ווערטל: „וואָס זשע, עס שטייט דען אין „היועץ"? „און דער היועץ" האָט אויפגעהערט אין יאָר 1913!

אויב דער „יידישער טעלעגראַף" איז שוין פון לאנג באקאנט צוליב זיינע ידיעות וועגן א. גאָלדפאדענס ערשטע טריט אין רומעניע, איז אזא צייטונג ווי דער „פּאָליטיקער" כמעט אומבאקאנט און עס איז טאמבורס פארדינסט און אויפטו, וואָס ער דערציילט אונדז אזויפיל נייס און אינערעסאנטס וועגן אָט דער צייטונג.

דער אַפּטייל „ישוב ארץ ישראל-פּרעסע“ איז א גוטער סינטעז פון א פּאַר-וואַרלאָזטער טעמע. צו „קול רנה“ וואָלט איך באַמערקט, אַז עס איז מער א זאַמלונג פון די לידער פון דעם טעאַטער-סופליאָר און פאָלקס-זינגער ליפּעלע דודיק, מער וועגן אים אין מיין רומעניש ביכל „עדות פון דורות“, 1947. מיר זענען דאַנקבאַר טאַמבורן, ווייל ער ברענגט מאַטעריאַל וועגן אַסך צייטשריפטן, וואָס מע האָט ביז איצט געקענט נאָר לויטן נאָמען און עטלעכע מאָגערע דאַ-טעס. עפּעס מער איז פאַראַן אין מיין אַרבעט וועגן דער פּרעסע פון די פוס-גייער אין 1900, אין די „ייוואָ“ בלעטער. וועגן סופרין, נ. פרענקעל, ג. כהן א. א. זענען פאַראַן ביאָגראַפישע ידיעות אין מיינער אַן אַרבעט וועגן השכלה אין רומעניע אין דער „יידישער קולטור“ פון ניו יאָרק.

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף קליינע דורכפאַלן, וואָס דער גרעסטער ספּעציאַליסט קאָן נישט אויסמיידן און נישט אָנווייזן דעם שלל מאַטעריאַלן, ידיעות, דערגאַנצונגען, ריכטיקשטעלונגען, די נייע אויס-געפינסן און נישט ווייניקער די אומגעדרוקטע בריוו, וואָס קלערן אויף אַסך מאָמענטן אין דער קולטור-געשיכטע פון יידן אין רומעניע. א באַזונדערער יישר כוח קומט טאַמבורן פאַר די ידיעות וועגן די צוויי סאָציאַליסטישע „ווע-קער“ פון יאַס און דער עיקר פאַר די קאַפּיטלען נוגע דער תקופה צווישן ביי-דע וועלט-מלחמות. א באַמערקונג. דער „וועלט-שפּיגל„ וואָס איז אַרויס אין בוקאַרעשט ביז יוני 1940, האָט געבראַכט אייניקע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען וועגן עקאָנאָמיק און א סעריע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידן אין רומע-ניע פון איציק שוואַרץ (י. קאַרא). פאַר יענער שווערער עפּאָכע איז אַזאַ צייט-שריפט. געענדי ווי „יונג-מאַראַמורעש„ ממש א נס.

א באַזונדערער, פּיאָנערישער אויפטו איז דער טייל פון טאַמבורס בוך, וואָס באַהאַנדלט די תקופה 1944-1977. דער מחבר האָט געפונען דעם ריכטיקן צו-גאַנג, די פּאַסיקע רעם, דעם געהעריקן סטיל, כדי צו שילדערן די נאָענטע פאַר-גאַנגענהייט. א דאַנק קומט אים פאַר די זובצעטלען פון בלעטער, צייטשריפטן, נעמען און שטעט, וואָס העלפן זייער צום באַנוצן דעם בוך.

אַרום און אַרום איז טאַמבורס בוך אַן אויפטו און וועט העלפן באַקאַנט מאַכן אויף דער וועלט דעם צושטייער פון רומענישע יידן צו דער יידישער קול-טור ביכלל. דעם פאַרלאַג „קריטעריאָן“ קומט א באַזונדערער דאַנק. וואָס נאָך י. בערקאָוויטשעס געשיכטע פון 100 יאָר יידיש טעאַטער אין רומעניע, איז ער אונדז מזכה מיט 100 יאָר פּרעסע. אפשר וועלן קאָנען זען די ליכטיקע שיין אַרבעטן וועגן יידישער פאָלקס-קונסט, פאָלקלאָר וכדומה. דערווייל אָבער נאָכ-

א מאָל א דאנק אלע די, בתוכם דער זעצער און, אוודאי, דעם רעדאקטאָר אי־זאָ שאפּירא, וואָס האָבן מיטגעווירקט, אז טאמבורס בוך זאָל ארויסקומען אזוי געראָטן אינערלעך און אויסערלעך. כן ירבו...

לעבעדיקע כתים

דורכגעלייענט דאָס נייע בוך „לעבעדיקע מתים", פון וואָלף טאמבור, וואָס דער בוקארעשטער מלוכה־פארלאג „קריטעריאָן" האָט ארויסגעגעבן הײַנטיקן זומער, א יאָר נאָך דעמזעלבן מחברס „מאראמורעשאנער", קומט אויפן געדאנק אזא סברה. טאמבורס זעקסט בוך איז אין תוך א פילאָזאָפיש מעשהלע אין דעם נוסח פונעם פראנצייזישן 18־טן י"ה ווי למשל וואָלטערס צי דידעראָס קורצע דערציילונגען. א פילאָסאָפיש מעשהלע, וואָס איז דורכגעגאנגען איציק מאנגערס חדר („דאָס בוך פון גן־עדן") און האָט באקומען א תיקון ערשט דורך טאמבורס אייגענער וויזיע. איך מעסט טאמבורס שעפערישן וועג פון דער אברהם רייזעני־שער דיסקרעטער שטייגערישקייט, וואָס הערשט אין טאמבורס ערשטע ביכלעך ביז דעם אימפּרעסיאָניזם און דער שטימונגס־פּסיכאָלאָגיע און אידעען־גריבלענישן פון די אנדערע צוויי; פון דער שואה־אטמאָכפער, וואָס קלינגט נאָך אָפּ אין „מאראמורעשאנער" צו דער פיינער איראָניע, גוטמוטיקער אויטאָאי־ראָניע, וואָס שרייט ארויס שוין פונעם טיטל „לעבעדיקע מתים".. פה להם ולא ידברו...

אין דעם נייעם בוך טאמבורס איז דאָ א היפּש ביסל הומאָר און בארעדיווי־דיקייט ווי למשל, ז. 93 און היות די גאנצע האנדלונג שפּילט זיך אָפּ אויפן בית החיים צווישן נפטרים, אין דער איינדרוק א מאָדנער, פּאָטש אָן איבערצײַ־גנדיקער.

די העלדן זענען אפשר נפטרים, אָבער די פּראָבלעמען, וואָס זיי בארירן זענען לעבעדיקע און צאַפּלדיקע, אָפּט אקטועלע, אָדער כאָטש „דאָ נישט לאנ־גיקע". שוין דאָס שטעלן די פּראָבלעמען איז דער אָנהייב פון אן ענטפער, אויב נישט פון א לעזונג. אָבער דער רוב שאלות אין בוך בלייבן נישט אָן אן ענט־פער און פארענטפער. וויטיקלעכע ענינים זענען אוועקגעשטעלט מוטיק, אָפן, ניכטער, רעאל און קלאָר, ווי למשל, די דערציילונג פון דעם „מת" שטערן וועגן זיינע יונגע יאָרן צווישן 1921—1929 און זיינע שפּעטערדיקע איבערלעבענישן.

דער קריטיקער קאָן טרעפן גוטע אָנלען־פונקטן פאר אן אנאליז טאקע אין איניקע קעפּלעך פון אָפּטיילן אין טאמבורס בוך. „א נאכט־בוך" במקום

„טאָג-בוך-„איז נישט שיינגייסטעריי, נאָר א רמז אויף דער פארקערקייט פון דער סביבה, ווו עס קומט פאָר די אקציע, לפנים אין סתירות מיטן אויספיר פונעם אריינפיר-ליד:

„מה טובו, מה טובו הייליק איז דיין געצעלט מיטן אייביקן שטרעבן צו א יושרדיקער וועלט...“

„ווייסע וואָראָנעס“, דער טיטל פון דעם צווייטן אָפּטייל אין בוך, ווייזט אָן אויף דער באזונדערקייט פון טאמבורס העלדן, פארשוינען, וואָס זענען גאָר אנדערש ווי דער דורכשניט מיטמענטשן זייערע, ווייל אונדזער תוכיקע פּראָבלעמען שפּילן זיך אָפּ אין זייער גורל אין גאָר א שארפער, בולטער פאָרם. די טעכניק פון אויפדעקן די פארשוינען דערמאָנט אין דעם פראנצייזישן ראָמאן „דער קרומער טייוול“ פון לעסאזש, וועלכער הייבט אויף די דעכער פון די הייזער כדי צו קאָנען ווייזן דאָס אינטימע לעבן פון זייערע איינוווינער. טאמבור הייבט אויף דאָס דעקל פון נשמות און מיר זעען זיי אָדםנאקעט. זיין אופן אנאליז לאָזט זיך אָנרופן מיטן טיטל פון אן אָפּטייל אין בוך „גמראדיקער פּסיכאָאנאליז“. נו, אוודאי טאָר מען נישט אידענטיפיצירן דעם מחבר מיט זיינע העלדן און לייענען דאָס בוך ווי א מין פארשטעלטע אויטאָביאָגראפיע, כאָטש ס'איז קלאָר, אז דער מחבר שעפּט פון זיינע איבערלעבענישן און דערפארונג. בנימן זעליקאָוויטש, כאָטש ער רעדט אין דער ערשטער פּערזאָן, איז נישט וו. טאמבור, און א פּשיטא שוין, די אנדערע פארשוינען פונעם בוך: בערל שטערן, מיהיי מאָנידעס (המכונה מיימאָנידעס), מאָטיע קאָפּמאן, משה דיאמאנד, קנאָרעס... „איר זענט פול מיט גמרא- ווערטלעך, נאָר איר פּארטייטשט זיי דיאלעקטיש“ ווערט כאראקטעריזירט מאָנידעסעס נוסח דענקען און רעדן; און אפשר נישט נאָר זיינער. (ז. 178). אויף משה דיאמאנרן זאָגט מען (ז. 286) „מע וועט אים באשטראָפן, ווייל ער איז נישט געווען גענוג אקטיוו און דערמיט האָט ער ארויסגעהאָלפן און דערמוטיקט דעם אומיושר, וואָס מע איז בעגאנגען קעגן אים...“

די רייכטע פּראָבלעמאטיק פונעם בוך גופא, וואָס איז אָנגעזאפּט מיט פּראָבלעמען פון עטיק, פון יושר און יוסטיץ, געזעצלעכקייט און הפקרות, יידישע אידענטיטעט און דאָגמאטישע שטייפקייט (לשמל, ז. 97), ווערט געבראכט נישט עקספּאָזיטיוו, נאָר ווי א פּועל-יוצא פון שווערע איבערלעבענישן און ראנגלענישן מצד די העלדן (אשטייגער, אויף די זייטן 290—294).

וואָלף טאמבורס לשון, נוסח און סטיל איז פון תמיד אָן געווען אן אייגנארטיקער און האָט געשמעקט מיט היימישן מאראמורעשער רעדעניש. איצט, לויט דער טעמאטיק, איז דער מחבר נעענטער צו כלל-יידיש; עס וואָרפ:

זיך ביי אים דורך א ריי דייטשמעריזמען, וואָס נישט אלע שטאמען זיי פון זיין היימישן לשון „דאָס האָט מיר לייד (ווי י. ק.) געטאָן" (ז. 92) „באערדיקן" במקום „מקבר זיין", „דערפארן" אָנשטאָט „זיך דערוויסן". דאָס זענען נישט מער ווי שיינקייט-פעלערם אויף א שיין פנים.

טאמבור זאָגט אסך פארשוויגנס, אָבער מיט טאקט און מיט דער כוונה צו העלפן. זיין בוך איז ביז גאָר אינטערעסאנט אין יעדן פרט און מע דארף עס לייענען, האָבן הנאה און אסך נוצן. „לעבעדיקע מתים" איז פול מיט לעבעדיקע ענינים און וועט מסתמא ארויסרופן לעבעדיקע דיסקוסיעס און אָפּשאצונגען.

קרעלן פון טוי

וואָלף טאמבור געפינט זיך איצט אין פולן ברען פון זיין שאפן; א סימן דער קערנדיקער פּראָזאיקער אין די אָנהייב זעכציקער האָט זינט 1974 ארויסגעגעבן 4 ביכער, א המשך פון די 4 ביכלעך, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט צווישן די יאָרן 1937—1948. עטלעכע יאָר שוויגן האָבן אין אים, משמעות, אויסגערייפט די אינדערלעכע וויזיע, די קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון אונדזער דינאמישער וועלט.

פאראן לייענערס, וועלכע האָבן טענות צו טאמבורן למאי, ער שרייבט נאָר פון מאראמורעש. איז ראשית, אויב דער רוב פון זיינע סוזשעטן זענען טאקע פארבונדן מיט זיין היימישן קאנט מאראמורעש, איז אָבער טאמבורס טעמאטיק א פארשיידנארטיקע. און סיי ווי איז רעגיאָנאליזם נישט קיין חסרון. דעם שרייבערס שעפערישקייט איז אויסגעוואקסן אין א באשטימטער סביבה-געאָגראפיש סאָציאַל, היסטאָריש, שטייגעריש, פסיכאָלאָגיש, און אלע זיינע איבערלעבענישן, וויזיעס, אידעען און מעשים שפילן זיך אָפּ אין אָט דעם פארכישעפטן שטח. צי מוז מען דען דערמאָנען באַרימטע ביישפילן: דער רומענישער יאָן קרעאנגא, דער פראנצויזישער אלפאָנס דאָדע ט. פאָנטאנע און צי דארף מען דען צעוויקלען די גאנצע וועלט-ליטעראטור, כדי מזכה צו זיין אן עכטן צוגאנג צו לעבן און ליטעראטור!?

אגב, איז א טייל פון טאמבורס נייסט בוך מער נישט דירעקט פארבונדן טעמאטיש מיט מאראמורעש, נאר מיט לעבנס-פּראָבלעמען פון אונדזער היינטיקייט און, אפשר, תמידקייט. לכל הדעות ווערן אקטועל-עטישע ענינים, איבערלעבענישן, ראנגלענישן בולט פארקערפערט אין די טיניאטורן.

„קרעלן פון טוי“ ברעגט הונדערט דערציילונגען און מיניאטורן צעטיילטע אויף פיר ציקלען מיט געראָטענע נעמען; קרעלן פון טוי, חסידישע מעשיות, קלאַנג און אָפּקלאַנג, שווער צו זיין א הונט, דערצו נאָך א פּאָסטסקריפּטום אין פערזן.

כדי צו רעצענזירן אָט דאָס בוך וואָלט איך געדאַרפט קענען, לויט טאמבורנוסח, שרייבן אימפּרעסיאָניסטיש, נישט תמיד קאָמפּאָזיציאָנעל שטרענג געבונדן, מיט איבערשפּרונגען פון מעדיטאַציע צו שפּילעוודיקייט, מיט איבערגאנגען פון בארעדעוודיקייט צו צימצום, מיט איבערגליטשן פון געדאַנקלעבקייט צו אומדערוואַרטעטן מעטאַפער, פון אַפאָריסטישקייט צו שיחת חילון, וואָלט איך געדאַרפט קאָנען שוועבן צווישן רמז און אויספּירלעכן פּירוש צווישן ספּאָנטאַנישקייט און ראַפינירטע באַארבעטונג, צווישן כלומרשטע פּשטות און סאָפיסטיקאַציע.

ביז איך אָבער בלויז א זינדיקער רעצענזענט; וועל איך פרווון אויסשיילן עטלעכע גרונט-שטריכן פון טאַמבורס מהות און אויספירן פון זיינע כוונות דערגרייכונגען. איך וועל מיך נישט האַלטן שטרענג אין זיינע איינטיילונגען און ציקלען נאָר כ׳וועל פּרובירן סקיצירן דעם פּרצוף פונעם בוך, סיי לויט א כוללדיקן איינדרוק, סיי דורך אן אנאַליטישן וואַנדערן איבער די בלעטער פון זיין בוך.

דער עיקר איז דער עטיש-פילאָזאָפישער ציטער (פילאָזאָפיש, נישט אין זין פון א סיסטעם נאָר פון א לעבנס-חכמה) און מוסר השכל. מעג מען זיך אָפּשטעלן ביים מאָנאָלאָג, ווי למשל, „מיין תפילה“, אָדער דערקענען דעם גלויבן אין מענטשלעכן פּראָגרעס פון „א מענטש“, דערפילט מען די פארשטענדעניש פאר מענטשלעכע שוואכקייטן ווי אין „אָפּלעשן קוילן“ (ז. 115 צי אויף ז. 130).

אוודאי הערט מען אין אָט דעם מאָזאיק-ווערק טאמבורס דאָס בת-קול פון „מאראַמורעש של מעלה“. אמאָל איז עס א שפּאַס מיטן מאראַמורעשער דלות („ערב ווינטער“); א צווייט מאָל — אן עלעגיע אויפן חורבן ישוב מאראַמורעש („פייגעלעך“); א דריט מאָל זענען עס זיכרונות מיט א טאָלק („א נייער דור“). א ווייטערדיקע אָפּקלאַנג פון מאראַמורעשער דלות אין די אָבסעסיע פון מזל און הערשט איבער אייניקע מיניאַטורן, צומאָל מיט א שמץ פון אוטאָאיראָניע (ז. 110). פאראַן אין טאמבורס בוך א שנירל (א מעשה, חווה, הטומר...), וואָס מאכן דעם איינדרוק פון א געדאַנקלעבלירישן קאָמענטאַר צו תנ׳ך, אוודאי נישט מגידיש, נאָר מיט היינטצייטיקן פּאָליטיש-עטישן אונטערשלאַק: עס הערט זיך אן אָפּקלאַנג פון דער מא-

מעם טייטש חומש" אין מיניאטורן, ווו ביבלישע מאָטיוון פלעכטן זיך צוגויף מיט פאָלקלאָרישע, וועלכע צילן צו אן אויספּיר (179).

און אָט טוט דער מחבר א שפּרונג צו אינערלעכן מאָנאָלאָג (ז. 203) צו „שיכור אָן א לחיים"; אייניקע מיניאַטורן קלינגען ווי א שיחת־חילן; אין אנדערע פילט מען קוים בעלעטריזירטע טאָגבוך־בלעטער; ווי אשטייגער, „שמע בני", ווו דער אָפּקלאנג פון „משלי" איז בולט, צי ווי אין „ליעבעדיקע" זענען האלוצינאציעס". פאר אונדזערע דורות איז די תקופה פון שואה גישט צו פארגעסן און טאמבור שטרייכט טאקע אונטער, אז עס איז „א מיצווה לספר..." וואָס מער צו דערציילן וועגן דעם („דער געלביקער מענטש") מיינט אָבער נישט, אז עלעגיע איז דער איינציקער טאָן טאמבורס. חלילה. סע טרעפט ביי אים נישט ווייניק איראָניע (ז. 140), ביטערן הומאָר (ז. 71 און אין „מגילת אסתר"), וועלכע רופן זיך איבער מיט לירישע מעדיטאציעס („ווארטן") פּראָבלעמען פונעם פאמיליע־לעבן (ז. 102), מיט עטישע ראנגעלישן „געפעלשטע אוירינגלעך") טאמבורס דערציילערישע מייסטערשאפט שטעלט זיך נישט אָפּ פאר רעדעוודיקייט ווי אין זיין אייגענעם ווארשאנטן פון באקאנטע אנעקדאָטן, (ז. 132 141).

„שווער צו זיין א הונט", אויטאָביאָגראפישער, נישט ליטערארישער מיני־ראָמאן, ווי דער מחבר גופא רופט עס אָן. וועגן דער נישט־ליטערארישקייט פון אָט דעם צונויפפלעכט פון מיני־עפיק, מיט מאקסי־רעפלעקסיע און מידיסטיליזאציע, מעג איך האָבן א בעסערע מיינונג איידער דער מחבר. פאראן דאָרט אסך שפּילעוודיקייט, מגידישער פאסטיש, דיכטערישע פאנטאזיע, ווי למשל, דאָס אונטער־קעפּל „צניעות צי צביעות". אָדער אין „ואהבת את הכלב„. אגב, דער גאנצער כמו ראָמאן שפּילט זיך מיט אגדתא־רעמינעסצענצן, שמעקט מיט אַלט און ניי משלדיקייט, אויף אקטועלער טעאטיק.

רירנדיק און קלוג איז דער געבראכטער פּאָסט־סקריפּטום ווי אונטער א לייכטער אויטאָ־איראָניע און א כמו „צאינה וראינה"־איינהיל ציטערן און פלאטערן שווערע ראנגלענישן פון אונדזער צייט.

עס ווילן זיך געפינען לייענערס וואָס ווילן זוכן און בענקען נאָכן „רייִנעם עפּיקער" פון אמאָל. דער שרייבער מעג זיי הערן ווי דעם קאָטער. ער זוכט נייע וועגן און שטעגן אויסצודריקן די וויזיע פון אונדזער צייט, געוויסע שווערע מאָראלישע איבערלעבענישן פון אונדזער צייט. מוז מען לאָזן זוכן און געפינען, ווייל דער וואָס זוכט א נייעם וועג, אפילו אויב ער בלאָנדזשעט אמאָל, וועט ער אים זיכער געפינען. און דאָס איז גוט פאר אים און פאר אונדז.

„בוקארעשטער שריפטן"

(זאמלבוך א)

עס ליגט פאר אונדז א שיין ארויסגעגעבן זאמלבוך, מיט 210 גרויסע זייטלעך, וועלכע נעמען ארום די אָריגינעלע שאפונגען פון 13 שרייבערס פון רומעניע, חוץ איבערזעצונגען פון רומענישע, אונגערישע, דייטשע שרייבערס פון הי.

אין פארגלייך מיט די „בוקארעשטער זאמלביכער" פון 1947, און מיט די צוויי אויפלאגעס פונעם זאמלבוך „אויפשטייג" צייכענען זיך אוים די „בוקארעשטער שריפטן" דורכן זאָרגעוודיקן אָפּקלייב, דורך אחריות ביים באשטימען די מאַטעריאלן. עס פעלט דאָ אומקאָמפּעטענץ, קאפּריז, אָפּגעלאָזנקייט, צופעליקייט, סוביעקטיווע געפעליקייט, וואָס אנדערע האָבן נישט אויסגעמיטן. עס פילט זיך די זאָרג פון די רעדאקטאָרן, אז יעדער שרייבער זאָל ווייזן זיין אייגענעם פּרצוף, אז יעדער מיטארבעטער זאָל באווייזן דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס ער קען. די רעדאקטאָרן, מענטשן פון קולטור, געשמאק, אידעישקייט און ליבע צום קינסטלערישן וואָרט זענען באגלייבט, ווען זיי שרייבן אז „אין סאָציאליסטישן רומעניע ווערט דאָס יידישע וואָרט געשאצט און געשטיצט"; מע פילט, אז „דאָס זאמלבוך איז א פּלאטפאָרמע פאר א קאָנצענטרירטער, באשטענדיקער טעטיקייט פון יידישע שרייבערס אין רומעניע" און אז; „די פעז, וואָס די שרייבערס האָבן דאָ אויסגעסטרויעט פארבינדט אונדז מיט אלע אנשי שלמינו פון יידישלאנד".

א גוטער סימן: ווייניק לידער אין זאמלבוך. פּאָעזיע מוז נישט זיין נאָר אין געגראמטע ווערק זי ליגט אָפט אין דער פּראָזע פונעם זאמלבוך, וועלכער עפנט זיך מיט רעלי בליים שאפונגען. די דיכטערן האָט אָנגעהויבן שאפן אין דעפּאָרטאציע; אייניקע פון אירע דעמאָלטיקע לידער זענען פאָלקלאָריזירט. שפּעטער האט זי אָפּגעדרוקט „מיט פשוטע ווערטער" (1957), „לידער" (1966), „אין

משך פון יאָרן" (1976). אירע איצטיקע לידער זענען אינטימער, צאַרטער און פאַרטראַכטער:

„ווען א שורה אין דיין ליד איז דיר געלונגען / א פידל אין דיין האַרץ האָט זיך צעקלונגען / ..." מיד פון איבערלעבענישן פילט מען אַז: „דערמאָנונג איז געבליבן / פון דעם גן-עדן קיינער האָט נאָך קיינעם נישט פאַרטריבן..." / „א טרייסט געפינט מען אויך אין די „ליבע פריינד פון אַלטן ביכערשראַנק..."

מיט לידער איז דאָ פאַרטרעטן אויך לעאָן בערטיש (געב. 1900), וועלכער האָט אין יאָר 1939 פאַרעפנטלעכט „שטילע געזאַנגען", נאָסטאַלגישע שטעטל-לידער, ·שפּעטער האָט ער געפּרווט אַקטועלע טעמאַטיק, „פרייהייט„ (1965), „מעסאַזש" (1976). אין זאַמלבוך דרוקט ער אין פאָלקסזינגערישן סטיל. /

די פּראָזע-אָפּטיילונג עפנט חיים גאָלדענשטיין, וואָס האָט פריער פאַרעפנטלעכט „צופיל אין איין וואָך" (1975) און „צוויי נאָוועלעס מיט א שמייכל" (1977) מיט א מאָדנעם פראַגמענט פון „שמואל האָלצהעקערס טאָגבוך" — „אין פלעזן פון זיין אייגענער געשיכטע". דער מחבר ווייסט וויאַזוי זיך צו באַנייען און דאָך בלייבן דערזעלבער קינסטלעריש. עס איז א מאָדנע דרייגאָרנדיקע געשיכטע (די גאָרנס זענען מער יאָרהונדערטער) פון א יידישן האָלצהעקער אין די מאָלדעווישע קאַרפּאַטן; ער פּראַוועט התבודדות, א פאַנטעיסטיש אויפלעזן זיך אין דער נאַטור. ער ציט א גאָלדענעם פאָדעם ביזן בעש'ט, וועלכער האָט לויטן היגן רומענישן און יידישן פאָלקלאָר, זיך געטובלעט אין „דנס קערנעצע", וואָס געפינט זיך אין „יידנס טאָל". דער פאָדעם ציט זיך אָבער אַרויף, אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, ווען די רוימער האָבן באַזעצט דאַקיע. א נגידישער, נזירישער יונגערמאַן פון יהודה (צווייטער יאָרהונדערט לויט דער איצטיקער צייט-רעכענונג) איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון רוצחים און געוואָרן פאַרקויפט פאַר א שקלאַף קיין דאַקיע; דאָ אַרבעט ער אין די קאַרפּאַטישע גאָלד-גרובן, און ער ווערט פאַרגרעבט. זיין געוויסן דערוועקט זיך, ער רייסט זיך ווידער אַריין אין זיין יידישקייט, איז מגייר אייניקע געצנדינערישע שקלאַפן און זיי אַנטלויפן צו די פרייע דאַקיער. דאָ קענען זיי פירן א פריי לעבן, א יידישס, זוי בעלי-מלאכות, אַרבעטער, גערטנער; די מאָדנע קהילה וועט, אָן פרויען זיך אויסלעשן אין 30—40 יאָר; אָבער דער פונק וועט בלייבן, וועט דערגיין צום בעש'ט," צו שמואל האָלצהעקער, צו... אַן אויפגעהיטער אין די /מאָלדעווישע קאַרפּאַטן, א מוטער-שוים פאַר יידישן המשך. גאָלדענשטיין ציט זיין פאָדעם פון אינטערעס פאַר חשבון הנפש פאַר עטיש-פילאָסאָפישע אַנאַליזן אין א רעאַליסטישער סביבה און רעם, נאָענט צו אונדזערע מאָדערנע זוכענישן.

וואָלף טאמבור, א זעכציקער, האָט זינט 40 יאָר געשענקט דער יידישער ליטעראטור אכט ביכער: „ביי דער טיר„ (1937). מיין היים“ (1940),„פרילינג אָן זון“ (1947), „משה“ (1948), און נאָך א לאנגן איבעררייס, „מאראמורעשאנער“ (1975), „לעבעדיקע מתים“ (1976), א געשיכטע פון יידישער פרעסע אין רומעניע (1977) און אנדערע. „מיט מדת הרחמים“ פון דעם זאמלבוך, איז טאמבור ממשיך דאָס מאָדנע פילאָסאָפיש מעשהלע פון „לעבעדיקע מתים“. פילאָסאָפישער פילפול, שיחת חילון פון א תלמיד חכם, פאָעטישע פאנטאזיע, רעאליסטישע פאנטאסטיק, א לפנים לייכטע סאטירע בארירן נישט נאָר געזעלשאפטלעכע ענינים ווי ביוראָקראטיע, רוטין, הפקרות, נאָר טאקע גרינטלעכע פראָבלעמען פון היינטצייטיקן הומאניזם, טראגישע אינערלעכע קאָנפליקטן צווישן „נעשה ונשמע“ און מענטשלעכער ווערדע. בנימן בר אשר און מאָנידעס פירן א וויכוח מיט זייער „שאָטן“ אָבער אויך מיט זיך. וואָלף טאמבור האָט זיך נישט צוגערירט מיט לייכטקייט, קלוגער איראָניע, ביטער געלעכטער, אקטיוון שפּאָט צו אָנגעווייטיקטע פראָבלעמען פון מענטשן, וואָלף ער געווען ווייניקער איניקער אינטערעסאנט. זיין צוגאנג, זיין נוסח און שפראך העלפן זיך דורכצורייסן דורך איבערלעבענישן, עטישע ראנגלענישן, פראָבלעמען פון היינטצייטיקייט. ווייל ווער עס באגייט שווערע עטישע פעלערן לגבי זיינע מיטמענטשן כאָטש „ער האָט עס געמיינט ערלעך“ איז נישט ווייניקער שעדלעך איידער דער רשע ,וואָס טוט שלעכטס לשם שלעכטס. א מאָדערנער קעמפער קאָן זיך נישט פארענטפערן מיט „סאנקטא סימפּליציטאס“. דער וועג צום גהינום איז אָפט אויסגעפלאסטערט מיט גוטע כוונות.

איזאָ שאפּיראס לאנג-דערוואַרטעטע פארצייכנונגען פונעם שפּאנישן בירגער-קריג, אין וועלכן ער האָט זיך באטייליקט, זענען מער ווי א זייער געראָטענער רעפּאָרטאזש. א גוטער מענטשן-קענער און אָבסערוואטאָר לויט זיין בארוף און בארופונג, טעאטער-רעזשי, איז יעדע שורה זיינע א שטיק פילם. נישט קיין שורות שוועבן פארן לייענערס אויגן ,נאָר באוועגטע בילדער פון שפּאנישן טעאטער, טאנץ, ביקעם-קאמף, געזאנג, פּייסאַש, מיט קנאפּע ווערטער מאָלט ער דעם שפּאנישן פּייסאזש, די פאָלקס-נשמה, סצענעס פון פראָנט-לעבן, מיט אינערלעכער קאָנצענטרירטער איבערלעבעניש, אָן פּאטעטישקייט אָדער נאָסטאלגישע גוזמאות אָבער עכט און רירנדיק.

זיין טיפזיניקער, גלייכצייטיק לירישער, אנאליז פון י. קאראם ביכל „א מאָלדעוויש ייִנגל“, דערשינען אָנהייב 1977, איז אויפגעבויט ווי א פילט-סצענאר און אָפּגעוויקלט ווי א פּאָעם אין פּראָזע מיט א מוזיקאלישער באגלייטונג פון וויזיע- און וויזיאָנערישקייט. י. קארא, אין תוך א היסטאָריקער, ווי מע קאָן זען פון

דעם קאַפּיטל, אַריינפיר צו זיין „געשיכטע פון יידן אין רומעניע ביז 1917“, וואָס וואַרט אויפן דרוק, ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אַן אַנאַליטיקער אין רעם פון קולטור־געשיכטע, אויף וועלכן עס זאָגט עדות זיין רעצענזיע אויף וואָלף טאַמ־בורס „לעבעדיקע מתים“. קאַראַס דערציילונג „אַרום די קאַרפּאַטן“ פאַרברייטערט אין רוים און צייט די טעמאַטיק פון זיין „מאָלדעוויש יינגל“, אין דעמ־זעלבן נוסח פון מער וויניקער בעלעטריזירטע זכרונות אָדער היסטאָרישע נאָוועלע.

משה העלדס „רודי, רודי, דער פּאָפּוגיי“ איז מערקווערדיק פריש פאַר אַ 77 יעריקן מחבר. דער אַנאַליז פון קינדערישער נשמה איז צאַרט, פיין, פּרעציז און פאַרכאַפּנדיק, די שטייגער מאָלעריי ווארעם, אָן באַנאַלער נאָסטאַלגיע, אָן זקנישער סענטימענטאַלקייט, אָן קאָנוועגציאָנעלע אידעאַליזאַציעס. די פאַרשווינען זענען געצייכנט סימפּאַטיש, שטריך נאָך שטריך. די נשמה פונעם פינפיעריקן קינד איז גוט געפילט און פאַרשטאַנען. אין העלדן לעבט די וועלט פון יאַסער יידישער אָרעמשאַפט אָנהויב הײנטיקן יאָרהונדערט. מיר וואַרטן מיט אינטערעס אויפן אָנגעזאָגטן באַנד פּראָזע פון דר. משה העלד. בשמו כן־הוא.

יוליאַן שוואַרץ (1910—1977) דער אומדערמידלעכער אַרבעטער, איז פאַר־טרעטן מיט אַ גרעסערן רעפּאָרטאַזש וועגן דער בינע־קינסטלערן דינה קע־ניג (געשט. 1960) און מיט אַ פּרווו פון אַ דערציילונג וועגן זיין געבוירן שטעטל פּאָדעלוי, וועגן וועלכן שמחה שוואַרץ, י. קאַרא, ס. פּאָדאָלעאַנו, ב. סאָלאָמאָן האָבן פאַרעפנטלעכט דערציילונגען. אין די לעצטע יאָרן האָט יוליאַן שוואַרץ געווירקט דורך קערנדיקע רעפּאָרטאַזשן, גוט אינפאָרמירטע, מיט וואַרעמקייט זיך איינגעלעבט אין פּערסאָנאַזש, מיט ליבע געצייכנט די סביבה. די דערציי־לונג וואַקלט צווישן מעמואַרן און פרייע איבערדיכטונג פון איבערגעלעבטן; דאָס שאַדט דער איבערצייגונגס־קראַפט פון דער פּראָזע, וועלכע איז געשריבן לעבעדיק, מיט לאָקאַלן קאָלאָריט.

בעבע בערקאָוויטש, דער מיטליעריקער יידישער אַקטיאָר, איז אַ פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור פון רומעניע. ער האָט אַ הומאָריסטישע אָדער. זיין „לעקציע“ איז פּאַראָדיסטיש ביז פּאַסטיש. אויס מורא פאַרן דירעק־טאָר נעמט זיין העלד זיך אונטער צו האַלטן אַ לעקציע וועגן „שפּראַך און קענטעניש“, אַ פילאָזאָפישער ענין, וועלכער איז אים אפילו שפּראַכלעך אומ־באַקוועם. אונטערוועגס פאַרטשעפּעט דער מחבר עטלעכע בלויזן אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. אגב, פאַרענדיקט דער העלד מיט אַ זעלבסט־דערקענ־טעניש: „דעריבער איז שווייגן אָפּט מער איבערצייגנדיק ווי דאָס רעדן“. וואָלט

ער דאָס געוווּסט פֿון אָנהויב אָן, וואָלט דער מחבר געמוזט זוכן אַן אַנדערע הומאָריסטישע טעמע, ווייל הומאָר פֿאַרמאָגט ער.

ישראל בערקאָוויטש איז באַקאַנט ווי אַ דיכטער, אַ טעאַטראַל, אַ טעאַטער-היסטאָריקער, זיין לידער-ביכל „מיט די אויגן פֿון אַ שוואַרצער קאַווע" (1974) ווערט רעצענזירט אין זאַמלבוך מיט בקיאות און פֿאַרשטענדעניש דורך שלום רובינגער, אַ לאַנגאָניקער קולטור-טוער, רעדאַקטאָר, לעקטאָר און אַרבעטער-טוער. ישראל בערקאָוויטשעס געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער אין רומעניע (1976) איז זייער געשאַצט. אין זאַמלבוך ברענגט בערקאָוויטש אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן שלום עליכם אין רומעניע און איבערזעצונגען פֿון רומענישער ליריק.

דער 91 יעריקער משה לאַקס, וועלכער ציילט 70 יאָר געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט און אַסך יאָרצענדליק פּובליציסטיק, ברענגט זיכרונות פֿון ווינער קולטור-לעבן 1913 און אַן אַרטיקל וועגן דעם באַקאַנטן יידיש-רומעניש-פֿראַנצייזישן פֿילאָלאָג לאַזאַר סאַינעאַן, המכונה אליעזר בן משה שיין. ווי תמיד שרייבט ער קערנדיק, אינפֿאָרמירט, אין אַ שיינער, צוגענגלעכער שפּראַך, אַזוי זעט מען אים אין זיינע פֿריערדיקע ביכער „ליטעראַרישע פֿיגורן" (1969) און מעמואַריסטישע פֿעדער-שפּריצן" (1973).

די „פּאַראַלעלע קוואַלן" אַ ריי איבערזעצונגען פֿון רומענישער, דייטשער, אונגערישער ליטעראַטור פֿון רומעניע, וואַרפֿן בריקן צווישן אַלע ליטעראַטור-שעפֿערס און לייענערס פֿון רומעניע און העלפֿן באַקענען די יידישע וועלט מיט אָט דעם שאַפֿן. מאיר ריספּלער, מחבר פֿון צוויי ראָמאַנען, האַלט אַז דאָס אינטערעסאַנטסטע פֿאַרן יידישן לייענער אויף דער וועלט איז די טעמאַטיק פֿונעם רומענישן דאָרף. ברענגט ער איצט אַ קאַפּיטל פֿון זאַכאַריאַ סטאַנקוס ראָמאַן „באָרוועס". יאָזעף מעליוסעס (אַן אונגאַרישער שרייבער פֿון טראַנסילוואַניע) „יתגדל" אין וואָלף טאַמבורס איבערזעצונג, ווערט אָפֿט רעציטירט מיט גרויס דערפֿאָלג דאָ אין לאַנד. אַנדערע איבערזעצונגען שטאַמען פֿון ישראל בערקאָוויטש.

די „בוקאַרעשטער שריפֿטן" זענען זייער שיין אַרויסגעגעבן, מיט ווייניק דרוקפֿעלערס און זיי ברענגען אַן עכטן שפּיגל פֿון אַלץ, וואָס ווערט געשאַפֿן אויף יידיש אין רומעניע. דער פֿאַרלאַג „קריטעריאָן" האָט זינט 1970 אַרויסגעלאָזט אויפֿן ביכער מאַרק 21 יידישע ביכער פֿון היגע שרייבערס. דאָס זאַמלבוך וועט דערשיינען יערלעך. דער צווייטער באַנד איז שוין איבערגעגעבן געוואָרן דעם פֿאַרלאַג, וועלכער פֿאַרדינט אונדזער דאַנק פֿאַר זיין געבענטשטער אַרבעט.

יעקב גראָפּערס „געקליבענע לידער"

דער „פּאַרבאַנד פון רומענישע יידן אין ישראל" בשותפות מיט דער „יעקב גראָפּער עזבון-קאָמיסיע„, האָט נאָרוואָס ארויסגעגעבן א שיינע אויסגאבע יעקב גראָפּערס געקליבענע לידער מיט א געראָטענער איבערזעצונג אין עברית אויסגעפירט דורך שרייבערס, וועלכע זענען באַקאַנט אין רומעניע צווישן ביידע וועלט מילחמות: מייטוס, ק. א. ברתיני, ש. מלצר, י. גולה. חוץ די לידער וואָס גראָפּער האָט בשעתו אָפּגעדרוקט אין בוקאַרעשט „אין שאָטן פון א שטיין" (1943) קומען אריין אין בוך לידער אָדער לחלוטין נישט באַקאַנטע.

יעקב גראָפּערס פריע דיכטונג: צאַרטע, איפּרעסיאָניסטישע נאַטור-בילדער, פול ליבשאַפט צום היימישן פייסאַזש, ראָמאַנטיש-טרוימערישע שטימונגען, נאָסטאַלגישע אַקאָרדן, וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער יידישער דיכטונג; דער שטורם-און-דראַנג, וואָס מאַנגער, שטערנבערג, שטיינבאַרג, אַלטמאַן האָבן אויפגערודערט אין דער יידישער דיכטונג, האָבן גראָפּערן נישט מיט געריסן; ער איז געבליבן אָפּגעשלאָסן אין דער דיכטערישער השגה פון זיינע יונגע יאָרן. א געוויסע אַנטוויקלונג האָט דורכגעמאַכט דער היימיש-שטייגערישער און דער פילאָסאָפישער מאָטיוו אין גראָפּערס שאַפן. דאָ איז ער איינגאַרטיק און דויערדיק. זיין קינדער-ליד „רעקלאַמע" איז קלאַסיש ביי אונדז זינט 60 יאָר. „פּסחדיקס" אַפּעלירט צום געמיט פון יעדן יידן פון רומעניע; „באַליי-געשט "און„ „דערמאָנונג" וועקן נאָסטאַלגיע נאָך גליקלעכע קינדער-יאָרן, „פאָרן יידן צום רבין" איז א ביטחונדיק שטייגעריש ליד; א באַזונדערע וויזיע קומט אויף אין דעם ליד „ר' מאירל קומט אין דער וואָלעכיי„ און אין „סביבה" (א סימבאָליסטישער טיטל).

כדי ריכטיק אָפּצושאַצן יעקב גראָפּערן מוז מען אין זינען האָבן, אַז דער גראָפּער שבעל-פּה איז געווען אָן א שיעור אינטערעסאַנטער ווי דער גראָפּער שבכתב. אליעזר פרענקל וואָס איז געווען זיין חבר און פאַרערער, כאָטש ער

איז יינגער פון אים מיט איבער 30 יאָר, האָט אסך צו דערציילן וועגן גראָפּערס ברייטע און טיפע קולטור, וועגן זיינע שעהנלאנגע טיפזיניקע שמועסן, וואָס האָבן מיטגעריסן איבער וועלטן; אָט האָט א בליץ געטאָן און אומדערוואַרטעט בילד, א שאַרפער געדאנק, א גאָר געראָטענער ארויסזאָג. אפילו מע איז נישט מסכים געווען מיט גראָפּערס אויספירן, איז מען דאָך פארכאפּט געוואָרן פון זיין שאַרם, פון זיין אימפּעט. ער האָט איבעריקנס, במשך צענדליקער יאָרן געלייענט לעקציעס אין פארשיידענע קולטור־אָרגאניזאציעס, געוועקט און גערופן, געלערנט און מיטגעריסן זיינע צוהערער און פארערער. ער האָט זיי גערופן צו יידישקייט אין ברייטסטן, מיטפסטן זין פונעם וואָרט; דער דיכטער און דער דענקער, דער רעדנער און דער עסקן האָבן געבילדעט א האַרמאָנישן סינטעז.

מערקווערדיק: גראָפּער איז געווען אי נישט דערשאַצט, אי אביסל איבערגעשאַצט. אן עידות זענען די צוויי מאָנאָגראַפיעס אויף רומעניש פון אלמוני און פון ב. יאסיף, וואָס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן צווישן ביידע וועלט־מילחמות. דערפאַר איז נייטיק געווען אין דעם בוך א כוללדיקע אָפּשאַצונג פונעם גאַנצן גראָפּער. א. פרענקעל איז אונדז שולדיק געבליבן אזא עסיי. מע האָט געקאָנט פאַרעפנטלעכן דעם עסיי פונעם באַקאַנטן פּראָפעסאָר דוב סדן, וואָס איז טיילווייז אָפּגעדרוקט אין „תולדות„ נד. 11 און אזוי ארום בעסער באַקענען דעם לייענער מיט גראָפּערס פערזענלעכקייט. נאָר לאָמיר אוועקלאָזן די טענות. דאָס שיינע בוך אקטואליזירט י. גראָפּערס שאַפונג און איז א כבוד פאַר אלע וואָס זענען זיך עוסק געווען ארום דעם בוך.

צו איציק מאנגערס צענטן יאָרצייט

דעם 20-סטן פעברואר 1979 איז געווען דער צענטער יאָרצייט פונעם גרויסן יידישן און אוניווערסאַלן דיכטער איציק מאנגער וועמענס שאפן עס איז אזוי ענג פארבונדן מיט רומעניע און מיט פוילן. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פארבראכט אין א שווערן צושטאנד, אין מאטראצן-קבר, אזוי ווי זיין גרויסער פאָרגייער און קאָלעגע היינריך היינע.

איך האָב די מאנגערס געקענט במשך א פערטל יאָרהונדערט און מער. איך וויל דאָ נישט איבערחזרן די זיכרונות, וואָס איך האָב געשריבן אין 1971 אין עטלעכע צייטשריפטן; איך וויל ברענגען עטלעכע דערגאנצונגען און ריכטיקשטעלן אייניקע פון די פאקטן, וואָס אנדערע ברענגען.

1923 האָט מיך מיין ברודער שמחה שווארץ באקאנט געמאכט מיט איציקן און מיט נאָטען, מיט וועלכע ער האָט מיטגעארבעט אין דער יאסער „קולטור-ליגע", הי נישט קיין בונדיסטישע. מאָדנע, וואָס שמחה און איציק מאנגער, נאָענטע חברים האָבן זיך שטענדיק געאירצט. דער ביז גאָר אינטערעסאנטער נאָטע מאנגער האָט געהאט א גוטע השפעה אויפן ברודער איציק, וועמענס גרויסן טאלענט ער האָט געשאצט, אויף זיין דיסקרעטן, אָבער זיכערן אופן; ער האָט אים געהאָלפן אויך מאטעריעל, ווען ער האָט געקאָנט, און אָפט, צווישן פיר אויגן, אים געזאָגט די מיינונג וועגן די לידער, וואָס דער דיכטער האָט אים פירגעליינט. איציק, וועלכער האָט געהאט קאפריזן און נישט בארעכנטקייטן, האָט נאָטען געהאלטן בכבוד א לעבן לאנג און נישט נאָר שפּעטער, ווען ער האָט אים געהייליקט א גאנץ בוך. מע טאָר אויך נישט פארגעסן די מסירת נפש פאר דער גאנצער משפּחה מצד דער איינציקער לעבן געבליבענער פון דער גאנצער מאנגער-משפחה, די שוועסטער שיינדעלע. איציק האָט אין איר גע-פונען אסך פארשטענדעניש און פארגעבונג פאר זיינע קאפריזן און אסך לי-בע פאר זיין שאפונג. נאָך דער מאמעס טויט נאָך א לאנגער, שווערער קראנ-קהייט, איז שיינדעלע געווען „די היים".

נאך מאנגערס אָפּלעבן האָבן אייניקע מענטשן געוואָלט שלאָגן קאפּיטאל פון אונטערשטרייכן און מגזם זיין איציק מאנגערס געוויסע אויפפירונגען: זיין באָהעמע, צומאָל זיין מכלומרשט ווייליונגערישקייט, קליינלעכע דעטאל סקאנדאלעכלעך, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געווירקט — אויף דער דערהויבנ-קייט און אויסנעם פון זיין פּאָעזיע.

די יידישע ליטעראטור איז קיינמאָל נישט געווען פון די גאָר גרויסע; עס איז אָבער נישט געווען גרינג צו זיין א גרויסער, אפשר גרעסטער, דיכטער אין איין צייט מיט ה. לייוויק, משה לייב האלפּערן, פּרץ מארקיש, מאני לייב, י. גלאט-שטיין, דוד האָפּשטיין. און דאָך איז איציק מאנגערס דיכטונג צווישן די מעכ-טיקסטע שאפונען פון יאָרהונדערטער יידישער ליטעראטור.

עס איז ריכטיק, אז אסך פון זיין שפּילעוודיקייט, נאָנקאָנפאָרמיסטישן צו להכעיס פון זיין פאָלקסטימלעך ווערטלדיקייט, פון זיין שפּילן זיך „מיט די בערד פון די אָבות" האָט ער ארייננעפלאָכטן נישט נאָר אין זיין „עלטער-זיידן דער ארצי בישאָף יאָהאן מאנגער", נאָר אפילו אין אייניקע פון זיינע אויטאָ-ביאָגראפישע ארויסזאָגן.

אָט לייען איך די זכרונות פונעם ניי-זעעלענדישן קאטוילישן שרייבער ד. מ. דייווין. ער האָט אסך דערראָטן אונטער מאנגערס טעריביליזם און אָנ-שטעל. ער האָט אים דערקענט אין די פופציקער יאָרן אין סקאָטלענד. ווי גוט דייווין האָט פארשטאנען דעם חורבן פון מאנגערס נשמה נאָכן גרויסן יידישן חורבן! ער האָט דערפילט ווי נישטיק עס זענען יענעמס קליינע חסרונות לגבי דער דערהויבנקייט פון איציק מאנגערס נשמה און דיכטונג. אין זיין גערעדטער ביאָגראפיע מישן זיך „דיכטונג און אמת" און עס איז נישט שווער אויס-צושיילן דאָס צוגעטראכטע פון אמתדיקס, שפּילעוודיקייט און איראָניע פון ביטערן וואָר. מען ווייסט אז מאנגער איז געווען פארביטערט פון דעם רעלא-טיוון פארשווייגן אים אפילו נאָך דער שואה; אין זיין אינטימקייט האָט ער אפשר פארשאָלטן (צי פשוט גוט אָנגעשאָלטן) די „סנאָבס", וואָס ווילן נאָך זיין אָפּ-לעבן אָנשרייבן דאָקטאָר-דיסערטאציעס וועגן זיין דיכטונג, נאָר איצט ווילן זייערע טאטעס אים נישט העלפן אין זיין מאטעריעלער און גייסטיקער נויט. דערפאר האָט ער זיי געוואָלט פארשאפן ארבעט און אביסל פארדרייט אייניקע דאטן און שטריכן פון זיין לעבן. למשל, מיר ווייסן, אז ער איז געקומען קיין יאס א 13 יעריקער; האָט ער קיין סך דייטשע גימנאזיע נישט געקענט מיט-מאכן. זיין בקיאות אין דייטשער דיכטונג האָט ער צו פארדאנקען זיין „אליין לערנען". זיין אויסגעצייכנטע אינטעלעקטועלע פעיקייטן, זיין חוש פאר שיינ-קייט, א צווייטע באמערקונג: הלל מאנגערס שטוב איז נישט געווען פרומער

פון אנדערע שניידערישע שטיבער אין טשערנאָוויץ אָדער יאס; מאנגערס תנ'ך-איבערלעבענישן נעמען זיך, לפי דעתי, נישט אזוי פון דעם חדר צי פון דער איזראעליטישער שולע ווי פון זיינע געניאלע אינטויציעס און זיין פאר־טיפונג אין אליינלערנען. יהואשעס איבערזעץ, לוטערס ביבל-איבערשטעל, דער מאמעס טייטש-חומש האָבן מיטגעהאָלפן.

איציק מאנגער איז געווען זייער ערנסט און זאכלעך ביים לייענען און אריינ־דרינגען אין תוך פון ביכער; און ער האָט אסך געלייענט, להיפוך פון „זשע־ניאלע פאָעטן", אייניקע פון זיינע עפיגאָנען אין רומעניע און פוילן, וועלכע האָבן „געשעפּט נאָר פון זיך" (וואָס מע קען שוין שעפּן פון א ליידיק פאס!). איך בין איבערצייגט, אז פונעם גריבלען זיך אין איציק מאנגערס וואָכעדי־קייט וועט מער ווי ביליקע פליאָטקע נישט ארויסקומען. זיין וואָכעדיקייט איז באנאל באָהעמיש און טראָגט נישט ביי צו דעם דערקענען זיין דיכטעריש שאפן. איך האָב מאנגערן געזען און געהערט אסך צייט און מיר דאכט, אז אייניקע פון זיינע עקסצענטרישקייטן זענען געווען א מין פראָטעסט קעגן דעם שרייענ־דיקן אָפּגרונט צווישן דער דערהויבנקייט פון זיין דיכטונג און דער שפּלדיקייט פון זיין מאטעריעל לעבן:

די געשפּאנטע לאגע אין דער וועלט אין יאָר 1938 האָבן שווער געווירקט אויף מאנגערס געמיט. זומער 1938 האָט ער געוווינט אין פאריז אין זעלבן האָטעל ווי מיין ברודער שמחה און איך, אויף דער גאס קאמין 2; ער פלעג אָפט גיין צו שאגאלן, וועלכער האָט הויך געשעצט מאנגערס דיכטונג און אים מאטעריעל געהאָלפן. אויך אנדערע האָבן געהאָלפן מאנגערן; א שווערער ענין, ווייל איציק מאנגער האָט נישט תמיד געטראכט מיט וואָס מע וועט מאָרגן איבער־קומען דעם טאָג. וואָלט געווען ראָמאנטיש צו זאָגן אז גראָד די מאטעריעלע נויט און זאָרג, דאָס גלעזל ווייַן, די אומזיכערקייט האָבן גענערט זיין מוזע.

איציק מאנגער איז נישט איבערגעראשט געוואָרן פון דער אָנערקענונג, וואָס זיין דיכטונג האָט באקומען די לעצטע 25 יאָר פון זיין לעבן. ער האָט פון תמיד אָן געוווּסט, אז ער איז א גרויסער, דער גרעסטער, יידישער דיכטער, וועמענס ליד קלינגט אָפּ אין דער גאנצער וועלט. ער האָט אָבער תמיד געהאט טאקט און שכל נישט אונטערצושטרייכן אָט די זעלבספארשטענדלעכקייט.

איצט עפּעס וועגן די שייכות יעקב שטערנבערג-איציק מאנגער, א שטענ־דיקער באהאלטענער ויתרוצו און אן אויסגערופענע קעגנזייטיקע שאצונג. י. שטערנבערג איז געווען, אָבער 20 יאָר עלטער פון מאנגערן. ער האָט פרי דער־קענט מאנגערס טאלענט און אים געשטיצט. אָבער מאנגער האָט גיך צעעפנט זיינע פליגל און אלס דיכטער האָט ער גיך געהאט די אויבערהאנט. שטערנ־

בערג האָט אים שטילערהייט מקנה געווען. איינינקע סצענעס צווישן די צוויי קינסטלער ביי וועלכע איך בין בייגעווען אין די דרייסיקער יאָרן, נאָכדעם וואָס מאנגער האָט באקומען גרויסע אָנערקענונג אין פוילן, בארעכטיקן מיין מיינונג, שטערנבערגס ווייכער כאראקטער, זיין באקוועמלעבקייט זענען אָנגעשפּאָרנט געוואָרן דורך מאנגערס פארעפנטלעכטע ביכער און שטערנבערג האָט ענפנטלעך, אין יאָר 1935, ארויסגעגעבן א גרויסן באנד לידער „שטאָט אין פּראָפיל". אי־ציק מאנגער איז פון זיין זייט מקנה געווען שטערנבערגס אויפטוען אין טעא־טער־לעבן פון רומעניע, און נישט נאָר אין יידישן, זיין באליבטקייט אין ברייטע קרייזן. מאנגער האָט געפילט אין זיך א שטארקע טעאטער־אָדער און דאָס אקטיאָרישע האָט זיך צומאָל ארויסגעוויזן אפילו אין לעבן.

מאנגערס טעאטער־בענקשאפט האָט זיך אויסגעדרוקט אין זיינע „גאָלד־פאדעניאדעס", אין זיינע „היימישע געשטאלטן" אין זיין „גאָלדפאדן חלום". מאנגער האָט געהאט אסך טעאטער פייער אין זיינע ווערק. א סימן־די דרא־מאטיזאציע פון זיינע חומש־און מגילה־לידער. י. שטערנבערג האָט געהאט דאָס געפיל, אז מאנגער האָט אים אויסגעכאפּט די בכורה אין דיכ־טונג, מאנגערן האָט זיך געדאכט, אז שטערנבערג האָט אים פארשטעלט דעם וועג צו דער בינע. פאקטיש איז יעקב שטערנבערג אן אָריגינעלער, אינטע־רעסאנטער פּאָעט און אן אויסנעמלעך באגאבטער טעאטראל. איציק מאנגער, א גאָר גרויסער דיכטער און א צו ווייניק רעאליזירטער טעאטראל.

ביידע זענען דער שטאָלץ פון דער יידישער קולטור אין רומעניע.

אינהאלט

1. אַרום די קאַרפּאַטן

א שוחטישער שטאם .... ז. 9
חנה 14
ציפּע 22
פּאָדעלויער צימעס 31
„גיולאַר" 36
דער מבין 41
ברודער 47
א גאָלדענע קייט 50
לא תרצח 54
א באַגעגעניש אין יאַס 60
קראָקע, יאַס, גאַלאַץ 65
דער מידער וואַנדערער זוכט זיין רו 79
דער בית־דין פון אַלבאַ יוליאַ 73
בצלאלס אייניקלעך 77
א באַזוך אין גאַלאַץ 81
אָט אזוי ווערט א שטעטל 86
בוקאַרעשטער בלעכערס 90
לא תחמוד 96
דער רויטער פּאָדעם 101
מיט לייטן גלייך 105
צוויי פּייען 108
א פּיעסע ווערט געבוירן 112

א הייליקע ארבעט .... ז. 117
קלעזמערישער יחוס 123
יאסער קהלם-לייט 1859 129
פורים-פאָלקלאָר 132
דערציילט אויף רומעניש 135

2. היימישע געשטאַלטן

יאנקו פעטשעטארו 139
פון י. שטיין צו דר. שטעפאן סטינקא 142
„א באָטושאנער פליגל" 145
הלל כהנא 152
ראָנעטי ראָמאן 156
אייזערנער קאָפּ 162
נאָטע מאנגער 166
מיהיי וויטעאזו אין א רבניש ספר 169
ג. אסאקי דרוקט ספרים 172
די יאסער הגדה 176
דער בראילעווער דאָקטער 178
יידיש מיט לאטייניש אותיות 184
אברהם אקסעלראד 188
ס. וויינינגער 191
יוליאן שווארץ 194

3. היסטאָרישע און שטייגערישע שירים

יונגע יאָרן מיט דער „מאָרגן פרייהייט" 199
אין רומעניע, אין יאס 202
צום גאָלדענעם יובל פונעם „ייווא" 206
דער יידישער שולפאריין פאר בוקאָווינע 210
פאר פערציק יאָר 219
מארק שאגאלם בריוו צו שמחה שווארץ 223
איציק מאנגערם בריוו צו ס. קריסטיאן 228

4. זאפטיקע פירות

רעצענזיעס וועגן די ביכער פון:

איזאָ שאפּירא 235

ישראל בערקאָוויטש .... ז. 238
חיים גאָלדענשטיין 243
וואָלף טאַמבור 250
„בוקארעשטער שריפטן" 261
יעקב גראָפּער 266
צו איציק מאַנגערס צענטן יאָרצייט 268

פונעם זעלבן מחבר

נייע יידישע דיכטונג. קליינע אנטאָלאָגיע, טשערנאָוויץ, 1934 (אין איי־
נעם מיט חיים גינינגער, נאָטע העלפער, הערש סעגאל)
30 יאָר יידישע ליטעראַטור אין רומעניע, באקוי, 1974
לערנהעפט פאר יידישער גראמאטיק, בוקארעשט, 1948
א מאָלדעווויש ייִנגל, בוקארעשט, 1979, קריטעריאָן.

DE ACELAȘI AUTOR

Mărturii din veacuri, Bacău, 1947
Manuscrise și cărți rare, Iași, vol. I, 1972, vol. 2, 1974
De la Unirea Principatelor la războiul pentru independența de stat a României, Iași, 1977 (în colaborare cu Const. Gîlea și C. Liviu Rusu

לעקטאָר: שלום רובינגער
טעכנישער רעדאקטאָר: שט. לעפּאַיעוו

דרוק-פּעיק: 1980.5.30
דערשינען אין 1980
פאָרמאט 84/16 × 54
פארלאגס-בויגן 14,07, דרוק-בויגן 17,5

פּאָליגראפּישע אונטערנעמונג
„דער 13טער דעצעמבער 1918" בוקארעשט
סאָציאליסטישע רעפּובליק רומעניע.

I. KARA

ANI TINERI ȘI... MAI PUȚIN TINERI

(FILE DE ALBUM)

EDITURA KRITERION
BUCUREȘTI
1980